STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11811

BLONDZSHERS

I. B. Alterman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ב. אַלטערמאַן

בלאָנדזשערס

I. B. ALTERMAN

BŁONDZIERS

י. ב. אַלטערמאַן / בלאָנדזשערס

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

נדפס בישראל, 1982

©

Printed in Israel, 1982

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, טל. : 822481, תל־אביב, ישראל

י. ב. אַלטערמאַן

בלאָנדזשערס

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

תל־אַביב — 1982

שאַטנס

אייניקלעך

אַ חסידיש מעשהלע

א

אין מאָגעלניצער רבינס נידעריק־פאַרפאַרקנט הייפל זענען געשטאַנען פיר הייזלעך: אין פראָנט צו דער סקאַרגע־גאַס. אַ פירקאַנטיק, אַלט, מאָכיק, הילצערן וווינגעביידעלע מיט אַ ברייטלעך, שפּיציק דעכל, משופּעדיק פאַררוקט איבער ברוינלעך־פאַרשטויבטע פענצטערלעך, ווי נתן משמשס קאַנטיק, צעבויגן, טיכן היטל מיטן לאַנגן אָפּגעריבענעם דאַשעק איבער זיינע געלבלעכע, טריפנדיקע אויגן. עטוואָס ווייטלעכער — דעם רבין ר׳ ירחמיאל משהלעס „קליין בית־המדרשל", ווי מ׳האָט עס גערופן אין ג., מיט עטוואָס זינקענדיקע, גרינמאָכיקע ווענטלעך, קרומהענגענדיקע, קיין מאָל נישט פאַרמאַכטע לאָדנדלעך נעבן געלבלעך־פאַרשמירטע, געשטיקעוועטע, שמאָלע פענצטערלעך. אַנטקעגן די ביידע, געבויגענע כאַטקעלעך — אַן אַלט סוכהלע, וואָס איז, אַ חוץ סוכות־טעג, געשטאַנען מיט אַ צעפּלאַשעט, אָפּגעבליאַקעוועט „קעפּל" סכך, ווי ביי דער אַלטער רבקהלע די גבאיטע ס׳וואָכעדיקע שייטל. דאָס פערטע בודקעלע — אַ פּיצלדיק, פון יאָלקעס צוזאַמענגעקלאַפּט שעכט־הייזעלע.

ביים אַריינקומען אין דעם הייפל, האָבן אַנטקעגן געקלונגען צעצויגענע קולותלעך פון יונגע בחורימלעך, וואָס האָבן התלהבותדיק געלערנט אין בית־המדרשל. די דאָזיקע ווילזינגענדיקע גמרא און פּוסקים־לערנערס ניגונדיקע קולותלעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט דערשראָקענע געשרייען פון הינער, גענדז און קאַטשקעס, וואָס גוישע דינסטמיידן האָבן געטראָגן צו דער שחיטה.

דאָס גאַנצע הייפל האָט אַמאָל געהערט צום קאָזשעניצער רבין ר׳ ירחמיאל־משהלע. נאָך זיין נסתלק ווערן איז עס איבערגעגאַנגען בירושה צו זון, טעכטער, אייניקלעך. צום סוף האָט עס געירשנט שרהלע, דעם בלענדאָווער רבינס טאָכטער, קאָזשעניצערס אַן איניקל. די העלהויטיקע, באַחנטע שרהלע איז פון דער נאַטור געווען שיין, געראָטן און פריידיק. תמיד געשמייכלט מיט אירע גרויסע, בלויע אויגן. קיין איינמאָל

אויף קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכט וואָרט. פלעגט זיך זאָרגפעלטיק קליידן. איר דאַר, עלאַסטיש־בייגעוודיק גופל איז תמיד געווען אַנגעטאָן אין נעטקאָליריקע קליידלעך. אינדערוואָכנס, אַפילו אין די שבתים געטראָגן אַ פיין־פּאַרקעמט, בלאָנד שייטל, אונטן געפּאַלדעוועט און פּאַרנט געלאַקט, און צוויי געקרייזלטע פּאהלעך האָבן זיך געבאַמבלט איבער אירע ראָזלעכע, חנפולע בעקעלעך. געווען אַ בריהטע. דעם „הויף" געפירט ביד רחבה. דאָס בית־המדרשל און אַ אַלקערל זענען שטענדיק געווען אָפן פאַר פון דער פרעמד געקומענע חסידים, וואַנדערנדיקע דרשענער און ספרים־פּאַר־קויפער. זיי פלעגן דאָרט עסן, איבערנעכטיקן, אַוועקפאָרן צופרידענע.

איר מאַן, רבי יעקבל, ג״ר רבי, מאַגעלניצערס אייניקל, איז נאָר עוסק געווען אין רוחניות. פון געלט, בעל־הבתישקייט גאָרנישט געוווּסט. זיך פאַרלאָזט אויפן ווייב. אַז שרהלע האָט אים עפּעס־וואָס געפרעגט, פלעגט ער אַ ביסל תרעומותדיק זאָגן: „האָב ניש קאַ השגה אין די זאַכן. באַלעמוטשע מעך ניש ליבערשט. וויסט דאָך. עך מיש זעך ניש אין דאַנע ענינים".

פון געבוירן אָן געווען אַ חלוש. זומער און ווינטער געווען אַנגעטאָן אין פאַרגאַרטלטע, ביזן האַלדז צוגעקנעפּלטע שלאַפראָקן און יעדעס אויף אים לייכט־בלאָזנדיק ווינטל האָט אים פאַרקילט. תמיד געהוסט, געניסט. פון חנוכה ביז פורים מער געלעגן קראַנק ווי אַרומגעגאַנגען. געגעסן קנאַפּ. יעדער צו פּעטער אָדער פאַר אים איבעריקער ביסן האָט אים געשאַדט. פאַר דעם געהאַט אַ געזונטן, פייערדיקן קאָפּ. טעג און האַלבע נעכט געלערנט. און פלוצים, נאָכן אָפּריכטן דעם צווייטן סדר־פסח, איז ער נפטר געוואָרן מיט אַ מיתה בנשיקה. נאָכן לעצטן חד־גדיא, ווען גאָט שעכט דעם מלאך־המות, צום ווייב געזאָגט: „שרהלע, סאי מע ניש גיט". באַלד אַוועקגעפאַלן אויפן היסב־בעט. פאַרגלייצט די אויגן. זיי געעפנט. געמורמלט: „טייערע צדקת. זאָ־מע מוחל" און די נשמה אָפּגעגעבן זיין ליבן נאָמען.

פאַר זיין קבורה איז אין שטעטל פאַרגעקומען אַ פלוגתא: זאָל מען „קרוינען" זיין בכור, דעם פינף און צוואַנציק יעריקן, שיינעם, אין מאַמען געראָטענעם אברהמעלע אָדער גאָר מאַכן וואַכנגעלט פאַר דער יונגער אלמנה מיטביידע יתומים: דעם אברהמעלע און אַכטיעריק, גראָבגופּיק אהרן־יאָסעלע.

„אַ רבי מוז זיין אַ למדן, אַ בעל רוח־הקודש. אַ מנהיג. דער סניגור פון דער עדה פאַרן כסא־הכבוד. אברהמעלע איז נאָך יונג. נישט קיין זייער גרויסער בעל־מידות. קען אויך קנאַפּ לערנען. ער איז נאָך נישט ראוי צו ,פירן' דעם כסא־הרבנות", האָבן געטענהט לומדים. פשוטערע חסידים און פראָסטע איינגייער ביים רבין האָבן אַנדערש פאַרשטאַנען: „וואָסי? ווען ס׳פּאַסט ניש, האָט אַ ברירה ניש צו קימען. ס׳עט זאַן אַ חרפה אין אַ בישה פאַרן נפטר, אַז זאַן בני־בית זאָל לעבן פין קצבה. ס׳אַפּיקורסות אין שטאָט צעוואַקסט זעך. האַנטיקע צאַטן מיזמע האָבן אַ רבין. ר' אברהמעלע איז

פאַרט אַ בן־קדושים, פון דורי דורות. זאָל ער אָנהייבן ,פירן'. שאַדט גאָר־נישט. ר'עט דען קאַליע מאַכן? אדרבא. מיט דע צאַט, וועט ער זעך אַראַנטיען אין קדישה. קען נאָך אַסוואַקסן אַ גדול בישראל".

געבליבן איז טאַקע, אַז רבי אברהמעלע זאָל ווערן רבי. און אַ טייל פונעם פאַטערס חסידים האָבן באַלד נאָך רבי יעקבלס קבורה דעם נפטר געזאָגט „מזל טוב".

מלכתחילה האָט רבי אברהמעלע געהאַט וויניק חסידים. אָבער אַלע שטאָט־יידן האָבן אים ליב געהאַט בלב ובנפש. כסדר זיך אָוועקגעבראַכט פאַר נויטבאַדערפטיקטע. צוריק באַפריינדעט צעקריגטע צדדים. איבער־געבעטן ברוגזע פאַרלעך שוין פאַרן גטן זיך; געהאָלפן אַלטע, איינזאַמע. מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן צו אים קומען חסידים פון אַרומיקע שטעטלעך און אויך זיינע פריערדיקע מתנגדים. הגם די־אַ לעצטע האָבן געטנהט, זיינע תורות ביי שלוש סעודות־טישן זענען גאָר שוואַכע, האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו אים קומען. וואָס אַמאָל איז ס'בית־המדרשל געוואָרן מער פאַרפולט. ביסלעכווייז איז דער גאַנצער פאָטערס עולם אויך געוואָרן זיינע חסידים און תומכים. אַפילו עטלעכע שטאַרקע לומדים, רבי אברהמעלעס מתנגדים, פלעגן טיילמאָל אויך קומען צו זיינע „טישן". געטענהט: ווילן נישט פאָרן צו קיין אַנדערן רבין און אין שטאָט איז נישטאָ צו ווען אַריינגיין.

רבי אברהמעלע האָט געפירט רביסטוואָ בלויז עטלעכע חדשים. וויזט־אויס, אויך נישט געהאַט קיין יאָרן. איז נעבעך, ווי דער פאָטער, פריצייטיק נסתלק געוואָרן. איבערגעלאָזט אַן אַלמנה, אַ יונג ברונעט, באַחנט רבקהלע (דעם רבין רבי ירחמיאל משהלעס אַן אייניקל) מיט פיר קליינע יתומימלעך־שוועלבעלעך, איינס קלענער פון צווייטן.

„צוליב דער שטאָטס זינד זענען נעבעך פריצאַטיק פאַשניטן גיוואָרן זאַנע יינגע יאָר", האָבן געטרויערט זיינע נאָענטע שטוב־איינגייער. חסידים־לומדים האָבן געזאָגט: ,ברוך דיין אמת' און געשוויגן. נאָך דער קבורה האָבן שוין אַלע בעלי־בתים מסכים געווען מאַכן וואָכנגעלט פאַר די זיבן רבי־שע אייניקלעך: צוויי אלמנות און פינף יתומימלעך, וואָס זענען געבליבן אָן פאָטערלעכע השגחות. שרהלע איז געוואָרן אַפאַטיש. אויס בריהטע. גאַנצע טעג געקלאָגט תהלים. זיך און שטוב־ווירטשאַפט אָפגעלאָזט. אויך רבקהלע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיטן עול המשפחה. געווען נאָך קינדיש, אינגאַנצן 22 יאָר אַלט. זענען טאַקע די קינדער געוואַקסן, ווי ווילדע פירות אויף פאַרוואָרלאָזטע וועגן.

אַלטע בעלי בתים פלעגן דערציילן: ג. איז געווען אַ שטאָט מיט סאַמע לומדים, פלאַמיקע חסידים, ווייניק פּראָסטע, בעלי מלאכות, טאַנדייטערס, מאַרקהענדלער — אויך זיי האָבן געקענט לערנען אַ פּרשה חומש מיט רש״י. געווען זענען דאָן בלויז צוויי חסידים־שטיבלעך: אַ קאָזשעניצער און אַ וואָרקער. יעדן טאָג, אינדערפרי און אין אָוונט, האָט מען דאָרט געדאַוונט עטלעכע מאָל. געלערנט גאַנצע טעג ביז שפּעטע נאַכט־שעהן. שטענדיק געווען אַ גרויסער עולם. פון שבתים און ימים־טובים איז אָפּגערעדט. אויפן באָדן איז פשוט נישט געווען קיין אָרט אַ שפּילקע צו וואַרפן. אין גרויסן בית־המדרש און אין דער פּרעכטיק אויסגעמאָלענער שול האָט מען קוים צוזאַמענגערופן אַ מנין מנחה און מעריב־דאַווענער. אויך אין שבתים זענען זיי געווען האַלב־ליידיק. אַז די גרויסע צדיקים זענען נפטר געוואָרן און ס׳יונגוואַרג האָט אָנגעהויבן גיין אין פּאַראַיינען, איז געוואָרן אַנדערש: ווייניק חסידים און מער פּשוטע יידן. אין בית־המדרש און אין דער שיל איז תמיד געווען אַן עולם. און אין די שטיבלעך האָט מען בלויז געדאַוונט אין שבתים, ימים טובים. און דאָך זענען צוגעקומען עטלעכע שטיבלעך. פון קאָזשעניצערס „חדר״ זענען געבליבן עטלעכע אייניקלעך, וואָס זענען זיך צעפאָרן אין שטעטלעך. דאָרט געפירט רביסטווע. פון וואָרקער הויף ס׳זעלבע. און די ווייניק־איבערגעבליבענע חסידים האָבן זיך צעטיילט. געעפנט „אייגענע״ שטיבלעך. הגם אין יעדן שטיבל איז געווען דער זעלבער נוסח, פּירונג, אַפילו נישט קיין חילוק אין נגינה. אָבער יעדער האָט דאָך געהאַלטן נאָר פון זיין רבין.

אויסנעמלעך איז געווען ס׳קליינע בית־המדרשל. טעג און נעכט נישט געווען ליידיק. געזעסן זענען דאָרט מערסטנס זקנים, וואָס האָבן אויפגע־הערט פאָרן צו די יונגע רביים. געבליבן טריי רבי יעקבל זצ״ל. אויך עפּעס־וואָס געהאַלטן פון רבי אברהמעלע. ס׳זענען אויך דאָרט געזעסן יונגע בחורים, וואָס האָבן „פאַר־זיך״ געלערנט ביז דער חתונה. פאַר אָט די יונגע לערנערס, וואָס האָבן געענדיקט ס׳גרעסטע „חדר״ ביי בענדיט מלמד ביזן ווערן אַ בר־מצווה, איז גאָרנישט לייכט געווען אין בית־המדרשל פאַר־נעמען אַן אָרט ביי מיט גמראס און פּוסקים־באַלייגטע טישן, לערנען ביז ווערן אַ „מענטש״.

יהושעלע, בנימין מאַלאַרזשס זון, דער עלסטער בחור און דער גרעסטער למדן אין שטעטל, איז דאָ געווען משגיח. אַז ער האָט פאַרהערט אַ יינגל, איינגעזעצן, ער קען שוין פאַר זיך לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, אים אָנגעוויזן אַן אָרט ביים טישל ביי דער טיר, אין דער לינקער זייט אָרון־הקודש. אים צוגעפירט צום אָרט. צופרידן געשמייכלט, געגלעט ס׳קעפּל, געקנייפּט בעקעלעך, געזאָגט: „בלאָבסט״. אָן יהושעלעס „בלאָבסט״,

האָבן אַפילו מיחוסדיקע, רייכע בעלי בתים געמוזט זייערע בר־מצווה־קינדער צוריקשיקן צו בענדיטן, לערנען נאָך אַ זמן. אַמאָל מער אויך.

צו יהושעלע האָבן זיך אַלע באַצויגן דרכארצדיק. געווען אין שטעטל דער גרעסטער למדן. ש״ס געקענט אויף אויסנווייניק. אין טיפן תלמוד־ים געשווימען ווי פיש אין וואַסער און אין פוסקים, פרקים געווען אַ גרויסער בקי. מיט התמדה פלעגט ער, שטיל־ברומענדיק, לערנען. אָפטמאָל האָבן זיך זיינע שוואַרצקויליק, לאַנג־באַברעמטע, גרויסע, ברוינע אויגן הנאהיק צעשמייכלט בעתן אַריינטײַטשן אַ שאַרפזיניקן פּירוש אויף אַ תנאדיקן זאָג. גלייך ער פילט דעם גרעסטן תענוג אויף דער וועלט. ער איז שוין אַלט געווען 28 יאָר. געהאַט אַ נישקשהדיק שאַטין־בערדל, וועלכעס ער האָט געקרייזלט, פאַרוויקלט אונטער דער גאָמבע. אָבער אַלעמאָל, ווי צו להכעיס, איז עס אָפּערגעקראָכן און טאַקע אַמערסטנס ווען מחותנים זענען געקומען צו פאָרן אים „אָנקוקן״ און נעלם געוואָרן, ווי שטיינער אין וואַסער.

מיינט נישט, אַז זיין לאַנג בערדל האָט די שיינע יידן אָפּגעשטויסן. נאָכן שמועסן מיט אים אין לערנען, געלט־ענינים, פּאָליטיק האָבן איינ־געזען, ער איז אַ קאַפּשטיק, אַ למדן, פאַרשטייט אַ געשעפט און באַלד מסכים געווען אים נעמען פאַר אַן איידעם. אַז זיי האָבן אָבער נאָכדעם געשמועסט מיטן פאָטער, געזען זיין קאַלך־באַשפּריצט פּנים און פאַרב־פאַרשמירטע הויזן, זענען זיי געפאָרן אַ היים. מער נישט געוואָלט רעדן פון דעם שידוך. נאָך אַזאַ צוריקפאָרן פון אַ מחותן, האָט יהושעלעס רונדיק, חסדפול פּנים געפלעמלט. ער האָט די לאַנגע, שוואַרצע ברעמען אַראָפּגעלאָזט. די ברוינע, פאַררויטלטע אויגן פאַרטיפט אין „חושן המשפט״. ס׳בערדל דווקא אָפּער־גענומען פון אונטער דער גאָמבע. עס נערוועיש געביסן מיט די ציין. עטלעכע טעג מיט קיינעם נישט גערעדט. געלערנט מיט מער התמדה. אין די דאָזיקע טעג האָבן אַלע לערנער אים נאָך מער ליב געהאַט. באַצויגן דרכארצדיקער. אויך ער האָט די בחורימלעך ליב געהאַט. צו זיי באַצויגן פאָטערלעך. פאַר יעדן געזאָרגט. אויסער צו איינעם, וועלכן ר׳האָט מבטל געמאַכט: רבי יעקבלס זון אהרון יאָסעלע, וואָס איז גאָר יונג אין פאָטערס בית־המדרשל אַריינגעקומען. זיך דאָרט געדרייט צווישן די לערנערס און קיינמאָל נישט אויפגעמישט קיין גמרא אָדער ספר. קיינער האָט אים נישט פאַרהערט. נישט אָנגעוויזן אַן אָרט. ס׳בית־המדרשל איז דאָך בירושה זיינס. האָט דען ווער אַ דעה איבער אים? האָט ער זיך טאַקע געדרייט סתם אַזוי און געזעצט ווי נאָר ער האָט געוואָלט. אַלע מאָל מיט אַנדערע בחורימלעך געמוטלט, זיי דערציילט נסים־מעשהלעך. אָפט מאָל זיך געזעצט ביים גרויסן טיש, אויף דער רעכטער זייט ארון הקודש, צווישן די חתן־בחורים, וואָס האָבן שוין געלערנט יורה דעה, זיך געגרייט באַקומען היתר־הוראה.

אַזוי זענען אַוועק יאָרן. שנעל, ווי אַ חלום, איז פאַרשווינדן זיין יוגנט און ער האָט אַלץ נישט אָנגעהויבן לערנען, תמיד זיך איינגעחזרט ניגונים־

לעך. געהאַט אַ קלינגענדיק סאַפּראַן־קולעכל. ליב געהאַט דערציילן מופתים פֿון זיינע זיידעס און זאַרגפֿעליק געקרייזלט די געלבלעכע פּאהלעך, וואָס האָבן זיך, ווי צעצויגענע ספּרונזשינעס, געבאַמבלט אויף זיינע ראָזלעכע בעקעלעך, אויף וועלכע ס׳האָבן שוין געשפּראָצט הערלעך, ווי יונגע גרעז־לעך אין פרילינג.

„וואָס וועט פֿין אים זאָן?״, האָבן געפרעגט יונגע לערנערס. אַמאָל זיך געסודעט: „אַזאַ עם הארץ!. ער קען דאָך אַפֿילו ניש קאַ פירוש המילות פֿין וואָכעדיק דאַווענען״. אָן עלטער בחורל האָט זיך אָנגערופֿן: „מ׳שמועסט, מ׳רעדט אים שוין שידוכים. פֿין גאַנצן געגנט קימע שדכנים. די רביצינס טיר ריט ניש״. ר׳ יהושעלע, הערנדיק אַמאָל אַזאַ שמועס, האָט װוּנדערנדיק צעעפֿנט די אויגן. דאָך „מסביר״ געווען: „פּאַרט אַ בן קדושים, יחוס איז ניש אָוועקצומאַכן מיט די האַנט״. איין מאָל טאַקע איז אהרונדל נעלם געוואָרן. מ׳האָט זיך דערוווּסט, ער איז געפֿאָרן אויף אַ זעעכץ און צוריקגעקומען אַ חתן. נישט ער און נישט די משפּחה האָבן דערציילט מיט וועמען. אַ שטיקל צייט נאָכדעם האָט מען געשמועסט, אַז דער אָטוואָצקער רב, פּשיסכערס אָן איניקל, האָט זיך משדך געווען מיט דער פּאַרוואַרלאַזטער רביצין שרהלע. נאָך איניקע חדשים, שבת נאָך שבועות, איז דער זיבעצן־יעריקער אהרונדל יאָסעלע געקומען אין שטעטל מיט זיין שיינדעלע, אַ חנעוודיק, דין, נאָך קינדיש ווייבל מיט רויטע בעקעלעך, שוואַרצע פּינק־לענדיקע איגעלעך, שפּיציק פּאַרריסן נעזל, שמאָלע ליפּעלעך, ווי אַ באַר וואָס צעעפֿנט בלימל. איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין זיידענע, ריפּסענע, לאַנגע אָבער גאַר אויסגעפּאַסטע קליידלעך, וואָס האָבן אַרויסגעבולט אירע שוין פּרוייִש קיילעכיקע היפּטן, רונדיקע ברוסטלעך, ווי צוויי פרישע בילקעלעך, גלייכע אָקסלען, מאָנענדיקע צו ווערן געצערטלט, אַרומגענומען און אויפן קעפּל אַ שוואַרץ, גלאַנציק, געלאָקט שייטל.

ג

בשלום האָבן זיך געלעבט די איניקלעך. געמערט אָן עין הרע, גע־וואָרן זעכצן. די שטאָט האָט געצאָלט וואָכנגעלט און ביידע רביצינס האָבן צוגעהאַנדלט מיט געשטאָפּטע פּאַפּיראָסן, הייזון צו שבתדיקע חלות און קיכלעך. ס׳איז אַפֿילו פֿון מלכות פֿאַרווערט געווען זיך געהיים פֿאַרנעמען מיט דעם. זיי האָבן אָבער בשתיקה געטראָגן אין יידישע שטובן און בעל־הביתטעס האָבן געקויפט: „אַ רחמנות נעבעך אויף די יונגע אלמנות מיט זייערע קינדער״. מיט דער צייט איז אהרון־יאָסעלע געוואָרן אַ בעל־מטופּל מיט עטלעכע קינדער און פֿון חלק וואָכנגעלט נישט אויסגעקומען. אַפֿילו נישט פֿון דער צוגאָבע, די עטלעכע זלאָטעס, וואָס זיין מאַמע האָט אָפּ־געטשילעט פֿון „מסחר״. אים יעדעס מאָל געגעבן. קיין מאָל האָט שיינדל

נישט געקענט אויסקומען מיט דער וואָך. ס׳האָט איר תמיד אויסגעפעלט געלט צו מאַכן שבת.

„וואָס וועט זאַן?", האָט שיינדל אים געפרעגט: „אַ שטיב דאַרף דאָך האָבן. די קינדער קיין עין הרע, וואַקסן. מ׳דאַרף עפּעס טיען, מיין עד".

דעם ווייבס ווערטער זענען פאַר אים געווען, ווי שפּיזן אין זיין צע־צערט האַרץ. „אַ יידענע, אָבער פאַרט גערעכט. וואָס טוט מען?", האָט אים כסדר געעגבערט דעם מוח. אין איינעם אַ באַגינען זיך געוועקט. אויפ־געהויבן פון בעט. שנעל אָפּגעגאָסן די נעגל. אָנגעטאָן. געוואַשן. חפזונדיק אָפּגעדאַוונט. טועם געווען אַ כזית ראַזעווע ברויט מיט אַ שטיקל ציבעלע. געטרינקען אַ טעפּל ציקאָריע און צום ווייב געזאָגט: „זאָג נאָ, כ׳פאָר צים רבין. זאַ געזינט".

אהרון־יאָסעלע איז געפאָרן קיין אָטוואָצק צום עלטער פּעטער, דעם פאַרעסיווער רבין. דאָרט אין בית המדרשל געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים. איז אַריין צום פּעטער. פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ: „פּעטער קרוין, בין געוואָרן אַ בעל־מטופל פון קינדער. כ׳דאַרף האָבן פרנסה. דאָס איז דאָך לית מאן דפליג. האַנדלען פּאַסט דאָך ניש פאַ מאַנע אָבות. בין דאָך פאָרט אַ בן־קדושים, פון דורי־דורות. צי ווערן רב, האָב עך וויניק געלערנט. געטין אַ נאַרישקייט. וואָס טוט מען? אפשר אַנהייבן פירן?".

דער פאַרעסיווער צדיק האָט געהויבן דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מיט לייכטנדיקע אויגן אים אָנגעקוקט שפּאָטיש. נאָכדעם פאַרדראָסיק. ביס־לעכווייז געוואָרן צאַרנדיק. געביסן די דינע, גרוי־באַוואָנסטע ליפּן. פאַר־דמיונט געשוויגן. טיף געזיפצט. אים ביטולדיק אָפּגעוועגנט: „מאַן דיהיב חיה יהיב מזונה. זאַ מצליח". אים דערלאַנגט די רעכטע, האַריקע, וואַרעמע דלאָניע. דאָס האָט געהייסן: „גיי".

אהרונדל האָט דעם פאַרעסיווערס ווערטער איינגאַנצן אַנדערש אויס־געטייטשט. איז פון רבין אַרויס צופרידן. אַ פריידיקער אַהיים געקומען, שיינדלען מבשר געווען: „דער פּעטער איז מסכים". שתיקה כהודאה דמיא, בשעתן רעדן געהאַט אין זינען. ער האָט גאַרנישט באַלעמוטשעט. זיך פאַר־שאַפט אַ שמש. געגאַנגען אין צווייען. צו זיך אַריינגעשטעלט אַ ספר תורה. צוזאַמענגעשטעלט אַ מנין צו דאַווענען אין שבתים. אָנגעהויבן „פירן" טיש — שלוש סעודותן.

דער ראש הקהל, יצחקל טאָנדייטער, אָנפירער פון די האַנטווערקער, האָט אין פאַראיין צוגערעדט בעלי מלאָכות, זאָלן דאַווענען ביים רבין. ער איז ביי אהרונדל געוואָרן אַ בן־בית, פון נאָענטע טישזיצער. יצחק מיט זיין „מענטש", יאָסעלע מוסר, פאַר וועמען ס׳שטעטל האָט געציטערט, זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז. איינגעפירט אַ וואָכנאָפּצאָל פאַרן רבין.

מיט דער צייט האָט אהרונדל געהאַט פּרנסה בריווח. געפירט אַ מלכותדיק הויז.

צווישן די אייניקלעך אין בית־המדרשל איז געוואָרן מחלוקתן. טייל האָבן געטענהט: „ס׳מאַכט ניש אַס. ס׳קימט אים בירישה״. יצחקלס קינדער, אברהמעלעס אייניקלעך, האָבן געצאַרנט: „מיט וואָס איז ער רבי? אַזאַ עם הארץ! ר׳קען דאָך אַפילו ניש פּאַטאַטשן אַ פּרשה חימיש. ר׳איז דען אַ בעל ריח הקודש? אינזער יחיס וועט מחלל״. יידן, בעלי רחמנים, האָבן פּאַרענטפּערט: „ס׳מאַכט נישט אַס. ר׳איז מקרב די פּראָסטע״. לומדים האָבן גאָר געפּייערט: „אַ חרפה, אַ בישה. אַלץ ווערט שוין הפקר־פּעט־רישקע״.

אהרון־יאָסעלע האָט מבטל געמאַכט אַלע בייזע רייד. ממשיך געווען פירן רביסטוואָ. צו זיינע „טישן״ איז גראַדע געקומען אַן עולם. טייל האָבן געוואָלט הערן שיין זינגען. געווען אַ האַרציקער בעל־מנגן. איינער אין ראַיאָן. זיינע מתיקותדיקע אויסגעזיגענע זמירותן פלעגן צעברעכן די שטיינערדיקסטע הערצער. האָט ער קלינגעוודיק אויסגעזינגען אַ פריילעך מאַרשל, האָט דער זיצנדיקער און נעבן טיש שטייענדיקער עולם זיך שמחהדיק צעוויגט. געפּאַטשט מיט הענט. התלהבותדיק געשאָקלט קעפּ. געוואָרן צעלוסטיקט. אָפּטמאָל עקסטאַזפול זיך פאַרפלאָכטן די אָרעמס, דבקות־שיכורדיק צעטאַנצט אַרום טיש, דעם „רבין״ אַריינגענומען אין רעדל און געהאָפּעט ביז ווערן פיטשנאַס, אַז מ׳האָט אַזש געקענט זייערע העמדער אויסדרענגען פון שוויס. ס׳זענען אויך געקומען לומדים, נייגעריקע זען, ווי אַזוי ער פירט טיש, זאָגט תורה. „ער האָט דאָך קיינמאָל נישט געלערנט״. אַמערסטנס אָנהענגער זענען געווען פראָסטע בעלי מלאָכות, וועלכע האָבן געדאַוונט אין חברות און אין פאַליש פון גרויסן בית־המדרש. די־אַ האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט פון חסידות. נישט געפאָרן צו קיין שום רבין. יצחק טאַנדייטער האָט זיי צוגערעדט ווערן אהרונדלס „חסידים״.

„טיש״ האָט ער געפּראַוועט ווי אַלע רביים. געזעסן אויבנאָן אויף אַ געבעטער שטול. אָנגעטאָן אין אַ גלאַנציק, בלוילעך, זילבער־באַבלומט, זיידענעם שלאָפראָק. ווייסע זאָקן און אַ שפּיציק שטריימל. יעדע עטלעכע מינוט פאַרגלאָצט די אויגן. זיך צעשאָקלט, שטיל געברומט. פון די דער־לאַנגטע גרויסע פילמעסיקן מיט געפילטע קאַרפּן, קוגלען און פליישן אָנגעדזשאַביעט פיצלעך .עפּעס טועם געווען. די רעשט צעטיילט שיריים. האָט אויך געזאָגט „תורה״. אָבער שווער געווען צו פאַרשטיין. דאָס זאָגעכץ, שטאַרק רמזימדיק מיט פאַרגרייזט־ציטירטע פּסוקים פון „זהר״, אויסגע־לערנטע אויף אויסנווייניק. יעדעס וואָרט איז מער געזינגען געוואָרן, ווי אַרויסגערעדט און אין מיטן אַ ביסל קינסטלעך־פאַרזקנט, הייזעריק־אויס־ציענדיק גערופן: „יוחנן גערער, אל מסתתר!״. יאַנקל טאַרטשינער, יאַ

יאַנקל יוסף דודס אל... כ׳מיין „יה רבון עולם ועלמיה״. און אַז מ׳האָט אָנגעהויבן זינגען, האָט ער זיך צעשאָקלט. מיטגעזינגען. געהויבן די הענט, געמאַכט העוויות. פאַרגלאָצט די אויגן. געשעפּטשעט צום ארון הקודש, גלייך ער טענהט זיך אויס מיטן כביכול.

ר׳ איטשע קוואַשניק, אַ פאַרברענטער בעלזער חסיד, אַ למדן, חריף, וואָס איז איינמאָל געווען נייגעריק זען אהרונדלס „טישן״, איז נאָך אַזאַ שלוש־סעודות אַרויס אַ צאַרנדיקער: „יאָך זאָג אַך״, געשריגן צו פייבל מורה־הוראה, „דאָס איז עבודה זרה;״. אַזאַ נאָכגעמאַכט רבישקייט איז מוקצה מחמת מיאוס. אויסגעשפּיגן. געזאָגט „אַ גוטע וואָך״ און אַנטלאָפן.

אהרונדלס חסידים געוויטער־ווערנדיק פון דעם, האָבן דעם בעלזער פּשוט געוואָלט פאַרשטיינען. אויפגעהערט קויפן ביי אים סאָדע־וואַסער און קוואַס. און אַז עטלעכע חדשים נאָכדעם איז איטשעס אַ שוועלבעלע נעבעך פּלוצים צום טויט דערשטיקט געוואָרן אין וויגל, האָבן אהרונדלס מתנגדים אויפגעהערט רעדן קעגן רבין.

ס׳האָט אַמאָל פּאַסירט: אין פּיאַסעטשנער רבינס שטיבל, צווישן הבדלה און מלווה־מלכה האָט שלמה ישראלס, וואָס איז שבת, פּרשת זכור, געווען ביים רבין, דערציילט: „דער רבי האָט זאָגנדיק תורה, אַראָנגעוואָרפן: ,אַמאָל געווען גרויסע יידן. האָבן זיי זוכה געווען צו גרויסע צדיקים, גדולי הדור: אַ הייליקער מגיד הקדוש. אַ קאָזשעניצער מגיד. אַ חריף גדול. אַ רבי נחמן מברסלב, אַ קדוש וטהור. אַ וועלט־חכם. אַ גרויסער בעל דמיון. ווי אַ מלאך געשוועבט אין עולמות עליונים. אַלע גרויסע צדיקים. יאָ־יאָ. אַמאָל געווען גרויסע יידן האָבן זיי זוכה געווען צו גרויסע רביים. שאַרפע לומדים עוקר הרימס. אַלע ווי איינער בעלי רוח־הקודש, בעלי מופתים. האָבן פּשוט געקענט מחיה מתים זאַן. וואָס דען ,מ׳שטיינס געזאָגט האַנט?׳ דער רבי האָט טיף אָפּגעזיפצט. ממשיך געווען: ,בעוונותינו הרבים זענען געבליבן קליינע שטיקלעך־פּיצלעך יידאַלעך, ווי קרישקעס, האָבן זיי אָך קליינטשיקע רבאַלעך, „יאַק מאַק״. אָבער אַפּילו צווישן די קליינע עפּעס רבאַלעך זענען פאַראַן נאָכגעמאַכטע. מ׳דערקענט זיי נישט. אַלע טראָגן סאַמעטענע קאַפּעליושן, זאַדענע כאַלאַטן, וואַסע זאָקן, און אין שבתים שפּיציקע שטראַמלען. זאָגן אָך תורות. אָבער ליידיקע. אָן כוונות. אָן שום פּיצל חידוש און ס׳רוב איבערגעחזרטע פון אַנדערע. אָן שום קשר מיט דער שכינה הקדושה. דאָס איז מבחינת גנבה וגזלה. אָבער יידן, אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו׳. „צ׳הערט?! גאַלדענע ווערטער! באַם זאָגן האָט דער רבי כסדר געקיקט אָף מיע. כ׳לעבן געמיינט אינזער רבאַלע אהרונדל״, האָט געענדיקט שלמה ישראל. געהויבן ס׳גלאָז ביר. געזאָגט: „מ׳דאַרף האָבן סיעתה דשמיא״.

„אין יאַך זאָג אַך״, האָט זיך צעבייזערט ברוך איטשעס, אַן אַלטער

קאָזשעניצער חסיד, וואָס פאָרט מער נישט צו קיינעם, „אַפילו שוין אָנ־געגומענע רביים, וואָס האָבן שוין אַ סך חסידים, האָבן אָך נישט קאַ ריח הקודש. קינדאַרלעך. דאָס קומט ניש בירושה. בלויז יחידי־סגולה זענען דערצו זוכה און דאָס נאָר איינער אין אַ דור. די רעשט זענען סתם אַזוי רבאַלעך. טייל גאָר זענען נאָכגעמאַכטע, פאַלשע״.

רבי יצחקלס זין, וואָס זענען פינקט דאָרט געווען, האָבן זיך צעפייערט: „שקץ!!! אַראָססססס!!!״

די פיאַסטעטשנער חסידים האָבן באַרעכטיקט יצחקלס קינדער. ברוך איטשן אַרויסגעוואָרפן פון שטיבל. פון דעמאָלט אָן ביזן טויט האָט ער דער אַלטער קאָזשעניצער חסיד, אַ נאָענטער טיש זיצער ביים רבין, געמוזט דאַווענען אין חברה תהלים מיט פראָסטע בעלי מלאָכות. אויך דאָרט קיין מאָל נישט זוכה געווען צו עליה לתורה. קיין מאָל נישט געבענטשט מיט מנין, אַפילו נישט מיט מזומן.

אַ לוויה

זונטיק אין דער פרי.

אויף דער ברייטער, טונקלפלעקיק־באַשנייטער, פאַרמיסטיקטער לעשנאָ־גאַס איז אַנגסטיק־שטיל. נישט ענלעך צו די פאַרמלחמהדיקע זונטיקדיקע פרימאָרגנס.

נאָכן שבתדיקן מנוחה־טאָג האָבן דעמאָלט וואַרשעווער יידישע אַרבע־טער, האַנטווערקער, הענדלערס, איינקויפּערינס אין מכלומרשט־פאַרמאַכטע געוועלבער, פילדערנדיק, אימפּעטיק אַריינגעשטראָמט פון אַרומיקע געסלעך און גאַסן. ס׳האָט זיך דאַן אויפסניי אָנגעהויבן דער שווערער קיום־געראַנגל. ס׳יידישע לעבן האָט דאָ געזידט, געקאָכט, ס׳איז דאָ געווען אַ דינאַמישער הין־און הער־לויף פון הענדומפּענדומדיקע פרנסה־זוכערס. ס׳האָבן געטומלט, געדרעשט פוס־גייערס און פאַרנדיקע אויף קאַטשן, איינגעשפּאַנטע אין פּעט־לייביקע פערד, וואָס האָבן שטאָלץ געקלאַפּט מיט קאָפּיטעס אויפן אויס־געציכטיקטן גאַס־אַספאַלט. אויגנבלענדנדיק זענען פאַרבייגעפאָרן רוישנ־דיקע, פייפנדיקע אויטאָס און טאַקסוווקעס. אין אַלע גאַסן האָט מען געהערט ס׳דינגעריי פון הענדלערס מיט קויפערס. פון אַלע טויערן האָבן אַרויסגע־פילדערט לוסטיקע קינדער, גייענדיקע אין די קינדער־גערטנער, אין שולן, בחורימלעך, קינדער־יידעלעך, אָנגעטאָענע אין לאַנגע כאַלאַטלעך, אין קאַנ־טיקע, שוואַרצע היטלעך, האָבן געאיילט אין חדרים אַריין, אין בתי מדרשים, ישיבות. און די גאַנצע וואָכעדיקע אויפוואַכונג איז באַגלייט געוואָרן פון ניגונדיקע, האַפנדיקע תפילות אין בתי מדרשים, חסידים־שטיבלעך. מ׳האָט דעמאָלט געהערט יידישע לידער פון אַרבעטער אין פאַבריקלעך, אין וואַר־שטאַטלעך — ראָמאַנטיש־בענקנדיקע טעאַטער־שלאַגערן, האַרציק אויס־געזונגען פון האַפנדיקע, פאַרליבטע דינסט־מיידלעך. — דער גאַנצער אַרום האָט דאַן געברויזט און פאַררעשט דעם קריסטלעכן רו־טאָג.

אין דעם־אָ פאַרוואָלקנטן, האַרבסטיקן נאָוועמבער־פרימאָרגן איז געווען מוראדיק שטיל. דאָס גרויס־שטאָטישע, דינאַמיש־זידנדיקע לעבן איז געווען אָפּגעשטעלט, איינגעשטילט.

איינצלנע איילנדיקע יידישע פרויען, מענער, איינגעטוליעטע אין צע־ריסענע, צייגענע כאַלאַטלעך, אָדער אין פוילישע מיליטער־מונדירן, צי אין וואַטענע וועסטן, פאַטשיילעס, האָבן זיך ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווען באַוויזן.

זיי האָבן זיך שרעקיק אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי געיאָגטע קאָנטראַ־באַנדיסטן.

„מ׳כאַפּט האָנט?״ — „ס׳אי שוין דאָ ברויט?״ — „מ׳קריגט מילאָך״?

„ר׳ יוסף דוד, וויאַזוי האָבן זיי אָוועקגעפירט די בחורים פון דער מתיבתא?״ — אַט אַזעלכע פראַגן האָט מען געהערט. די דערשראָקענע, נייגעריקע פרעגערס האָבן נישט אַלע מאָל געוואַרט אויף ענטפער, ווי נאָר מ׳האָט דער־זען, אָדער ס׳האָט זיך בלויז געדאַכט אַז מ׳באַמערקט פונדערווייטנס געס־טאַפּאָווצעס, איז מען, מניה וביה, פאַרשווונדן אין טויערן. דאָרטיקע יידן האָבן זיי באַהאַלטן אין קעלערס, אויף בוידעמס. מ׳איז אַריינגעלאָפן אין האַלב־חרובע הייזער, זיך פאַרשטעקט אין געוועזענע היימען, וואָס זענען ערב ראש־השנה געוואָרן רויִנירט, פאַרשרפעט פון דייטשישע לופט־פליִערס. מ׳האָט דאָרט צאַפּלדיק־אימהדיק אָפּגעוואַרט. דורך לעכער געקוקט. אייג־געהערט זיך צי מ׳קומט זיי כאַפּן. אַז ס׳האָט זיך איינגעשטילט, איז מען אַרויס פון די פינצטערע, דומפּיקע באַהעלטענישן. מ׳איז ווידער אָפּגעלאָפן עטלעכע הייזער, אויפסניי געמוזט אַריינקריכן אין באַהאַלט־לעכער, ווי געיאָגטע פאַרברעכער.

גראָד אין דער דאָזיקער פּחדיקער, סכנות־לויערנדיקער שטילקייט האָט זיך אַרויסגעבולט דער קריסטלעכער חגא־טאָג.

מער ווי אַלע פאַר־מלחמהדיקע זונטיקס זענען, כלומרשט, פרום־גע־וואָרענע פּאָליאַקן געגאַנגען אין קאָשטשאָל. רויִק, געמיטלעך, שריט ביי שריט, ווי שפּאַצירנדיק, זענען געגאַנגען יומטובדיק־געקליידטע מענער, אויסגעפּוצטע פרויען מיט זייערע קינדער. וועלנדיק באַרימעריש באַווייזן פאַר דייטשן זייער קאַטוילישקייט, האָבן זיי בולטדיק געטראָגן שוואַרץ־געבונדענע געבעט־ביכלעך, קאַלירקע בייטשלעך־קרעלן מיט באַמבלענדיקע, זילבערנע צלימלעך. אַ טייל קאַשטשאָל־גייערס האָבן אויסגעזען בגילופין. אויף זייערע מונטערע פּנימער מיט צופרידענע אויגן־בליקן איז גאַרנישט געווען צו דערקענען, אַז זיי באַדויערן, וואָס די זעלבסטשטענדיקייט זייערע איז אַזוי שנעל, ראַפּטאָווגע אונטערגעגאַנגען.

פאַרבייאיילנדיקע יידן, שנעלע אַריינלויפערס אין די טויערן האָבן גוט געהערט ווי די פּאָליאַקן לאַכן פון זיי אָפּ: — „קוקטס נאַר, ווי דערשראָקענע מייז פאַרשווינדן זיי, די יידעלעך, בעתן דערזען פון וויטן דייטשישע סאָל־דאַטן״. שיקסעס, אָנגעטוענע אין פּאָקענע, אָדער קאַראַקולענע מאַנטלען, גערויבטע פון יידישע שטיבער, פון וועלכע ס׳זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן די יידישע איינוווינער, האָבן מיט שקצים־פּאַרטנערן נאָכגעשריגן: „לויפטס, פאַרכוואַטע זשידעס!״ מ׳האָט אויך געהערט צופרידענע נקמה־רייד וועגן פאַרברענטע שילן, קאָנפיסקירטע געשעפטן, דירות, בענק, זיי, די צופרי־דענע פּאָליאַקן, האָבן הנאה געהאַט פון כאַפּן יידן צו די צוואַנג־אַרבעט,

און לוסטיקע קאַוואַלערן האָבן באַרעכטיקט דעם אָנהייב פון דעם יידן־אויסראָט אין זייער פאָטערלאַנד. בלוי־אויגיקע, בלאָנדע יידישע מיידלעך מיט אַריש־ענלעכע פנימער, וואָס האָבן געזוכט קויפן אַביסל פּראָוויאַנט, האָבן דערציילט די געהערטע האָפענונגס־רייד פון די גויים: „נאָר היטלער, גאָטס שליח, וועט ראַדיקאַל לעזן דאָס אַלטע יידנפּראָבלעם״. — „די פּאַר־שידענע רעגירונגען אין פּוילן האָבן בלויז פּלאַנירט איינצושרענקען דאָס פּאַראַזיטן־לעבן פון די זשידעס. ערשט היטלער וועט מיט זיי ענדיקן ענדגילטיק״. — „ענדלעך איז געקומען די אַזוי־לאַנג וואַרטנדיקע צייט, פּטור צו ווערן פון דער פּעסט״.

הכנעהדיק, מיט געמאַכטער העפלעכקייט האָבן די קאַשטשאַל־גייערס גענייגט די קעפּ, חנופהדיק געגריסט די שטאָלצע געסטאַפּאָווצעס, שפּאַ־צירטע מיט ראָמאַנטיש־צעלוסטיקטע, שול־פּאַניענקעלעך, צוגעטוליעטע צו „זייערע״ ערשטע ליבע־קאַלעגעס.

און אין אַט אַזאַ האַרבסטיקן נאָוועמבער־פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אַ לוויה. אַן אויסטערלישע לוויה איז דאָס געווען. אַ וויס־באַבאַרדטער, נידעריקער ייד מיט אַ צעריק פּנים, אין אַ פאַרלאַטעטער, געהאַקטער קאַפּעטע, אַ באַפלעקטער מיט בלוט, האָט מיט שטריקלדיקע לייצן געפירט אַן אויסגעדאַרט, געלבלעך, קאַלטענעוואַטע־האַריק פערדל, וואָס האָט קוים־קוים געשלעפּט אַ שמאָל קעסטלדיק וועגעלע. ביידע — דער דאַרער זקן־בעל־עגלה און דאָס קנאַכיקע פערדל, האָבן די קעפּ געהאַלטן געבויגן צום נאַסלעך, טונקל־פלעקיק־באַשנייטן גאַס־אַספאַלט. פונעם שמאָלן וועגעלע האָבן זיך אַרויסגעבערגלט צעהאַקטע מענטשן־אברים, פאַרדעקטע מיט צע־פליקטע זיידענע קאַפּעטעס, און מיט צעריסענע, בלוט־פאַרפלעקטע טליתים.

נאָך דעם וואָגן־„אָרון״ — מיטן פלייש און ביינער פון הרוגים — זענען נאָכגעגאַנגען עטלעכע שטילע מלווים — אַן אלמנה, אַ זון, טאָכטער, צוויי שכנים. די פּנימער פון די לוויה־גייערס זענען געווען וווּנדיק, בראַנדיק, געשוואָלן, בלוי־פלעקיק. זייערע אונטערגעהאַקטע, באַטרערטע אויגן האָבן צאַרנדיק, שינאהדיק געקוקט אויף די יומטובדיקע, געמיטלעכע, פּוילישע שפּאַצירערס.

פון דער קאַרמעליצקע־גאַס איז אַנטקעגן דער לוויה אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פּוילישע געפאַנגענע זעלנער, געטריבענע ווי שעפּסן, מיט געבויגענע קעפּ, דורך יונגע דייטשישע סאָלדאַטלעך. די יעגערס האָבן הויך געמרוטשעט. מיט גומענע פּאַלקעס געשלאָגן איבער פּלייצעס, אין פּנימער פון נישט געהאָרכזאַמע, וואָס האָבן געהויבן קעפּ, געזוכט בליקן פון פאַרבייגייערס, ביי זיי געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַביסל וואַסער; געוויזן איטערדיקע, וווּנדיק־צעקאַטעוועטע לייבער. אַ קוויטשנדיקער באַפעל פון אַ דייטשיש סאָלדאַטל האָט געפאָדערט די לוויה זאָל בלייבן שטיין נעבן טראָטואַר.

פאַר די צעהאַקטע גופים זענען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע טויזנט פוילישע זעלנער אַנטלאָפענע פון שנעל־פאַרשפּילטע קאַמפּס־פראָנטן, פאָלקן איבערגעגעבענע אין פלען, פאַרטיידיקערס פון וואַרשע. זיי האָבן אויסגעזען ווי לאַנגיעריקע, זיך וואַלגערנדיקע אויף פּאָזיציעס און געפאַנגענשאַפט־לאַגערן. די מערהייט איז געווען אָנגעטאָן אין שמוציקע, דינע, צעפליקטע מיליטער־רעקלעך, אין יידישע לאַנגע כאַלאַטלעך, אין פרויען־קליידלעך, איינגעהילטע אין קאָצן, ליילעכער, פאַטשיילעס. די פאַרבלוטיקטע, צעקאַטעוועטע, אייטערדיקע ווונדן האָבן געשריגן צו די גאַסן, צו די מענטשן, צו די הימלען. טייל האָבן געלאָמט, טייל געהאָפּסלט באָרוועסע. ביי צענדליקער זענען די פיס געווען פאַרוויקלט מיט בלאָטיקע, צעצויטענע זעקשמאַטעס, מיט אָפּגעריסענע שטיקער פון שינעל־פּאָלעס, פאַרבונדענע מיט גרינלעכע פיס־וויקלערס, מיט שטריק. אויף די באַהאָרטע קעפּ, די פאַרבאַנדאַזשירטע מיט בלוט־פלעקיקע שטיקלעך העמדער, מייטקעס, האָבן זיי געטראָגן פון דייטשן־געשענקטע סאַמעטענע שבת־היטלעך, בערעטן, פליערשענע, רבנישע קאַפּעליושן, אָדער גאָר שטיקלעך זעק. מידע, פאַרמאַטערטע, דורשטיקע, הונגעריקע, האָבן זיי זיך קוים־קוים געשלעפּט מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט פאַר די קאָשטשאָל־גייערס. און אַז עס האָט ווער פון זיי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַמערקט די אויסגעפּוצטע, פריילעכע מיידלעך, צוגעטוליעטע צו דייטשישע סאָלדאַטן, האָבן זיי אויסגעשריגן: „שעמט איך, קורוו—עס!”, געזידלט די באַזאַכטע קלויסטער־גייערס, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך, גלייך אין פוילן־לאַנד וואָלט גאָרנישט פּאַסירט אין די לעצטע וואָכן. נאָך די איינצלנע האָבן זיך הונדערטער קעפּ געהויבן, ספּאָנטאַן געשאָלטן און געבעטן: „ראַטעוועט! אַ שטיקל ברויט! ברענגטס וואַסער! איר פאַרברענגערס!”

די קאָשטשאָל־גייערס האָבן ווי פאַרגעסן זייערע נאָרוואָס אַרויסגערעדטע שׂנאה און נקמה־רייד קעגן יידן און אָן בושה געלאָפן אין יידישע שטובן. פון אַלע טויערן אַרויסגעטראָגן ברויט, וואַסער, באַנדאַזשן, יאָד, העמדער, שיך, סוועטערס, שקאַרפּעטן, פּאַלטנס. די געברענגטע פּעקלעך האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין די רייען פון די געפאַנגענע.

דער דייטשישער קאָנוואָי, דערזעענדיק דאָס, איז אַוועק פון די געפאַנגענע און געלאָפן צו די טויערן. מיטן ביקסן־קאָלבעס און גומענע נאַגייקעס געקאַטעוועט די פון טויערן־אַרויסלויפערס מיט די פּעקלעך קליידונג, עסנוואַרג, מעדיצינישע הילף. זיי האָבן אָבער נישט אויפגעהערט אַריין־און אַרויסלויפן אין די יידישע וווינונגען און די הילף־פּעקלעך געוואָרפן צו די געפאַנגענע. אויך יידישע פרויען, מענער האָבן אויסגענוצט רגעס, ווען די דייטשישע באַגלייטערס האָבן זיך געאַמפּערט מיט די געפאַנגענע און מיט די הילף־ברענגערס און האָבן פון שנעל־געעפנטע פענצ־

טער אַרויסגעוואָרפן קליידער, וועש, עסנוואַרג, וואָס איז נאָך געבליבן נאָך אַלע באַרויבונגען. די אויסגעהונגערטע, דאַרשטיקע, האַלב־נאַקעטע גע־פאַנגענע זענען אַרויס פון די רייען, געכאַפּט פאַלנדיקע פּעקלעך. ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע: מ׳האָט צעפּליקט ברייטלעך, זיך צעטיילט, געשטופּט אין די מיילער. מ׳האָט זיך געאַמפּערט איבער אַ שלונג וואַסער פון פלעשער. שנעל האָבן זיי זיך איבערגעטאָן. מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרבינדן די ווונדן, אַוועקגעשליידערט די צעפּליקטע, פאַרשמוצטע זאַכן.

אַז די דייטשן האָבן דערזען די מהומה, האָבן זיי פאַרלאָזט די טויערן, ווילד געלאָפן אין גאַס, אַריינגעשאָסן אין יידישע וווינונגען, געשאָסן אויף די געפאַנגענע, אויף פאַליאַקן, וואָס האָבן אָן אויפהער געטראָגן פּעקלעך פון אַלעמאָל אַנדערע יידישע שטובן. געוואַלדן, הילפס־רופן פון פאַרוווּנ־דעטע האָבן צעלעכערט די גאַסן. אַ טייל יינגלעך און מיידלעך פון די דאַוועגערס האָבן די עלטערן אַוועקגעגעבן די געבעט־ביכלעך, די צלימלעך, געהויבן פויסטנדיקע הענט, געזינגען: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגיניעלאַ". און זינגענדיק געלאָפן אין אַלע גאַסן־זייטן, אויפגעהויבן אַרויסגעוואָרפענע פּעקלעך, זיי געשליידערט צו די אַהין־און אַהער־לויפנדיקע געפאַנגענע, און אַליין געלאָפן הין און צוריק.

ווי פון אונטער דער ערד זענען דערשינען יונגעלייט, וואָס האָבן גע־הויבן אַ רויטע פאָן, געזינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן אין די טויערן אַריינגעשלעפּט פאַרוווּנדעטע. זיי געריינקט, פאַרבונדן ווונדן. די דייטשן האָבן פאַרשטאַרקט דאָס שיסעריי. די יוגנט איז זיך צעלאָפן — די הילפס־אַקציע — צעשטערט.

די שרייענדיקע, קלאָגנדיקע געפאַנגענע זענען אונטער אַ האָגל קלעפּ און שיסעריי אַריינגעטריבן געוואָרן אין פּשעיאור־גאַס. בעת די קלויסטער־גייערס האָבן אַנגסטיק, צאַרנדיק געקוקט אויף די שנעל אַנפאַרנדיקע עס־עס־לייט און זענען אויך נעלם געוואָרן אין די טויערן, זיך באַהאַלטן אין די זעלבע יידישע באַהעלטענישן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך פריִער באַהאַלטן די אָפּגעשפּעטע פון זיי יידעלעך.

די גאַס איז געוואָרן אויסגעליידיקט. די וואַרטנדיקע לוויה נעבן טראָ־טואַר איז אָפּגעפאָרן. אַ גרופּע פּוילישע יוגנטלעכע איז אַרויס פון די באַהעלטענישן. אָפּגעשטעלט ס׳וועגעלע מיט די צעהאַקטע יידן. נאָכגעפרעגט זיך ווי אַזוי דאָס איז געשען, און אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז בעתן שבתדיקן דאַוונען האָבן דייטשן דערמאָרדעט דריי יידן, דערנאָך די גוססדיקע גופים מיט לאָפּעטעס, העק צעהאַקט אויף שטיקער, האָבן זיי געשוווירן „נעמען נקמה אין אָקופּאַנט". דער אַלטער בעל־העגלה האָט ביטולדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל, אַוועקגעפאָרן מיטן וועגעלע, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעבערגלט די צע־

האַקטע אבֿרים פֿון דריי צום טויט פֿאַרפֿייניקטע יידן. דורך הינטערגעסלעך איז די לוויה אָפּגעפֿאָרן צום געגנשער בית העלמין. די הרוגים זענען באַ־ערדיקט געוואָרן אין אַ ברידער־קבֿר, וואָס איז אין „באַפֿרייטן" פּוילן צוזאַמען מיט נאָך קבֿרים צעשטערט געוואָרן פֿון פּוילישע „פּאַטריאָטן".

נאָכן פֿאַרשיטן דעם קבֿר און שטיל אָפּגעזאָגטן קדיש האָט איינער פֿון די מלווים אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צום פֿרישן בערגל ערד און אַריינ־ערדיקט געוואָרן אין אַ ברודער־קבֿר, וואָס איז אין „באַפֿרייטן" פּוילן ייד. אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ. ס'גאַנצע לעבן זיך געמאַטערט. טעג אין נעכט שווער אין ביטער געהאָרעוועט. קיין מאָל ניש גיהאַט קאַ טענות. תמיד מיט שכנים זאָך געוויצלט. ר' יוסל, איר קענט דאָך מאָך. ס'זאָל מאַ אַזוי דינען די פּראַ, ווי כ'על פֿאַר אַך נעמען נקמה. כ'זאָל אַזוי לעבן מיט מאַן גאַנצע משפּחה, אַז כ'על דאָס טיען. דעם ערשטן דאַטש וואָס כ'על פּאַקן אין אַ ווינקל, ווע'ל אָך מאַכן פֿון אים קרעפּל־פֿלייש. אין דעם בלינדן סטאַשעק, אַ ריח אין זאַן ק... מאַמע מיטן בלאָטסקן טאַטן, ווע'ל אָך נאָך האַנט לערנען שׂכל. דער דראַן וועט באַ מיאַ אַנגעמען אַ וויסטן, שוואַרצן סוף, פּאַ ברענגען אין שיל אַראַן געסטאַפּאָווצעס, זיי דאַציילן אַ וויסטן ליגנט, אַז איר האָט גימאַכט אַ פֿאַזאַמלונג, געבונטעוועט יידן קעגן דאַטשן. כ'ווע'ל אים אַזוי צעטרייבערן פֿינקט ווי זיי אַך".

און צו די מלווים האָט ער געזאָגט:

„העיאָטץ מאַך: ווער ס'האָט שׂכל זאָל מאַכן פּליטה. זאָל גאַנץ פּוילן ברענען ווי קין, אַנגעמען אַ מיתה משונה. געדענקט: אויב אַזוי אימקימען ווי זיי, איז בעסער זאָך קעגנשטעלן. ניש לאָזן זאָך שעכטן ווי בהמות. זאָטץ ניש קאַ פּחדנים. פּאַ די לעצטע פּאָר זלאָטעס, אַפֿילו פּאַ צירינג, קויפֿט זאָך שפּייערס. סעט ציניץ קימע. פּאַ יידן איז געבליבן איין וועג: קעמפֿן מיט די מערדערס. אַלע וויסן: דער קאַמף איז אַ פּאַשפּילטאַ. מעט אָבער נישט אימקימע ווי לעמעשקעס. מ'טאָר נישט פּאַלירן דעם מוט. געדענקן: יעקע גנבֿ וועט אָפּנעמען אַ שוואַרצן, וויסטן סוף".

אויפוואַכונג

גרענעץ־היטער

1

פאַרנאַכט.

דעמערנדיקע, פאָרכטיקע שטילקייט.

נייגעריקע, געשפּאַנטע קומען מיר צו דעם מדבּרדיקן גרענעצפּאַס מ. אין ביידע פיינטלעך־לענדערנדיקע אָפּשייד־זאָנעס מערקן זיך נישט קיין שום ספּעציפיש־נאַטירלעכע אַנדערשקייטן, געאָגראַפישע אונטערשיידן. אויף ביידע זייטן זעט מען די זעלבע פאַרוויסטע, בערגלדיקע און שטיקלעך פאַרטריקנטע פלאַכלאַנד. דאָ און דאָרט זענען פעלדער באַוואַקסן מיט געלבלעכע, פון זון פאַרדאַרטע, צעבויגענע דערנער. אויף ביידע מיט שטעכלדראָט אָפּגעגרענעצטע שטחים שטייען וואַסער־לעכצנדיקע ביימלעך מיט געקרומטע, שטויביק־באַבלעטערטע צווייגלעך, חלשות־געבויגענע צום געלן, היצפאַרבראַנדיקטן באָדן. צעשפּאָלטענע ריוועס, ווי צעעפנטע, דאָרשטיקע מײַלער. די זון שׂרפט ביידע אָפּגעזונדערטע לענדערטיילן. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס ס׳זענען ווייניק נייגעריק די אין דערפלעך פאַמעלעך־גייענדיקע איינוווינער. מ׳קוקט גלייכגילטיק אויף די באַפליישטע ווייבער, פאַרהילטע, אָנגעטאָענע אין ברייטע, לאַנגע, רעשיק־קאָלירקע מלבושים. זיי קריכן וואַקלדיק. אויף צו ערד געבויגענע קעפּ טראָגן לאַסנטדיקע קוישן. נעבן זיי מענער אין לאַנגע, גרויע, שוואַרצע כאַלאַטן. אויף זייערע געהויבענע קעפּ ווייסע טיכער, אַרומגעגאַרטלטע מיט געפלאָכטענע, שוואַרצע שטריקלעך.

די סטעפּישע, וויסטע פּאַנאָראַמע; ס׳אַזיע־סטיליסטיש־געבויטע דערפל, צופיסנס הויך־פּיראַמידיקע, גרוי־שטיינערדיקע בערג; די אונדז אויבערפלעכלעך־באַקאַנטע, דאָך נשמה־פאַרהוילענע מזרח־מענטשן רעגן נישט אָן צו באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. מ׳קען אָבער נישט אָפּרייסן די זאָרגבליקן פון די אַזוי נאָענטע, גיגאַנטישע, טונקל־גרוי, נעפּל־פאַרהילטע, אימהקע בערג. פאַקטיש גרענעצן זיי אָפּ דעם אונטער אונדז שוין אָפּגעטיילט קולטיווירט־באַאַרבעטן, צעגרינטן, דופּטיק־פּרוכטיקן ישׂראל־שטח, פון ריזיקע מדבּר־געביטן אונטער די־אָ גראַניט־פעלדזיקע בערג. דאָרט געפינען זיך רחבות־טעריטאָרישע אַראַבישע לענדער, באַהערשטע פון קנאהקע, נקמהדיקע, מלחמה־לויערנדיקע, יידנפיינטלעכע אַזיע־לייט, אונ־

טערשטיצטע פון פראַפּיטיש־גייציקע גרויסמאַכטן און רעאַקציאָנערע מענטשן־פּסולת. וואָס לענגער מ׳קוקט, מ׳באַטראַכט די שרעקיקע, מיסטעריעזע, זיך טונקלענדיקע פעלדזנהייכן, אַלץ מער שטאַנדהאַפטיקער ווערט אונדזער היטנדיקער אחריות־געפיל. דאָס פאַרטראַכטנדיקע אָבסערווירן דעם וויסטן אַרום רייסט איבער אַ יינגער, שלאַנקער דזשינדזשי, סגן אברהם העלד, אונדזער מפקד. יעדן באַזונדער קוקט ער אָן דורכדרינגלעך. וויל דערזען די כאַראַקטערן פון זיינע גרענעצהיטער. „גוט״, צעשמייכלט ער זיך. באַמערקט: „חבריה! הקשיבו! אונטער אונדז, אויפן ישראל־שטח זעט איר צוויי אַראַבישע דערפלעך. דאָס אַנטקעגנדיקע דערפל, פאַר דעם באַר־גיקן גרענעצפּאַס, געהערט צו סוריע. פרעגט נישט פאַרוואָס. מיר איז דאָס אויך נישט באַוווּסט. מיר האָבן איין אויפגאַבע: היטן, שטערן אָנפאַלערישע אַריינדרינגלער, דיווערסאַנטן. זיי נישט דערמעגלעכן זיך אַריינשמוגלען אין לאַנד, בכדי טעראָריזירן, מאָרדן יידן״.

סגן אברהם האָט געמאָלדן כלערליי פאַראָרדענונגען. נישט אַלע האָבן אויסגעהערט זיינע עטלעכע מאָל איבערחזרנדיקע רייד. מ׳האָט זיך פאַר־אינטערעסירט מיטן איינציקן, פון גרויע, פירעקיקע שטיינער, געמויערטן הייזל. — אונדזער מיליטערישער שמירה־פּונקט, אַרומגערינגלט מיט „אונ־דזערע״ און אויסלענדישע אַראַבישע ישובים. אין דעם־אַ פּיצלדיקן גע־ביידעלע דאַרפן מיר בלייבן, אויספירן עווענטועלע סכנותפולע אויפגאַבן.

נאָך שטילשווייגנדיק אָבסערווירן דעם קליינעם משלט־פּונקט, שרע־קיקע מדבר־פּוסטקייט, די פאַרדעכטיק־אויסזעענדיקע אַראַבער, אויסהערן שטרענגע אָנווייזונגען פון בייזלעכן מפקד, האָט יעדער באַקומען געווער. „מיט דער אַמוניציע זייט פאַרזיכטיק״, וואָרנט ער: „דערמיט איז דער־לויבט זיך באַנוצן בלויז אין אויסנאַמלעכע פאַלן. געדענקט: נישט שיסן סתם״. נאָכן אַרויפצינען די ביקסן אויף אַקסלען, באַמערקט מען: פון יענער גרענעצזייט לויפן אָן צוויי גרויסע, פעטלייביקע הינט. אַ העלער און אַ טונקעלער. זיי בילן אויף אונדז, רעווען. מ׳האָט צו זיי געוואָרפן ווורשטלעך. נאָכן אָנפרעסן זיך, האָבן זיי זיך הינטיש צוגעווווינט. אַרום אונדז געקראָכן. געשמעקט. געזוכט. אויף יעדן געקוקט מיט הינטישער הכנעה, נייגער, חשד. ווער ס׳זענען די אַנגעלאָפענע, אויסגעפרעסענע הינט, האָט דאַן קיינער נישט געוווּסט. סגן אברהם האָט ס׳ערשטע מאָל געשמייכלט. אויף די הינט געקוקט מיט קעצישע, גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן טשיקאַווע נאָכשפּירנדיק אַרויסגעבליקט פון טרוקן־שטרוי־קאָליריקע, געדיכט־האָריקע ברעמען, ווי פון זון־פאַרהעלטע זאַנגען. זיין לענגלעך, ברוינלעך, שאַרפביינדלדיק פּנים איז צוריק געוואָרן ערנסט. געבליקט בייזלעך. ער האָט אויפגעקלערט:

„דאָס זענען נישט קיין אַראַבישע הינט. אויך נישט קיין יידישע. זיי באַוועגן זיך פריי. לויפן אומגעשטערט אין ביידע הפקר־זאָנעס און אין לענדער. מערסטנס זענען די הינט ביי די אַראַבער. פרעסן דאָרט. זענען

זיי הינטיש איבערגעגעבן. זעלטן קומען זיי צו אונדז. כאַפּן אַ פּעטן ביסן, באַפרידיקן זיך געשלעכטלעך, לויפן צוריק".

לויטן מפקדס רייד זענען די הינט נוצלעך. אָבער בלויז אין זעלטענע פאַלן. אַמערסטנס שעדלעך. ווען זיי געפינען זיך אויף יענער זייט גרענעץ, בילן זיי אויף אונדזערע אויסשפּירער. דאָס באַדראָט די חיילים אַריינ־צופאַלן אין פּיינפול געפענגעניש. אין מערסטנטייל אומקומען פון טעראָר־ליט. אויב די הינט דערשפּירן נישט אונדזערע מענטשן, האָבן מורא פאַר שטראָפן, אַנטלויפן זיי דאַן צו אונדז. בשעתן געפינען זיך אויף אונדזער טעריטאָריע און דערהערן טריט פון אַריינדרינגלער, בילן זיי. דאָס סיגנאַ־ליזירט צו זיין קאַמפּגרייט. אין אַלגעמיין, האָט סגן אברהם באַטאָנט: „ליידן מיר פון די פאַרדעכטיקטע הינט. מ'האָט פון זיי מער שאָדן ווי נוצן".

איין רעזערוויסט מיט אַ געדיכט־געלאָקטן, שוואַרצהאָריקן קאָפּ, עטוואָס פאַרדעקט מיט אַ ווייס, ביי ראַנדן גראַנאַט־געשטריקט קאַפּעלע, איז באַ־זאָרגט פון מפקדס אויפקלערן די מאָדנע הינטישע אויפפירונגען. אייליק נעמט ער אַראָפּ די ביקס פון אַקסל. צילט צו דעם העלפּעליקן הונט דעם מפקדס העל־ביר־קאַלירנדיקע אויגן צעגלאַנצן זיך כעסיק. ער וואָרנט: „חבריה! אויף דער גרענעץ איז יעדער איבעריקער שאָס סכנותדיק. איר ווייסט דאָך. אַפילו מיר שיסן אין נויטוועגדיקע, פאַרטיידיקונגס־פאַלן, גלייבט מען אונדז נישט". ער קוקט ביי זיך. באַמערקט: „אַזעלכע הינט זענען דאָ אויף ביידע גרענעצפּונקטן. אויך ביי אונדז זענען זיי פאַראַן. איר וועט שיסן איינעם, וועט ווערן אַ טאַראַראַם. אויגנבליקלעך וועלן פון יענער זייט אַריינגעיאָגט ווערן אַנדערע".

יאַך וואָלט זיי אַלע אָווקגעלייגט, דענערווירט זיך אַ צאַרנדיק־בליקנ־דיקער חייל. ר'האָט געהויבן די האַנט מיט דער ביקס. געוויזן אַ קאַצעט־נומער. זיך דענערווירט: „וואָסי?. צ'האָט מורא?. עך שיס".

„זיי נישט קיין גיבור. ס'איז נישט דיין זאַך", האָט אברהם זיך געבייזערט, גאַר אויפגערעגט: „מיר זענען אויף אַ מסוכנדיק אָרט, דאָ איז פאַראַן איין פּרינציפּ: נישט אָנגרייפן. היטן ס'לאַנד? זיך פאַרטיידיקן? דאָס, זעט איר, יאָ און מיטן גאַנצן כוח". ער האָט געבעטן אַלע היטער אויסהערן פאַר־געלייענטע, פאַרטיילטע דעזשורצייט. ער פרעגט: „ווער קען קאָכן?".

אַ קליין, דיקפּליישיק יידל מיט אַ שפּיציק, איבער הויזן אויסגעוואָסן בייכל, רויטן פאַלדיקן קאַרק און כסדר זוכנדיקע אויגן איז אייליק אַרויס פון אונדזער שורה. הכנעהדיק אַריינגערעדט אין מפקדס צו אים אַראָפּבייגנ־דיקן לינקן אויער. אַהערפאַרנדיק, האָט דאָס־אַ יידל זיך פאַרגעשטעלט אַלס טיכטיקער עסקן, סעקרעטאַר אין ב־ער אָרטראַט. יעצט דערקלערט ער דעם אחראי זיינע קאַכקענטענישן. איז פעיק צוזאַמענשטעלן טעמיקע מאכלים: „אָפּקאָכן פאַרשידנאַרטיקע דיסות בין עך אַ מומחה".

אברהם העלד האָט ביטולדיק געבליקט אויפן באַרימער. איראָניש

געשמייכלט פון זיינע שנעל פלוידערנדיק זיך פֿאַרשטעלן אַלס קאַכמייסטער. דאָך אים אַריינגעשיקט אין קיכל. אונדז אויפסניי געוואָרנט: „דעם מצב זעט איר. דאָ איז נישט ווונטשנסווערט הויך דיסקוטירן. אַלע סתם־רייד וועגן אונדזער ספּעציפֿישע זיכערהייטס־לאַגע, עקאָנאָמישן מצב איז צוועקלאָז. במילא קענען מיר גאָרנישט העלפֿן, דעצידירן. מיר האָבן דאָ איין אויפֿגאַבע: היטן דעם שונא, די גרענעצן".

2

מיין דעזשורצייט איז באַשטימט אויף צוויי ביינאַכט. גיי אַריין אין הייסן צימער. אַרום די געלבלעכע באַקאַלכטע ווענט שטייען אייזערנע בעטן. אויף זיי רוקזעק. אונטער זיי טשעמאָדאַנען. צווישן די בעטן ביקסן, אָנגעלענטע אויף צוקאָפּנס. שטעל אויך אַוועק מיין ביקס נעבן קישן. לעג זיך צו. אויפֿן שטיקל ווענטל נעבן בעטל זענען אָנגעשריבן אַנטי־מלחמה לאָזונגען, געחתמעט פֿון אַנאָנימע לייט. דאָס געזעענע, געהערטע לעבט בילדעריש פֿאַר מיינע פֿאַרמאַכטע אויגן. נאָך אַמאָל הער איך אַלע פֿאַר מיר אַביסל פֿאַרשטענדלעכע רייד. ווידער זע די אַבסעררווירטע אָביעקטן. ווער מטושש: אַ כאַפּטע בילנדיקע הינט באַפֿאַלן מיך. ספּעציעל ווילד רעוון די ביידע, בייטאָג אַריינגעלאָפּענע הינט. זיי שפּרינגען אויף מיר. פֿליקן מיין מיליטעריש רעקל. וועק זיך. רוב חברה שלאָפֿן. די וואַכע דיסקוטירן, אַמפּערן זיך. ביי דער טיר שטייט אברהם העלד. אויפֿן אַקסל האַלט ער זיין ביקס. כ'ליג. דמיון: ווען מיר אויך אַמאָל לעבן רויק, ווי אַלע פֿעלקער?. טראַכט סתם. ווער מיד. פֿאַרדעק זיך. ווער אַנטשלאָפֿן: ביי אונדז אין שטיבל איז גאָר ליכטיק. מיט מיין משפחה זיץ איך ביים פסחדיקן סדר־טיש. מיין מאַמע איז אָנגעטאָן אין אַ בלאַנקענדיק, ווייס קלייד. דער קאָפּ פֿאַרבונדן מיט אַ העלבלוי טיכל, וואָס איז אַרומגערעמט מיט אירע שוואַרצע האָר. זי קוקט פֿאַרכטיק. גייט צו דער פֿאַרקייטלטער טיר. עפֿנט אַביסל. פֿאַר געלבלעך־באַקאַלכטע טיר־ברעטלעך שאָקלט זי זיך. קוקט אין דער הגדה. מורמלט שטיל. קרעכצט. ווישט רינענדיקע טרערן איבער אירע ראָזלעכע באַקן. דער טאַטע שטעלט זיך האַסטיק אויף פֿון הסב־בעט. אין זיין נערוועז־ציטערדיקער, וויס־באַקיטלטער האַנט האַלט ער אליהו הנביאס זילבערנעם בעכער, אָנגעפֿילט מיט אַראַפּטריפֿנדיקן ראַזשינקע־ווייַן. אין חשכותדיקן, פּויליש־שטעטל־דיקן דרויסן יאָמערט ער: „שפוך חמתך על הגויים!" וועק זיך ווידער אויף. אין מיין מידן קאָפּ רויען אויפסניי אַלטע געדאַנקען. פֿאַנטאַזיר שלום־פּלענער. קום נישט צו קיין מסקנות. דרימל ווידער איין. מיין שכן, שמשון שטאַרקמאַן, וועקט מיך:

„חבר ישראל!. הייבט אייך אויף. איר דאַרפֿט היטן!".

איך כאַפּ זיך אויף. בין אַביסל צעדולט. דערמאָן זיך ווו כ'בין. גיי אַרויס. די נאַכט איז העל באַלויכטן פֿון אַ גרינלעכער, בלאַס־לייכטנדיקער לבנה. זי שווימט לאַנגזאַם, מיד, פֿויל. זעט אויס גלייכגילטיק. קוים־קוים רוקט זי

זיך אין טונקל־בלוילעכער, וואָלקנלאָזער, נאַכטיש־הימלישער הויכקייט צווישן פינקלענדיקע שטערנפּינטעלעך. אַרום איז שטיל, פּאָרכטיקע נאַכט־שטילקייט. דאָס זילבערנע לבנהליכט, אַרומיקע לײדיקייט, פֿאַרדאַכט דער שונא באַהאַלט זיך ווו ערגעץ, נעבן מיר איז אימהדיק. אָט הערט מען מײנע טריט. מ׳זעט מיך. האָב מורא באַרירן די קוסטעס. גיי שטיל. כ׳ווייס: יעדע נישט פּאָרזיכטיקייט איז סכנותדיק. קום צו מיין פּונקט. צי זיך אויס אויפֿן בויך. האַלט די ביקס געצילט קעגן אַראַבישן דערפֿל פֿאַר די בערג. כ׳דערהער דערנעענטערנדיקע טריט. ס׳האַרץ קלאַפּט אימפּעטיק. פֿיל ס׳בלוט גליווערט אין מײנע אָדערן. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיין אַנגסטיק, ציטערדיק לײב. קוק זיך אום. וויל הערן די ריכטונג פֿון די טריט. ווער דערשטוינט: נעבן זיך דערזע איך אַ גרויסן, העלן, דיקן הונט. קוקט אויף מיר מיט צוויי גלאַנצנדיקע, נאַסלעכע אויגן. זוכט. שמעקט מיט אַ שוואַרצער, באַוועגלעכער נאָז. ער שטעלט אויף האָריקע אויערן. קוקט גלאָציש אויף די פֿון נאַכט צוזאַמענגערוקטע בערג, אויף מיר. דער הונט ציט זיך אויס נעבן מיר. זיין דרייסטקייט, „פֿריינטלעכע” בליקן וווּנדערן מיך. איך קוק אים אָן גענוי. דערמאָן זיך: בעתן אַריינלויפֿן פֿון סוריע אים געגעבן עטלעכע וווּרשטלעך. אַביסל געגלעט. צו אים געשמייכלט. מיין, צוליב דעם איז ער צו מיר געקומען. וויל נאָך אַמאָל כאַפּן אַ פּעטן ביסן. דערפֿאַר מיך אַביסל הינטיש היטן. זיין אָנוועזנהייט איז נישט אַזוי גערנדיק. אין דער נאַכטישקייט קען זיין העלער קערפּער אָדער פּלוצימדיקער ביל מיך אַנטפּלעקן. דער אומזעבאַרער, אַנטקעגנדיקער אַראַבישער גרענעץ־היטער פֿאַר די בערג וועט מיך אָנגרייפֿן. האָב אַ פֿאַרדאַכט. מ׳האָט אים פֿון יענער זייט געשיקט מיך אויסשפּירן. זיי זאָלן וויסן מיין היט־אָרט. שרעק פֿאַר הינט האָט מיך תמיד דערוויטערט פֿון די־אָ קנעכטישע ברואים. זייער אונטערטעניקע געטריישאַפֿט, היטער פֿון פֿרעמדע גיטער בלויז פֿאַר באַקומען עסנאָפּפֿאַל, איז מיר ווידערווילִיק, איבלדיק. האָב אויך אָפּשיי פֿאַר „מענטשלעכע” הינט, וואָס היטן, דינען מאַכט־דערווילטע. שיצן געזעץ־באַגרענעצונגען. זיי צעבילן זיך, צערעווען, צעבייסן זיך דערנעענטערנדיקע קשיות־פֿרעגער. אַפּיקורסישע צווייפֿלער, קעגן רעזשים־מורמלער, פּאָטענציעלע קאָנקורענטן. כ׳ווייס גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט הינטישן באַזוכער. אַוועקטרייבן אים וועט ער זיך, מעגלעך, נישט לאָזן. שיסן אים, נאָך דערצו ביינאַכט, טאָר איך נישט. בלייבן ליגן נעבן אים איז סכנותדיק. אַזוי זיך גריבלענדיק, קוק איך אים אָן. פֿון זיינע אויגן רינען טרערן. כ׳ווייס נישט צי די אויגנפֿליסיקייט איז פֿון זיינע הינטישע איבערלעבונגען, צער, מיטגעפֿיל צו מיר. אָדער גאָר צוליב קרענקלעכקייט. פּלוצים שטעלט ער זיך אויף. צעשאָקלט דעם קאָפּ. בילט. מריטשעט, אַנטלויפֿט. כ׳דערמאָן זיך דעם מפקדס דערקלערונג, אַז מ׳הערט בילן הינט, דאַרף מען זיין קאַמפּגרייט. בין זיכער, אָט־אָט וועט עפּעס פּאַסירן. קוק זיך אום. אויף יענער גרענעצזייט דערזע איך אַ פֿייער־פּינטעלע. אָהאָ! די פּינט זענען נישט ווייט פֿון מיר. זענען געקומען אין אַראַבישן דערפֿל נעבן

די גרענעץ־בערג, באַשטעטיק איך. מיין ביקס איז געצילט קעגן בלישטשענ־דיקן פּינטל צו עפּענען פייער. ווייל אָבער נישט זיין דער ערשטער שיסער, ליג. מאַך פאַר זיך אַ ערד־בערגל. שטרענג אָן מיין געהער. הער נישט קיין שום שאָרכנדיקע באַוועגונג. זע בלויז יעדעס מאָל רויטלט זיך דאָס פייער־פּינטעלע אין דער נאַכטישקייט. די חוצפּה פון דעם זיכערן אַראַבערל רעגט מיך אויף. ס׳פאַרדריסט מיך, הלמאי איך מוז ליגן שטיל, דיסקרעט, פאַר־הוילן, און יענער דאָרט האָט גאָרנישט קיין מורא. מער ערגערט מיך, הערנדיק אים ברומען אַ סענטימענטאַל־קלאַגנדיקע מזרח־מעלאָדיע, וואָס רופט, בעט רחמימדיקע הילף. דאָס בענקענדיק נשמה־געזאַנג באַרויִקט מיך: אָט נישט ווייט פון מיר, אויף אַן ענלעך שטיקל דערנערדיקער מדבר־ערד ליגט אַן אומבאַקאַנטער מענטש. ער האָט זיכער אַ משפּחה, ווי איך. אין זיין היים האָט ער אפשר איבערגעלאָזט אַ פרוי, קינדער. מעגלעך, אַ געליבט מיידל. אומגעדולדיק וואַרטן זיי אויף זיין געזונט צוריק קומען פון דער היט־דינסט. אויך ער בענקט צו זיי. זיין נאָענטע, געליבטע, משפּחה בענקען נאָך אים. אינטערעסירן זיך. זענען באַזאָרגט פון זיין גורל, פּונקט ווי מיינע קרובים. דער־אַ מענטש, וואָס זינגט אַזוי געפילפול, ווייל זיכער נישט, אין דער־אַ קאַלטער נאַכט, ליגן אויפן שטיינדלדיקן שטעכיקן באָדן, היטן מיך, זיין אומבאַקאַנטן, אים איינגערעדטן שונא. ער ווייסט מיר, ווועלן קיין מאָל זיי נישט אָנגרייפן. מ׳האָט אים מאָביליזירט. געשיקט. מוז ער אויספירן מלוכהשע פאַראָרדענונגען. אין מיין קאָפּ רויען זיך פּאַציפיסטישע מחשבות: פאַרוואָס צו אַזאַ געפילפולן זינגער האַלט איך אויסגעצויגן אַן אָנגעלאָדענע ביקס, ווו ס׳ליגט אַ ממשותדיקע קויל, וואָס קען, מניה וביה, אומברענגען זיין יונג לעבן ?. פאַרוואָס דאַרף איך זיין דער גורם צו מאַכן אומגליקלעך זיין פאַריתומדיקע משפּחה ? מעגלעך פאַראורזאַכן אַ טראַגעדיע זיין ליב מיידל ?.

אין די־אַ טראַכטנדיקע מינוטן האָב איך געקללהט אַלע לענדער־פּאָלי־טיקער, וואָס העצן אַראַבער קעגן ייִדן, שטיצן זיי מיט נייטעכנישע געווערן אונדז אָנצוגרייפן, דערלאָזן נישט ביידע פעלקער לעבן בשלום.

ווי יעדעס לידל האָט דאָס סענטימענטאַלע געזאַנג זיך געענדיקט. אין מיר וועקט זיך אויפסניי פאַרדראָס. איך מוז ליגן אויפן האַרטן באָדן לויט אַלע גרענעצפאַרשריפטן. ער דאָרט פּילט זיך פריי. גאָרנישט באַגרענעצט. כ׳טראַכט אויפסניי: מן הסתם איז דער אַראַבער אַ ליבעראַלער מאַן. האָסט נישט ייִדן. איז זיכער, מיר וועלן נישט אָנגרייפן, אָנהייבן שיסן. האָט ער זיך פריי צעזינגען. יעדעס מאָל צינדט אָן שוועבעלעך. רייכערט. די־אַ סברה באַרויִקט אַביסל. כ׳לייג אַוועק מיין ביקס. צי זיך פריי אויס אויף אונדזער ערד, צווישן שטעכיקע, פאַרטריקנטע דערנער, ווו ס׳רויען גיפטיקע שרצים. מיין מידער הייסער קאָפּ רוט. ווערט געקילט פון מחיהדיק בלאָזנדיקע ווינטלעך. אין דעם דערהערט זיך אויפסניי דעם אַראַבערס קול. אָבער ער ברומט גאָר אַ צווייטע מעלאָדיע. גאָרנישט ענלעך צו בענקענדיקע מזרח־געזאַנגען. ער זינגט אַ מיר באַקאַנט, ליבע־רייצנדיק דזשאַז־שלאַגערל.

כ׳באַמי זיך דערינערן ווען, ווו כ׳האָב געהערט דאָס לידל. דערמאָן זיך: אויפן שטשעטשינער מאַרק איז הימלעך. פּאָליאַקן, רוסן, דייטשן, יידישע פּליטים, נאָר־וואָס ניצול געוואָרענע פון טויטלאַגערן, געקומענע פון רוס־לאַנד פּילדערן. מ׳האַנדלט. פון אַ קליין רעסטאָראַנדל דערהערט זיך לוסטיק געזאַנג. דאָרט שיכורן פּאָליאַקן, דייטשן, אוקראַינער. מ׳ווילט זיך מיט דיי־טשישע „מעדכנס" אויף שויסן. די בגילופנדיקע חברה זינגען אַ יידיש־העצעריש קופּלעטל. זיי וואַרפן אַרויס אויסגעליידיקטע ביר און וואָדקע־פלע־שער. שיכורע שקצים לויפן פון דאָרט אַרויס. מאַכן אַ מהומה. צעוואָרפן יידישע ביידלעך. רויבן סחורות, שלאָגן קרעמער. קוויטשן: „דאָ פּאַלעסטיני!". דערהערנדיק דאָס זעלבע יידן־העצערישע לידל, דערמאָנט זיך מיר דער דאַמאָלסטיקער אַנגסט. ס׳לעבט אויף יענער שוידער, אימהדיקער ציטער פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס. כ׳דערמאָן זיך נאָך אַ פאַל: אויפן מינכענער טראַנספּאָרט־סטאַציע שטייען צוויי עשעלאָנען: איינער מיט עולים קיין ישראל, דער צווייטער מיט פרייוויליקע אַרבעטער קיין מצרים. לויט ידיעות פאָרן דאָרט עסטאָנער, פּאָליאַקן, אוקראַינער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן דייטשישן אָקופּאַנט. מורא האָבנדיק פאַר משפּטים, זיך רעגיסטרירט אין „אַרבעטער־באַטאַליאָנען" קיין מצרים. אויך יענע לייט האָבן פריילעך געזינגען דאָס זעלבע אַנטי־יידישע שלאַגערל. פון די עולים געחוזקט. אויף זייערע העלדזער געוויזן שעכט־צייכנס. אין יידישע וואַגאָנען אַריינגעשריגן: „אויך דאָרט וועלן מיר אייך הרגענען. צוזאַמען מיט אַראַבער קעמפן קעגן אַ יידיש פּאַלעסטיני". אַז דאָס זינגענדיקע אַראַבערל האָט מיך דערינערט די־אַ פּיינטלעך איבערגעלעבטע עפּיזאָדן, האָט זיך אין מיר געוועקט אַ פאַר־דאַכט: מעגלעך דאָס אַראַבישע גרענעצהיטערל, וואָס זינגט דאָס זעלבע יידנהעצערישע שלאַגערל, איז איינער פון יענע פּאָגראָמשטשיקעס. אָדער אַ ווערבירטע אַרבעטער, וואָס דינט פרייוויליק אין דער סורישער אַרמיי. כ׳האָב צוריק גענומען די ביקס. זי פּעסטער געהאַלטן אין האַנט. דעצידירט: אויב דער זינגער וועט נאָך עפּעס־וואָס פּראָוואָצירן, ענטפער איך מיט פייער. ווי אויף צו להכעיס האָט ער נישט אויפגעהערט זינגען דאָס אַזוי מיר דערמאָנטע קוויטשנדיק לידל. כ׳שטרענג אָן מיינע אויערן. וויל הערן ווער־טער. האָרך טאַקע אוקראַיניש לשון. ווער אויפגעטרייסלט. פאַר מיר איז קלאָר, ווער ס׳זענען אַ טייל „אַראַבישע" גרענעצהיטער.

3

די נאַכט העלט זיך. דער באַגינען קריכט אַרויס פון באַביימערטע בערג. קוסטעס. וואָס אַמאָל מער באַליכטיקט די אַרומיקע סטעפּעס באַדאָרנטע פעלדער. דער אַרום איז איינגעהילט אין אַ גרויען, נאַסלעכן נעפּל. פון נידעריקע ביימלעך, גריבלעך באַווייזן זיך אונדזערע היטער. זיי קלאַפּן פון זיך, שאָקלען אָפּ ערד־שטויב, פּאַרטריקנטע בלעטער, פּיצלעך צווייגלעך. גלייכן אויס געקאָרטשעטע רוקנס. יעדער דערציילט זיינע נאַכט־זעאונגען, דאַכ־

טונגען. איינער צווייפלט אין געהערטע פאַנטאַזיעס פון אַנדערע. ביים פרישטיק אַנטוויקלט זיך אַ שמועס. מ׳רעדט וועגן שנעלן ציוויליזאַציע־פּראָצעס אין אַראַבישע לענדער. פּערמאַנענטע יידישע גרעניצן וועגן ישראל־קיום צווישן צענדליקער מיליאָנען פיינטלעכע אַראַבער. אייביקע שנאה פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קריסטלעכן קלער; אינטערעסן פון רוסלאַנד און אַמעריקע. זייערע השפעות־גרענעצן אין נאַפטרייכע אַראַבישע מדינות. אַ יידל מיט אַ שפּיציק צוגעשוירן שוואַרץ בערדל, פּיאות, פאַרדרייטע אונטער אויערן, טאַדלט דאָס מוסרלאָזע לוקסוס־לעבן פון אַ טייל ישראל־יידן. אַ ברוינהויטיק, דאַר בחורל מיט אַ שוואַרצוויס אויסגעשטריקט קאַפּעלע אויפן קרייזלדיק באַהאַרטן קאָפּ צעשמייכלט זיינע גרינלעכע טרויבן־קאַלי־ריקע אויגן, בייזערט זיך: „זייט מוחל. איר רעדט שטויות! מ׳דאַרף האָבן אמונה. נצח ישראל לא ישקר!״.

סגן אברהם העלד קומט אַריין. איז אָנגעטאָן אין אַ באַפּלעקטן, צופּליקטן סוועטער. נערוועז, צעשטרייט מעלדעט ער: „פּאַרטאָג פּרווו איך מיין רעגלמעסיקן אויסשפּיר .רוק זיך פאַרן אַראַבישן דערפל. באַמערק פאַר־דעכטיקטע באַוועגונגען. קריך צוריק.ביידע נעכטיקע הינטישע געסט באַפאַלן מיך. בילן. שפּרינגען אויף מיר. מיט זייערע לאַפּעס צעפּליקן מיין סוועטער. האָב מורא זיי שיסן. וויל נישט פּראָוואָצירן אַן אינצידענט. האָב זעם העלן הונט געגעבן אַ קאָפּ, מיט דער ביקס־קאָלבע אין מאָל אַ כמאָל אין רעכטן אויג. ער איז געפאַלן. געמריטשעט. זיך אויפגעהויבן, אַנטלאָפן. דער טונקעלער נאָך אים. מיינע באַמערקטע פאַרדאַכטע באַוועגונגען אין דערפל האָב איך טעלעפאָניש באַלד איבערגעגעבן דער מפקדה. אינמיטן איז די פאַרבינדונג געוואָרן איבערגעריסן״. זיין נייעס איבערראַשט. פאַר אַלעמען איז קלאָר, ס׳וועט זיין אַן אָנגריף. טראָץ אינערלעכער אומרויִקייט וויצלט מען זיך. מ׳הערט נישט אויף דערציילן פּערזענלעכע איבערלעבונגען, אַנעקדאָטן .טיף אין הערצער פּיקט פּחד פאַרן דערוואַרטעטן, אומבאַוווּסטן. דערפון רעדט נישט קיינער. די שפּאַנונג האָט געדויערט אַ אומרויִקן טאָג און אַ צאַפּלדיקע נאַכט. דער דריטן פרימאָרגן, ווען דער דרויסן האָט אָנגעהויבן גרויען, בלויען, זענען די אָנגעשטרענגטע געמיטער געוואָרן לייכטער. „דער מפקד האָט סתם אויסגעפּרווט אונדזער קאַמפגרייטקייט״ — האָבן חברה זיך געקליגט. פלו־צעם דערהערט מען עטלעכע שאָסן. — „ס׳האָט זיך אָנגעהויבן״ פאַרזיכערן די זעלבע ציניקער. אַז ס׳שיסעריי האָט זיך איינגעשטילט, האָבן די זעלבע אויפסניי באַרויִקט: „ס׳איז גאָרנישט״.

נאָך עטלעכע נייגעריקע מינוטן ווערט אויפגעקלערט: מ׳האָט געכאַפּט צוויי אַריינדרינגלער און צוויי אונאַלייט, וועלכע האָבן די דיווערסאַנטן אַרי־בערגעפירט די גרענעץ. געוועזן זייערע וועגווייזער. די געכאַפּטע זענען אין צעלט נעבן היטהייזל.

כ׳איל זיי „מקבל פנים״ זיין. אויף צעבראָכענע צעמענט־בלאָקן זיצן פיר

צום באָדן געבויגענע לייט, ווי אַ ריש. איינער פון די דיוועראַנטן איז אַ העל־האָריקער. דער אונאַ־„היטער" איז אויך אַ בלאָנדער. און צוויי טונקל הויטיקע „אַראַבער" וואָס טרייסלען זיך קאָנוולסיוו. איינער הייבט דעם קאָפּ. קוקט אויף מיר מיט גלאָצישע, גלאַנציקע, בלויע אויגן. ציטערנדיק רעדט מיט מיר אין אַ גרייזיקן עברית. זיין אַקצענט איז ענלעך צו אוקראַיניש. זעט מיר אויס אַ קענטלעכער שייגעץ, ענלעך צו דעם, וואָס האָט מיך געשלאָגן אין שטשעטשין. קען זיך נישט דערינערן געניי. מעגלעך גאָר דער, וואָס האָט פון טראַנספּאָרט־וואַגאָן אין מינכן געוואָרנט, געדראָט אונדז הרגענען. געוויזן שחיטה־צייכנס איבער זיין האַלדז. איך רעד צו אים רוסיש: „ביסטו געווען אין שטשעטשין ?. אפשר גאָר אין מינכן ?". זיינע אויגן צעפינקלען זיך. כ'קוק אויף אים. אויף זיין האַלדז זע איך אַ זילבערן צלמל. כ'טראַכט: אין שטשעטשין האָבן מיך די זעלבע חברה געשלאָגן. געמריטשעט: „דאָ פּאַלעסטיני! — פּראָקלאַטי זשיד!". כ'האָב זיי געפּאַלגט. אין מינכען האָבן די זעלבע באַנדעס געוואָרנט, זיי פאָרן קעמפן מיט אונדז. האָבן מקיים געווען זייער צוזאָג. „פאַרוואָס ביסטו דאָ געקומען העלפן די אַראַבער ?. זיי האָבן חזקה־טענות. אפשר וועלן מיר מיט זיי אַמאָל, אַמאָל דורכקומען. וואָס פאַר אַ טענות, תביעות האָט איר דאָ צו אונדז ?", פרעג איך. ביידע געפאַנגענע „אַראַבער" האָבן געבויגן זייערע לאַנג־באַהאָרטע קעפּ. איינער פון די אונאַ־לייט מיט אַ העלווייסיק געשוואָלן פּנים, אונטערגעהאַקטע אויגן האָט זיך געררויטלט. דעם קאָפּ געבויגן צום שטיינדלדיקן מדבר־באָדן.

אונדזער מפקד, אברהם העלד, האָט יעדן באַזונדער פון די „אינטער־נאַציאָנאַלע גרענעצהיטער" און „אַראַבער"־דיוועראַנטן געהויבן די קעפּ. זיי אויפגעשטעלט, פאַרבונדן די אויגן, געשלאָסן די הענט, אַריינגעשטופּט אין אַ צה"ל־דזשיפּ.

פון סורישן דערפל זענען אָנגעלאָפן אַ כאַפּטע פעטע, העלע און טונקעלע הינט. האָבן אויף אונדז געבילט, געוואָיעט, געריטשעט אַזוי לאַנג ביז דער שטויב פון שנעל אָוועקפאָרנדיקן דזשיפּ מיט די געכאַפּטע איז נעלם גע־וואָרן אין זוניקן פרימאָרגן.

„שיסן ?", האָט געפרעגט דער מיטן קאַצעט־נומער אויף דער האַנט.

אברהם האָט זיך געבייזערט: „צוליבן בילן ?. אַז זיי וועלן אָנפאַלן וועט איר שיסן און דאָס בלויז נאָך אַ באַפעל. פאַרשטאַנען ?".

אַפּוּוייכונג

א
קנאה

1

יעדן פרימאָרגן פלעגט רותי, ד״ר ברוך רעטערס טאָכטער, שטיל, רעספּעקטפול אַרײַנגיין אין פּאָטערס טונקל קאַבינעטל. געקושט זײַנע בלוי־לעכע, דיקע ליפּן. שמייכלענדיק געזאָגט „שלום״. איז אַרויס. געפאָרן אין תל־אביבער אוניווערסיטעט לערנען ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע.

אויף דעם טונקעלן, הימל־פאַרוואָלקנטן דינסטיק אינדערפרי האָט זי פאָרזיכטיק, פּאַמעלעך געעפנט ס׳גלאָזיקע טירל. געוואָלט זיך געזעגענען. דערשטוינט באַמערקט איר פּאָטער איז שוין אַוועק. אין אַנטקעגנדיקן, אָפענעם שלאָפצימער אַרײַנגעשריגן: „אמא!, ווען איז דער אבא געגאַנגען צו דער אַרבעט?״.

„מיך פרעגסטו?. ער זאָגט דען, ווען ער גייט?. קענסט נעבעך נישט דײַן טאָטן?״. צו זיך גערעדט: „אַ טשודאַק. פּאָפּט אַליין אין אויפנאַמצימערל. קומט פון קופּת חולים, פאַרמאַכט ער זיך דאָרטן. עסט אַליין זײַנע רויע גריב־וואַרג־גערעכטצן און שרײַבט ביז האַלבע נעכט. אויך מיר אַ מאַן צום טיש״.

אייניקע ווערטער האָבן רותין אויפגערעגט. איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט, באַזאָרגט, דענערווירט. נאָך אַמאָל אַרײַנגעבליקט אין קליינעם שטיבל. איז אַרײַן. אומעטיק זיך אַרומגעקוקט אויף ביידע, ברייטע, ביזן סופיט ביכער־שענק, אויף די דיקשטאָפּיקע, ברוינע, זילבער־געבלומטע גאַרדינען,אויף עטלעכע שוואַרץ אויף ווײַס געצייכנטע שרײַבער און מוזיקער־פּאָרטרעטן. טשיקאַווע אין אַלץ זיך אײַנגעקוקט, גלײַך זי זעט זיי ס׳ערשטע מאָל. געדרייט, ווי זי וואָלט עפּעס וואָס געזוכט. אויפן ברייטן, ברוינהילצערן שרײַבטיש באַמערקט דעם פּאָטערס גאָלדיק־באַרעמטע ברילן ליגן אויף אַ באַשריבן זייטל פּאַפּיר. האָט נײַגעריק געלייענט:

„קנאה רייצט, רעגט אָן אַ ווייטיקלעכן פאַרדראָס, וועקט תאווה־געפילן צו דערגרייכונגען. ווייניק באַגערער זענען זוכה ס׳זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן זייערע טרוימען, פאַנטאַסטישע שטרעבונגען, האָפענונגען.

אָן אמונה אין אייגענע כוחות, אָן האַרטנעקיקן רצון, געדולדיקן אויס־דויער; אָן ליידנפעיקייט, אָפּפער־גרייטקייט, גליקלעכע צופאַלן און אָן פריינטלעכער הילף, האָט נאָך קיין איין חלומשפינער נישט זוכה געווען — אַפילו יחידי סגולהדיקע, באַגאַבטע, טאַלאַנטירטע נאַטורן — רעאַליזירן

זיינע וויזיאָנערישע פּלענער. אָפּטמאַל פּאַסירט: קנאַהדיקע קעגנערשאַפט דערדריקט, פאַרשטיקט גייסטיקע פּאַטענץ ביי מיטלמעסיקע שעפער, זעלטן אויך אין שאַרפמוחיקע, גרויס־נשמהדיקע קינסטלער.

ווי, ווי, זיבן מאָל ווי, צו שוואַכע מענטשן, צווייפלער, סקעפּטיקער, נישט קאָמפּספעיִקע באַקעמפטע פון פאַרביסענע, האַסיקע שונאים־שטערער. זייער לעבן איז אַ קרייזיק־פאַרשלאָסענע קייט פון טראַגישע דורכפאַלן. אייניקע גאָר פאַרזינקען אין אַנטופּיקע פּיין־אָפּגרונטן.

די־אַ תמיד פאַרמרהשחורהט־אומגליקלעכע, — צוריקגעשטויסענע און פאַרשטויסענע באַצאָלן אַ טייערן לעבנס־פּרייז פאַר זייערע נישט רעאַלי־זירטע, ליידנשאַפטלעכע טרוימבאַגערן, פאַנטאַזיע־פּלענער, ווערן געפּייניקט פון קנאַהקע געפילן, ווייטיקלעכע פאַרדראָסן. דער עיקר: קנאַה־לייט, וואָס פאַרשוועדן געלטער צו פירן אַ לוקסוס־לעבן, זענען סכנותפול פאַר אונדזער נאָך נישט סטאַביליזירטערווירטשאַפט, פאַר אונדזער קיום־באַדראָטער מדינה.

תל־אביב, מאָנטיק 13.11.75"

רותיס אויגן האָבן זיך טרעריק צעגלאַנצט. דעם פאָטערס פאַרצייכענונג צוריקגעלייגט אויפן זעלבן אָרט. אויך די ברילן פּינקטלעך געלייגט אויפן נאָטיץ־טיטל „קנאה". צו דער מוטער אַריינגעשריגן: „שלום!". אונטער זיך בעסיק פאַרהאַקט די טיר. איז אַרויס צעשטרייט, געאיילט. מיט אַ ראָזטיכל געווישט אירע רויטלעכע, פייכטע אויגן.

2

מיד, אויסגעשעפּט, נערוועיִש איז ד"ר ברוך רעטער צוריקגעקומען פון פאַרמיטאָגדיקע אַמטשעהען אין רמת־גנער קופת חולים־אַמבולאַטאָריע. ווי יעדן טאָג געמאַכט אַ קאַלטן דוש. אָנגעטאָן דעם גראַנאַטענעם, זילבער־קאַליריק־געבלומטן שלאַפראָק. געזעצט צום שרייבטישל. דאָס ליגנדיקע פאַר אים בלעטל מיט זיינע ביינאַכט אייליק־פאַרצייכנטע געדאַנקען פאַר־טיפט געלייענט. קאָנטראָלירט יעדעס וואָרט און עס צוגעלייגט צו די באַשריבענע פּאַפּיר־זייטלעך — זיינע נאָטירטע טאָג־איבערלעבונגען, רעפ־לעקסן. ער האָט זיך פאַרדמיונט. דעם ליסענעם קאָפּ, בלאָנד־באַהאָרט איןביידע פאַר די אויער־זייטן, אָנגעלענט אויף דיקלעכע, העלבאַהאָרטע, גע־פויסטע דלאָניעס. נערוועיִש געשאָקלט, באַוועגט דעם קאָפּ. אַזוי געזעסן אייניקע מינוט. פאַרמאַכט די אויגן. געטראַכט. געוואָרן מיד, שלעפעריק. געדרימלט. עטלעכע מאָל זיך צעטרייסלט. אויפגעציטערט. נערוועיִש גע־קולטת, ווי וועמען געדראָט. טיף אָפּגעזיפצט. זיך אויפגעוועקט. ווידער געדרימלט. נאָך אייניקע מינוט זיך אויפגעכאַפּט, לייכט געשמייכלט, ראַפּטום זיך אויפגעשטעלט פון דעם שוואַרצלעדערנעם פאָטעל. איז אַריין

אין קיך. נאָך אַ ווײַלע אין קאַבינעטל אַרײַנגעבראַכט געוואַשענע עפּל. אַ האַלב גלאָז אָפּגעשיילטע ווײַסלעכע מאַנדלען — זײַן וועגעטאַריש מיטאָג, וואָס ער עסט אַליין און דאָס שוין יאָרן.

אײַליק איז אַרײַנגעקומען רותי, אַ גראַציעז זיך באַוועגנדיק, הויך, שלאַנק, באַחנט, בלאָנדהאָריק מיידל. מיט אירע גרויסע, בלויע אויגן דעם פֿאָטער אָנגעקוקט פֿאַרזאָרגט: „אַבאַ, וואָס האָסטו אַזוי געשריגן? נאָכדעם געלאַכט. ס׳האָט זיך דיר עפּעס געחלומט? ביסט גוט געשלאָפֿן״.

ער האָט זי אָנגעקוקט באַדויערנדיק. געשוויגן. רותי האָט אים דער־לאַנגט אַ פּעקל בריוו, זשורנאַלן, אײַנלאַדונגען, צירקולאַרן, פּראָספּעקטן פֿון מעדיצין־פֿאַבריקן, וואָס רעקאָמענדירן נײַ־אויסגעאַרבעטע מעדיקאַמענטן, אַ פּעקל פֿאַכמעניש־מעדיצינישע, פּעריאָדישע אויסגאַבן, געשיקטע פֿון דאָק־טוירים־פֿאַרבאַנד.

ד״ר ברוך רעטער האָט שנעל איבערגעלייענט די בריוו. אויף זייערע ראַנדן פֿאַרצייכנט טעזן צו ענטפֿערס. די מעדיצינישע זשורנאַלן, פּראָס־פּעקטן איבערגעבליקט די אינהאַלטן, געשמייכלט ציניש. זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין אָפּפֿאַל־קײַשל. באַמערקט „שטויות״.

„אַבאַ״, האָט רותי זיך געוווּנדערט: „זעסט אויס בלאַס, דערשעפּט״.

ער האָט זי באַרויִקט: „גאָרנישט באַזונדערס. געפֿילט זיך מיד. אַביסל געדרימלט״.

„פֿאַרוואָס האָסטו געלאַכט? געשריגן?״.

„אָ, יאָ״, האָט ער געשמייכלט: „געהאַט אַן אָנגענעמענעם חלום. פּראָ־פֿעסאָר ישראל גאָלדמאַן, מיט וועלכן כ׳האָב דיך באַקאַנט יענע וואָך, איז אַ פֿריידיקער צו מיר געקומען. מיך האַרציק באַגריסט. דערציילט אַ בשורה: די לייטונג פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט־פֿאַרלאַג האָט באַשלאָסן צו פֿאַר־עפֿנטלעכן מײַן פֿאָרש־אַרבעט וועגן פּאָזיטיווע ווירקונגען אויפֿן מענטשלעכן קערפּער, גייסט, נערוונסיסטעם, אויב זיי ווערן געשפּײַזט מיט רויע פּרוכט, גרינוואַרג, נאַטירלעכן אײַווײַסל״. ער האָט נחתדיק געשטראַלט. איר דער־קלערט: די הויפּט־סיבות פֿון רוב קראַנקייטן איז געברויכן פֿלייש פֿון געטויטע בהמות, עופֿות, פֿיש. זייער בלוט, אָפּטמאָל קראַנק, איז שעדלעך. פֿריידיק, צופֿרידנדיק דערציילט, מ׳וועט אים אײַנלאַדן רעפֿערירן אויף אַ נאַטורהייל־טעמע. גאָלדמאַן מוטיקט אים, אַז דאָס בוך וועט האָבן דערפֿאָלג. גלייבט אויך, די פֿאָרשונג וועט אָנערקענט ווערן פֿון מלוכיש־עקזאַמישן אינסטיטוט. מעגלעך אויך געלערנט ווערן אין די הויכשולן. דער פּראָפֿעסאָר דריקט אויס האָפֿענונג, די וויסנשאַפֿטלעכע אַרגומענטאַציע וועט איבער־צייגן פֿיל געלערנטע. זיי ווידער וועלן ווירקן אויף אַ באַדייטנדיקער טייל באַפֿעלקערונג, אויפֿצוהערן געברויכן פֿלייש, פֿיש. דאָס וועט דער מלוכה אײַנשפּאָרן דאָלאַרן, געזונטער מאַכן גרויסע טיילן פֿאָלק. רעטער האָט פֿאַרגעסן, אַז אַלץ איז געווען חלום און פֿריידיק אויסגערופֿן: „די בשורה

מוטיקט מיך!. מײַן לעבנס־טרוים וועט ווערן פֿאַרווירקלעכט״. און באַלד געזאָגט: „נאָכדעם האָט זיך מיר געחלומט: דײַן מאַמע איז״... און פּלוצעם אויפֿגעהערט דערציילן דעם צווייטן חלום. ער האָט זיך מיטן ווײַב געזעגנט. איז מכלומרשט אַוועקגעפֿאָרן קיין ירושלים אויף אַ צוויי טאָגיקן דאָקטוירים־צוזאַמענפֿאָר. דעם זעלבן אָוונט, אַ זייגער עלף, דיסקרעט צוריקגעקומען. אומבאַמערקט, שטיל אַרײַן אין קאַבינעט. נישט אָנגעצינדן ס׳ליכט און דורך דער אַביסל אָפֿענער סאַלאָן־טיר געזען גענוי: זײַן ווײַב זיצט אויפֿן שויס פֿון איר געליבטן, סעוועק פֿײַנשטיין. זי קושן זיך. מ׳גלעט זיך לײַדנ־שאַפֿטלעך. דענערוווירט איז ער אַרײַן אין סאַלאָן. געשריגן: „זונה!. כ׳האָב אײַך געפּאַקט!״ זײַן ווײַב האָט ספּאַזמירט. סעוועק האָט שנעל אַרײַנגערוקט ס׳העמד אין די הויזן. זיך צוגעקנעפּלט. איז אַנטלאָפֿן. דעם־אַ נישט־דער־ציילטן חלום האָט רעטער באַשלאָסן צו פֿאַרצייכענען אין טאָגביכל. זײַנע ברוינע אויגן האָבן זיך געפֿייכט, טרויעריק צעגלאַנצט. ער האָט רותיס קאָפּ געגלעט, געשעפּטשעט: „ליב קינד. פֿרעג נישט מער. נישט אַלץ קען איך דיר דערציילן״. טיף געזיפֿצט: „אַזוי איז מײַן גורל״.

רותי איז תמיד נײַגעריק אונטערצוהערן אָפּטע, קולותדיקע קריגערײַען, נערוועזישע ווערטער־אויסטוישן צווישן איר פֿאָטער און מוטער. זי ווייסט זייערע קעגנזײַטיקע חשד־פֿאַרוווּרפֿן. זי האָט פֿאַרשטאַנען דעם פֿאָטערס חרטה און זײַן נישט וועלן איר דערציילן דעם צווייטן, מן הסתם, טרויעריקן חלום. אין אירע צעפֿינקלטע אויגן האָבן אויפֿגעבלישטשעט טרערן, וואָס האָבן רותין פֿאַרנעפּלט דעם פֿאָטערס טריב פּנים. איר האַרץ האָט געווײ־טיקט. געוווּען טיף גערירט. מיטגעפֿילט זײַנע האָפֿענונגען און שווערע איבערלעבונגען.

„אַבעלע״, האָט זי לײַכט־העשנדיק, באַמערקט: „כ׳קען דיך. ביסט דאָך אַ לאַגישער, תמיד דענקענדיקער מאַן. האָסט קיין מאָל נישט געגלייבט אין פֿאַנאַטישער באַשערטקייט. תמיד לאָכסטו אויס אַבערגלויבן. לעצטנס באַמערק איך בײַ דיר מיסטישע נייגונגען. פֿאַרצייכנסט אַדרעסן, ווו ס׳קומען פֿאָר ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן. כ׳באַמערק: אין אַלע דערהאַלטענע צײַט־שריפֿטן, אין פּרײַטיקדיקע צײַטונג־בײַלאַגן לייענסטו קודם די אויסגע־טראַכטע, ליגנערישע האָראָסקאָפּ־„פֿאַרויסזעוונגען״. בײַנאַכט רעדסטו פֿון שלאָף. חלומסט אַוודאי. אויך בײַטאָג ביסטו פֿאַרטרוימט אין זיך, מיט זיך. טײלמאָל הערסטו גאָרנישט, וואָס מ׳רעדט צו דיר. אַדרבא. כ׳בין דאָך שוין מער נישט קיין קינד. פֿאַרשטיי שוין אַביסל דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע, אין מערסטנפֿאַלן פֿײַנפֿול לעבן. דײַן מאָדנע אַרט אויסנאַמלעך זיך אויפֿפֿירן מאַטערט מיך. זאָג מיר. וואָס פּײַניקט דיך?״

בשעתן אויסהערן רותיס רייד איז רעטער געשטאַנען פֿאַר זײַן שוואַרצ־געצייכנטן פֿאַרטרעט. ווי ס׳ערשטע מאָל גענוי באַקוקט זײַנע כאַראַקטער־שטריכן. זיי באַדויערנדיק קאָנטראָלירט. „יאָ״, זיך אויסגעדרייט צו זײַן

טאָכטער. טיף געאָטעמט. געשעפּטשעט: „שווער אויסצוהאַלטן אַ פיינלעכן נסיון״. איר נישט דערציילט דעם צווייטן חלום, אין וועלכן ער גלייבט אין זיין ווייבס פאַרראַט מיטן ווייבערניק, סעוועק פיינשטיין. דאָס מאָל רותין נישט פאַרטרויט אַז איר מוטערס פאַלשע באַציונג צו אים עגבערט זיין מוח, באַאומרויִקט אים ביז אָפּטמאָליק ווערן צעשטרייט.

„ווי געפעלט דיר מיין ניי קלייד?״, האָט ס׳מיידל אים פאַררעדט: „האָסט עס אַפילו נישט באַמערקט. נישט געוווּנטשן תתחדשי״. ווי אַ מאָדעלקע זיך עטלעכע מאָל שנעל געדרייט. ס׳קליידל געוויזן פון פאָרנט, הינטן. רעטער האָט גרימאַסיק באַקוקט דאָס ניי־געקויפטע, ראָזלעך־קאָליריק, דינשטאָפיק קליידל, וואָס איז אויף רותיס הויכן, פרוייִש־רייפן קערפער געווען אָנגעצויגן, ווי אַ צווייטע ראָזע הויט, אַרויסגעצייכנט אירע רונדיק־האַרמאָנישע היפטן, פיינגעפורעמטע פיסלעך און הויכקנאַפלדיקע, שוואַרצגלאַנציקע לאַקערקעס. בולט געמאַכט די פון זון פאַרברוינטע, רונדיק־געטאָקטע אַקסלען, אַ האַלבע, גלאַנציקע, בלוטשפראָצנדיקע פלייצע. אַ היפש רייצפול־מאָנענדיקע, רייפגעוואָרענע, שוין העזיק־אויסגעשפּיצלטע ברוסטקיילעכלעך, ווי זאַפטפולע אשכוליות. ער האָט זי דורכדרינגלעך באַטראַכט. פאַרדראָסיק באַמערקט: „דיין מיניאַטור־קליידל איז שיין. באמת וווּנדערבאַר. ס׳זעט אויס ווי אַ באַגאַבטער מאָדע־צייכענער וואָלט עס אויספאַנטאַזירט ספּעציעל פאַר דיין געראָטענער פיגור. רותי, מיר אָבער געפעלט עס נישט. ס׳איז נישט לויט מיין פשוטן געשמאַק. ס׳פאַרדעקט דאָך בלויז אַ דריטל פון דיין קערפער. פאַרשטיי. נישט אַלע דיינע שיינע גלידער, וואָס די נאַטור האָט דיר געשענקט, זיי האַרמאָניש־פינקטלעך צוזאַמענגעפאַסט, אידעאַל אַנטוויקלט, דאַרפסטו אַנטבלויזן פאַר אַלע גאַסנגייער. לויט מיין מיינונג דאַרפסטו זיך קליידן באַשיידענער, נישט אַזוי ווי די אויסדעקאָלטירטע ווייבער, וואָס גאַרן וועקן רייצפולע סעקס־געפילן ביי נאָכקוקנדיקע, תאווהלעכצנדיקע מענער״.

„אַבא״, האָט רותי זיך פאַררויטלט, פון אים דערווייטערט, פאַרענטפערט: „פאַרשטיי. אַלע מיינע אוניווערסיטעט־חברטעס אין אונדזער ליטעראַטור־קרייז האָבן שוין מיט אַ יאָר צוריק געטראָגן נאָך מער דעקאָלטירטע קליידער. אַזוי איז דאָך די מאָדע. קען איך זיין אויסנאַמלעך? באַזונדערס די אמאָ האָט דעם מוסטער אויסגעקליבן אין „כמוני״־באָטיק. צו דעם קליידל מיך צוגערעדט, געקויפט״.

„דיין מאַמעס געשמאַק!. אירע עצות״, האָט ד״ר רעטער נערוועיִש זיך געדרייט אויפן שטיקל קאַבינעט־דיל, צווישן צוויי גרויסע פאָליצעס ביכער, וואָס האָבן פאַרשטעלט ביידע דרום און צפון־ווענטלעך, געקלערט דאָס צימערל, אין וועלכן די קנאַפע ליכט איז תמיד געווען ווי באַגינענדיק אָדער דעמערדיק־פאַרנאַכטיק. רעטער האָט אויסגעזען, גלייך ער ראַנגלט זיך מיט אַ ישוב־הדעת. היין און צוריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיך געזעצט אויף דער ברוינער געלבלעך־באַבלומטער סאָפע נעבן מערב־פענצטער,

פאַרהאָנגען פון סופיט ביזן דיל, מיט ברויז־קאָלירקע גאַרדינען. רותין אָנגעקוקט לייכט־צופרידנדיק. געזאָגט: „ביסט אויסגעוואַקסן שיין, וווּנדערבאַר. אין דעם נייעם קליידל זעסטו אויס ווי אַ מלאך. אָבער״, געוואָרן ערנסט: „טייער קינד, פאַרשטיי. דאַרפסט זיך רעכענען מיט מיינע מיינונגען צו לעבן איינפאַך. ספּעציעל דו דאַרפסט זיך נישט קליידן אַזוי רעשיק. פאַרגעס נישט דיין שטאַנד״.

ער האָט רותין געהייסן זעצן נעבן זיך. זי אַרומגענומען. זיינע וואַרעמע הענט אַרויפגעלייגט אויף אירע אַנטבלויזטע, הייסע אַקסלען. זי געגלעט. געקושט דעם הויכן שטערן, די פינגער אַריינגעשטעקט אין אירע בלאָנדע, רעדלדיק־געלאָקטע האָר. אין איר אַריינגערעדט:

„האָסט מיך געפרעגט, וואָס מיך באַאומרויִקט? נישט איין פּראָבלעם מאַטערט מיך. וועל איך דיר דערציילן איין צרה: ביז מיטאָג היינט באַהאַנדלט 38 פּאַציענטן. אייניקע שווער קראַנקע. דאָס איז דאָך אומזיניק!״ איר דערקלערט די פיזישע מעגלעכלאָזיקייט בלויז אויסצוהערן 38 ליידנדיקע מענטשן, וואָס וואַרטן חדשים צו באַקומען אַ מעגלעכקייט ער זאָל זיי אויפנעמען. יעדער פּאַציענט האָפט צו באַקומען וווּנדער־רפואות, ריכטיקע אָנווייזונגען ווי אַזוי לעבן, גלייבן דאָס וועט זיי לינדערן די יסורים, אויסהיילן זייערע מחלות. די מערהייט, וועלכע ער באַהאַנדלט טאָגטעגלעך, ליידן פון איבערלאַסטן זייערע פאַרדייאונגס־אברים. עסן גרויסע קוואַנטומס פּראָדוקטן. רוב פון זיי — געברויכטע שפּייזן זענען פעטע, זיסע, קאָמפּאָנירט־געפּרעגלטע פליישן, פיש, קאָנסערווירטע וויטאַמינלאָזע גרינוואַרג, פּרוכטן. אין זיי זענען פאַראַן כעמיקאַלן, וואָס ביסלעכווייז סמען דעם גוף. מיט עטלעכע פאַסט־טעג וואָלט ער אַ באַדייטנדיקן טייל אויסגעהיילט. די איבעריקע, כראָניש־ליידנדיקע, וואָלטן געלינדערט זייערע פּערמאַנענטע ליידן. ער וואָלט זיי אויך פאַראָרדנט שטרענגע דיעטעס: עסן בלויז רויע פּרוכטן, גרינוואַרג, נאַטירלעכע איווייס. זיי געהייסן יעדן טאָג מאַכן פיזישע איבונגען, עטלעכע קילאָמעטערדיקע שפּאַצירן. די רוב טאָג־שעהען זיין אויף דער לופט, זון. דער עיקר אויסמיידן אויפרעגונג, שפּאַנונג. דער־אָ מערווייניק נאַטירלעכער, באַשיידענער לעבנסאַרט וואָלט זיי זיכער מער געהאָלפן ווי די פאַרשידענע כעמישע טאַבלעטן, סמיקע פּליסיקייטן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צעשפּרייט די הענט. מיט אַ איבערצייגנדיקע זיכערקייט באַטאָנט: „מיר, דאָקטוירים, האָבן זיך אויסגעלערנט היילן מיט ,רפואות׳, באַשריבענע אין אַלטע אַלע מאָל באַנייטע מעדיצין־ביכער, ,נייע דערפינדונגען׳, רעקאָמענדירטע פון דאָקטוירים־מעקלער, גוט־באַצאָלטע פון די רעצעפּטן־פאַבריקאַנטן״. גלעטנדיק רותיס קאָפּ, אירע ווייכע האָר־רעדלעך פּאַטעטיש פאָרגעזעצט: „אויך איך, מעדיצין־דאָקטאָר אין קופּת חולים, באַקום אַ גוטן געהאַלט פאַר בלויז פאַרשרייבן רעצעפּטן: פּליסיקע און פאַרשידנקאָלירקע טאַבלעטלעך, רעקאָמענדירטע פון קופּת

חולים־פאַבריקן. דאָס טו איך צוויי מאָל אין טאָג קעגן מיינע איבערצייגונ־גען, אַז זיי זענען כמעט ווירקזאַמלאָז. כ׳ווירק קעגן מיין געוויסן״.

ער האָט אין איר אַריינגערעדט, געעפנט זיינע צוויפלונגען אין דער לעצט־מאָדערנער מעדיצין־וויסנשאַפט. שטאַנדהאַפטיק פעסטגעשטעלט: די מאָדערנע כירורגיע איז נישט מבטל צו מאַכן. בלויז זי האָט פאָרגעשריטן. אָבער די מכלומרשטע, ניי־דערפינדענע היילמיטלען האָבן נאָך קיין איין מעדיקער נישט איבערצייגט, אַז זיי וואָרצלען אויס שוין טויזנט־יאָריקע מחלות. אפשר לינדערן זיי, און דאָס בלויז צייטווייליק, פלאָגנדיקע ליידן ביי כראָניש־קראַנקע. „מיינע נייע אָנשויונגען מאַטערן מיך״ האָט ער זיך מתוודה געווען: „איך לעב קעגן מיין געוויסן!. מיך פייניקט אַ דילעמע: שריפטלעך פאַרעפנטלעכן מיינע מיינונגען איז אַ ריזיקע. מ׳קען מיך אָפּ־זאָגן פון פאָסטן. רותי, פאַרשטיי, צו קעמפן קעגן דורות־איינגעפונדעוועטע, אין מענטשן־אַיינגעוואָרצלטע אמונות אין דער הילפסמעגלעכקייט פון דאָק־טוירים און זייערע כעמישע רפואות איז נישט פשוט. גאָר ריזיקאַליש איז אָנגרייפן די אַלע, וואָס דערנערן זיך פון דער אַלטער מעדיצינישער לערע״.

איר שטיל פאַרטרויט, ער וואָלט גערן דעמיסיאָנירט פון זיין אַמט. גלויבט מער נישט אין דער ווירקזאַמקייט פון זיין אופן קורירן די פאַציענטן. איז ער אָבער פאַרקנעכטעט צו די איבערגעטריבענע שטוב־אויסגאַבן. „דיין מאַמעלע לייגט אויף מיר אַרויף אַ גרויסן פינאַנסיעלן לאַסט. פאַר וואָס טוט זי דאָס? זי וויל נישט בלייבן אונטערשטעליק פון שכנים, חברטעס. ווי אַנדערע היגע ווייבער ליידט זי פון קנאָה־קאָמפּלעקסן. טענהט: ,ס׳איז ביי יענעם שענער׳. ,דער מכולתניק איציק פעלשער לעבט בעסער. זיין ווייב זעט אויס ווי אַ גרעפין׳. אָהאָ! ווי דיין מאַמעלע איז אַ מומחית צו פאַרשווענדן געלטער. אַלע מאָל קויפט זי נייע קליידער, שוכוואַרג. נוצט זיי אַביסל און וואַרפט אַוועק נאָך גאַנצע, נוצבאַרע וועש, בלוזקעס, ראָקן און שוך. טייל זאַכן צעטיילט זי גאָר. דאָס איז ביי איר אויך אַ מין קראַנקייט. שוין עטלעכע מאָל געטוישט דיוואַנען ,גאַרדינען, זשיראַנדעלן. האַלט אין איין ברענגען פעקלעך קאָסמעטישע מיטלען, און דאָס בלויז אויסלענדישע. רותקעלע, דערצייל איר נישט. כ׳האָב זיך געענוי דערוווּסט, געהיים זאַמלט זי געלט. פלאַנירט אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד. מ׳זאָגט מיט דעם דזשינדזשי, סעוועק פיינשטיין. דו ווייסט? ער האָט זיך שוין צוויי מאָל געגט. אויך יעצט וויל ער זיך גטן מיט דער קראַנקן־שוועסטער״.

רותיס פנים האָט זיך צעפלאַמט. מיטן פאָטערס שלאָפראָק געווישט אַ רינענדיקע טרער איבער איר רעכטער באַק. ער האָט נישט אויפגעהערט אין איר אַריינרעדן, אייניקע מאָל איבערגעחזרט, אַז צוליבן פאַרקנעכטונג צו איבערגעטריבענע שטוב־אויסגאַבן און איר שטודירן דערלויבט ער זיך נישט ריזיקירן צו דעמיסיאָנירן פון קופּת־חולים. זיך פאַרקלאָגט, טראָץ זיין גוטן געהאַלט און איינקונפטן פון פריוואַטע וויזיטן דעקט דאָס אַלץ נישט די לוקסוסדיקע שטוב־אויסגאַבן. ר׳איז געוואָרן אַ בעל־חוב.

„אַ קינד מיינס", נערוועזיש זיך געדרייט אין קאַבינעטל. מיט די קורצע הענט זשעסטיקולירט. גערעדט און גערעדט: אים מאַטערט. אַנשטאָט זיינע ליידנדיקע פּאַציענטן זאָגן דעם אמת, אויפקלערן די סיבות פון זייערע מיחושן, געבן זיי ריכטיקע אָנווייזונגען, צו לעבן נאַטירלעך, פאַרהוילט ער דעם אמת פון די־אָ אומגליקלעכע. „כ'לעב פון ליגנט!", האָט ער פּאַטעטיש אויסגערופן: „אַלע דאָ אין שטוב לעבן פון מיין אָפּנאַרן ליידנדיקע". רותין אויפסניי אויפגעקלערט: אַלע איבערגעטריבענע זאַכן זענען שטאַנדהאַפט־לאָז. ער ווייסט, איז איבערצייגט, איבעררייסן מיטן קופּת־חולים, אויפהערן נעמען אָן אומזיסטן, שווינדלערישן געהאַלט, וועט משפיע זיין אויפן משפּחה־לעבן. „די ערשטע וועט אַנטלויפן דיין מאַמעלע. און וואָס וועט זיין מיט דיין שטודיום?".

רותי האָט דעם פאָטער אָנגעקוקט באַדויערנדיק. נאָך קיין מאָל אים נישט געזען אין אַזאַ טרויעריקן, צעשטרייטן געמיט־צושטאַנד. תמיד פלעגט רעטער צו רותין רעדן ווייך, זיכער. זיין יעצטיקע דערשלאָגנקייט האָט זי צעווייטיקט. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. מיטן פאָטערס רעכטן שלאָפראָק־עק פאַרדעקט אירע האַלב־אַנטבלויזטע ברוסטלעך. זי וואָלט גערן זיך אין גאַנצן פאַרהילט. געהאַט חרטה וואָס זי איז מסכים געווען זיך קויפן אַזאַ איבערטריבן־דעקאָלטירט קליידל. געמיינט דאָס איז דער גורם פון פאָטערס השתפכות הנפש. זיין באַטריבטקייט האָט איר טיף געצערט, דערשלאָגן. אים געבעטן: „אַבאַלע, רו זיך אויס. איך דאַרף אָנשרייבן אַ חיבור א. ד. ט.: ,סורעאַליסטישע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור'. דאַרפסט זיך אויסרוען".

רעטערס אויגן האָבן זיך גלאַנציק צעצינדן. איז געוואָרן אַביסל אויפ־געהייטערט. „רותקהלע, מוזט אויסהערן נאָך איין אינטערעסאַנטן פאַל". איר ווידער איבערגעחזרט זיינע איבערצייגונגען, אמונה אין דער פּאָזיטיווער ווירקזאַמקייט צו לעבן נאַטירלעך, באַשיידן, רויק. אַלס ביישפּיל איר דער־ציילט: פּראָפעסאָר אורציון קלוגמאַן, פּסיכאָלאָג־רעפערענט אין ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט זיך פאַר אים פאַרקלאָגט אויף פאַרדייאונגס־שטערונ־גען, ווייטאָגן אין מאָגן־גריבל, ברענונגען, פאַרשטאָפּונג, אַפּעטיטלאָזיקייט, מידקייט, קאָפּווייטאָגן, שווינדלעניש און אָפּטמאָל אויסברעכן ס'עסן. רענט־גען־אויפנאַמעס האָבן ביי מעדיצין־פּראָפעסאָרן, אויך ביי קלוגמאַנען — ער האָט אויך געענדיקט אַ מעדיצין פאַקולטעט — געוועקט חשד, ער ליידט אויף אָן אָנפאַנגס־סטאַדיום פון אַ קרעבס־געוויקס אין אויבערשטן מאָגן־טייל. די חשד־השערה האָט דעם שאַרפמוחיקן פּראָפעסאָר גייסטיק צע־שטרייט. נאָך מער פאַרשאַרפט זיינע ליידן. אַפילו פאַרגרעסערטע קוואַנטומס מאָרפיום, רענטגען־שטראַלונגען האָבן מער נישט געגרינגערט זיינע יסורים. די פעסטגעשטעלטע „דיאַגנאָזע" האָט אַפילו אים געשטערט פאַר סטודענטן פאַרלייענען זיינע אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע לעקציעס, ליטעראַטור־

פאַרטראַגן. קלוגמאַנס אַמאָליקע שפּאַנענדיקע רעפּעראַטן האָבן אַנגעהויבן ווערן נישט אינטערעסאַנט, געלאַנגווייליקט. זיינע קריטישע מיינונגען זענען מער נישט געווען שאַרפזיניק, בליציק. זעלטן ווען האָט ער נאָך געזאָגט אַן אָריגינעלן געדאַנק. אָבער אויך גאָר פאַרנעפּלט, ווייניק באַגרינדעט. רוב ציטירטע טעקסטן פון פּסיכאָלאָגן, קונסט־קריטיקער און פּראָזע־מחברים זענען געווען נישט אויפן אָרט. פאַרן דערוויסן זיך די „דיאַגנאָזע", וואָס האָט גורם געווען ווערן מער קראַנק, האָט קלוגמאַן געשיינט בעתן רעפערירן מיט אַן אָריגינעל, פאַרביק, מעטאַפאָרישער שפּראַך, טרעפלעכע פאַרגלייכן, אַנאַלאָגיעס, אַנאַליטישע אויספירונגען. אָפט מאָל זיך אויפגעשטעלט פון בענקל פאַרן טישל. הין און צוריק געשפּאַנט פאַרן אויפן וואַנט הענגענדיקן שוואַרצן ברעט. אויף אים געשריבן זיינע בליציקע געדאַנקען, שאַרפזיניקע מיינונגען. אויפן אָרט זיי שפּראַכלעך־אָריגינעל, בילדעריש סטיליזירט, וואָס האָבן דערגרייכט מדרגות פון פיינקוואַליטאַטיווע, געפיל־פולע, האַרמאָנישע, מוזיקאַליש־ריטמישע, ווייסע פּערזן. טייל מאָל פלאַס־טיש־מאַלערישע פּראָזע און שאַרפזיניקע אַפאָריזמען. נאָכן דערוויסן זיך זיין קראַנקייט, האָט זיך געשוואַכט זיין גייסטיקער כוח. זיינע סטודענטן־תלמידים האָבן שטוינענדיק אויסגעהערט זיינע נישט ריכטיק ציטירטע טעקסטן מיט אָפּטמאָליקע אַבסורדאַלע בינדווערטער. ער האָט אָפט מאָל פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיין סטאַבילער אוידיטאָריע. דאָס האָט אים געמאַטערט.

אין אַ געשפּרעך מיט דעם גייסטרייכן, נשמה־פילבאַרן פּראָפעסאָר, האָט ד"ר רעטער פאַר אים בחפזונדיק אויפגעקלערט זיינע לייקענדיקע מיינונגען אין דער הילפמעגלעכקייט פון דער קאָנסערוואַטיווער מעדיצין־שיטה מיט אירע אַפילו ניי־דערפינדענע היילמיטלען. פאַר קלוגמאַנען באַהויפּט, אַז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, מאָדערנע, וויסנשאַפטלעכע אַנט־דעקונגען איז די מעדיצין־פאָרשונג פּאַקטיש צוריקגעשטאַנען, אין מערסטנ־פאַלן פּשוט הילפלאָז צו לינדערן, ליקווידירן טויזנטיעריקע קראַנקייטן. ד"ר רעטער האָט דערציילט זיין טאַכטער, וואָס איז שוין געשטאַנען אַ נערוועיִשע, איילנדיקע אַוועקצוגיין. אייניקע מאָל אים געגעבן אַנצוגעהערן אַז זי איילט זיך. רעטער האָט פאַרגעסן ווו ער איז. פאַר איר גערעדט און גערעדט. בלית־ברירה האָט רותי אויסגעהערט איר פאָטערס עצהנען דעם פּראָפעסאָר פּרווון אָנהייבן אַ נאַטירלעכן לעבנסשטייגער: עסן בלויז רויע פּרוכט און גרינוואַרג. זעלטן ווען נוצן אייוויס, אָבער בלויז נאַטירלעכע איין מאָל אין וואָך פאַסטן. יעדן פרימאָרגן און אין אָוונט־שעהען מאַכן פיזישע איבונגען. דער עיקר זיין גוטמוטיק, אָפּטימיסטיש. אויפהערן דיס־קוטירן מיט אַנדערע דענקענדיקע פּראָפעסאָרן. אויסמיידן אויפרעגונגען. שטראַלנדיק פון פרייד, האָט רעטער געקוקט אויף אירע טרויעריק בליקנ־דיקע אויגן. ווידער באַמערקט: לויט זיין מיינונג, הויבן זיך אָן אַלע פיזישע ליידן, מיחושן אין מוח. יעדער מענטש ווערט קודם קראַנק גייסטיק. מיט

אַ שטאָלצער צופרידנקייט איר דערציילט, אַז דער אָ שאַרפמוחיקער פראָפעסאָר איז געוואָרן פולשטענדיק געזונט. ער זעצט פאָר זיין פראָפעסור אָן שום פיזישע און פסיכישע שטערונגען. שפאַנענדיק איבערן קאַבינעטל, רותין געגעבן צו פאַרשטיין דעם קאָמפליצירטן נערוונסיסטעם פונעם מענטשלעכן מין. זיין ווירקונג, פאַקטישן הערשן אויפן פיזישן קערפער. פילנדיק זיך זיכער, מיינענדיק, אַז רותי הערט זיין יעדעס וואָרט, אינטערעסירט זיך מיט זיינע לאַנגע אויפקלערונגען, זשעסטיקולירט מיט זיינע הענט, גלייך ער רעפערירט פאַר פאַרזאַמלטע. זיין פריִערדיק דערשלאָגן פנים איז געוואָרן אויסגעלייטערט, ער האָט זיך אָפגעשטעלט, פאַרקוקט אויף אַ פאָטאָגראַפירטן מענטשן־סקעלעט, וואָס איז געהאָנגען אויף דער געלבלעך, מיט זילבער־באַבלומטער טאַפעטירטער מערב־וואַנט, אַנטקעגן ביכער־שאַנק. אויפסניי רותין אויפגעקלערט: אויב דער נערוונסיסטעם ווערט צעשטערט, צעשטרייט צוליב קנאה, איבערכוחותדיקע באַמיונגען צו דערגרייכונגען, דורכפאַלן, פחד, גרייפט ער דאַן אָן קערפער־טיילן. אין איניקע פאַלן וועקט הונגער־געפילן. דער אויפגערעגטער באַקומט פרעסנייגונגען, איבערלאַסטעט דעם פאַרדייאונגס־כוח. איבעריקע שפייזן סמען דעם גוף, זענען גורם שלאָפלאָזיקייט. נישט גענוג רוען ביינאַכט, פילט מען מידקייט. מ׳ווערט ווידערשטאַנדלאָז קעגן אָנגרייפערישע באַצילן, ס׳באַווייזן זיך קראַנקייט־סימפטאָמען. שפילנדיק זיך מיט די רויטע טראָלדן פון דינעם זיידענעם שלאָפראָק, פאַרגעזעצט דערקלערן: דער גייסט, דעם מענטשנס נשמה, מאַכט אויך געזונט. ער איז דאָס דער מלאך רפאל. אָן זיין ווירקונג, מיטהילף, אָן גלייבן אין גענומענע היילמיטלען, אַפילו נאַטירלעכע, איז אוממעגלעך זיך באַפרייען פון קרענקלעכע ליידן. אַלע כעמישע רפואות זענען צוועקלאָז. בלויז פירן אַ נאַטירלעכן לעבנס־שטייגער ווירקט באַרויִקנדיק אויף דער נשמה. דאָס מיידט אויס קראַנקייטן. נישט אַלע מאָל געלינגט צו רעאַליזירן חלומדיקע פלענער. דורכפאַלן שטייגן איבער דערגרייכונגען. מ׳פילט דאַן דעפרעסיע, אַנטוישונג. צום סוף פיזישע ליידן. „פאַרשטייט זיך״, האָט ברוך רעטער נאָך געוואָלט אַריינרעדן אין זיין טאָכטער — נאָר זיין ווייב, סאָניע, האַלטנדיק די הענט אויף די היפטן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און רותין. זי פאַרשטעלט. רעטער האָט בייזלעך געבליקט אויף סאָניעס בלוילעך, דורכזיכטיקן שלאָפראָק, מיט רויטע שטאָף־לעטשעלעך, אויף שאַטין־געפאַרבטע פאַרלאָקטע האָר, באַבלויטע וויִעס, באַרויטלטע באַקן און פריש באָרדאָ־באַשמינקטע, גלאַנציקע ליפן.

„בעניעק״, האָט זי זיך געבייזערט: „בין שוין דאָ אין צימער אַ קנאַפע האַלבע שעה. האָסט גאָרנישט געהערט מיין אַריינקומען? מיך גאָרנישט באַמערקט? דיינע בטלנישע רייד זענען ווייניק אינטערעסאַנט. דו האַלטסט זיך פאַר אַ קאָפשטיק. נישט ביי מיין לעבן וועל איך דערלויבן, אַז רותי, אַ יונג קינד, זאָל זיך אויפפירן, ווי דו און אַזעלכע ענלעכע טשודאַקעס.

ביי מיר וועט זי לעבן, עסן, זיך מאַדיש אויפפירן, ווי אַלע נאָרמאַלע, היינטיקע מענטשן. אויב פלאַנירסט רעזיגנירן פון דיין אַזוי גוטן, בכבודיקן פאָסטן אין קופּת־חולים, ביסטו גוט צעדרייט, חכם מיינער", זיך צעכעסט. צו אים געשאָקלט מיטן לינקן ווייזפינגער. געדראָט: „ווילסט, זע איך, צעשטערן די הויז־ווירטשאַפט? רותיס קאַריערע? טו ווי דו פאַרשטייסט! האַלטסט איר אויף. האַקסט איר אַ טשייניק. דיינע איינגעבילדעטע פיקס־אידעען זענען אונדז גוט באַקאַנט. אַ רחמנות אויפן קינד. שוין עטלעכע מאָל פאַר מיר אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ. טעג און נעכט טראַכט זי פון דיר. אויך מיך מאַטערן דיינע משוגעתן, בעניעק", האָט זי אָנגעהויבן רעדדן ייִדיש־דייטשמעריש: „דענק גוט איבער דאַנע פאַנטאַזיאָנען".

ד"ר רעטער האָט אויפגערעגט צעעפנט די אויגן. איר דערקלערט: יאָרנלאַנג שטודירט ער אַנאַטאָמישע יסודות פונעם מענטשלעכן קערפּער. לעצטנס איז פאַר אים צווייפלהאַפט דער גרעסטער טייל הייל־לערע. גלייבט מער נישט אין די כסדרדיקע מעדיצין־דערפינדונגען. נאָכן באַקענען זיך טעאָרעטיש און פּראַקטיש מיט די עפעקטיווע ווירקונגען פון דעם נאַטיר־לעכן לעבנס־שטייגער, האָט עס אין אים „צעוואָרפן" די אַזוי גיגאַנטישע ווערטער־פּיראַמידע, אויסגעלערנטע אין אַלטע דאָקטאָריע־ביכער. יאָרן האָט ער די מעדיצין־לערערס שטודירט, אין זיי נאַיִוו געגלייבט. דעצידירט, שטאַנדהאַפטיק געענדיקט: „מיין געוויסן מאַטערט מיך; דו נאַרסט מענטשן! באַשווינדלסט קראַנקע! כ'מוז זיך אָפּזאָגן פון פאָסטן. קען אָבער נישט דעצידירן". ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום דיל. געשעפּטשעט: „אָפּטמאָל הער איך אין זיך אַ קול: ,הער אויף מאַטערן ,טויטן מענטשן! פאַרשרייב מער נישט סם־רעצעפּטן'!".

„רוזשקאַלע", האָט סאָניע געווישט אירע באַטרערטע, גרויסע, גרינע אויגן, וואָס האָבן צעריק, פאַרדראָסיק אַרויסגעגלאַנצט פון פריש־באַבלויטע וויִעס, שוואַרצרונדיק, געצייכנטע ברעמען. העשנדיק געמורמלט: „קום. כ'על זאָגן ווי דיין טאַטע: ,מן הסתם איז מיר אַזוי באַשערט אָפּצופּיַנצטערן מיין לעבן'. גיי, גיי שוין. דער אַבא מוז זיך אויסרוען. תמיד איז ער אויפ־גערעגט, נערוועיִש און פרעדיקט פאַר דיר, ווי פאַר אַ פּובליקום, וועגן פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען, מוח־פונקציעס. לויט זיינע רייד איז רויִקייט פּאָזיטיוו. מיידט אויס קראַנקייטן. כעס, שפּאַנונג, פאַרדראָס זענען גורם פיזישע ליידן. פאַרוואָס זשע קאָנטראָלירט ער זיך נישט זעלבסט? גיי. מאַך ליבערשט דיינע לעקציעס".

אַ כעסיק צעפּלאָמטע איז רותי אַרויסגעלאָפן פון קאַבינעט, ווי פון אַ סכנותדיק אָרט פאַר אַ מפּולת. פון דערפאַרונג געוווּסט, אַז די לופט ווערט אָנגעגליט. אָט־אָט וועט צווישן טאַטע־מאַמע פאָרקומען אַ שאַרפער ווערטער־אויסטויש, אַן אינצידענט.

ד״ר ברוך רעטער האָט אויסגעטאָן דעם שלאָפּראָק, זיך געוואַשט דעם שווייס פון רויט־כעסיק־פּנים. סאָניע האָט געעפנט די טיר. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט ווי צוויי הענער פאַר אַ גערענגל־פאַרמעסט. קוקנדיק אויף זיין גרויסן ליסענעם קאָפּ מיט אין ביידע זייטן אויפגעשטעלטע, צעפלאָ־שעטע האָר, אויף די בייזלעך גלאַנציקע אויגן צווישן ברייט־האָריקע ברעמען און טונקעלע, אויפגעלאָפּענע וויִעס, ווי פון אַ קרענקלעך געשווי־לעכץ, אויף דער רויטער, גראָבער נאָז, אויפן רונדיק־פעסלדיק בייכל, האָט זי לייכט געחוזקט.

רעטער האָט באַמערקט אירע איראָנישע בליקן, געפרעגט: „ווען האָסטו זיך געקויפט אַזאַ סעקסיש־דורכזיכטיקן שלאָפראָק? כ׳זע האָסט זיך נאָר וואָס אָנדאָלירט. זאַרגפעליק באַמאָלעוועט ס׳פּנימל, זיך באַשפּריצט מיט פּאַרפום. פאַר וועמען?״.

ער האָט זיך פון ווייב אויסגעדרייט. בייז געזעגנט: „שלום״. פון שטול אַראָפּגענומען אַ שוואַרץ העמדל, עס אָנגעטאָן. געזעצט זיך צום שרייב־טישל, געבליקט אין די פּאַר אים ליגנדיקע בלעטלעך. געלייענט די פאַר־צייכנטע געדאַנקען, אָבער נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. פילנדיק קאָסמעטישע ריחות, אויסגעדרייט דעם קאָפּ. מיט קנאה־בליקן געשפּיזט די נאָך אַלצוואַרטנדיקע סאָניע. „לאָז מיך צורו!״, אויפגערעגט געזאָגט: „כ׳ווייס. תמיד ביסטו קעגן מיר, מיין אויפפירונג און מיינע געדאַנקען״. זי איז אַרויס, געשריגן: „משוגענער!״.

אָן אויפגערעגטער געטראַכט: „מיך וויל זי נישט. דאַרף בלויז מיין געלט. די־אַ פרוי האָט קרענקלעכע באַגערן, תאוות, נישט באַגנוגנדיקע עראָטישע געברויכן. אין איר נישט נאַטירלעכער פאַנטאַזיע וועבן זיך טרוימען, ווי ביי אַ יונג, לייכטזיניק מיידל, וואָס באַגערט מענער. תמיד לעכצט זי צו ליבע־באַפרידיקונגען. האָט ליב חניפה־רייד, גאַרט מ׳זאָל זי פּיעשטשען, רימען אירע שיינע פיס, דינע טאַליע, אָנטוויקלטן, שטענדיק זאָרגפעלטיק־אויסגעשפּיצלטן ביוסט, געטאָקט נעזל, גאָמבעלע, גרינקעצישע אויגן, וואָס שמייכלען צו מענער צוציִענדיק, פאַרפירעריש. איר יונגערער קערפער, שענערער גוף איז די הויפּט־סיבה פון איר קעגנערשאַפט צו מיין נישט אַזוי פיזיש־געראָטענעם קערפער. מיין נשמה? געפילן? פלענער? אומרויִקן גייסט? — דאָס אינטערעסירט זי ווייניק, איז פאַר איר נישט וויכטיק״.

זיין פּנים האָט כעסיק געפלאַמט. ער איז שנעל אַריין אין קיך. געחוזקט: „כ׳פיל דאָ ריחות פון הערינג־סאַלאַט, גרילנדיקע סטעיקן. מיך רייצט עס נישט. מיין וועגעטאַרישן מיטאָג האָב איך שוין געגעסן״. אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געענדיקט זיין ודוידיקע דערקלערונג: „גלויב מיר, שרה, בין גאַרנישט אויפגערעגט. דיין צעשטרייטקייט אין מיין אָנוועזנהייט איז גורם

מיך זען אַן אויפגערעגטן, נערוועזשן. ער האָט צעשפּרייט די הענט, פּאַ־טעטיש אויסגערופן: „די צמחונות־תורה באַרויִקט מיין געמיט. זי וועקט אין מיר אויף פּאַרדרימלטע, שעפערישע כוחות. ריכטיק, פון צייט צו צייט ווער איך רגעדיק אויפגעבראַוזט. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון מיין טאָפּלט־קייט: לעבן מיט דיר אַן צוטרוי, אַן ליבע און באַהאַנדלען ליידנדיקע מענטשן לויט אַ קאָנסערוואַטיווער שיטה, אין וועלכער איך גלויב נישט מער אין איר ווירקזאַמקייט. פיר נ. מ. מוז איך צוריקגיין אין אַמבולאַטאָריע, אויפסניי אָפּנאַרן קראַנקע. זיי גלייבן אין מיינע פאַלשע עצות, אָנווייזונגען, סמיקע „רפואות". כ'וויס: רוב מעדיקאַמענטן זענען גורם נאָך אַ געוויסער צייט נאָך מער פאַרשאַרפן די ליידן פון מיינע פּאַציענטן. הגם צייטווייליק ווירקן זיי באַרויִקנדיק. מעגלעך צוליבן נאַיִוון גלייבן פון די קראַנקע. פאַר די־אַ ליגנס באַקום איך אַ גוטן געהאַלט, וועלכן דו פאַרשפּענדסט לייכט־זיניק".

סאָניע האָט זיך באַמיט צוצוקנעפּלען די אויבערשטע קנעפּלעך פון שלאָפראָק. געוואָלט אַביסל פאַרדעקן די אָנטבלויזטע ברוסטן. זיינע ווערטער האָבן זי גאָר אויפגערעגט. נערוועזש האָט זי צעשפּרייט די הענט, נאָך מער אַנטבלויזט דעם ביוסט. זיך געבייזערט: „נו, אויף היינט האָב איך גענוג. בין שוין דול פון דיינע לאַנגע דרשות". אים אָנגעקוקט צאָרנדיק, טיף אָפּגעזיפצט. געמורמלט: „ס'איז אין אים אַריין אַ דיבוק".

רעטער האָט געפילט אַ באַרויִקונג. גלייך ס'וואָלט ווער פון אים אַראָפּ־גענומען אַ לאַסט. „כ'האָב איר אַריינגעזאָגט", צו זיך גערעדט. איז צוריק אַריין אין קאַבינעטל, געעפנט ס'שרייב־מאַשינדל, אָנגעהויבן שרייבן אַן אַרטיקל: „ווירקונגען פון ביידע היילשיטות: קאָנסערוואַטיוו־מעדיצינישע און אַלטניי־נאַטירלעכע". אַלע זיינע דערקלערונגען פאַר רותין און סאָניען שריפטלעך איבערגעחזרט. זיי אַביסל קאָמענטירט טעאָרעטיש, באַגרינדעט מיט פאַלן פון כראָניש־קראַנקע, וועלכע האָבן יאָרן באַקומען מעדיצינישע באַהאַנדלונגען און דאָך נישט באַפרייט געוואָרן פון מאַטערנדיקע, ליידנ־דיקע מיחושן. בלויז נאָך אַ קורצער נאַטור־קוראַציע זענען די זעלבע קראַנקע געוואָרן פולשטענדיק געזונט. די פאַרצייכנטע מיינונגען עטלעכע מאָל געלייענט, אויסגעמעקט שורות, געטוישט ווערטער, צוגעשריבן אויס־דרוקן. צום סוף אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אַדרעסירט צו דער רעדאַק־ציע „ידיעות אחרונות". נאָכן פאַרקלעפּן דעם קאָנווערט, רעזיגנירט אָוועק־צושיקן דעם אַרטיקל.

אין אַלגעמיין איז ד"ר ברוך רעטער זיך נוהג קיין מאָל נישט אָוועק־שיקן אַרטיקלען אין מעדיצינישע זשורנאַלן באַלד נאָכן אָנשרייבן. ער לאָזט זיי איבער אויף עטלעכע טעג, אַמאָל וואָכן, בכדי קאָנטראָלירן די נאַטירטע מיינונגען בשעתן הייסן שרייב־טעמפּעראַמענט. אָפט מאָל שרייבט ער זיי איבער. אויך דאָס מאָל באַשלאָסן אָפּוואַרטן עטלעכע טעג. ס'האָבן זיך אויך ביי אים דערוועקט צווייפלען צי מ'וועט פאַרעפנטלעכן אין אַ טאָגצייטונג

זיין קריטיש־סאַטיריש אַרטיקל קעגן אָנגענומענע היילמעטאָדן און נאָך דערצו פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר. אָבער דאָס זענען נישט געווען די הויפּט סיבות פון זיין רעזיגנירן אַוועקצושיקן דעם שוין פאַרקלעפּטן קאָנווערט. פאַקטיש געהאַט מורא פאַרן פינאַנסיעלן מצב. מיטן עווענטועלן פאַרעפנטלעכן זיינע אַפּיקורסישע מיינונגען, געשריבן אין אַ שפּאָטישן נוסח, וועגן דער כמעט נישט ווירקזאַמער מעדיצין, קען גורם זיין אין דאָקטוירים־קרייזן שאַרפע קריטיק קעגן אים. דאָס קען באַדראָען זיין אַמט. טראָץ זיין איראָניזירן איבער סאָניעס וואָרענונגען, האָט ער איצט געטראַכט, ער קען חרוב מאַכן דעם קיום פון דער משפחה. נאָכן פאַרקלעפּן דעם קאָנווערט, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פּחד. געטראַכט: זיינע מיינונגען וועלן געוויס ווירקן נעגאַטיוו אויף דער קופּת חולים־לייטונג. ס'וועט וועקן חשד, ער מיסברויכט מיט זיין פּראָפעסיע. איבערהויפּט אים באַ ּאָרגט סאָניעס דראָונג, ער וועט צעשטערן רותיס קאַריערע.

רעטער האָט געקוקט אויפן פאַרקלעפּטן קאָנווערט. זיך פאַרטראַכט. געראַנגלט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער סאָפע. זיך צוגעשפּאַרט. געוואָלט דרימלען. געדאַנקען, ספקות, אייפערזיכט, פּחד פאַרן אַרטיקל האָבן אים געמאַטערט. אַמערסטנס געטראַכט וועגן רותי — זיין חלום: זי זאָל הצלחהדיק ענדיקן די לערע אין אוניווערסיטעט. אָנהייבן שרייבן פּראָזע. די־אָ שיינע, ליטעראַטור־טאַלאַנטירטע סטודענטין איז געווען זיין איינציקע טרייסט. ער האָט מיט איר שטאָלצירט. זיין גאַנץ וועזן איז געווען פול מיט האָפענונג, רותין דערוואַרט אַ שרייבערישע קאַריערע. אירע הויכע אויסצייכענונגען אויף פיינסטיליזירטע לעבנס־בילדער, חיבורים אויף לינגוויסטישע און ליטעראַטור־טעמעס האָבן ביי אירע פּראָפעסאָרן, רעפערענטן, שרייבער־געסט און גייסט־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט געוועקט האָפענונגען, זי וואַקסט אַ טאַלאַנטירטע שרייבערין. נאָכן איבערלייענען אירע בילדעריש־אָנגעשריבענע, שפּאַנענדיקע דערציילונגען, אירע שילדערונגען אין אַ פּלאַסטיש־מאָלערישער, אָריגינעלער שפּראַך זענען כמעט אַלע ליטעראַטור־לערער געווען באַגייסטערט פון דער נשמה־באַגאַבטער רותי. מ'האָט זי אונטערגעמוטיקט, פאַרן פאָטער אויסגעדריקט רומפולע מיינונגען. געגלויבט, זי פאַרמאָגט אַ געפּילפּולע נשמה, אָבסערוויר־כוח. זעט נאַטור־בילדער. האָט טאַלאַנט צו שילדערן מיט אַן אָריגינעל פאַרביקער שפּראַך לעבנס־שטייגער, פּסיכישע געראַנגלען. לויט מיינונגען פון די לערערס דערוואַרט זי אַ פול צוזאָגנדיקע צוקונפט אַלס אָריגינעלע ישראל־פּראָזאַיִקערין. „איר שרייבן איז עכט, נאַטירלעך, רעאַל און קינסטלעריש פאַרטיפט, וואָס איז אַ זעלטנהייט אין לאַנד" — האָבן אייניקע אונטערגעשטראָכן. די געהערטע מוטנדיקע רייד זענען פאַר רעטערן געווען ווי באַלזאַם אויף זיין אומרויִק, צעוויטיקט האַרץ. ער האָט באמת געגלייבט די לערערס. געווען זיכער, רותי וועט ווערן זיין גייסטיקע יורשטע. טאַקע מורא געהאַט פאַרעפנטלעכן זיינע קריטישע מיינונגען קעגן מעדיצין־דאָקטוירים. פון היסטאָרישע ביכער,

דערפאַרונג ווייסט ער, יידן זענען גאָר עמפּינדלעך אויף קריטיק. האָבן נישט גערן מוסר־פרעדיקער. קוועלן פון סאַטירע, אָבער בלויז פּרעמדע. רותי וועט אויך מער נישט האָבן מעגלעכקייטן שטודירן. אַזוי טראַכטנדיק, געוואָרן באַאומרויִקט: רותי קען אַמאָל באַווירקט ווערן פון איר מוטערס לייכטזין. איר שיינער, האַרמאָנישער מיידל־קערפּער קען וועקן תאוות ביי מענער, וועלכע וועלן זי, ווי איר מאַמען, אַריינציִען אין זינדגעצן. דאָס קען שטערן אירע פאַנטאַסטישע שרייב־נייגונגען, דענקען, באַדראָען, אַראָפּפירן פון דרך הישר. ס'איז אים גאָרנישט אַראָפּ פון זינען רותיס אויסגעפּאַסט, איבערטריבן אויסדעקאָלטירט קליידל, וואָס אַנטפּלעקט אירע זון־באַברוינטע הענט, תאווה־מאָנענדיקע, וועקנדיקע אַקסלען, אַ האַלבן, בלוט־שפּראַציקן ביוסט. מאַכט בולט אירע שוין רייפע, רונדיקע ברוסטלעך מיט רייצפולע, אַרויסשפּיצלדיקע וואָרצלען, וואָס רייסן זיך קרעפטיק פון דין שטאָפּיקן קליידל, גאָרן ווערן געצערטלט פון אַ ליבנדיקן מאַן. רעטער קען גאָרנישט פאַרגעסן איר שמאָלע טאַליע, ווי פון אַ טאַלאַנטפולן סקולפּטאָר־אויסגע־שניצטע, שיינפאָרמיקע פיסלעך, איר יונג שיין פּנים מיט די תמיד פאַר־חלומטע, בלוי־הימלשע אויגן.

ליגנדיק אויף דער סאָפע, זיך דערמאָנט סאָניעס רייד. זיי האָבן אין אים אויפגעוועקט דרימלענדיקע פאָטערלעכע אחריות־געפילן. געטראַכט: רותיס אַנטוישונגען, שיינקייט זענען אַ סכנה זיך לאָזן אָנרעדן פון מענער, וואָס קענען זי צורעדן צו קערפּערלעכע געניסן. צום סוף צו תרבות־רעות. נאָך די אַלע מאַטערנדיקע טראַכטונגען „באַשלאָסן" נישט אַוועקשיקן זיין חיבור אין פאַרקלעפּטן קאָנווערט.

4

קליינע, צעפּליקטע, אין עקן צעצויטנטע שטיקלעך, ווייסלעך־גרויע וואָלקנדלעך ווי צעריסענע, פלעקיקע שמאַטעס, זענען פויל, פּאַמעלעך געשווימען אין הימלשער העל־בלויקייט, האָבן טייל מאָל, אויף מינוטן, פאַרדעקט די פלאַקערדיקע, לופט־היצנדיקע זון, געטונקלט די מיטאָגדיקע, גאָלדיקע העלקייט.

אין גרויסן, באַזוניקטן סאַלאָן, באַשטעלט מיט טונקעלע מעבל־שטיק, וואַזאָנען מיט בלומען, שטייענדיקע און הענגענדיקע אַבאַזשורן, איז סאָניע רעטער זילבערשטיין געזעסן אין אַ רויט, שוואַרצבאַבלומטן פאָטעל אַנט־קעגן ראַדיאָ־אַפּאַראַט. הנאהדיק געהערט סעקסישע שלאָגערן, באַגלייט מיט פריילעכער, בענקענדיקער רוישנדיקער דזשאַז־מוזיק. אויך געהערט די שוין פון יאָרן זיך איבערחזורנדיקע נייעסן: סוריע, מצרים מאָביליזירן מיליטער־רעזערוון; דערנעענטערן רוסישע ראַקעטן צו ישראל־גרענעצן; אַראַבישע מלוכה־פירער דראָען אָנגרייפן ישראל; אין כנסת אַ ווערטער־ראַנגלדיקע

דעבאָטע צו לעזן די כראָניש־שווערע פינאַנסיעלע לאַגע אין לאַנד; דער אַלץ שטייגנדיקער לוקסוס־געברויך ביי טייל בירגער, וואָס פאַרשווענדן אויסלענדישע וואַלוטע; אַרעסטירט געזעלשאַפטלעכע טוער, באַשולדיקטע אין באַדייטנדיקע געלט־מיסברויכן; אַריינדרינגלער האָבן דערמאָרדעט 12 קינדער און אַ שוואַנגער פרוי; אין מיטלשולן אַנטדעקט חשיש־רייכערער; מינדעריעריקע שילער לעבן געשלעכטלעך; יוגנטלעכע האָבן באַפאַלן, גע־מאָרדעט אַן אַכציק יעריקע פרוי, ביי איר צוגערויבט צוויי טויזנט פונט. די־אָ נייעסן זענען סאָניען גוט באַקאַנט. הערט זיי פיל מאָל אין ראַדיאָ, טעלעוויזיע. די־אָ סכנות־לויערנדיקע כראָניקעס לייענט זי אין צייטונגען. אַמאָל האָבן זיי איר, ווי אַנדערע, דערשיטערט. ביסלעכווייז זיך צוגעוווינט צו די־אָ מוראדיקע נייעסן. הערט זיי נישט געדנדיק. דאָס מאָל געזיפצט, פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ, איז צוגעגאַנגען צום גרויסן שפּיגל. מיט אויסלענ־דישע, ריחות־פאַרכאַפּנדיקן פאַרפום באַשפּריצט ס׳פּנים, אונטער די אָרעמס. צוגעבליט די וויִעס. באַראַזט די באַקן. איבערגעשמינקט די ליבע־דאַר־שטיקע ליפּן. אויף דער ווערעדנדע אַרויסגענומען אַן אויסלייג־שטול. זיך געזעצט. געקוקט אויף זון־וואָלקן באַהעלטעניש־שפּיל. סתם געגאַפּיעט. צו פאַרטושן איר לאַנגווייליקייט פון דיל אויפגעהויבן אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. געבלעטערט. געבליקט רעקלאַמע־בילדער, קאָסמעטישע עצות, מענערלעכע ספּאָרט־איבונגען, נייעסטע מאָדעס: קליידער, בלוזקעס, שיך, צירונג, אונ־טערוועש, באָד־קאָסטיומען, מעבל, טעקסעס. ספּעציעל זיך פאַראינטערע־סירט אין אַ צווייטייליק קאָסטיומיקל, אויסגעפּאַסט אויף אַ ברונעטהאָריק, טונקל־פּנימדיק מאָדעל־מיידל, וואָס קוקט שמייכלענדיק־צוציִענדיק דורך גרויסע, ברוינגלאָזיקע זון־ברילן. סאָניע האָט גאָרנישט געקענט אָפּווענדן אירע קנאָה־בליקן פון דעם בלוילעך, דורכזיכטיקן טיפדעקאָלטירטן בלוז־קעלע, פון וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעזען ראָז לייב, האַלב קנויליקע ברוסטן, איז פאַרשליפט פאַרן נאַקעטן, ברייטן, פון זון־פאַרברוינטן בויך־פּאַס מיטן נאָפּל־לעכל. דעם פאָטאָגראַפירטן מיידלס ווייסער קורצער ראָק איז ביי די היפּטן פאַרבונדן מיט אַ שוואַרצגעפלאָכטענעם גאַרטל, אין ביידע זייטן געשפּאָלטן, אַנטבלויזן גלייכע, לאַנגע פיס ביז אירע רויטע, מיניאַטור־מייטקעלעך.

„וווּנדערבאַר!, וווּנדערבאַר!״ איז סאָניע געוועזן אַנטציקט פון דעם עלעגאַנטן, רייצפולן מאָדעל־מיידל. לוסטן האָבן זיך אין איר צעצינדן. געפלאָמט ס׳לייב. זי האָט געבלעטערט, געזוכט, גאָרנדיק געבליקט אויף אַ צווייט פאָטאָ־מיידל, וואָס זיצט אויף אַן אויסלייג־שטול. רייצנדיק־צור־ציִענדיק צעשפּרייט זי געהויבענע פיס, רעקלאַמירט ווייסע, הויכקנאָפּלדיקע לעטשלעך, פאַרשלאָסענע מיט גרויסע גאָלד־קאָלירקע שלעסלעך. מאָדע־לירט אַ ברוינעם באָד־קאָסטיום, געמאַכט פון פיר דרייעקיקע שטיקלעך טונקלן שטאָף, צוגעבינדענע מיט דינע בענדלעך, וואָס פאַרדעקן בלויז שטיקלעך ברוסטלעך, עפּעס דעם געשלעכט־אָרגאַן, הונטן. איר נאַקעטער

קערפּער איז איילבירטיק ברוין. שמייכלט, ווייזט דעם קרעם, וואָס זי באַנוצט אויף דער פּליאַזשע.

סאָניע לייענט געננוי, ווו מ׳פּאַרקויפט דעם באַד־קאָסטיום, לאַטשן, רעק, שוך, קאָסמעטיק. נאָטירט אַלע אַדרעסן, טעלעפאָנען. איבערהויפּט געלייגט אַכט, וועלכע קאָסמעטיק ס׳באַנוצט דאָס ברונעטהאַריקע זשורנאַל־מיידל פאַר באַגעגענישן מיט פאַרערער, געסט, פאָרן גיין אויף מסיבות. גאַר אַנטציקט איז סאָניע פון דער דאַמעס לייכטזיניק געמיט. פון אירע כישוף־בליקנדיקע אויגן וואָס שיינען רייצפול, פריידיק, זאָרגלאָז, צוציִענדיק. סאָניע שעפּטשעט: „פאַראַן גליקלעכע פרויען״. פאַרדראָסיק באַקוקט אויפסניי בײדע רעקלאַמע־בילדלעך. אירע בליקן צעפלאַמען זיך. איז אַריין אין רותיס צימער. געוויזן בײדע מיידל־בילדלעך, באַמערקט: „אַזאַ באַד־קאָסטיומיקל וואָלט אויך אויף מיין פיגור גוט געפּאַסט. אויף דיר זיכער. וואָלסט אין דעם אויסגעזען ווי אַ מלכת יופי״. זאָגנדיק די ווערטער, זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן, עלאַסטיש געדרייט פאַרן שטיי־שפּיגל. באַקלאָגט: „אָבער דיין טאַטנס קראַנקע אײפערזוכט־געפילן וואָלטן זיך נאָך מער צעשטורעמט. זיין צעשפּילטע פאַנטאַזיע וואָלט שוין געשוועבט ביז כ׳ווייס אַליין נישט ווו. העט, העט־ווייט. ס׳וואָלט געוועזן לעבעדיק״.

די פּערציקיעריקע, נאָך יונג־אויסזעענדיקע, גוט־געפּלעגטע סאָניע האָט איר מאַן נישט בלויז באַרעדט פאַר רותין. אויך פאַר חברטעס אים פאַרגעשטעלט אַלס קרענקלעך־אײפערזיכטיקן. פלעגט פאַר זיי צעפלוישן: צוליב איר מאָדערנער קליידונג, אַלע מאָל פאַרבן די האָר, באַנוצן אויסלענדישע קאָסמעטיק, פריילעך פאַרווײלן זיך אין מענער־געזעלשאַפט, מיט זיי לוסטיק טאַנצן, דערוועקן אין אים חשד, זי איז אים נישט טריי. וואַרפט איר פאַר לייכטזיניקייט. דערביי באַטאָנט: „די קנאה־מחשבות זענען אין אים טיף פאַרוואָרצלט, איינגעבאַקן, אין אים אַריינגעדרינגען ווי אַ קליפּה״.

דערמיט האָט זי צוגעגרייט אַ באַרעכטיקונג, אויב מ׳וועט זיך דערוויסן, איר מאַן האָט זיך פון איר געגעצלעך אָפּגעזונדערט: עסט און שלאָפט אַליין אין זיין קאַבינעטל.

פאַרדראָסיק אין דער טאָכטער אַריינגערעדט, פאַרוואָס איר פאָטער פאַרמאַכט זיך אין קאַבינעטל. עסט דאָרט אַליין זיינע וועגעטאַרישע געריכטצן, „וואָס ס׳מעלה־גרהן בהמות״. לייענט תמיד. שרייבט. זעלטן ווען רעדט ער מיט איר. איז שטענדיק פאַרדמיונט. אַז זי פרעגט אים עפּעס, ענטפערט ער נישט צום ענין. דאָך רותין פאַרטרויט, זי איז גאַר פאַרזאָרגט זיין פלאַנירן זיך אָפּזאָגן פון פאָסטן. איבעררייסן מיט זיין באַרימטער מעדיצין־פּראָפעסיע. „זיי נישט אויף מיר פאַרדראָסיק. אין אַלץ איז ער שולדיק״.

נאָכן באַקלאָגן זיך איז סאָניע אַריין אין קאַבינעטל. געגנישטערט אין שיפלעדער פון שרייבטישל. געזוכט מאַנוסקריפּטן. געוואָלט וויסן צי ער האָט שוין באַשריבן איר אויפפירונג. זי ווייסט, איר מאַן האָט פריינטלעכע קאָנטאַקטן מיט רעדאַקטאָרן. געטראַכט: ער וועט זיך אין איר נוקם זיין.

באַשרייבן, פאַרעפנטלעכן וועגן איר לייכטזין, פאַרנאַכלעסיקן די הויז־ווירטשאַפט, ראָמאַנסירן, אים פאַרראַטן מיט אַנדערע מענער. דאָס קען איר מיט רותין ברענגען אַן אומגליק. מיט חשד געבלעטערט זיין טאָג־בוך. גאָר געשפּאַנט געלייענט זיינע קריטיש־בייסנדיקע אָפּהאַנדלונגען קעגן טיילוויז זיך פאַרשפּרייטנדיקן, פאַרשווענדיקטן לוקסוסאַרטיקן לעבנס־שטייגער, וואָס איז אומדערטרעגלעך ,סכנותדיק פאַר דער נישט נאָרמאַלער, פון אויסלענדישער הילף־אָפּהענגיקער עקאָנאָמיע אין דער קליינער, אָרעמער, פון שונאים־באַדראָטער ישראל־מדינה. אויך געלייענט זיינע שאַרפע אָנגריפן קעגן די אַלט־טראַדיציאָנעלע מעדיצין־טעאָריעס. ספּעציעל ציטערנדיק געלייענט זיין גאַליק אַנאַליזירן די סכנה פון אַ טייל ישראלדיקע פרויען וואָס ווערן פאַרהפקרט, הולטייעווען, פאַרראַטן די מענער, צעשטערן די משפחה־יסודות, וואָס האָבן דורותלאַנג אָפּגעהיט ס׳יידישע פאָלק. די אײַבערגעלייענטע, אַביסל פאַר איר פאַרשטענדלעכע מיינונגען זענען סאָניען באַקאַנט. האָט די בלעטלעך אָוועקגעשליידערט. סאַרקאַסטיש באַמערקט: „טשודאַק !. ס׳איז אין אים אַריין אַ דיבוק. איז פּשוט משוגע״. מורא האָבנדיק פאַר אַ סקאַנדאַל, צוריק צוזאַמענגעקליבן די צעשיטע בלעטלעך. זיי צו־זאַמענגעלייגט לויט די נומערן. אַריינגעלייגט אין שיפלאָד.

„אמא!״ האָט אויסגערופן רותי. טיף געאָטעמט. „מ׳רופט דיך צום טעלעפאָן. ס׳רעדט זיכער דיין אַלטער סעוועק״.

„אין דיינע אויגן בין איך אויך שוין אַלט. ער איז גראָדע ייִנגער פון טאַטן״. אירע באַקן האָבן זיך געררויטלט. זי איז אַריינגעלאָפן אין סאַלאָן צום טעלעפאָן. אַ נייגעריקע איז רותי נאָכגעגאַנגען.

„שלום, שלום״, זיך אָוועקגעדרייט פון רותין. אין טרייבל אויפגערעגט אַריינגערעדט: „ניין, ניין. היינט קען איך נישט קומען נעמען דעם באַ־שטעלטן שטאָף. כ׳וועל אייך שוין טעלעפאָניש צו וויסן געבן. אדוני, שלום״.

אַ צעשטרייטע, אומרויִקע געווישט דעם באַשווייסטן שטערן. נישט געוואָלט רותי זאָל זי אויספרעגן, פאַרשן. זי פאַררעדט: „דיין טאַטע איז קראַנק. יעדע מינדעסטע זאַך רעגט אים אויף״.

„אמאַ!״ האָט רותי אויסגעשריגן: „אויסער דיר רעגט אים קיינער נישט אויף״. איז אַרויסגעלאָפן פון סאַלאָן.

נאָכן טעלעפאָנישן געשפּרעך האָט סאָניע אַ רגע געטראַכט איבער־רייסן מיט סעוועק. אַזוי פלעגט זי זיך אויפפירן: זיך געהיט, מ׳זאָל נישט וויסן אירע ראָמאַנטישע קאָנטאַקטן. אויב זי האָט בלויז געהאָט אַ פאַר־דאַכט, מ׳האָט זי באַמערקט מיט אַ פריינט, פלעגט זי זיך באַלד פון אים באַזייטיקן. פריינדינס פלעגן שוין זאָרגן זי באַקענען מיט אַנדערע אלמנס, געגטע, צעקריגטע מענער, אַזעלכע ווי ד״ר רעטער. צו אירע חברטעס געהאַט צוטרוי. זיי געפּאָלגט. ווי זיי אויך נישט געווען איבערקלייבעריש. סאָניעס חוש האָט אָבער איר דיקטירט אויסצוקלייבן ליבע־פּאַרטנערן בלויז פון דער „בעסערער״ געזעלשאַפט: רייכע סוחרים, העכערע באַאַמטע, געזעל־

שאַפּטלעכע טוער. מיט זיי זיך פּאַרווילט ביז ס׳האָט זיך איר געדאַכט, מ׳קוקט איר נאָך. מ׳איז זי חושד. טראַכטנדיק, ס׳איז סכּנותדיק זיך באַ־געגענען מיט סעוועקן, באַשלאָסן באַזוכן איר פריינדין, אַנקה ביטערמאַן. געוואָלט פון איר הערן נייע פּליאָטקעלעך. וועלכע פאַרלעך זענען צעקריגט, וועלכע פריינדין מ׳האָט געפּאַקט מיט אַ פרעמדן מאַן אין בעט, ווער ס׳האָט זיך שוין געגט און מיט וועמען אַנקה איז לעצטנס באַפריינדעט. ווי אַזוי זי פאַרברענגט מיט אים.

5

אויף דער רוישנדיקער, פילדערנדיקער הרצלגאַס האָט סאָניע צופעליק באַגעגנט אַנקהן. ביידע זענען אַריין אין אַ באַר. באַשטעלט קוכן מיט אייז־קאַפע. אַנקהן דערציילט, רותי ווייסט שוין אירע קאָנטאַקטן מיט סעוועקן. איז זי חושד, זי פאַרראַט דעם פאַטער. אין שטוב איז אַ גיהנום. „בין שטאַרקער פון אייזן, אַז כ׳האַלט דאָס אויס״.

אַנקה האָט געמישט די קאַפע. מיט אירע קליינע, גרינלעכע אייגעלעך באַדויערנדיק אָנגעקוקט סאָניען. געשאָקלט מיטן קליינעם קעפל, באַשייטלט מיט קאַשטאַן־קאַליריקע האָר. האָט פאַרצויגן די באָרדאָ־באַשמינקטע שמאָלע ליפעלעך, זיך פאַרטראַכט. געעצהט: „טייערינקע. יאָך האָב אַ נסיון. אַהאַ, האָב אויך פאַרמאָגט יענעם פויגל. פרעגן זי גאָרנישט. אויף אַ טויטן מעג מען זאָגן דעם אמת. זיך אויך געדעכנט פאַר אַ גרויסן צעלייגער. געמיינט, ר׳איז דער גרעסטער קאַפּשטיק. מיך אַזוי געמאַטערט, ווי אייער מאַנאַק. נו? האָב איך זיך געגעבן אַן עצה״. געגעבן אַ זיפּעלע קאַפע. זיך אומגע־קוקט צי מ׳הערט זי. צו סאָניען זיך צוגעבויגן, אין אויער אַריינגערעדט: „האָב זיך געלאָזט אין געסל. געזוכט זיך אַנטשפּאַנען״.

„אַנקהלע, זי וויסן דאָך. אויך איך האָב באַקאַנטע. היט זיך אָבער, תל־אביב איז אַ קליין שטעטל. האָב מורא פאַר בייזע צינגער״.

„סאָניעטשקע, זי קלערן צופיל אַריין, ווי אינס מאַן דער פילאָזאָף. קיינער האָט אייך נישט אין זינען. האָרכן זי מיך. ער יאַדעט אינען?. טוען זי, ווי איך. אָך, האָב איך אים געלערנט שכל!. זיך גראַדע באַמיט, ער זאָל אַלץ וויסן. האָט זיך טאַקע גענימען צו האַרץ. איז קראַנק געוואָרן. פוילט נעבעך, יונגערהייט, אין דער ערד״. ווישנדיק פאַרפייכטע אויגן, געמורמלט: „איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז איך בין נישט שולדיק אין זיין טויט״.

„יאָ, אַנקה, כ׳האָב דאָך אינען פאַרגעסן דערציילן. מיין תכשיט האָט לעצטנס געפּאַקט אַ יונגע שרייבערין. אוי, זי קענען דאָך איר. די־אָ יונגע מרים דותן, די פאַנפאַראַנקע, וועלכע כ׳האָב אינען יענע וואָך געוויזן. לעצטנס שרייבט זי אין די בלעטער באָבע־מעשהלעך און נאַרישע לידלעך. איז געוואָרן אַ גאַנצע איינגייערין ביי אונדז. עטלעכע מאָל אין וואָך באַ־

זוכט זי ברוכן. לייענט אים פאַר אירע בזדורעס. מיינער לעקט די פינגער פון איר פּאַטשקעכץ". דערציילט, אַז די מרים האָט זי געטראָפן אין קאַפע „נוגה" מיט סעוועקן. מיינט, זי האָט באַלד טעלעפאָנירט צו ברוכן. אים אָנגערייצט קעגן איר. אויך היינט האָט דער אידיאָט, סעוועק, צו איר געקלינגען, און פונקט האָט רותי אויפגעהויבן ס'טעלעפאָן־טרייבל. באַלד דערקענט זיין קול. האָב מיט אים גערעדט פאַרשטעלט. אָבער רותי איז אייזן־קלוג. זיכער אַלץ פאַרשטאַנען. זי אָנגעקוקט בייז, פאַרשעריש. באַשולדיקט, זי רעגט אויף איר פאָטער. רותי איז כעסיק אַרויסגעלאָפן פון סאַלאָן. שפעטער געדראָט, זי וועט פאַר בושה אַנטלויפן פון שטוב.

„וועלכער סעוועק? פון אים ווייס איך דאָך גאָרנישט. סאָניע אויך פאַר מיר האָבן זי סודות?".

„אוי, כ'האָב שוין אינען דערציילט. נו, דער־אָ סעוועק פיינשטיין, דער קאָנפעקציע־סוחר, וואָס האָט אַ געוועלב אַנטקעגן אונדזער הויז. זי הערן?" אַנקהן דערציילט: ביידע זענען אין קאַפע געזעסן אין אַ טונקל, רויטלעך־באַלויכטן ווינקל. סעוועק האָט זיך צו איר צוגעטוליעט. די־אָ פאַנפאַראָנקע האָט, ווייזט אויס, באַמערקט זייער לוסטיק זיך אונטערהאַלטן. האָבן געטרינקען וויסקי. פאַרביסן פעפעריקע וווּרשטלעך און געשמאַקע פּיצה. זענען געוואָרן דערוואַרעמט. זיך עטלעכע מאָל אַרומגענומען. סעוועק האָט זי לײדנשאַפטלעך געקושט, געגלעט, זיך צעפלאַמט. „מילא, האָב זיך פאַר־געסן, ווו כ'בין. זי וויסן דאָך מענער זענען חזירים. דער־אָ דריאַן, מרים, האָט זיכער אים אַלץ דערציילט".

„נו?. איז וואָס?", האָט אַנקה צופרידן רעאַגירט: „זאָל ער זיין אַן עכטער מאַן. אפשר מיינט ער, זי זענען געוואָרן אַ נזירה?".

„אַנקה, זי הערן?. פון דאַמאָלסט אָן איז ער פון מיר גענצלעך איזאָלירט. פלאַנירט זיך גטן". סאָניע האָט געווישט אירע נאַסלעכע, טרויעריקע אויגן. געזיפצט. געשעפּטשעט: זי איז שוין פאַרזיכטיק. באַגרענעצט באַגעגענישן מיט דעם סעוועק, וואָס קריכט איר נאָך ווי אַ שאָטן. זי האָט מורא פאַר קאָנסעקווענצן. די שרייבערין דענערווירט זי. „כ'הער נישט אויף טראַכטן וועגן דעם".

אַנקה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. איינגעצויגן די בלויע ווייעס. אויפ־געדעגט געזאָגט: „פייפן זי אויף איר, אויף אַלע".

„גברת אַנקה, אפשר פאַרברענגט זי מיט ברוכן?. זי איז אַ יונגיטשקע. אַ באַחנטע. אויך אַ שרייבערין. נישט קיין אַזאַ קנאַקערין. אָבער דרוקט זיך אין די בלעטער. דאָס זענען דאָך זיינע נאַרישע חלומות".

„אָבער וואָס איז געוואָרן מיט דעם סעוועק?" האָט אַנקהן פאַראינטע־רעסירט.

סאָניע האָט זיך פאַרטראַכט. געספּקט: יאָ אָדער נישט דערציילן אירע קאָנטאַקטן מיט דעם עלעגאַנטן, רייכן דזשענטעלמען, סעוועק פיינשטיין. זי ווייסט, אַז די אַנקה איז אַ רכילותנדיקע. פון איין וואָרט מאַכט זי צען.

חנדלט זיך צו באַקאַנטע. פרעגט זיך אויס וועגן אינטימע משפּחה־זאַכן און צעטראָגט פֿאַר אַלע געהערטע סודות. אַנקהן אָנגעקוקט פּאַרדעכטיק. געספּקט: צי קען זי זיך פֿאַר איר פֿאַרטרויען. איר מיחוש צו פּלוידערן האָט גובר געווען. דערציילט: פֿאַרן סקאַנדאַל, נאָכן פֿאַרווילן זיך מיט סעוועקן אין „נוגה" האָט זי זיך עטלעכע מאָל אין וואָך מיט אים געטראָפֿן. ער האָט איר איין מאָל פֿאַרגעשלאָגן צוזאַמען פֿאָרן קיין אילת. האָט מסכים געווען, ווייל זי מוז זיך אויסרוען פון ברוכס אָפּטע, לאַנגווייליקע אויפקלערונגען, אַז מ׳דאַרף עסן בלויז גראָז. זיך פֿאַרקלאָגט, ס׳איז איר דערעסן כסדר הערן זיינע פֿאַרוואָרפֿן: אירע בלוזקעס זענען רעשיק־פֿאַרביקע. אַלע קליידער האָבן טיפֿע דעקאָלטן. זענען שמאָל אויסגעפֿאַסט, בכדי בולטער מאַכן איר ביוסט, היפּטן, הינטן. יעדעס מאָל פֿאַרן אַרויסגיין פון שטוב קוקט ער אויף איר קנאהדיק. טענהט: צייכנט נישט עסטעטיש אירע ווייעס, ברעמען. תמיד איז זי זאָרגפעליק אָנדאַלירט, מאַניקירט, פּעדוקירט, שמירט זיך מיט טייערע זאַלבן. באַשפּריצט זיך מיט שאַרפֿע פּאַרפֿומען. וואַרפֿט איר פֿאָר: „אין גאַס זעסטו אויס ווי אַ מאָדעל־מיידל".

סאָניע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אָפּגעווישט אַ רינענדיקע טרער אויף איר לינקער, באַראָזטער באַק. באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. שטיל פֿאַרטרויט: פֿלאַנירט אַוועקפֿאָרן ווייט, ווייט. ס׳איז איר דערווידער צו זיין אין דעם פֿראָווינציעלן, רכילות־שטעטל תל־אביב. האָט פֿיינט די פּיינע געקינצלטע דזשענטעלמענער, ליגנערישע מוסר־פּרעדיקער, וואָס פֿאַרנאַרן ווייבער. האָפֿט צו באַקענען זיך מיט אַ פּשוטן מאַן. מיט אַזאַ מענטש וועט זי לעבן גליקלעך, טריי. אַזעלכער וועט זי נישט מאַטערן מיט פיקס־אידעען, וועט זי ליבן, שעצן.

מיט אַ פּאַפּיר־סערוועטקעלע האָט אַנקה זיך אָפּגעווישט פון קוכן־איינגעשמירטע שאָקאָ אויף אירע מאַט באַשמינקטע ליפּן. איר דאַר, קליין, היפּש געשרומפּן, רויטלעך באַפּאַרבט פּנימל איז געוואָרן בלאַסלעך. די גלאַנציקע, גרינלעך־קעצישע אייגעלעך האָבן אויף דער פֿאַריאָמערטער סאָניען געקוקט מיטליידנדיק, טרויעריק. האָט פֿאַרלייגט די הענט אונטער אירע גראָבע ציצן. זיי געהויבן, מער פֿאַררונדיקט. ס׳האָט אויסגעזען, גלייך זי האַלט אונטערן אָראַנזשן־קאַליריקן סוועטערל, צוויי גרויסע פוטבאָל־פּילקעס. געזיפֿצט. פֿאַרצויגן די ליפּעלעך. טיף געקרעכצט: „זי דערציילן מיר מיין פינצטערן בראָך. אָך מיינער איז געווען אַזאַ מין סחורה. מיך געגעסן לעבעדיקערהייט". גערעדט, גערעדט: דווקא ווען איר מאַן איז פון פעלד צוריק געקומען אַ פאַרבלאָטיקטער, מידער, הונגעריקער, זי געטראָפֿן אויסגעפּוצט, פלעגט זי דאַן אַרויס פון שטוב. צוריק געקומען שפּעט ביינאַכט. אים איבערגעוועקט. טייל מאָל גאָר האָט ער זי געטראָפֿן מיטן אַן איינגעלאַדענעם פריינט, מיט וועלכן זי איז אַוועק. איר „גאָטזעליקן איבערגעלאָזט מיט די פיר ווענט". אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך געקאָכט, דענערווירט.

געמאַכט סקאַנדאַלן. „ס׳האָט אים נעבעך געפּלאַצט די גאַל. אויף אַ טויטן מעג מען זאָגן דעם אמת. אַ נישט וואָלט איך געפּוילט אויף זיין אָרט״.

די לעצטע ווערטער האָבן סאָניען געמוטיקט. אַנקהן געגלייבט. נאָך אַמאָל דערציילט איר מאַנס סקאַנדאַל נאָכן אַהיים קומען פון קאַפּע „נוגה״: „ריכטיק. בין געווען אַביסעלע בגילופינדיק. עטוואָס שיכורלעך פאַרטשמע־ליעט. אָבער, אַנקה, ס׳איז געווען גוט. דער־אַ סעוועק איז אַן עכטער גבר. וואָסי ברוך מעג?״, זיך באַרעכטיקט: יעדעס מאָל קומט צו אים די שריי־בערין. איז אויסגעפּיאַצקעט. טראָגט שטענדיק די מאָדערנסטע קליידער, אויסדעקאָלטירטע פון פאָרנט און ביז האַלבער פּלייצע. איר נאַקעט, פון זון־באַברוינט לייב גלאַנצט פון באַשמירטע זאַלבן. ס׳פּנים פאַרבט זי גראָדע נישט. איז אָבער נאַטירלעך שיין. האָט אַ געטאָקט נעזל. טעמיקע ליפּעלעך, וואָס מאַנען ווערן געקושט. אירע באַקן זענען ראָזלעך־רויטלעך נאַטירלעך. מיט אירע בלויע, לוסט־ברענענדיקע אויגן קוקט תמיד שמייכ־לענדיק, בעטנדיק מ׳זאָל זי צערטלען, פאַרערן, ליב האָבן. איז שיין, באַחנט. לעצטנס קרייזלט זי זיך מאָדיש די האָר און אויפן שטערנדל פאַרלאָקט זי צוויי רינגעלעך, ווי שליסלעך־הענגער, ווי כישוף־ווענטקעס. ווען זי קומט צו ברוכן ווערט די שטוב פאַרשמעקט .זיצט מיט אים שעהען. „ער מעג?״!, האָט סאָניע זיך געהיצט, דערציילט: איר באַשלוס איבערצורייסן מיט סע־וועקן. זי זוכט אַ מער דיסקרעטערן פריינט. אַנקהן געבעטן העלפן באַקענען מיט עפּעס אַן ערנסטן פאַרטנער. אויב זי וועט געפינען אַ פּאַסיקן מאַן, איז זי גרייט זיך גטן און פאַרמעל חתונה האָבן. „אָבער אַנקה. דאָס מוז זיין סודותדיק. פון יעצט וועל איך יעדן מאַן גוט אויספּרווון״.

„גוט״, האָט אַנקה צוגעזאָגט. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגע־גאַנגען.

אויך ברוך רעטער האָט שוין „דעצידירט״. זיין „באַשלוס״ אַפילו פאַר־צייכנט אין טאָגביכל. די בלעטלעך באַהאַלטן אין אַ גראַב־באַנדיקער ענצי־קלאָפּעדיע. דאָרט געשריבן: ער פּלאַנט זיך צו באַקענען מיט אַן אינטע־ליגענטער לעבנס־באַגלייטערין. גאָרט געפינען אַ פרוי, וואָס זאָל אים פאַר־שטיין, איז מסכים צו פירן אַ וועגעטאַרישן לעבנס־שטייגער. אַזאַ פרוי וועט אים גילטיק באַפרייען פון דריקנדיקע דעפּרעסיע־געפילן. קען מער נישט דולדן, לעבן מיט סאָניען, וואָס איז שטענדיק קעגן אים, האָט פיינט זיינע אייגנשאַפטן. ער קען מער נישט וווינען מיט אַ פרוי, אַ גאַרנדיקע צו אַ פאַרשווענדעריש לוקסוס־לעבן. סאָניע קאָקעטירט מיט זיינע אין שטוב־פאַרבעטענע קאָלעגן, ווילט זיך מיט פרעמדע מענער אין פאַרדעכטיקע קאַבאַרעטן. די הויפּטזאַך, איז אונטערגעשטראָכן, זי באַציט זיך צו אים מיט אָפּשיי. דאָס שיידן זיך פון סאָניען וועט אים באַפרייען פון מינדער־הייט־געפילן, וואָס ווירקן אויף אים דערנידערנדיק. שוואַכט אָפּ זיין אינ־טעלעקט, שטערט אים שרייבן.

ביידע טראַכטן, פּלאַנירן פּערזענלעכע כדאיקייט פאַרמעל זיך צו שיידן. אָבער ס׳מאַטערן זיי די זעלבע חששות. קענען נישט רעאַליזירן זייערע „באַשלוסן״.

צומאָרגנס האָט סאַניע דערציילט אַנקהן, וואָס איז צו איר געקומען שדכנען אַ „טייערן, גאָלדענעם שידוך״, אַז זי האָט מורא, ברוך וועט זי באַרעדן, באַשמוצן, וועט אין דער פּרעסע פאַרעפנטלעכן אַז זי וועט פאַר־ראַטן יעדן מאַן, מיט וועלכן זי וועט חתונה האָבן. אַלס דאָקטאָר האָט ער סאַניען שוין פיל מאָל געזאָגט, ער ווייסט, זי בויטיקט זיך אין אַ סך געשלעכט־לעכע באַציונגען און איין מאַן איז נישט פיזיש בכוח באַפרידיקן אירע נישט נאָרמאַלע לוסטן. שוין עטלעכע מאָל גערדאָט, איר עפנטלעך דער־קלערן אַלס פסיכיש־קראַנקע און נינפאָמאַנקע.

די זעלבע חששות האָט ד״ר ברוך רעטער אין זיין טאָג־ביכל פאַר־צייכנט: „מיר מוזן זיך שיידן. האָב אָבער מורא. סאַניע קען זיך אין מיר נוקם זיין. איז פעיִק אויסצוטראַכטן בלבולים. דאָס קען מיך קאָמפּראָמי־טירן. דערנידעריקן. וועל פאַרלירן דעם אָנזען אין דער דאָקטוירים־געזעל־שאַפט. איר מיילעכל קען מיך רויִנירן. בלייבן אָן שום פינאַנסיעלע מיטלען. האָב מורא: מיין ליבע בת־יחידה, רותילע, וועט דער אָפיציעלער גט־אַקט גורם זיין חרפּות. וועט די בושה נישט אויסהאַלטן, קען אַנטלויפן קיין חוץ לארץ. אפשר גאָר באַגיין זעלבסטמאָרד. אָבער מיט סאַניען קען איך מער נישט לעבן. ווייס נישט וואָס צו טאָן. אפשר וועט די צייט לעזן דאָס מיך מאַטערנדיקע פּראָבלעם.

13טער יאַנואַר 1976״.

6

הייסער, דופּטיקער נאָכמיטאָג.

ד״ר ברוך רעטער איז נישט אַהיימגעקומען צו דער אָנגעשטימטער צייט מיט מרים דותן, וועמען ער דאַרף צוריקגעבן איר דערציילונג: „ט ר ו י מ ע ן״. אומגעדולדיק וואַרט זי, די פריילין, אין זיין אַביסל זון־באַשטראַלטן אויפנאַם־צימער. זי גאַרט וויסן זיין מיינונג צי די ראָמאַנטישע מעשה איז געשריבן אין בעלעטריסטישן סטיל און צי די באַשרייבונג האָט שאַנסן ווערן געדרוקט אין פּעריאָדישן פּראָזאַ־זשורנאַל: „א י ל ו ז י ע ס״. מרים בלעטערט מעדיצינישע ענציקלאָפּעדיעס. בליקט אין פאַרביק־אילוס־טרירטע זשורנאַלן, צווישן וועלכע זי געפינט באַהאַלטענע, באַשריבענע, סימעטריש־צוגעשניטענע פּאַפּירלעך. קאָנצענטרירט לייענט זי רעטערס פאַרצייכנטע באַמערקונגען, נאָטיצן, ציטאַטן פון פאָרשער וועגן צוזאַמענ־האַנג צווישן קערפּער און גייסט. זיין אַנאַליזירן די קאָמפּליצירטע ראָל פון

דעם נערוונסיסטעם אויפן געזונט. עטלעכע מאָל, אויפמערקזאַם לייענט די שטעל: „שפּאַנונג איז אַ דעצידירנדיקער פּאַקטאָר, וואָס אַנטוויקלט קראַנקייטן". די פּראַקטישע אַנווייזונגען, ווי אַזוי באַהאַנדלען נערוונצע־שטרייטע פּאַציענטן, ביי וועלכע ס'מערקן זיך בולטע פּאַראַנוי־סימפּטאָמען, ספּעציעל גוט אויפגעפּאַסט זיין באַשרייבן ס'טראַגישע צוזאַמענלעבן מיט סאָניען. זיינע פּלענער זיך מיט איר שיידן. רעפלעקסן, השתפּכות־הנפש. די־אָ זייטלעך געשפּאַנט געלייענט עטלעכע מאָל. אַלע מאָל געקוקט צו דער טיר. נישט געוואָלט רעטער זאָל זי טרעפן לעזן זיין געהיימען טאָג־בוך. אייניקע מאָל אויפגעצאַפּלט, הערנדיק דערנעענטערנדיקע טריט צו דער טיר. דאַן שנעל אַוועקגעלייגט די ביכער מיט די אַריינגעלייגטע אין זיי נערוועיש־באַשריבענע בלעטלעך, פּאַרצייכנט מיט זיינע שנעל נאָטירטע געדאַנקען. הערנדיק די טריט דערווייטערן זיך, ווערן איינגעשטילט, אויפסניי אַרויס־גענומען די ביכער. דאָרט געבישטערט, געזוכט אַנדערע פּאַרשריבענע בלעטלעך. מער גאָרנישט געפונען. איז געבליבן זיצן סתם. געגענעצט. זיך געלאַנגווייליקט. פון טאַש אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע. ברייט צעעפנט די אויגן. אַריינגעקוקט. קאָנטראָלירט געפּאַרבטע ליפּן, וויִעס. דערבליקט די אונטערשטע ליפּ איז בלאַסער פון דער אויבערשטער. זיי איבערגע־שמינקט. מיטן צינגל באַלעקטביידע ליפּן. זיי האָבן זיך צעגלאַנצט, ווי אַ פרישׂ צעעפנטע רויז. מיטן רעכטן ווייזפינגער פאַרגלעט די ברעמען, פּאַרלאָקט די צוויי האָר־רעדלעך אויפן שטערן. געררונדיקט די געקרייזלטע האָר נעבן די אויערן. געקוקט צופרידן. געשמייכלט צו איר שמייכלענדיק פּנים אין שפּיגעלע. אַ קלונג פון טיר־גלעקל האָט איר געשטערט דאָס הנאהדיק אָבסערווירן איר שיין, יונג פּנים. שנעל אַוועקגעלייגט די קאָס־מעטישע מיטלען. געשפּאַנט אָפּגעוואַרט רעטערס אַריינקום.

פון סאַלאָן איז איילִיק אַרויס סאָניע, אַנגעטאָן אַ נישט צוגעקנעפּלטן, בלוי־באַבלומטן, דורכזיכטיקן שלאָפראָק. זי האָט געעפנט די אַריינגאַנג־טיר. געדעדט מיט רוזשקעלע דער שכנטע. איר אָנגעזאָגט נישט פאַרגעסן קומען אין אָוונט שפּילן אַ פּאָקער. פייפנדיק, איז זי צוריק אַריין אין סאַלאָן. דורכגייענדיק דעם קאָרידאָר, אַריינגעבליקט אין קאַבינעטל. קנאָהדיק גע־קוקט אויף מרימס טונקל קליידל, היפּש אַרויפגערוקט איבער די קני̇ען. זי איז אַריין אין שלאָפצימער. אויסגעטאָן ס'שלאָפראָקל. איר לייב מאַסאַ־זשירט מיט זאַלבן. אָנגעטאָן אַן אָן אַרבלדיק, ווייס בלוזקעלע, אַ טונקל שטאָפּיקן ראָק, געפּאַרבט מיט גרינע שטענגעלעך, געמאָסטן עטלעכע פּאָר לאַטשן, ביז זי האָט צוגעפּאַסט שוואַרצקאָליריקע, דינע, הויכקנאָפּלדיקע לעטשלעך. זיך געדרייט פאַרן שטיי־שפּיגל. אָנגעצויגן ס'בלוזקעלע, אַרויפ־גערוקט דעם ראָק. געגוי זיך באַקוקט. אַ צופרידענע זיך באַשפּריצט מיט פּאַרפום. פּאַררייכערט אַ „טיים"־פּאַפּיראָסל. איז אַריין אין סאַלאָן. טעלע־פאָנירט: „שלום. אין קאָפע ,נורית'? גוט, זייער גוט. כ'קום באַלד".

נאָכן אָוועקלייגן ס׳טעלעפאָן־טרייבל איז זי באַלד אַרויס. אויף די שטיגן האָבן זיך באַגעגנט „מאַן" און „ווייב".

ווי נאָר ד״ר רעטער איז רעשיק, אויפגערעגט אַריין אין קאַבינעטל, האָבן אים פאַרכאַפּט קאָסמעטיש־לאַקנדיקע ריחות. ער האָט זיך העפלעך אַנטשולדיקט. פאַרענטפערט זיין פאַרשפּעטיקט קומען. גאַרנדיק, ליבלעך אָנגעקוקט מרימס גרויסע, שמייכלענדיקע צו אים אויגן. הנאהדיק געקוקט אויף אירע געטאָקטע, לאַנגע פיס, וועלכע האָבן זיך לייכט באַוועגט. אים גערייצט. איז געוואָרן אַביסל באַרויִקט.

מרים דותן האָט פאַרשטאַנען, רעטער האָט אויף די שטיגן באַגעגנט זיין עלעגאַנט ווייבל. ווייסט, מן הסתם, ווו זי גייט. געטראַכט: „דאָס איז די סיבה פון זיין תמידיקער אויפגערעגטקייט".

רעטער איז פאַר מרים׳ען געשטאַנען נישט דרייסט. אַביסל פאַרלוירן. באַמערקט: „געלייענט אייערע לידער. לויט מיין ווייניקייט זענען זיי נאָך פאַרנעפּלט. דער סוד פון שרייבן איז פּאַסיק צוזאַמענשטעלן ווערטער. דער עיקר: לייענער דאַרפן פאַרשטיין, וואָס ס׳איז געשריבן. די דערציי־לונג האָב איך נאָך נישט געענדיקט. בין גאָר באַשעפטיקט. פון די עטלעכע געלייענטע זייטלעך מערקט זיך אַן אינטערעסאַנטע האַנדלונג. פאַראַן שפּאַ־נענדיקע שטעלן. אָבער אייער שרייבן איז נאָך ווייניק רייף. איר דערציילט אַביסל נאַיִוו. ס׳פעלט אויך קאָנצענטראַציע. גברת מרים, יעדער שרייבער מוז פאַרמאָגן ווערטער־אוצרות. מ׳טאָר אָבער זיך נישט מיט זיי סתם באַ־נוצן. מ׳מוז זיין זייער פאַרזיכטיק מיט יעדן וואָרט. מ׳מוז עס פּינקטלעך צופּאַסן, באַהעפטן מיט אַנדערע ווערטער. דאַן שיינען זיי. שאַפן הנאה. איר דאַרפט זיין מער קאַרגלעך ביים אויסדריקן, שילדערן ברויזנדיקע געפילן, רעפלעקסן, בילדער".

מרים איז געבליבן געפּלעפט. געפילט פאַרדראָס. „הער דאָקטאָר, מיר שיינט איר זייט דענערווירט".

„ריכטיק", געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערציילט, ער האָט ביז מיטאָג אויפ־גענומען אַ סך קראַנקע. פאַרשריבן אַ 200 רעצעפּטן. איר דערקלערט, ער ווייסט זיי ווירקן כמעט גאָרנישט. דאָס רעגט אים אויף. אויך דערציילט, ס׳איז ביי אים אין אַמבולאַטאָריע געווען אַנקה, סאָניעס חברטע, איר עצה־געבעריןָ. זי איז געקומען אַן אויסגעפּוצטע, באַמאַלעוועטע, באַשמעקטע. זיך געחנדלט. געבעטן פאַר קיינעם נישט איבערחזרן אַ וויכטיקן סוד: „סעוועק פיינשטיין גט זיך". די רכילותניצע באַטאָנט: „ס׳איז נישט קיין ווונדער. קלאַרא, סעוועקס ווייבל, איז דאָך מיאוס ווי די נאַכט. קליידט זיך ווי אַ באַבע. איז אויך נאַריש ווי אַן אָקס". רעטער איז אויפגערודערט: „כ׳האָב זי געוואָלט אַרויסוואַרפן. אָבער באַלד חרטה געהאַט. זי קען מיר נוצן. עפּעס־וואָס וועל איך זיך פאַרט פון איר דערוויסן".

„אָ, אַנקהלע!", האָט מרים איראָניש געשמייכלט.

„וואָסי? דו קענסט זי אויך?".

„אַ פראַגע״. ווער קען זי נישט?, האָט מרים זיך צעלאַכט. געשוויגן. געטראַכט: אַנקהלע באַרעדט אים און קומט צו אים מיט אירע „סודות״. מעגלעך זי וויל אָנהייבן קאָכן אַ נייע קאַשע. אפשר גאָר פּלאַנט זי אים געווינען פאַר זיך. מרים האָט זיך געראַנגלט: יאָ אָדער נישט דערציילן וועגן איר באַגעגענען אין סופּערמאַרקעט מיט אַנקהן, וועלכע האָט איר אָנגעפּלוידערט וועגן די אָפּטע קריגערייען צווישן רעטער און סאָניע. אויך איר דערציילט אַ „סוד״: סאָניע האָט באַשלאָסן זיך גטן מיט רעטערן. איז באַפריינדעט מיט סעווען. וועט אָבער מיט אים זיך נישט פאַרבינדן. זוכט אַ צווייטן פרייער. אַנקה האָט דאַן מרימן דערציילט: סאָניעס שידוך מיט ברוכן איז נישט געווען קיין איינגעגעבענער. באַלד ביי די ערשטע באַגעג־גענישן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ דראַסטישע דיסטאַנץ. סאָניע איז דאַן אַלט געווען אַכצן יאָר. יינגער פון ברוכן מיט צוועלף יאָר. אָבער שוין דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ טאַטע פון שוין דערוואַקסענע קינדער. זי האָט אים נישט געוואָלט. אַנקהן דערציילט, ס׳האָט זי אָפּגעשטויסן זיין בלאַס פּנים מיט שפּיצלדיקע קינבאַקן, דיקע בלוילעכע ליפּן, רונדיק, רויטלעך, פליישיק נעזל. טרויעריקע אויגן, פאַרטיפטע אין האַלב־פאַרמאַכטע וויִעס, ווי זיי וואָלטן זיך שלעפעריק געגאַרט פאַרמאַכן. די עלטערן האָבן זי צו־גערעדט, האָט זי זיך מיט אים געטראָפן. ביי יעדער באַגעגעניש האָט ער זיך באַקלאָגט אויף מידקייטן, צוליבן שטודירן האַלבע נעכט. אַנקה האָט מרימן דערציילט, אַז סאָניע האָט איר פאַרטרויט: ווען זי האָט ס׳ערשטע מאָל דערזען ברוכס נידעריק גופל, גרויסן קאָפּ, באַוואַקסן מיט בלאָנדע געקרייזלטע האָר, האָט זי צו אים געפילט ווידערווילן. דאָס־אָ אָפּשטויסנ־דיקע געפיל באַגלייט זי ביזן היינטיקן טאָג. אַנקה האָט דאַן פאַר מרימן באַטאָנט: „איז די סאָניע נישט גערעכט?. קען דען אַזאַ נידעריקער מאַן, אַ תמיד פאַרחלומטער, אימפּאָנירן אַזאַ היפּשער, מאָדערנער, אימפּולסיווער פרוי ווי סאָניע? זי איז תמיד אַ פריילעכע, לעבנסגאַרנדיקע, שיין ווי די וועלט״.

בשעתן אויסקלייבן פּראָדוקטן איז אַנקה נאָכגעגאַנגען מרימן. אין איר אַריינגערעדט: איז אַנטציקט פון סאָניעס גלייכע געטאָקטע פּיסלעך, שלאַנק קערפּערל, פיינפאָרמיקן ביוסט, גלייכע אַקסלען, נאַטירלעך רויטלעכע באַקן מיט אַ שאַרף־אויסגעשניצט פאַרריסן נעזל, פּייער־גלאַנציקע, ליבעוועקנ־דיקע, גרויסע, גרינע אויגן, וואָס כישופן זיכער ליבע־לעכצנדיקע מענער. „ס׳איז אַ ווונדער״, האָט דאַן אַנקה געזאָגט: „דער קערפּערלעכער און לעבנס־גאַרנדיקער אונטערשייד איז דער גורם פון איר ווידערגעפיל צו אים. און יעצט זיין טשודאַצקע זיך אויפפירן?. דאָס זענען באַרעכ־טיקטע סיבות, פאַר וואָס סאָניע זוכט אימפּאָנירנדיקע מענער מיט זיי זיך צו אַנטשפּאַנען״. מרימן דערציילט, ס׳איז ביי די רעטערס אָפּטע קריגע־רייען. ער באַהאַנדלט זי ווי אַ דינסט. גלייבט איר גאָרנישט. רעטערן פאָרגעשטעלט אַלס טשודאַק, קמצן, חשדן, עגאָיִסט. פאַרזיכערט, זי גלייבט

סאַניעס יעדעס וואָרט. אַנקהס רכילותן האָט זיך מרים דערמאָנט, בשעת ד״ר רעטערס זיין אין קיך, צוגרייטן זיין וועגעטאַריש מיטאָג.

רעטער איז צוריקגעקומען. איןביידע הענט געהאַלטן אַ טאַץ, אָנגע־שטעלט מיט פּאָרצעלייענע טעלערלעך טרויבן, עפּל, באַנאַנעס, צוויי גלע־זער גרעיפּפרוכט־זאַפט. „מרים, וועסט מיר מוחל זיין פאַר מיין אומטאַק־טישקייט״, זיך אַנטשולדיקט פאַר זי לאָזן זיצן אַליין, בשעת ער האָט צוגעגרייט זיין מיטאָג. זי מכבד געווען מיטן גלאָז פרישן זאַפט און פרוכטן. דערקלערט: „אַ שעה צייט האָט מיר די אַנקה צוגערויבט. וועגן דיין שרייבן קען איך מער גאָרנישט זאָגן. בין באַגרענעצט אין צייט. מוז אָפּעסן. אַביסל רוען. נאָכמיטאָג מוז איך אויפסניי צוריקגיין אַרבעטן״.

מרים באַדויערט: „דיין פרוי גרייט דיר נישט צו עסן?״.

„סאַניע פאַרמאָגט נישט קיין חוש פאַר ווירטשאַפטלעכע קלייניקייטן״.

מרים האָט אים נישט געוואָלט שטערן. איז אַוועק.

7

„ברוך!״, איז אַ הייטערע אַריינגעקומען רחל, רעטערס שוועסטער. דורכדרינגלעך, חידושדיק אָנגעקוקט איר טרויעריקן ברודער. ביידע האָבן געגעסן פרישע, גאָר אַפּעטיט־רייצנדיקע פרוכטן. האָט זיך מיט אים היימיש־לעך אונטערהאַלטן. רחל דערציילט רעטערן, זי האָט געקויפט קאַרטן אין „הבימה״. דעם אָוונט שטעלט מען פאָר ש. אַנסקיס „דיבוק״. זיך געזעג־נט: „עפּעס זעסטו אויס אויפגערעגט״.

ד״ר רעטער האָט צוערשט סתמיק אָנגעקוקט זיין שוועסטער, וואָס האָט זיך נעענטער צו אים צוגעזעצט. אין זיין אויער עפּעס אַריינגעשושקעט.

„כ׳ווייס״, האָט ער, זיפצנדיק, געשאָקלט מיטן קאָפּ. געוואָרן טרויעריק. טיף געזיפצט.

„ברוך״, האָט רחל געווישט אירע פייכטלעכע אויגן, „פון סאַניעלען רעדט מען אין גאַנץ רמת־גן און אויף דיין גאַס. זי האָט, לעצטנס, גאָר־נישט קיין בושה. כ׳פאַרשטיי דיך נישט. ביסט תמיד אויסגערעכנט. יעדע זאַך טראַכסטו עטלעכע מאָל, איידער דו דעצידירסט שוין רעאַליזירן. זאָג מיר: וואָס האָסטו מסכים געווען חתונה האָבן מיט אַזאַ לייכטזיניקער?. פאַר אַלע צעפּלוישט זי: ,מיר זענען נישט געווען, וועלן קיין מאָל נישט זיין אַ פּאַסיק פּאָרל׳. איך האָב דיך דאַמאָלסט גוט געוואָרנט, אַז דאָס פּוסטע ליאַלקעלע איז נישט פאַר דיר. וואָס קלערסטו צו טאָן?״.

„אָ, זי האָט מיר דאָס שוין אייניקע מאָל געזאָגט. וועגן דיין פראַגע? האָב שוין דערפון פיל מאָל געטראַכט. סאַניע האָט קיין מאָל נישט קיין אייגענעם געדאַנק. יונגערהייט איז זי באַווירקט געוואָרן פון אירע פּראַק־טישע עלטערן, שניט־סוחרים. זיי האָבן זי צוגערעדט. געוואָלט זיך, וואָר־שיינלעך, קויפן יחוס. האָבן אַן איידעם אַ דאָקטאָר. מן הסתם, איינגערעדט: מיין צוקונפטיקע קאַריערע וועט איר דערמעגלעכן אַ זיכערן, גוטן מאַטער־יעלן צושטאַנד. וועט געניסן פון אַ רייך, זאָרגלאָז לעבן״.

דער שוועסטער דערציילט זיינע דעמאָלסטיקע אילוזיעס: ער וועט משפיע זיין אויף דער פשוטער סאָניע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין רמלה, צו רעאַליזירן עטישע אידעאַלן אין זייער בשותפותדיק לעבן. זי וועט לערנען, אים שעצן. וועלן לעבן ערלעך, צופרידן. ביי אַלע באַגע־גענישן פלעגט זי פאַר אים אויסדריקן אירע האָפענונגען, מ׳וועט לעבן וויל. איר מאַמע, אַ שיינע, תמיד עלעגאַנטע פרוי האָט דער טאָכטער איינגע־רעדט, זי וועט וווינען אין אַ לוקסוס־דירה, וועט זיך קליידן מאָדיש. קומען אין אַ גוטער געזעלשאַפט. סאָניע האָט אָפטמאָל אים דערקלערט: „ביסט אַ קלוגער, געבילדעטער חברהמאַן. מיר האָבן יינגלעך פאַרדרייט דעם קאָפּ. האָב קוים געענדיקט אין יאַר תיכון״. אים צוגעזאָגט פאַרזעצן לערנען. רחלן דערציילט, ער איז דאַן געווען גליקלעך, פאַרכישופט אין איר שיינ־קייט, אָפנהאַרציקייט, נאַיִוקייט. געטרוימט: די־אַ דאַמאָלסט יונגע, ערלעכע סאָניע וועט אים, דעם לעבנראַפּינירטן, געלערנטן מעדיצין־סטודענט, צו־קונפטיקן דאָקטאָר, שעצן, פאָלגן, וועט ווערן זיין איבערגעגעבענע לעבנס־באַגלייטערין. דאַן באַשטימט איר נאָכגעבן אַלע קאַפּריזן, געברויכן פון אַ שיינער, יונגער, מאָדערנער פרוי. געגלייבט: צווישן זיי וועט זיין האַרמאָניע. וועלן לעבן טריי, ליבנדיק. פאַנטאַזירט: דווקא וויל זי שטאַמט פון פּשוטע סוחרים, טאַרנאַפּאָלער לאַנדסלייט, איז ווייניק געלערנט, וועט ער זי גייסטיק באַהערשן. געגלייבט: אין איר נאָך יונג, ערלעך האַרץ, וועט ער פאַרפלאַנצן זיינע ראַדיקאַלע אידעען. דאַן סאָניען געזען ווי אַ ליידיקן בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכן ער וועט אויפצייכענען פּאַראייגנטע, סאָציאַליסטישע געדאַנקען, זיינע וויזיעס, טרוימען: מדינת ישראל וועט אַמאָל זיין אַ פּרוכטבאַר, עטיש לאַנד — אַן אור לגויים. געגלייבט מיט דער צייט וועלןביידע ווערן אַ האַרמאָנישע מאַן און ווייב־איינהייט. סאָניע, זיין צוקונפטיק ווייב, וועט אים מוטיקן צו גייסטיקע דערגרייכונגען. אין רחלן אַריינגערעדט: ער ווייסט וועגן דער פּאָזיטיווער ווירקזאַמקייט פון אַ ליבנדיקער פרויס גלייבן אין איר מאַנס שעפערישע כוחות. דעמאָלט זי געלויבט פאַר אַלעמען. אויסגע־דריקט האָפענונגען, זי וועט זיין אַ שטויס־קראַפט, ער זאָל שטודירן, שרייבן. אַ דאַנק איר שעצן זיין דענקענדיקן מוח, וועט ער התמדהדיקער לערנען. פאַרווירקלעכן זיינע חלומות: ווערן אַ באַרימטער דאָקטאָר, מיט דער צייט פּראָפעסאָר: וועט פאַרעפנטלעכן זיין שוין דעמאָלט אָנגעהויבענע פאָרש־אַרבעט צו אַנטדעקן פּאָטענציעלע ווידערשטאַנדס־כוחות אין מענטשלעכע קערפּער, דערנערטע מיט בלויז רויער פרוכט, גרינוואַרג און לעבן גייס־טיק רויִק,

„ביי אייך ביידן, הייסט עס, איז געווען אַ קעגנזייטיקע, תכלית־אויס־גערעכנטע פאַרשטענדעניש־סימפּאַטיע. יעדער פון אייך האָט געהאָפט, דער צווייטער וועט אים מאַכן גליקלעך. די־אַ איינרעדענישן האָבן אייך באַ־ווירקט איר זאָלט חתונה האָבן. ברוך, מיין ברודער, האָסטו זיך באמת מאַכן גליקלעך דיין פרוי ?״.

ד״ר ברוך רעטער האָט דער שוועסטער דערקלערט: אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה האָט דאָס משפחה־לעבן אַנטדעקט אַ דיסטאַנץ, האָבן זיך דערקענט אַלס פאַרשידנאַרטיקע כאַראַקטערן מיט אונטערשיידנדיקע ביי־גונגען. סאַניעס געמיט האָט זיך געענדערט. די־אַ שטענדיק פריילעכע יונגפרוי איז אין זיין אַנוועזנהייט געוואָרן וואָס אַמאָל מער טרויעריקער, פאַרכמורעטער. אויפגעהערט זיך באַמיען צוגרייטן באַטעמטע מאַכלים. אַפטמאָל אויך מיט אים אויסגעמיטן פיזיש־ליבנדיקע דערנענטערונגען. געוואָרן צו אים פאַסיוו, קאַלט. זיינע צערטלעכקייטן, גלעטן, זי קושן, רייצן זענען געוואָרן אומזיסט. זי איז געווען צו אים גלייכגילטיק. טייל מאָל איבער אים איראָניזירט. אַפילו וועגן די גאָר זעלטענע פון אים אויסגע־בעטלטע ביי איר ליבע־נעכט פלעגט זי פון אים שפּאָסן, טענהן: „כ׳האָב גאָר־נישט געפילט. לערנסט טאָקע אַ סך. דאַרפסט אָבער אויך לערנען זיין אַן עכטער מאַן״. ער האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ. זיך דערנעענטערט צו דער שוועסטער, געשעפּטשעט: „די ערב־חתונה־חלומות זענען שנעל פאַרשוווּנדן. האָב איינגעזען מיין טעות. גאַרנישט געוווּסט, אַז אין דעם יונג־ווייבלעכן קנאָספּ זענען פאַרהוילן דרימלענדיקע, דינאַמישע לעבנסלוסטיקע פרוישע באַגערן, וועלכע איך, אַ ליבהאָבער צו שטודירן מעדיצין, ליטעראַטור, וועל נישט זיין מסוגל זיך מיט איר בלויז פאַרנעמען פיזיש. האָב שנעל איינגעזען, זי נויטיקט זיך אין אַ פשוטן מאַן, וואָס זאָל איר מאַטעריעל דערמעגלעכן לעבן בריווחדיק, פאַרווײלנדיק, לוסטיק און אָפט, גאָר אָפט, קערפּערלעך זי באַפרידיקן״.

ברוך, אַלע מענטשן טרוימען. איר ביידע האָבן געווירקט אייערע חלומות זאָלן צעשווימען, צערינען״.

„יאָ, מעגלעך״, האָט ער געזיפצט. דערציילט סאַניעס ווייבליכע, לייכט־זיניקע לוסט־נייגונגען: אין געזעלשאַפטלעכע באַגעגענישן קאָקעטירט זי צו זיינע פאַכקאָלעגן. זיצט אין נישט קאָרעקטע פּאָזעס. ציט אַרויף דעם ראָק איבער די קניען. ווייזט אירע צעשפּרייטע, לוסטרייצנדיקע, שיינע פיס. קוועלט פון באַנאַלע וויצן. איז פריידיק, צעשטראַלט אין אָרעמס פון טאַנצ־פאַרטנערן. טוליעט זיך צו זיי. באַרירט זייערע פּנימער מיט אירע צעפלאַמטע באַקן. בעתן טאַנצן מיט פרעמדע ווערן אירע לוסט־צעפייערטע אויגן ווילד צעגלאַנצט, ווי ביי אַ הונגעריקן טיגער פאַרן באַפאַלן אַ פאַרבלאָדזשעטע ציגעלע. אויב ער בעט זי טאַנצן, דרייט זי זיך אַרויס. טענהט, איז מיד. הייסט אים וואַרטן אויף אַ רויקן טאַנגאָ. און אַז מ׳הייבט שוין שפּילן דעם טאַנגאָ, שמייכלט זי. זאָגט: „ס׳צווייטע מאָל״. זעלטן ווען איז רעטער זוכה צום צוגעזאָגטן צווייטן מאָל. זיך פאַר רחלן פאַרקלאָגט, ער ווערט אָפט מאָל דערנידעריקט פון איר טאַקטלאָזיקייט. אויב ער הייבט אַן דערציילן אַן עפּיזאָד, קאָמענטירן אַ פּאָליטישע געשעעניש, פאַרטומלט זי אים מיט סתם־רייד. דערציילט באָבע מעשיות. אָדער גאָר איראָניזירט, לייקנט זיינע רייד. שרייט אויס: „זה לא נכון?״. ער ווערט פאַרשעמט, באַליידיקט. אויך

לעכערלעך. איר אויפפירונג פאַראורזאַכט זייער נישט האַרמאָניש צוזאַמענ־לעבן. דאָס וועקט אויך ביי מענער לוסט־געפילן צו איר. איז גורם ראָמאַנ־טישע פאַרבינדונגען. רעטער מאָטיווירט: „רחלע, שוועסטער מיינע, נאָר צוליב אירע אומטאַקטישע האַנדלונגען בין איך געבליבן אין שטוב. אויך אויפגעהערט פאַרבעטן קאָלעגן. זיך ביסלעכווייז איזאָלירט פון חברים, פריינט, באַקאַנטע, אויך פון סאָניען".

„די איזאָלירונג האָט מער פאַרטיפט אייער דיסטאַנץ".

„רחל, האָב נישט געהאַט קיין ברירה".

„ברוך, אַלס פרוי פאַרשטיי איך אַנדערש. לויט ווי איך קען סאָניען איז זי אַ לוסטיקע, אַ שטיק פייער. דיין איזאָלירונג האָט נאָך מער צעפייערט אירע ווייבלעכע באַגערן, יונגע, נישט באַפרידיקטע לוסטן. אויך דאָס צו אָפט פאַרבעטן די־אָ יונגע, סימפּאַטישע שרייבעריין איז גאַרנישט אַזוי טאַקטיש. ס'וווּנדערט מיך סאָניעס נישט רעאַגירן".

„אדרבא, דערמיט וויל איך איבערצייגן סאָניען, אַז צווישן מיר און דעם יונגן מיידל, וואָס קען זיין מיין טאָכטער, איז נישט פאַראַן קיין שום ראָמאַנ־טישע פאַרהעלטענישן. דיין באַמערקונג איז נישט לאָגיש. שטויות! זי איז אַ שרייבערין־אָנפאַנגערין. קען פּערפעקט יידיש, דייטש. פון רוסיש איז אָפּגערעדט. איז אויך אַ נייע עולה. אין רוסלאַנד געענדיקט צוויי פאַקולטעטן: ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע. כ'פּיל אַ חוב איר העלפן, מוטיקן".

„פּונקט דו?! ברוך, כ'מוז דיר איבערגעבן אַ פריש־געבאַקן רכילותל". אים דערציילט, זי האָט באַגעגנט אַנקהלע, וועלכע האָט זיך אויסגעפּרעגט איינצלהייטן וועגן די רעטערס משפּחה־לעבן. הערנדיק אויסמיידנדיקע ענט־פערס, האָט זי פאַרטרויט, אַז סאָניע זאָל איר האָבן דערציילט, ס'האָט איר געחלומט: די מאַמע אירע האָט זיך באַוויזן אין דער צעעפנטער קאַרידאָר־טיר, בשעת זי איז געגאַנגען באַגעגענען סעוועקן. די מאַמע האָט געשריגן: „סאָניע, פאַרשעם מיך נישט אין קבר" זיך צעוויינט. געבעטן: „סאָניעטשקע, האָסט חתונה געהאַט ווי אַלע יידישע כשרע טעכטער. זיי ברוכן געטריי, ווי איך בין געווען צו דיין טאַטן. וועסט זיך איבערצייגן, ס'איז גוט צו לעבן גליקלעך, רויק". סאָניע האָט זיך צעוויינט: „מאַמע, האָסט מיך געמאַכט אומגליקלעך. מיין יונג לעבן איז פאַרשפּילט". פאַר דער טויטער מוטער אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ: ברוך איז אַ טשודאַק. וויל אינערגעץ נישט גיין. אויפגעהערט איינלאַדן געסט. טרעפט אַמאָל, ס'באַזוכט זיי וועמע, און דאָס גאָר זעלטן, זיצט ער ווי אַ מומיע, נעמט נישט אַנטייל אין געשפּרעך. איז שטיל ווי אַ פיש. מאַכט ווער סאָניען אַ קאָמפּלימענט, רויטלט ער זיך ווי אַ בורעק. שמייכלט ווער צו איר, ווערט ער באַלד אייפערזיכטיק ווי אַ יונג, נאַיוו בחורל. פאַר יעדן, אין שטוב־קומענדיקן, באַקאַנטן מאַן ציטערט ער. האָט, וואַרשיינלעך, מורא, מ'וועט אויסכאַפּן ס'ווייב און אַז זיי בלייבן אַליין, האָט ער צו איר קיין מאָל נישט קיין צייט. טענהט, ער מוז לייענען, שרייבן אָדער גאָר מיד. לעצטנס איז ער צו סאָניען גאָר פרעמד. זעט זי ווייניק. שמועסט

מיט איר זעלטן. זיצט זיך אין זיין קאַבינעטל. לייענט און שרייבט דאָרט. אויב, אַמאָל אין אַ יובל ער קומט צו איר אין סאַלאָן, צעשמייכלט ער זיך לעקישעוואַטע, ווי אַ פּרוּם חתנדל בעת אַ זעעכץ. דאַן ווייסט זי שוין: ביינאַכט קומט ער צו איר אין שלאָפצימער. זי וואַרט אויף אים שעהן און ער זיצט זיך דאָרט און שרייבט. ווי לאַנג קען זי וואַרטן? ווערט זי אַנטשלאָפן. נאָך האַלבער נאַכט וועקט ער זי. פאַרברענגט מיט איר עטלעכע מינוט און דאָס אַזוי אומבאַהאָלפן, שלימזלדיק. באַפרידיקט זיך ווי ביי אַ באַצאָלטער גאַסנפרוי און זי לאָזט ער ליגן אַ צערייצטע. רעכנט זיך גאָרנישט מיט אירע געפילן. גייט זיך צוריק אין זיין קאַבינעטל און פאָפט דאָרט אַליין.

סאַניעס מאַמע האָט זיך נישט געריררט פון אָרט. געשטאַנען אויף דער שוועל. זיך צעכליפּעט: „שרהלע, ווּעסט נישט גיין צו דעם ווייבעריניק, סעוועק. ער איז טאַקע קורח־רייך. זיין פּיסקל גייט ווי אויף שרויפן. זאָגט דיר צו גאָלדענע גליקן. אָבער ווייסטו כאַטש, ער לעבט מיט אַ סך ווייבעלעך ?. האָסט חתונה געהאַט. מוזסט פאַרגלעטן, פאַרגעסן אין די נאַרישע מיידל־יאָרן. אויך דעמאָלט האָסטו מיר געצאַפּט ס׳בלוט, ווי וואַסער. וואָס מיינסטו ?. וועסט תמיד זיין צעהוליעט ?. ברוך שרייבט אַ פּאַרש־אַרבעט. נאָכן ענדיקן וועט ער האָבן מער צייט מיט דיר פאַרברענגען. זיין קאַריערע איז אויך דיינע. האָב געדולד. אַ מענטש איז נישט קיין בהמה. האַלט זיך איין. אויב נישט ווּעסטו האָבן חרטה".

סאַניע האָט צוגעזאָגט האַרכן. די מוטער איז פאַרשוווּנדן .אויך ברוכן דערציילט דעם פון אנקהן געהערטן סאַניעס צווייטן חלום: האָט געזען איר פאָטער. ער בעט זי: „שרהלע, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דיינע אַמאָליקע, נאַרישע ראָמאַנען. פאָלג מיך, אַ בעל־נסיון. זיי צו ברוכן גוט, געטריי. איר וועט דאַן ביידע זיין צופרידן". געוואָרנט: „דיינע ליבעס וועלן דיך מאַכן אומגליקלעך".

„רחל", האָט רעטערס פּנים אויפגעשטראַלט, פעסטגעשטעלט: „אין סאַניעס אונטערבאַוווּסטזיין וועקן זיך חרטה־געפילן".

„אַהאַ, ברודער. דיינע פאַנטאַזיעס נאַרן דיך". איז אַריין אין קיך, אָפּקאָכן פאַר אים גרעטשענע קאַשע. מער נישט געוואָלט איר ברודער צערן, אים דערציילן נאָך רכילותן פון אַנקהן. סאַניע זאָל אַנקהן פאַרטרויען, ס׳מאַטערן זי ספקות. הערט נישט אויף טראַכטן וועגן איר לאַגע. די אומאויפהערלעכע ראָמאַנטישע אַנבאָטן פון שיינע, רייצפולע, פאַרמעגלעכע מענער צערודערן איר געמיט. שוין עטלעכע מאָל באַשלאָסן זיך גטן מיט רעטערן און קען נישט באַשטימען. האָט מורא צו ריזיקירן. ווייסט אויך נישט ווי אַזוי זיך אַרויספּלאָנטערן פון עטלעכע ליבנדיקע כישוף־נעצן, אין וועלכע זי האָט זיך לעצטנס אַריינגעוועבט, פאַרפּלאָנטערט. איבערהויפּט האָט זי מורא: איר מאַן שפּיאָנירט נאָך אַלע אירע באַגעגענישן מיט מענער. איז זיכער, ער וועט זיך אין איר נוקם זיין. אַלץ וועט ווערן אַנטפּלעקט. די אייפערזיכטיקע מענער וועלן זי פאַרטיליקן. סאַניע זאָל זיך אויך פאַר אַנקהן פאַרטרויען:

אָפּט מאָל פילט זי צו רעטערן שנאה. באַשולדיקט אים, ער האָט זי אַראָפּגעפירט פון דרך הישר. איז דער גורם פון אַלע אירע ליבעס. רחל האָט דאַן פאַר אַנקהן באַשולדיקט סאָניען אין פלירטעווען מיט מענער. ווען סאָניע וואָלט זיך אויפגעפירט ווי אַ געטריי ווייב, ווייניקער פאַנטאַזירט, זיך נישט געקליידט אַזוי אולטראַ־מאָדערנע, איבערטריבן קאָסמעטירט, ווי אַ קאַבאַרעט־„מיידל" אַרומגעהוליעט מיט לעביונגען, וואָלט איר ברודער געווען אַן אידעאַלער מאַן.

אַנקה האָט דאַן רחלן דערציילט אַ „נייעם סוד": „סאָניע באַקלאָגט זיך, איר מאַן איז געוואָרן אַן אימפּאָטענט". רחל האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט: „סאָניעס געהיימע ליבעס שטויסן אָפּ מיין ברודער פון סאָניען. איר, פון עטלעכע מענער, אויסגענוצטער קערפּער קען מערנישט אים אָנרעגן צו ליבע־באַציאונגען. זי באַרעדט אים. וויל פאַרענטפערן איר פרעך לעבן".

רחל איז געשטאַנען אין קיך, געטראַכט: יאָ אָדער נישט ברוכן דערציילן אַנקהס רכילותן. מעגלעך אויסגעטראַכטע שקרים. באַשלאָסן אים נישט מער מצער זיין. איז אַריין אין קאַבינעטל. געזאָגט: „ברוך, די קאַשע איז פאַרטיק". אים געזעגנט: „שלום". איז אַוועק. אין קאָרידאָר באַגעגנט אַנקהן, וועלכע האָט געוואָלט רחלן דערציילן „נאָך טשיקאַווע נייעסן". רחל האָט זיך אַנטשולדיקט: „כ׳האָב נישט קיין צייט", איז פון איר אַנטלאָפן, ווי פון אַ געפערלעך אָרט.

8

אַנקה איז אַריין אין סאַלאָן. אויסגעטאָן דעם ברייטראַנדיקן שטרויענעם הוט. זיך געזעצט, באַמערקט סאָניען אַ פאַרוויינטע.

„סאָניעטשקע, וואָס האָט ווידער פאַסירט?. פאַרוואָס וויינען זי?"

„ס׳גאַנצע לעבן ווין איך. מיין מאַמע האָט מיך גוט איינגעאָרדנט. געוואָלט זיך איינקויפן יחוס. מיר איינגערעדט: ,שרהלע, דער עיקר איז פרנסה. ליבע־שמיבע איז ווערט אַ וואַנץ, מיין קינד׳, פלעגט זי זאָגן, ,אַז דער דלות קומט אין שטוב דורך דער טיר, אַנטלויפט די ליבע דורכן פענצטער. שרהטשע, אַ דאָקטאָר איז אַ ברויט מיט אַ מעסער. וועסט זיין אַ דאָקטאָרשע. ביי ברוכן האָבן אַלדאָס גוטס און כבוד׳. מיך גוט פאַרשלייערט".

„אוי, דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה. פאַרוואָס וויינען זי איצט?".

סאָניע האָט אָפּגעווישט די נאַסע, רויטלעכע אויגן. געמורמלט: „אוי, טייערינקע, אַז מיין גאַל וועט נישט פלאַצן, וועל איך זיין שטאַרקער פון אייזן. ער האָט היינט מיר געמאַכט אַ וויסטן סקאַנדאַל. זיך צעקוויטשעט ווי אַן אָפּגעבריטער חזר. אָדער ער לאָזט מיך זיצן גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אַליין ווי אַ שטיין אָדער קריגט זיך מיט מיר. טעג און נעכט איז דאָס פאַרקאָכט אין זיינע ביכער. זיך פאַרמאַכט אין קאַבינעטל און שרייבט באָבע־מעשיות. ס׳איזן איינגעפאַלן אַ ניי משוגעת: וויל פאַרבעסערן די וועלט.

כאילו ס׳פעלן אַזעלכע פּאַרריקטע. ער מיינט ר׳איז אַ גרויסער חכם און דאָס ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי צו לעבן מיט אַ פרוי. דער־אָ גרויסער פילאָזאָף ווייסט גאָרנישט, אַז נאָר צוליב אים זוך איך גענזעלשאַפט. כ׳מוז דאָך זיך אָנטשפּאַנען. פאַרגעסן מיין בראָך. אַ נישט וועל איך אַראָפּ פון זינען. גלייבן זי מיר. דער קאָפּ דזבענקעט מיר, ווי מיט האַמערס. ווי און ווינד איז צו מיר. אויך מיר אַ לעבן״.

„אוי, סאָניעטשקאַ״, האָט אַנקה געווישט זיך די גלאַנציקע פּיכטע באַקן, געגלעט איר שטערן. זיך צו סאָניען צוגעבויגן. אין איר אַריינגערעדט: „אויך מיין מאַנאַק, כ׳האָב דאָך שוין איינעם נישט איין מאָל דערציילט, איז געווען אַזאַ מין סחורה. נו? בין איך געוואָרן אַ נזירה? געוואָרט בלויז אויף אים? אַהאַ!״, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אויסגעשריגען: „אַ גוטע פייג!. כ׳האָבן אָנגעפּייפט אויף רעכטס און לינקס״. איר פּנים האָט זיך געענדערט. געוואָרן ערנסט. זיך פאַרענטפערט: „ער איז זיך אַליין שולדיק. ר׳האָט געדאַרפט זיין אַן עכטער מאַן. זיך רעכענען מיט מיינע ווייבלעכע געברויכן. צו וואָס דען האָב איך אים געדאַרפט? דערציילט: ער האָט אַנקהן אויך תמיד געלאָזט אַליין אין שטוב ווי אַ הונט. איין מאָל פאַלט איר איין: נעם זיך אין די הענט. ביסט נישט אין תפיסה. ס׳פעלן נישט קיין מענער. פאַר די־אַ געדאַנקען האָט זי מורא געהאַט. זיי האָבן אָבער נישט אויפגעהערט זי צורעדן. תמיד דערפון געטראַכט. און באַשלאָסן: נישטאָ קיין ברירה. זיך עלעגאַנט אָנגעטאָן, אָנדאָלירט די האָר. צוגעפּאַרבט ס׳פּנים, די ברעמען, די ליפּן. זיך געלאָזט אין געסל. געגאַנגען אין קאַפעען, רעסטאָראַנען, קלובן, כאַפּן עפּעס אַ שטיקל יאָלד. און געפּאַקט אויך אַזאַ מין שלאַק, אַ צעקריגטן מאַן מיט זיין ווייבל. דריי מאָל מיט אים נישט שלעכט פאַרברענגט. געוואָלט נקמה נעמען אין איר „סחורה״. אַנקהס מאַן האָט זיך דערפון דערוווּסט. דאָס האָט אים גראַדע פאַרדראָסן. זיך חדשים געערגערט. ווייניק געגעסן. זיך פאַרקלאָגט אויף שלאָפלאָזיקייט. ווייזט אויס, זיך געגומען צום האַרץ. איז געוואָרן קראַנק אויף דער לעבער מיט דער גאַל. אַנקה האָט טיף געזיפצט: „און פוילט, נעבעך, יונגערהייט אין דער ערד. אָן אים איז מיר געווען גאָר שווער. די איינזאַמקייט איז פון אָנהייב ביטערער ווי דער טויט. האָב זיך צוגעוווינט. היינט זעען זי, גברת סאָניאַ, גיבן זי מיר אַ מיליאַרד, פאַרבינד איך זיך נישט מער מיט איין מאַן. לעב זיך אַליין. בין זיך מחיה. פיל זיך ווי אַ פרייער פויגל. כ׳וועל איינעם פאַרטרויען אַ סוד. אויסזאָגן דעם ריינעם אמת: איידער אַזאַ ביטער לעבן, ווי איך האָב געהאַט ביי מיין מאַנאַק און ווי זי האָבן ביי דעם פילאָזאָף אייערן, איז בעסער זיך שיידן, הלוואי וואָלט איך דאָס געטאָן, וואָלט מיין מאַן נאָך געלעבט״.

סאָניע האָט אַנקהס עצות נישט געהאָרכט. גוט געקענט איר לאַגע. מורא געהאַט פאַרן מאַנס נקמה, פאַר רותיס גורל, פאַר די מענער, מיט וועלכע זי האָט געהאַט ליבע־קאָנטאַקטן. איבערהויפּט זיך דערשראָקן: אין פאַל זי שיידט זיך מיט ברוכן, וואָלט סעוועק זיך באַלד געגט און פון סאָניען געפּאַ־

דערט מקיים זיין איר הבטחה: אין פאַלביידע זענען געגט, האָט סאָניע מיט אים חתונה. איר אָפּזאָג צוליב מורא פאַר נאָך עטלעכע מענער, ווען זי האָט אויך צוגעזאָגט מיט זיי חתונה האָבן נאָכן שיידן זיך מיטן מאַן, וואָלט דעם ווייבערניק סעוועקן צעצאָרנט. זי וואָלט דאַן געהאַט עטלעכע פיינטלעכע מענער. זיי קענען זיך איינפערשטיין. זיך אין איר נוקם זיין. אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל וואָלט אַנטדעקט אַלע אירע געהיימע ראָמאַנטישע פאַרבינדונגען.

סאָניע האָט אויף אַנקהן געקוקט. אין איר קאָפּ האָבן געריעט פּלענער, תירוצים, פאַר די מענער, צוליבן נישט צייטיק קומען צו ראַנדקעס. פאַר אַנקהן פאַרקלאָגט: „סעוועק איז היינט נישט געקומען אין באַר. מיר ס׳ערשטע מאָל אַנגעפייפט".

ביידע ווייבער האָבן זיך פאַרקלאָגט אויף זייערע גורלות. געשיט פּעך און שוועבל אויף אַלע מענער. געשפּעט פון די נאַרישע יאָלדן.

אין דער צייט איז ד״ר ברוך רעטער געזעסן אין פאַרמאַכטן קאַבינעטל. אין טאָג־ביכל פאַרצייכנט:

„13־טער פעברואַר 1976. יעדער האָט זיין גורל". זיך פאַרטראַכט: „וואָס איז דאָס גורל?". אָבער נישט געקענט געגוי דעפינירן. האָט אַוועקגעלייגט די פעדער. געדמיונט. דערמאָנט: בלויז אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה האָט ער גליקלעך געלעבט מיט סאָניען. צוליבן שטודיר״ן נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן זיין ווייבס איבערגעטריבענע ליבע־בייגונגען. זיך מודה געווען: נישט געוווּסט, אַז אַ ווייב מוז כסדר ווערן „אויסגעפּילט" מיט צערטלעכקייטן, פּיעשטשרייען, אָפּטע ליבע־שפּילן. אין קעגנפאַל ווערן אירע ליבע־לעכצנדיקע ליידנשאַפטן געקילט צום מאַן. מיט דער צייט ווערט די ליבע־גאַרנדיקע פרוי אויסגענוצט פון אַנדערע מענער, צו וועלכע זי האָט סימפּאַטישע נייגונגען. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צום ווייב. איז אויך נישט געווען אויפגעלייגט כסדר פאַרברענגען מיט דער שטענדיק סעקסועל־פאַרלאַנגענדיקער יונגער סאָניע. דאָס לערנען גאַנצע טעג און האַלבע נעכט האָט אים אויסגעמאַטערט. ער האָט געליטן פון אָפּטער מידקייט. זעלטן ווען זיך פאַרנומען מיטן ווייב. פון דער נאַטור אַ גלייביקער, האָט ער אויך צו סאָניען זיך באַציגן מיט פולקומען צוטרוי, צו אירע פאַרזיכערונגען, זי האָט אים ליב. איז אים טריי. אָפּט צו אים געזאָגט: „ברוך, כ׳ווייס, ביסט פאַרנומען. אַרבעטסט שווער. דאָס מאַכט דיך מיד. האָב נישט צו דיר קיין טענות, פאַרוואָס דו פאַרברענגסט מיט מיר זעלטן. האָב זיך שוין צוגעוווינט צו דעם מצב. אַז מ׳וויל באַגייט מען זיך". רעטער האָט דאַן נאָך זי געליבט, געגלייבט. אַז ער האָט זיך דערוווּסט, זי נאַרט אים אָפּ, האָט דאָס אים דערשיטערט: „גלייך ס׳וואָלט ווער מיר געגעבן אַ פעסטן זעץ אין קאָפּ. מיך צעטומלט", האָט ער אונטערגעשטראָכן אין דער פאַרצייכנטער טאָג־נאָטיץ. ממשיך געווען: נישט געגעסן אַפּעטיטלעך. ווייניק געשלאָפן. אַ סך געטראַכט וועגן סאָניעס ראָמאַנסירן מיט באַקאַנטע שכנים, זיינע קאָלעגן. דאָס האָט

אים געשטערט קאָנצענטרירן אין לייענען, שרייבן, שטודירן. ווען ס׳איז אים באַפאַלן אַ פּחד, ער וועט געשטרויכלט ווערן אין די פּריוווּנגען, האָט ער געמאַכט אומגעהיירע אָנשטרענגונגען, געלערנט התמדהדיק. און אַ דאַנק ווידמען טאָפּל צייט ווי אַנדערע האָט ער קוים באַקומען דעם מעדיצינישן דאָקטאָראַט. אָפּטמאָל, אַז די געהערטע אינפאָרמאַציעס וועגן פּאַראַט האָבן אים געשטערט שרייבן די אין אוניווערסיטעט־געפאָדערטע אַרבעטן, האָט ער זיך באַהערשט. געטרייסט. אָפּגעלייקנט די רכילותן, אינטואיטיווע אים מאַטערנדיקע חשד־געפילן, אַז סאָניעס זיסע ריידעלעך זענען ליגנס, זי פּאַראַט אים. אייניקע מאָל האָבן די אָפּלייקענישן אַביסל געלייכטערט זיין דערשלאָגנקייט. נישט לאַנג אָבער האָבן געדויערט די אים באַרויקנדיקע געמיט־צושטאַנדן. אַז ער האָט שוין געהאַט קאָנקרעטע באַווייזן, פעסטגעשטעלט, זי לעבט מיט אַנדערע מענער, האָבן זיך אויך אין אים דערוועקט לוסטן צו פרעמדע ווייבער. אָבער זיינע באַגערן קיין מאָל נישט רעאַליזירט. בלויז די גלוסטעניש האָט גערויקט זיין פּיינפולן דעפּרעסיע־צושטאַנד. זיין טאָג־נאָטיץ פאַרענדיקט: „ביסלעכווייז האָב איך אויפגעהערט טראַכטן וועגן סאָניען. מיינע געפילן צו איר האָבן זיך ענדגילטיק געלאָשן. אָבער שוין יאָרנלאַנג האָב איך נישט קיין פולשטענדיקע רו״.

9

פאַרוואָלקנטער, ווינטיקער אָוונט.

אויפגערעגט איז ד״ר ברוך רעטער צוריקגעקומען פון פאַרמיטאָגדיקע אָמט־שעהען אין רמת־גנער קופּת חולים־אַמבולאַטאָריע. אין קאָרידאָר, פאַר זיין אויפנאַם־צימער האָבן געוואַרט עטלעכע פּאַציענטן. נאָכן באַהאַנדלען זיי, אַריינגעגאַנגען אין עסצימער.

„סאָניע״, זיך געכעסט. „ס׳דערגייען צו מיר נישט שיינע גרוסן וועגן דיר. דו שענדעסט מיין נאָמען״.

„דער תקליט איז מיר גוט באַקאַנט. דעם אַלטן פּזמון הער איך דאָך פון דיר יעדעס מאָל״.

„דאָס מאָל האָב איך גענויע, פּאַקטישע באַווייזן. האָב אויך עדות. לויטן געזעץ קומט דיר אַ גט״.

„אַ, כ׳ווייס שוין דיינע עדות. דיין חברטע, מרים דותן, מן הסתם דיר איבערגעגעבן, בין געזעסן אין קאַפע מיט סעוועקן. זיכער דיך אָנגעצויגן. מירן געטרונקען קאַפע און ער האָט מיר געגעבן אַ קוש אין פּנים. איז וואָס זשע ? האָסט געקויפט מיין גוף ?. מיינע באַקן זענען דיין אייגנטום ?. הער אויס, חכם איינער, וואָס דו ווילסט טו. הער מיך אויף דראָען״. זיך צעוויינט.

„רעג זיך נישט אויף. כ׳פאַרשטיי דיך. ביסט גאָרנישט קיין אויסנאָם. אין תל־אביב זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווייבלעך, ווי דו, וואָס ווילן געניסן פון צוויי וועלטן״.

„צווי וועלטן ?. ביסט טאַקע אַ פילאָזאָף. כסדר פאַרקאַכט אין ביכער. ווייסט אָבער נישט מיין צעבראָכן האַרץ. האָב אַפילו נישט קיין איין וועלט״.

„אַזוי האָסטו געוואָלט״. איר גערדראָט מיטן רעכטן ווייזפינגער.

„קיינער ווייסט נישט וואָס ער וויל״, האָט זי אַראָפּגעלאָזט פאַרוויינטע אויגן.

„ריכטיק״, האָט ער טיף געזיפצט. אין זיך גערעדט: „פּלאַניר ענדערן מיין לעבנס־אַרט. לעבן געוויסנאַרטיק. זיך אַרויסגעכאַפּט: „כ׳קען נישט דעצידירן״.

„בלויז דעצידירן קענסטו נישט ?״.

„דו טעמפּסט מיינע חושים. דאָס טראַכטן וועגן דיר שטערט מיר שרייבן מיין פאַרש־אַרבעט. סאָניע, בין זיך מודה: קען ווייניק ס׳לעבן״.

„וואָס טויג ס׳פּשטלען. פאַר מיר אַנטדעקסטו נישט אַמעריקע. דיינע טענות, דראָונגען דויערן שוין יאָרן לאַנג. פון צווייטן יאָר נאָך דער חתונה יאָדעסטו מיך. דאָס וועט אַזוי דויערן יאָרן. ביסט קראַנק. מעגלעך דיין געוויסן איז נישט ריין און דאָס מאַטערט דיך. די־אַ דאַרע נענדזע, די שרייבעריין, מיט וועלכער דו פאַרברענגסט שעהען אין דיין פאַרמאַכט קאַבינעטל, איז גאַרנישט קיין נאַיווע, נאָך נישט באַנוצטע בתולה. האָב זיך דערוווסט, זי האָט שוין צעבראָכן עטלעכע משפחות. מאַך זיך נישט פאַר קיין צדיק אין פעלץ. דיין איזאָלירן זיך מיט איר איז פאַרדעכטיק. דאָס איז די סיבה פון דיין מיך חושד זיין. ריכטיק. מעגלעך מירן זיך טועה געוועזן און חתונה געהאַט. אָבער מיר האָבן אַ טאָכטער און פאַר איר מוזן מיר לעבן צוזאַמען אוןליידן. געדענקסט כאָטש זי האָט די צווייטע וואָך יומהולדת ?. כ׳מוז האָבן אַ 50 טויזנט פונט אויף קליידער, שיך, קאָסמע־טישע קלייניקייטן פאַר מיר און רותין״.

„וואַססס ?!״, האָט ער אויסגעגלאָצט אויגן. שטוינענדיק, געקוקט אויף איר.

„האָסט געהערט כאָטש ? נישט בלויז פאַר מיר, האָב איך דיר געזאָגט. ס׳וועט אויך סטייען פאַר רותין. בעניעק, כ׳דאַרף אויך האָבן אַ 50 טויזנט פונטעלעך אויף אַ קאָקטייל־אויפנאַמע״.

„100 טויזנט פונט ?!, האָט ער זיך צעקאָכט: „ביסט נישט שיכור ?!״.

„הלוואי ס׳זאָל סטייען. קענסט דען די היינטיקע פרייזן ?. פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ טייערער. די סוחרים באַרייכערן זיך נאָך יעדער טייע־רונג און דער אַרבעט־לוין ווערט אויטאָמאַטיש איינגעשרימפּן. אָבער דו דאַרפסט זיך נישט באַקלאָגן. די שטוב־פּאַציענטן דעקן אַלץ. גלייב מיר, ס׳איז אַ חרפה צו פאַרבעטן געסט אין דער אַלטער חורבה. מענטשן פון דיר ווייניקער באַרימטע דאָקטוירימלעך וווינען שוין אין רחבותדיקע דירות, אין צפון תל־אביב. טייל גאָר האָבן דאָרט געקויפט פענטהאַוזן, לוקסוס־ווילעס. האָבן געטוישט ס׳גאַנצע מעבל. יעדעס יאָר פאָרן זיי קיין חוץ לאָרץ, מאַכן אַ לעבן. אָרדענען איין פריילעכע מסיבות. בלויז מיר,

פון אונדזער סגאַל, זענען די לעצטע פֿאַרבליבן אויף דער עלטער, דומפּי־קער, רוישיקער הערצלגאַס. וואָס האָב איך דאָס ביי דיר? פינצטער אָפּ מיינע יונגע יאָרן אין דער אַלטער צעשפּאַלטענער כאַטע מיט דיינע אַלטע מעבל־אַנטיקן און פֿאַרשטויבטע ביכער. זעלטן רעדסטו מיט מיר, און ווען דו באַוויליקסט מיר שוין עפּעס זאָגן, איז בלויז מוסרדיקע שטראָפרייד".

רעטער האָט זי אָנגעקוקט צאָרנדיק. צו זיך געמורמלט: „מיך וויל זי נישט. פֿאַרברענגט מיט פֿרעמדע מענער. דאָך האָט זי חוצפּה, פֿאָדערט, וויל הולטייען מיינע פֿאַרדינסטן, פֿאַרלאַנגט אַ לוקסוס־לעבן". אויפגערודערט געשפּאַנט איבערן צימער. מיט איינגעהאַלטענער רוגזה צו איר געזאָגט: „אונדזער לאַנד איז אַ ספּינקס. מענטשן מיט נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע אידעאַלן. פֿאַראַן אַ פּאַטריאָטישע יוגנט, וואָס איז גרייט מקריב זיין זייער יונג לעבן פֿאַרן לאַנד. זיי היטן אונדזערע גרענעצן, מ׳זאָל אונדז נישט אומברענגען ווי אין היטלערישע טויט־לאַגערן. און ס׳זענען אויך פֿאַראַן בריות מיט גיריקע קנאה, תאווה־אינסטינקטן".

הערנדיק דעם לעצטן זאַץ, האָט זיך סאָניעס פּנים בושהדיק גערויטלט. מיט אַ ראַז טיכל געווישט דעם פֿאַרשוויצטן שטערן, לייכט געציטערט. מורא געקריגן, ער זאָל נישט אָנהייבן סקאַנדאַלעווען.

רעטער איז גראַדע געוועזן רויִק. זיך געדרייט אין עסצימער. נאָך אַ ווײַלע אָריין אין קאַבינעטל. אין טאָג־ביכל פֿאַרצייכנט: „מיר האָבן אַ באַדייטנדיקער טייל בלב ובנפש איבערגעגעבענע אַרבעטס־מענטשן. זיי לעבן עטיש פֿון אויסגעהאָרעוועטער פּראַצע. היטן אַלע מלוכה־געזעצן. אין גורלדיקע מלחמהטעג פֿאַרגעסן זיי אַלץ: משפּחה, געזעלשאַפֿטלעכע ויכּוחים און קעמפֿן קעגן אַראַבישן שונא. ס׳זענען אָבער אויך אַהערגעקומען קליינבירגערלעכע יידעלעך מיט עגאָיִסטישע גלות־השגהלעך. זיי סוחרעווען, שווינדלען, באַרייכערן זיך און פֿאַרשווענדן אויסלענדישע וואַליוטע. די־אַ האָבן איינגעפֿירט דאָ אַ לוקסוס־לעבן, נישט פּאַסיק פֿאַר אונדזער שוואַכער עקאָנאָמיע. סאָניע ווייסט, אונדזער משפּחה־לעבן איז אַ קייט פֿון טרויעריקע עפּיזאָדן, אינצידענטן, פֿאַרוואָרפֿן, קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. ביידע גאָרן זיך שיידן. ווייסן אָבער נישט ווי אַזוי. יעדער האָט פֿאַר עפּעס־וואָס מורא. דערווייל לויפֿט די צייט. מ׳עלטערט זיך. וואָס לענגער מיר וועלן וואַרטן, אַלץ שווערער וועט זיין אָנהייבן אַ ניי לעבן. אין עלטערע יאָרן איז נישט לייכט זיך צוגעווינען צו פֿרעמדע מענטשן". זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. אויפסניי אַריין צו סאָניען. אויפגערעגט זשעסטיקולירט מיט די הענט, געזאָגט: „סאָניע, איך וועל לעבן לויט מיין געוויסן, מעגלעכקייטן. מיך מאַטערט דער היגער קנאהדיקער וועט־געלויף. איינער וויל דעם צווייטן איבעריאָגן מיט אַ מער לוקסוסדיקער לעבנסאַרט. מיר זענען דאָך אַן אָרעם, קליין, איינזאַם, תּמיד־באַדראָט פֿאָלק. מ׳דאַרף דאָך גיגאַנטישע געלט־מיטלען אויסצוהאַלטן די אַרמיי, די איינציקע היטערין פֿון אונדזער לעבן. פֿאַרשווענדן געלטער, געשענקטע פֿון וועלט יודנטום, געבאָרגטע ביי דער

אַמעריקאַנער רעגירונג, איז אַ פאַרברעך. דאָס עפּידעמישע זיך פאַרשפּרייטנדיקע הולטייסקע לוקסוס־לעבן שוואַכט אָפּ מאָראַליש, באַדראָט אונדזער קיום״.

„ביסט אַ גרויסער חכם! איך רעד מער מיט יוגנטלעכע. זיי האָבן גאָר אַנדערע מיינונגען. גערן געניסן פון אַלע לעבנס־לוסטן. ווי דאָרשטיקע ווילן טרינקען פון אַ פליסנדיקן וואַסער־קוואַל, אַזוי ווילן זייערע טעמפּעראַמענטפולע פאַרלאַנגען געניסן פון אַלע מענטשלעכע פאַרגעניגנס. זייער גבורה, מוטיקייט, אויף קאַמפּספּראַנטן; זייער שוין עטלעכע מאָל באַזיגן די אַזוי פילצאָליקע, גוט־באַוואָפנטע אַראַבישע אַרמייען באַוואונדערט דאָך די גאַנצע וועלט. לייענסט טאָקע אַ סך ביכער. ווייסטו כאָטש דעם סוד פון זייער כוח? זיי פשטלען נישט. זענען געבוירן אין אַ פאָטערלאַנד מיט נאַטירלעכע, ליבע־ווערטיקע לעבנס־דראַנגען. זיי קעמפן פאַר לעבן דעם היינטיקן טאָג. זאַמלען געלטער? לעבן, ווי דו, קמצניש? דאָס איז זיי פרעמד, ווידערווייליק. פאַרשטייסט?״.

„בראַוואָ!. סאָניע״, האָט ער לייכט געשמייכלט: „רעדסט דאָך אינטעליגענט. שיין, פּאַטריאָטיש, מאַכסט פאַרשריט. מיינע אין דיר אַריינגערעדטע רייד הייבן אָן ווירקן. דיינע מסקנות זענען אָבער טעותדיק״.

„צום ביישפּיל?״ האָט סאָניע אויסגעגלאָצט צופרידנבליקנדיקע אויגן. זיך צו אים גענעענטערט. מיט איר וואַרעמען ביוסט באַרירט זיין האַריקן ברוסטקאַסטן. אים געגלעט. די הענט אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען. צופרידנדיק אַריינגעקוקט אין זיינע זאַרגעוודיק־טרוימענדיקע אויגן. אים געבעטן: „אַדרבא. בעניעק, דערקלער מיר. כ׳בין דאָך די מאַמע פון דיין קינד. וואָס איז מיט דיר?״

פילנדיק איר ווייבלעכע קערפּער־וואַרעמקייט, פאַרכאַפּנדיקע קאָסמעטיק־ריחות, איז ער געוואָרן אַביסל צעטומלט. ער האָט אַראָפּגענומען אירע הענט פון זיינע אַקסלען. „קום״, זי געבעטן מיטגיין אין קאַבינעט. פון שיפלאָד אַרויסגענומען אַ באַשריבן בלעטל פון זיין טאָגביכל, פאַרגעלייענט: „די ציון־טרוימער האָבן דאָ געוואָלט איבערמאַכן דעם האַנדלדיקן ייִד פאַר אַ שעפערישן מענטש, וואָס לעבט פון ערד און אינדוסטריע־פּראָדוקציע. און וואָס ווערן מיר? וואָס פאַר אַ דור דערציִען מיר? געוויסע לייט געוויינען זיך צו פאַרהולטאַיען פרעמדע געלטער. דער געבוירענער אין לאַנד סאַברע איז אַן אַנדרוגינוס: נישט ייִד און נישט גוי. אויב די שעטנז־דערציִונג וועט פאַרגעזעצט ווערן, איז אַ ספק צי דער צוקונפטיקער דור, דערצויגן אין אַן אחריותלאָזער געזעלשאַפט, וועט האָבן מוסרכוח אײַפעריק קעמפן קעגן שונאקע אַנגרייפער, ווי די יעצטיקע חיילים, וואָס זענען נאָך באַאיינפלוסט פון עלטערן דור אידעאַליסטן. דער יונגער ישראל־ייִד איז נישט ענלעך צו קיין שום ייִדטיפּ אין אונדזער היסטאָריע. אין דער אין לאַנד מכלומרשט, מאָדערנער דערציִונג איז פאַראַן אַ סכנה. אַלס פּראַקטישער מעדיצין־דאָקטאָר, וואָס גלייבט לעצטנס אין דער ווירקזאַמ־

קייט פון נאַטור־היילונג, בין איבערצייגט: מ׳מוז לעבן באַשיידן, שפּאָרזאַם. מיר מוזן באַנייען די טראַדיציעס פון אַמאָליקע חלוצים: אַליין בויען ס׳לאַנד. אַליין באַאַרבעטן אונדזערע פעלדער, גערטנער, פּלאַסטערן שאָסייען. אַלע פּראָדוקטיווע אַרבעטן אַליין אויספירן. אַרבעטזאַמקייט שטאַרקט דעם גייסט. וועקט באַהאַלטענע יצירה־פּאַטענץ. פאַרשווענדערישקייט דעמאָראַליזירט. ס׳איז באַוווּסט: דער פיזישער קערפּער איז נאַטירלעך געאייגנט צו גע־ברויכן שפּייז, וואַסער, לופט. אין יעדן קוואַנטום כעמיש עסן געפינט זיך, גלייכצייטיק, סם־המות. די אומפּילבאַרע, אויבנאויפיק נישט מערקבאַרע קליינע סם־קוואַנטומס זאַמלען זיך אין קערפּער. מיט דער צייט טויטן זיי צעלן. מ׳הייבט זיי אָן ,היילן׳ מיט ,רפואות׳־סמען, וואָס גיפטן נאָך מער דעם קעמפנדיקן גוף מיט שפּייז־סמען. דער מענטש איז געאייגנט זיך אומ־ברענגען. תאווה צו געניסן, קנאה, שטרעבונגען, דורכפאַלן, גראַנגלען, פּרעסן זענען דעם מענטשנס סכנותדיקע פיינט״.

„אָבער בעניעק, פאַרשטיי״, האָט סאָניע זיך געחנדלט. מורא געהאַט, ער וועט איר נישט געבן די געלטער, וואָס מ׳דאַרף פאַר די יומהולדת אויסגאַבן. „מ׳קען דאָך נישט בלייבן אונטערשטעליק. ביסט גערעכט. כ׳קען באַגרענעצן די אויסגאַבן. וואָס אָבער וועלן זאָגן שכנים? דיינע באַקאַנטע, קאָלעגן, פריינט?. מ׳וועט פון אונדז חוזק: ,די רעטערס האָבן גרויסע געלט־איינקונפטן, זענען קורח־רייך און לעבן ווי בעטלער. אַזעלכע סקנע־רעס!. האָבן אין די בענק געלט, אַקציעס, פרעמדע וואַליוטע און ווערן געהרגעט פאַר אַ פונט״.

רעטער האָט זיך צעכעסט: „מיך אינטערעסירן נישט רכילותלייט. מיר האָבן רעכט צו באַשטימען אונדזער באַשיידענעם לעבנס־שטייגער. פאַראַן צענדליקער טויזנטער אָרעמע משפחות, וואָס לעבן אין דחקות! מיר איז טייער אונדזער איינציק אויסגעקעמפט לענדל! אַ לוקסוסדיקער לעבנס־סטאַנדאַרט רויִנירט די יונגע נאָך שוואַכע עקאָנאָמיע. דערמיט קענען מיר, חס ושלום, באַדראָען די זיכערקייט. די יוגנט ווערט דאָך דעמאָראַליזירט. און דאָס ווילן דאָך אונדזערע שונאים. אויך די פון אויסלאַנד־אימפּאָרטירנדיקע ,קולטור׳ מיט דער פאַרטומלענדיקער ,מוזיק׳, סעקס־,ליטעראַטור׳ שוואַכן אָפּ די יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן, איינגעפלאַנצטע אין דער שוליוגנט!

„אבא״, האָט זיך אַריינגעמישט די אַריינקומענדיקע רותי, וואָס האָט געהערט דעם געשפּרעך פון דעם אָפענעם קאַבינעט. „די היינטיקע יוגנט טראַכט אַנדערש. בעסער געזאָגט טראַכט גאָרנישט. מיר ווילן לעבן. צו וואָס זיך גריבלען? אבא, פון דיר האָב איך געלערנט: דער מענטש איז געבוירן מיט אַן אייגנשאַפט צו פאַרגעסן. אַלע מעשים: אַרבעט, ליבע, פאַרווילונגען, שטרעבונגען, טרוימען, האָפענונגען זענען פאַרגעס־פּראָצעסן. דאָס איז איינער פון די קיומדיקע לעבנס־כוחות. אויב דער מענטש שטעלט זיך אָפּ, איזאָלירט זיך, הערט ער במילא אויף פאַרגעסן. דאַן קען ער טראַכטן וועגן

דער ווערטלאָזיקייט פון לעבן. דאָס איז גורם דעפּרעסיע. אַזוי האָסטו מיך עטלעכע מאָל געלערנט. און דאָס זעלבע טוסטו. דיין אָפּגעזונדערטקייט רעגט דיך אָן טראַכטן מאָדנע, היפּערדיקע געדאַנקען. און זיי ווילסטו אויפ־צווינגען אויף דער אמא. זי איז דווקא גענייגט צו אַ מאָדערנעם לעבנס־שטייגער. מיר, יוגנט, ווייסן גוט אונדזער פּערמאַנענטע סכנה. מיר אַנען דאָס יעדער מינוט. זעען דאָס בעתן דינען אין צה״ל. בלויז מיר באַצאָלן מיט אונדזער יונג לעבן. די יונגע מדינה־היטער ווילן נישט מער זיך גריבלען, ווי זקנים. וואָס האָבן אויפגעטאָן די מוסר־גריבלערס אין איראַפּע? קיום? בלויז אַ שטאַרקע אַרמיי פאַרזיכערט אונדזער דאָיִקן קיום. יאָ, די יוגנט וויל בלויז גוט לעבן. זייער גאַרנדיק וועלן געניסן, רעשיק זיך קליידן, פאַרווילן, הנאָה האָבן פון לעבן איז פאַר זיי אַ מין באַלזאַמירנדיקער פאַרגעס־מיטל. ווילסט זיי אויך דאָס שטערן?״

„נו, גענוג פילאָזאָפירט״, האָט סאָניע איבערגעריסן רותיס רייד: „אַלע האָבן זיך אָנגעשטעקט פון דיין אבא, געוואָרן פּראָפעסאָרן, רעטערס פון דער מדינה״.

„אַדרבא, רותי איז אָנגעשטעקט פון דיין לייכטזין״, האָט רעטער באַדויערנדיק אָנגעקוקט זיין טאָכטער. „האָסט אַמאָל אַנדערש געטראַכט״.

„בעניעק, האַרך מיך. אויב דו ווילסט דעמיסיאָנירן פון דיין גוטן, בכבודיקן פּאָסטן זיך פאַרנעמען מיט שרייבן שטויות, לויט דיינע פריערדיקע רייד, זענען דיינע קאַריערע־שאַנסן קנאַפּע. וועלכער אידיאָטישער רעדאַקטאָר וועט דאָס דרוקן אין זיין צייטונג? פאַר אַזעלכע בזדורעס וועט מען דיר באַצאָלן איין פונט? און אויב, קאָפּשטיק מיינער, וועסט דיינע משונהדיקע פאַנטאַזיעס אָפּדרוקן אויף דיין חשבון ווי דיין חברטע, די פאַנפאַראָנקע. די־אָ רותי שמוטי, איז ווער, זאָג מיר, וועט לייענען אַזעלכע באָבע־מעשיות? עסט זיך אָנהאָרעווען, ווי אַן אייזל. אַריינבראָקן אַלע דיינע אָפּשפּאָרונגען פון עסן גראָז און גיין אָנגעטאָן אין אַלטע שמאַטעס, און וועסט נישט צוריקזען קיין איין פונט. וועסט נאָך האָבן קרענקונג. האָסט דען פריינט, זיי זאָלן דיך רעקלאַמירן? וועגן דיר שרייבן אַ גוט דערמוטנדיק וואָרט? פאָלג מיך, זיי אויפן הינטן״.

דער טאָכטער האָט זי געהייסן גיין צום פריזירער. נאָך דעם צו דער שניידערין מעסטן ס׳קלייד. זי פרעגן, וועגן באַשטעלטן קאָסטיום. ווען זי דאַרף קומען מעסטן. אין אַ שעה אַרום דאַרף רותי צוריק קומען, זיי וועלן גיין קויפן לאַטשן. אויך איר געהייסן קלינגען צום דעקאָראַטאָר, זיך צונויפרעדן מיט אים וועגן אויפהענגען די נייע גאַרדינען. געזאָגט, זי גייט אין מיני־מאַרקעט באַשטעלן: 4 קאַסטנס ביר, 10 פלעשער קאָנדיטון־וויין. 10 פלעשער וויסקי פון דער פירמע „יאָהננא וואלקער״, צען קילאָ פאַרשידענע ווורשטן, אַ 70 סטעיקן, 70 אייזקרעמען. 150 פּיתות, 2 קילאָ זיתים, גרינוואַרג, פּרוכט, עוגות, ביסקוויטן, ניס, ניסלעך, מאַנדלען, סיגאַרן, מצהלעך, טחינה, מאַיאָנעז.

גרייט צו עסן פאַר אַ 60—70 מאַן. „רותי, ס׳וועט זיין גענוג? יאָ. זאָג רינהן זי זאָל מיטברענגען אַ צוויי חברטעס איר העלפן רוימען, מאַכן סענדוויטשן, גרייטן די טישן, דערלאַנגען כיבוד. זיי מוזן זיין פּאַסיק אָנגעטאָן. אָנדולירט. דער עיקר, ס׳זאָל זיין אויף וועמען צו קוקן. יאָ רותהלע, אויך דו אָנדוליר זיך קריזלדיק. כ׳שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַ חתיכה דו וועסט זיין אויף דער מסיבה. ממש אַ שגעון. די מענער וועלן אויסגיין מיט דיר צו טאַנצן״. ביידע, מאַמע און טאָכטער, האָבן געהויבן די לינקע הענט, געשאָקלט מיט פינגער, צו זיך צופרידנדיק געשמייכלט, געזאָגט „להתראות״, זענען אַרויס אין גאַס, יעדע אין אַן אַנדער ריכטונג.

ד״ר ברוך רעטער איז געבליבן זיצן געפּלעפט. זיך געפילט שפּלדיק, דערשלאָגן. זיך איבערצייגט, אַז אַלע זיינע פּאַטעטישע רייד האָבן נישט קיין שום השפּעה. אויך רותי איז שוין איבערגעדברט פון דער מאַמען. פאַקטיש האָט ער שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן אין זיין שטוב. אָן זיין הסכמה, האָט סאָניע באַשטעלט נייע גאַרדינען און דאָס בלויז נאָך צוויי יאָר קויפן די נאָך שיינע, ווי נייע, פאָרהאַנגען. קעגן זיין ווילן אָרדנט מען איין ביי אים אַ הולטייסקע מסיבה. מער פון אַלץ האָט אים געוויטיקט סאָניעס שפּאָט־רייד פון זיין שרייבן אַרטיקלען וועגן נעגאַטיווע ווירקונגען אויף מענטשלעכן אָרגאַניזם, וואָס עסט פלייש און כעמיש־קאָנסערווירטע פּראָדוקטן, און קעגן פאַרשווענדערישן לעבן.

רעטער האָט געקלערט, ווי אַזוי זיך פאַרענטפערן פאַר קאָלעגן. אַ טאָג פאַר רותיס יום הולדת־הוליאַנקע מוז ער רעפערירן אין בית־ציוני־אמריקה א. ד. ט.: „וועגעטאַרישער לעבנס־שטייגער פאַרהיט קראַנקייטן״. פאַר די פאַרזאַמלטע וועט ער אויפקלערן די סכנות פון אוממאָראַליש, פאַרשווענדעריש לעבן. דאָס איז דער הויפּט־גורם פון דעם פּערמאַנענטן, פינאַנסיעלן קריזיס אין לאַנד. און ביי זיך אין שטוב וועט פּאַרקומען אַ זלילהדיקער באַל. ער איז געווען צעשטרייט. ער האָט מורא געהאַט מ׳וועט אים האַלטן פאַר אַ דעמאַגאָג, אַ ליגנער. „ניין״, האָט ער זיך באַרויקט: „צו מיין טאָפּלטקייט מוז נעמען אַ סוף״. באַשלאָסן, זיך נישט באַטייליקן אין דער הוליאַנקע. דעם אָוונט וועט ער נעכטיקן אין האָטעל „אוריון״. ער האָט זיך פאַרטראַכט. געקוקט אויף זיין מוטערס פאָרטרעט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, זיין מאַמע, זלדה, קוקט אויף אים באַדויערנדיק.

די לעצטע פאַרנאַכטיקע זון־שטראַלן, וואָס האָבן געגאָלדיקט ס׳בילד פון זיין אין געטאָ אומגעקומענער מוטער, האָבן זיך געבלאָסט. אַ רויטלעכע, האָט די צאַרנדיק־בליקנדיקע זון זיך געטובלט אין צעשיינטן, צעכוואַליעטן ים־תהום. איבערגעלאָזט פלאַמצייכנס אויפן מערבדיקן, אָוונט־טונקלענדיקן הימלפּאַס.

10

סאַניעס קרעכצן, יאָכצן, שרעקיקע אויסגעשרייען אין מיטן נאַכט האָבן אויפגעוועקט איר טאָכטער.

„וואָס איז דיר, מאַמע ?“, האָט געפרעגט די נאָך אַביסל פאַרשלאָפענע רותי.

„אוי קינד, געהאַט אַ ביטערן, פינצטערן חלום. ס׳זאָל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ“. סאָניע האָט שווער געאָטעמט. רותין געבעטן: „לייג זיך צוריק. מאָרגן האָסטו שווערע בחינות. הלוואי כ׳זאָל בלייבן אַ ליגנערין. דיין טאַטע וועט מיך, יונגערהייט, באַגראָבן. וועסט בלייבן אַ יתומה. ווער וועט פאַר דיר זאָרגן ?“ רותי האָט די מאַמע צוגעדעקט. איר פאַרגלעט די צעפּלאָשעטע האָר, געבעטן: „אמאלע, זאָג מיר, וואָס קומט דאָ פאָר אין שטוב ? נעכטן אָוונט האָט איר ביידע געסקאַנדאַלעוועט. אין אַזאַ גיהנום וועל איך קיין מאָל נישט מצליח זיין. פאַרוואָס האָסטו געשריגן פון שלאָף ?. האָסט עפּעס געחלומט ?“

סאָניע האָט זיך אויפגעזעצט. געקוקט גלאָציק. זיך אומגעקוקט, ווי עפּעס געזוכט. געבעטן אַ גלאָז וואַסער. נאָך עטלעכע שלינג, דערציילט: נעכטן האָט אַנקה זי געשלעפּט אין קינאָ. זי איז נישט גערן געגאַנגען אַהין. האָט לעצטנס מורא פאַר איר. זיך דערוווסט: יענע איז אַן אינטריגאַנטקע, אַ ליגנערין, די גרעסטע פּליאָטקע־מאַכערין אין תל־אביב. נאָר איר נישט געקענט אָפּזאָגן. זי וואָלט זיך באַליידיקט. זיי האָבן געזען אַ שרעקלעכן שפּיאָנאַזש־פילם. מ׳האָט זיך געשלאָגן, געליבט, געמאָרדעט. געקומען אַ היים דענערווירט. אין שטוב וואַרט אויף איר כאַלפון, דער מכולתניק. ער שמייכלט מיט זיינע קליינע, רויט־פאַרלאָפענע אייגעלעך. „וואָס ווילסטו ?“ האָט זי אים געפרעגט. „דיך !“ מריטשעט ער ווי אַן אָקס. סאָניע ווישט ריינענדיקע טרערן אויף די באַקן. דערציילט: כאלפון בלייבט שטיין. קוקט אויף איר תאווהדיק. עפּנט זיין פּיסק. פון זיין גראָבער, אונטערשטער רויטער ליפּ, ווי נאָר וואָס אויפגעשניטן לעבעדיק פלייש, רינט גאַווער. ער ציט אויס זיינע שוואַרצבאַהאָרטע הענט. נעענטערט זיך צו איר. זי שרייט, רופט הילף. ער נעמט זי אַרום, שלעפּט זי צום בעט. זיין הייסער אָטעם שטינקט, ס׳עקלט זי. פון זיין קערפּער פּילט זיך, ווי פון פאַרעיפּושט מיסט. זי האָט געגוואַלדעוועט. זיך פון אים אַרויסגעריסן. ער נעמט אַרויס אַ מעסער, וויל זי שטעכן. זי ספּאַזמעוועט. אנטלויפט. ער יאָגט איר נאָך. זידלט: „בת זונה ! איך וועל דיך לערנען ! בלייב שטיין ! אויב כ׳כאַפּ דיך, ווערסטו געהרגעט“. „אַז כ׳האָב געליאַרעמט: ,משטרה !‘ איז ער אַנטלאָפן, פאַרשוווּנדן. און דיין טאַטעלע, דער תכשיט, איז זיך געזעסן אין קאַבינעטל. נאָך דעם אַריינגעקוקט צו מיר. אַלץ געהערט. געזען מיך אַ צעשלאָגענע אין אַ צעריסן העמד און זיך געמאַכט תמעוואַטע. צוריקגעזעצט שרייבן זיינע נאַרישע פאַנטאַזיעס, וואָס זענען

נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. מאַטערט זיך נעבעך אומזיסט. קיינער וועט פאַר זיינע אויסגעטראַכטע, נאַרישע מעשיות נישט געבן קיין שמעק טאַבאַק. מיין שרעק, צער האָט אים געאַרט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. שפּעטער איז ער צו מיר אַריין. אנשטאָט מיך באַרויִקן, אָנגעהויבן סקאַנדאַ־לעווען. מיך געפּאַטשט. מיט די הענט געשטיקט. האָב איך זיך אויפגעכאַפּט״.

מיט דער מאַמעס ראָזן נאָכטהעמד האָט רותי זיך געווישט די באַטרערטע אויגן. געבעטן: „אמאלע, כ׳בעט דיך״, זיך העשנדיק צעוויינט, „האָב רחמנות אויף מיר, אויף זיך און בעט זיך איבער מיטן טאַטן. פון דער נאַטור איז ער פילבאַר. ער איז נאָר קעגן דיין ארט לעבן״.

„געדענק. זאָלסט נישט חתונה האָבן מיט אַ מאַן, אויב ער וועט זיין קעגן דיין געשמאַק״, וואָרנט סאָניע רותין.

„מאַמע, ס׳איז דאָך פאַרפאַלן. אַזוי לאַנג לעבט איר צוזאַמען. בעט זיך איבער. ער איז קעגן דער יום הולדת־מסיבה. ער זאָגט אַז ס׳איז אים אַ שאַנד. אַזוי מיינט ער. גיב אים נאָך״.

סאָניעס פּנים איז געוואָרן פאַררויטלט. מיט דער רעכטער האַנט זיך געקלאַפּט אין ברוסט־קאַסטן. אויסגערופן: „דאָס נישט! ביי מיר וועט ער נישט פועלן! האָב שוין איינגעלאַדן געסט. אַלץ באַשטעלט. וואָסי? צוליב זיינע משוגעתן זיך קאָמפּראָמיטירן? דאָס נישט!״.

„אויב דער טאַטע וועט נישט אנטיילנעמען אויף מיין מסיבה, פאַר איך אַוועק״.

„אַלע דראָען מיר. כ׳מיין איך וועל זיין די ערשטע, וואָס וועל פאַרלאָזן דאָס משוגעים־הויז״, האָט סאָניע געוואָרנט. צו רותין געשאָקלט מיטן לינקן ווייז־פינגער.

„אמא, ערגער זיך נישט. הער אויס. נעכטן האָב איך געלייענט אַ ביכל. דער מחבר שילדערט דאָס היגע הפקר־לעבן פון אַ טייל ישראל־משפּחות. זיי הוליען, פאַרשווענדן געלטער. אָרדענען איין לוסטיקע מסיבות. נאָכן פרעסן, זויפן, אָרגעוועט מען. טייל חתונה־געהאַטע פאַרלעך טוישן זיך מענער מיט פרעמדע פרויען. דער הויפּט־העלד, שמואל שוואַרצמאַן, אַן אָפּגענאַרטער מאַן פון אַ לייכטזיניקער פרוי, פאַרלאָזט די שטוב, ווערט איבערגעפאָרן פון אַן אויטאָ. אין שפּיטאָל, פאַרן טויט, רעדט ער מיט זיין טאָכטער, ער דערציילט איר אַלץ. טייטשט אויס די נעגאַטיוו דעמאָראַליזאַציע־דערשיינונג איז סכנותדיק. לויט אים ווירקן אויסערלעכע, יידנפיינטלעכע פאַקטאָרן צו דער מוסר־ירידה אין ישראלדיקן משפּחה־לעבן. ער זאָגט איר: ,טהרות־משפּחה איז געווען, וועט בלייבן לדורות דער הויפּט־יסוד פון יידישן קיום. דאָס האָט נישט דערמעגלעכט, וועט נישט דערלאָזן אויסמישן זיך מיט גוים. דער גויִישער דרויסן איז געווען, געבליבן פיינטלעך צו אונדז. מוזן מיר זיך פאַרפעסטיקן אין ליבנדיקע משפּחות׳. עטלעכע שעה נאָכן רעדן מיט דער טאָכטער איז ער געשטאָרבן.

מאַמע, בעט זיך איבער. באַרעכן זיך. געדענק, מיר זענען אַ קליינע משפּחה. דער טאַטע פאַרדינט. מיר קענען לעבן בכבוד. אָבער זיינע פאַרדינסטן סטייען נישט אויסצוהאַלטן אַ לוקסוס־ווירטשאַפט. אויב מיר וועלן ממשיך זיין הולטייען, ווערן גרויסע בעלי־חובות, זיך אַרומקריגן, וועט די גאַנצע שטוב ווערן רויִנירט. דו, אַלס הויזווירטן, וועסט זיין די הויפּטפאַראַנטוואָרט־לעכע. כ׳בין זיכער וועסט דאַן האָבן חרטה. ס׳וועט אָבער זיין צו שפּעט. באַצייטנס גיב זיך אָפּ אַ דין וחשבון. זיי נישט קיין גורם חרוב צו מאַכן אונדזער לעבן״.

ב

חרטה

1

נאָך רעגנדיקער, שטורמיש־ווינטיקער דעצעמבער־נאַכט מיט אָפּטע צעליכטיקטע אויפבליצן, באַאומרויִקנדיקע דונער־קנאַלן איז דער קאַלטער, גרוינעפלדיקער באַגינען פאַרשפּעטיקט, פויל אַראָפּגעקראָכן פון קוימזעוודיקע, גלילער פעלזנבערג. די פרימאָרגן־שעהען זענען לאַנגזאַם, לאַנגווייליק פאַרביי. דער נאַסלעכער, פאַרוואָלקנטער דרויסן האָט זיך קנאַפּ־וואָס געהעלט. אויסער די ארומיקע פייכטע בנינים, נאַסע, איינגעקאָרטשעטע צריפים אין „אוהלו״־סעמינאַר איז מער נישט געווען מערקבאַר. דער תמיד פון פרימאָרגן, זונבאַגאָלדיקטער, בלויער, רויִק־פליסנדיקער, שטיל־פליעסקנדיקער כנרת־ים, צופיסנס פעלזנשפּיציקע, מוראדיקע גולן־בערג איז געווען נעפלדיק פאַרשלייערט. מ׳האָט נישט אַרויסגעמערקט דעם באַגרינטן, באַביימערטן ירדן־טאַל. ס׳זענען געווען פאַרשטעלט די דופטן־שפּרייטנדיקע, קאָליריקע פרוכטן־גערטנער, גרינוואַרג־געוויקסן אויף גלילער פּרוכטבאַרע, פון רעגנס־אנגעטרינקענע פעלדער אין די אַרומיקע דינאַמיש־באַוועגלעכע קיבוצים און פּריוואַטע ווירטשאַפטן. — דער טונקל גרויער נעפל האָט פאַרשלייערט דעם ווייטלעכן, נאַטור־שיינעם אַרום.

איינגעהילט אין שטאָף און אין רעגנמאַנטלען, האָבן פאַרשפּעטיקטע סעמינאַריסטן, סעמאַנריסטקעס געאײַלט אין עסזאַל. מ׳האָט שנעל געפּרישטיקט, העגדומפּענדומדיק געגאַנגען אין לעקציע־צימערן. דער קאַלטער, רעגנדיקער דרויסן האָט צעשטערט שפּאַציר און אויספלוג־פּלענער. אין די אַ פאַרמיטאָג־שעהען האָט מען די פאָרטראַגן גוט באַזוכט.

אויך דאָס לעקציע־צימער, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער פינפטאָגיקער בליצסעמינאַר פאַר הסתדרות־אַקטיוויסטן אין אַרבעטער־קוואַרטאַלן און פאַר עולים־אַקאַדעמיקער פון רוסלאַנד, איז צוליבן קאַלטן, נאַסן וועטער, געווען כמעט פול.

דער ערשטער האָט דאָ רעפערירט ד״ר ס. קליגער, קולטורלייטער אין אַרבעטער־ראַט אין עולים־שטעטל ק. גערעדט האָט ער דרייסט. זיכער, טעמפּעראַמענטפול, באַנוצט אַ סך ווערטער, אויסגעשריבענע פון לעקסיקאָנען.

ער האָט אויפגעקלערט נייע, מאָדערנע שיטות צו אָרגאַניזירן קולטור־אימ־פּרעזעס, הויז־קרייזן, ביבליאָטעקן, לייענזאַלן, פאַרוויילונגס־קלובן פאַר יוגנט. ספּעציעל אונטערגעשטראָכן: ס׳איז וויכטיק, ווינטשנסווערט, נויטווענדיק אָרגאַניזירן קולטור־אָוונטן מיט קינסטלערישע פּראָגראַמען אין עולים־צענטערן, ווו די נייע בירגער, אַביסל איזאָלירטע פון שכנים־וותיקים, האָבן אָבער געוווינטע נייגונגען צו געזעלשאַפטלעכע, אויפקלערערישע און פאַר־וויילונגס־צוזאַמענטרעפונגען.

עטלעכע צענדליק עולים: אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן, מאַטעמאַטיקער האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט ד״ר קליגערס אויספירן, באַגרינדעטע מיט ציפערן,ביישפּילן, אויסגעשריבענע פון אַרטיקעלן און אויסלענדישע פּאַר־זשורנאַלן. ער האָט גערעדט וועגן טעטיקייטן פון קולטור־אינסטיטוציעס אין מערב־אייראָפּעישע שטעט. באַרימעריש דערציילט, ס׳איז געלונגען אויספרווון די נייע שיטות אין עטלעכע גרעסערע שטעט און לויט באַריכטן זענען זיי ניצלעך, שפּאָרזאַם, דערפאָלגרייך.

קליגערס באַריטאָן־שטימע, רעטאָרישע דיקציע, הומאָרפולע רייד האָבן אויפגעוועקט אייניקע, אַביסל שלעפעריקע צוהערער, ביי וועמען דער נאָכטי־קער הוראַגאַן האָט געשטערט זייער שלאָף. דער רעפעראַט האָט אַלעמען פאַראינטערעסירט. דאָס האָט זיך גוט געמערקט אויף צופרידענע פּנימער, אויסדרוקלעכע סימפּאַטיע־שמייכלענדיקע בליקן פון אויפמערקזאַמע אָנטייל־נעמער. דער דערפאָלג האָט מער געמוטיקט דעם עלעגאַנטן, ברונעט־פּנימדיקן, שלאַנקן רעדנער. זיינע גרינלעכע, חכמהדיק־גלאַנציקע אייגעלעך האָבן צופרידנדיק געשמייכלט. זיין שטים איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן שטאַרקער, קלינגעוודיקער. צוגעגלעט זיינע סמאָלע־שוואַרצע, פון ברילאַנטין־גלאַנציקע האָר; פאַרריכט די גרויסע, גאָלדיק־באַרעמטע ברילן, צוגעקנעפּלט, אויפגעקנעפּלט זיין קורץ, שמאָל, דזשינס־רעקל. חברהמאַניש זיכער, הין און צוריק געשפּאַנט נעבן אַ גרויסער, שוואַרצער ברעט, באַשריבן מיט ציטאַטן, ציפערן, ליבלעך געשמייכלט צו די יונגע, באַחנטע סעמינאַריסטקעס וואָס זענען געזעסן אין דער ערשטער ריי, אָנגעטאָענע אין קאָליריקע, איבער די קניִען אַרויפגערוקטע, שמאָלע, מאָדערנע ראָקן. געוויזן איינעם אויף אַנדערע איבערגעלייגטע פיס.

קליגערס פּליסיק, וואָס אַמאָל מער טעמפּעראַמענטפולע, פון זיך צופרי־דענע רייד איז עטוואָס געשטערט געוואָרן מיטן אַריינקום פון דער תל־אביבער קורסאַנטקע סאָניע רעטער. ווי נאָר דאָס מיטליעריקע ווייבל האָט געעפנט די טיר, האָט זי צו זיך געצויגן אויפמערקזאַמקייט. קעפּ האָבן זיך צו איר אויסגעדרייט, אָבסערווירט איר איבערטריבן ראָז־באַפּאַרבט פּנים, גרינלעך־אונטערגעצייכנטע אויגן, צו ברייט באַשוואַרצטע ברעמען, פּריש אַנדאָלירטע, רונדיק־געלאָקטע, בלאָנדע האָר. ספּעציעל מאָדנע האָט אויס־געזען איר רעשיק־קאָליריק, פּרילינגדיק קליידונג, וואָס האָט נישט געפּאַסט

פאַר מאָרגנשעהען, רעגנדיק וועטער און פּשוטערע בגדים פון אַ טייל צו־הערערינס. פילנדיק נייגעריקע בליקן, האָט דאָס עלעגאַנטע ווייבל זיך געזעצט נעבן דער טיר, אין דער ערשטער ריי.

סאָניעס נאָענטקייט, לוסט־וועקנדיקע ריחות פון באַשמירטע קרעמען, פון פּאַרפום, גלאַנציקע, גרינע, שמייכלענדיקע אויגן האָבן געררייצט דעם רעדנער. טראָץ זיינע באַמיאונגען אויסצומיידן סאָניעס קאָקעטישע בליקן, פּיס־באַוועגונגען, אָפּט מאָל איבערגעלייגטע איינעם אויפן אַנדערן, האָבן זיי אים אַביסל צעחושט. ער האָט פאַרלוירן זיין שטאַנדהאַפטיקייט. גע־פּרוווט אַריבערקוקן צו אונטער איר זיצנדיקע. ס׳איז אים אָבער געווען אוממעגלעך נישט צו כאַפּן בליקן אויף סאָניעס רויט, אויפן האַלדז־פאַרשלייפט שאַלעקל, גלאַנציק־זיידן, ראָזלעך בלוזקעלע, אויסגעפּאַסט אויף איר ספּעציעל אויסגעבולטן ביוסט, אויפן גרינלעכן, ווייס און רויט־געבלומטן ראָק און דינע, הויכקנאָפּלדיקע לאַקיר־לעטשלעך. מ׳האָט גוט באַמערקט קליגערס אַלע מאָל כאַפּנדיקע תאווה־בליקן אויף אירע גלייכפאַרמיקע פיסלעך, רויטלעך פלאַמיק פנימל, צו אים צופרידנבליקנדיקע חשקע אויגן. אויך די נעבן איר־זיצנדיקע האָבן אַלע ווילע אָבסערווירט די אויסגעפּיאַצקעטע סאָניע, וואָס האָט אויסגעזעען אין איר אויסנאָמלעכן לבוש, קאָסמעטירט פּנים, קאָקע־טירנדיקע אויגן־בליקן ווי אַ לוסטיק־גאַרנדיק, ליבעלעכצנדיק ווייבל.

אַז קליגער האָט עטוואָס באַרויִקט זיין צעשטרייטקייט, איז זיין רעדן געוואָרן צוריק קלינגעוודיקער, די אַרגומענטאַציע לאָגישער. דאָך האָט ער זיך אייניקע מאָל טועה געווען ביי איבערחזרן שוין געזאָגטע ציטאַטן, אָפּאַריזמען פון שרייבער, אַנאַליטישע באַמערקונגען פון טעאַטער־קריטיקער וועגן געשפּילטע פּיעסן. ער איז געווען גענייגט צו דערמאָנען באַוווסטע גייסט־מענטשן. דערמיט געוואָלט מער באַאיינפלוסן זיינע צוהערער. האָט אויך געוואָלט באַאיינדרוקן, ווייזן באַהאַוונטקייט אין מוזיק, מאַלעריי, ליטע־ראַטור, טעאַטער־קונסט. דאָס מאָל נאָך מער דערמאָנט שרייבער־קלאַסיקער, גאונישע קאָמפּאָזיטאָרן, טאַלאַנטירטע מאָלער. ער האָט זיך אָבער כסדר טועה געווען. פּשוט פאַרדרייט די יוצרות. אין פאַלן געררעדט אַבסורדיש. צום סוף פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער אוידיטאָריע, געקירצט די לעקציע, געבעטן פרעגן נישט פאַרשטענדלעכע שטעלן אין רעפעראַט.

טראָץ דעם וואָס סאָניע האָט פאַרשפּעטיקט, איז זי געווען די אַקטיווסטע פרעגערין. אומצופרידן, קריטיש באַמערקט דעם רעדנערס לעצטע אויפ־קלערונגען, איראָניזירט זיינע ענטפערס. פון אירע פּשוטע, צו דער טעמע נישט פּאַסיקע רייד, האָבן זיך אייניקע שפּאַסיק איבערגעוווּנקען. טייל האָבן שטיל־שעפּטשנדיק געחוזקט פון איר נישט באַהאַוונטקייט אין אָרגאַניזאַציע בכלל, שוואַך פאַרשטיין דעם רעפעראַט. ד״ר קליגער האָט זיך דערנעענטערט צום ווייבל. צווישןביידע איז פאַרגעקומען אַ לעבהאַפטער ווערטער־אויסטויש. ער איז געוואָרן אויפגערעגט, נאָכדעם זיך באַהערשט, זיין האַנט אַרויפגעלייגט

אויף איר לינקן אַקסל. שטיל גערעדט, געוואָלט באַהערשן איר פּליסנדיק רעדן. ס׳איז אים נישט געלונגען. סאָניעס קלינגענדיק קולעכל האָט געטומלט, אים פאַררעשט. ער האָט דערקלערט אַ הפסקה. זיך געזעצט נעבן סאָניען. איר געפּרוווט איבערצייגן זיינע מיינונגען, וועגן אָפּגעלעבטע, אַלטע וויניק־ווירקזאַמע, מער נישט פּראַקטישע אָרגאַניזאַציע־סיסטעמען אין פּאָליטישע און אין קולטור־אינסטיטוציעס. היציק קריטיקירט דערציִונגס־שיטות אין שולן. געחוזקט פון נישט דערפּאָלגרייכע אויפקלערונגען אין דער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע. אין איר אריינגערעדט, מ׳דאַרף אויספּרוּוון נייע דאָק־טרינעס, מאָדערנערע סיסטעמען. אפשר וועלן זיי צוציען מער יוגנט, אַנטייל נעמען אין סעמינאַרן, אויפקלער־פאַרזאַמלונגען, ווו ס׳ווערן רעפערירט אויף היסטאָרישע, וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע טעמעס. מעגלעך די נייע שיטות וועלן וועקן מער אינטערעס צום גוטן, עכט־קינסטלערישן בוך, וואָס ליידט אין לאַנד פון קנאַפּע טיראַזשן.

ד״ר ברוך רעטער, וועלכער האָט זיך לעצטנס איבערגעבעטן מיטן וויב, איז אַריינגעקומען. געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקלן אַנצוג. אַ שוואַרצן קאַפּע־ליוש. זיך געזעצט נעבן דיסקוטירנדיקן וויבל מיטן רעדנער. סאָניעס קאָקע־טירן, איר אַלע מאָל מיט הענט באַרירן קליגערס אַקסל. איר קאַלירפּול, לופּטיק קאָסטיומיקל, רויטע ליפּעלעך, גלאַנציקע אייגעלעך, ריחות פון ספּרעי, קאָסמעטישע זאַלבן, פאַרפומען האָבן קליגערן באַאיינפלוסט, צעחושט און צעמישט רעטערן, וואָס האָט כעסיק באַמערקט די אים אַזוי גוט־באַוווסטע סאָניעס רייצנדיקע האַלטונג. אין אים האָבן זיך אויפסנייִ דערוועקט עטוואָס פאַרגעסענע, קרענקלעכע אייפערזיכט־געפילן. דאָך לייכט, אַביסל גרימאַסיק געשמייכלט. געפּרוווט באַרעכטיקן סאָניעס קאַטעגאָריש אָפּפרעגן קליגערס מיינונגען. אָפּט מאָל סתירותדיקע, וויניק־באַגרינדעטע. סאָניע האָט זיך פאַרגעסן, אויפגעפּירט גלייך איר מאַן איז נישט אַנוועזנדיק. נאָך מער איבער די קניִען אַרויפגערוקט דעם ראָק. איבערשמינקט די ליפּן, צוגעפּו־דערט די רויטלעך־צעפּייערטע באַקן, מיט בליישטיפט געטונקלט די ברעמען, זיך צו קליגערן געבויגן, געטוליעט. ד״ר רעטער, זעענדיק איר הייטערקייט, האָט אין זיך איינגעהאַלטן דעם אין אים דרימלענדיקן, זיך וועקנדיקן קנאה־כעס. אָבער זיך באַמיט נישט רעאַגירן, גלייך ער זעט נישט, איז גלייכגילטיק צו איר רייצנדיקער האַלטונג. אין זיך גערעדט: „מ׳קען נישט איבעראַנדערשן מענטשלעכע נייגונגען. מיין באַשלוס, פּרוּוון מיט איר לעבן בשלום, איז טעותדיק. אירע לוסטן זענען צו שטאַרקע. מיינע אויפ־קלערונגען האָבן אויף איר קיין שום השפּעה. כ׳פּטר סתם צייט. נישטאָ קיין שום ברירה. ס׳וועט זיין ווייטיקלעך, אָבער מיר מוזן זיך שיידן״.

זינט דער־אָ דיסקוסיע האָבן זיך די רעטערס „באַפריינדעט״ מיט ד״ר קליגער. מ׳איז צוזאַמען אַריין און אַרויס פון לעקציע־צימער. געגעסן ביי איין טישל. אָפּט געשמועסט, שפּאַצירט, פאַרברענגט די פרייע צייט. סאָניע

האָט גאָרנישט געענטפֿערט. עס האָט איר געטאָן אַ מאָנס חרטה מיטן איבערבעטן זיך מיט איר, זיין „באַשלוס" זיך שיידן און הויפט מסקנא זי אויספרווון ס׳לעצטע מאָל.

פון דערפאַרונג האָט ד"ר רעטער גוט געוווסט די פאָלגן פון סאָניעס דערוועקנדיקער סימפּאַטיע צום יונגן, פאַצעטישן רעפערענט. האָט באַשלאָסן „מאַכן אַן עק" און חרטה געהאַט. „אפשר בין איך זיך טועה. כ׳טרייב איבער. מ׳דאַרף זען דעם סוף. דאַן וועל איך ענדלעך רעאַליזירן מיין פּלאַן", אַזוי געטראַכט און באַשלאָסן: נישט אַרויסוויזן די אין אים זידנ־דיקע קנאה. בלויז איין מאָל איר באַמערקט: „צוליב וואָס האָסטו מיך דאָ מיטגעבראַכט? ווער האָט דיך דאָ איינגעלאַדן? סאָניע, כ׳וועל דיך נישט איבערמאַכן".

„הייבסט שוין ווידער אָן?", האָט זי געצאַרנט: „כ׳האָב דיך אַהער־געבראַכט, זאָלסט זיך איבערצייגן, אַז כ׳קען פריי, לוסטיק זיך אונטער־האַלטן מיט אַ מאַן, גוט באַפריינדן און מער נישט. פאַרשטייסט שוין?". ער האָט געשוויגן, געטראַכט: „מ׳וועט זעען".

סאָניעס האַלטונג מיטן יונגן רעדנער איז גוט אָבסערווירט געוואָרן. אייניקע סעמינאַריסטקעס האָבן גערכילותט: „סאָניעס נישט גלייכגילטי־קייט אין קליגערס אָנוועזנהייט. איר פלירטעווען, מינעוון, זיך אַלעמאָל איבערטאָן אין פאַרביקע מאָדערנע קליידער, זאָרגעוודיק זיין קאָסמעטירט בעת זייערע צוזאַמענטרעפונגען און דאָס אין אָנוועזנהייט פון איר מאַן, וואָס פילט זיך נישט גוט, געפּלעפּט, וועט זיך ענדיקן נישט היימלעך".

2

פאַרנאַכט. אין לייענזאַל האָט קליגער באַגעגנט סאָניען. פּאַטעטיש גע־זאָגט: „לויט מיין מיינונג איז געטע אַ גאון. זיינע שאַפונגען ווירקן דער־שיטערנדיק. סאָניע, ווילסט כ׳זאָל פאַר דיר פאַרלייענען עפּעס־וואָס פון זיין וווּנדער־ווערק „פאַאוסט׳?. כ׳וויל דיך איינלאַדן אין דער תל־אביבער אָפּערע, געניסן פון דעם שיין־פאַרגעשטעלטן, קינסטלעריש־געשפּילטן ווערק „פאַאוסט". ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, געוואָלט באַמערקן, ווי אַזוי ס׳ווירקן זיינע פאַרשלאַגן.

סאָניע האָט געשמייכלט: „אדון קליגער, דו, אוי סליחה, איר פאַרגעסט מיין משפּחה־צושטאַנד".

„ריכטיק, אָבער היינט אָוונט לאַדן איך דיך איין פאָרן קיין טבריה. ביים כנרת־ברעג, אין אַ רעסטאָראַן, קען מען עסן פרישע, פּיינגעבאַקענע פיש".

סאָניע האָט אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט, געספּקט: „אָנהייבן מיט אים?" זיין פּראָפּאָזיציע האָט זי געלאָקט. דאָך געפילט חשד, פּחד, פאַר־לעגנהייט. מורא געהאָט פאַר די קנאהדיקע רכילותניצעס, וועלכע האַלטן

זי שוין אויפֿן אויג. נערוועז געענטפֿערט: „דײַן, אײַער אײַנלאַדונג איז אימפּאָנירנדיק. איר זײַט אַ גוט־דערצויגענער, אמתער דזשענטעלמען. גאָר פֿײַן פֿון אײַער זײַט. איך אָבער מוז זיך רעכענען מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג. וואָס מיינט איר? כ׳מיין דו וועלן פּליאָטקעווען די־אָ אַלע, וואָס שפּאַצירן אונדז נאָך. דערבײַ אָנגעוויזן מיט אויגנצייכנס, קאָפּ־באַוועגונגען אויף די אונטער זיי זיצנדיקע. „מיינסט אַוודאי״, צו אים געשעפּטשעט, „מ׳אָבסערווירט נישט אונדזערע אָפּטע באַגעגענישן? מענטשן זענען נישט בלינד. מ׳וועט מיך מער באַרעדן ווי אונדזערע סתם־פּריינטלעכע טרעפֿונגען. זעסט די־אָ דזשאָבאַטע מיטן רויטן בלוזקעלע?. גראַדע קען איך זי. אַרײַנצופֿאַלן אין איר שמוציק מויל איז ערגער ווי אין אַ פֿינצטערן קעלער. פֿון ערשטן טאָג אָן באַפּליאַקעוועט זי מיך. פּליאָטקעוועט פֿאַר אַלע: ווי נאָר מײַן מאַן איז פֿון דאַנען אַוועקגעפֿאָרן אין מיליטערישן רעזערוו־דינסט ,שלעפּ איך זיך אַרום מיט דיר. לויט מײַן מיינונג, כ׳דענק זי טראַכטן ווי איך, ס׳איז גאָרנישט קיין פֿאַרברעכן מיט דיר פֿאָרן קיין טבריה. דאָרט צוזאַמען זיך ווײַלן אַן אָוונט. אָבער זי, די יאַכנע, וועט מיך פֿאַרשוואַרצן פֿאַר אַלעמען, כ׳מאַך מיט דיר אַ לעבן. מ׳קען זיך נישט אַנטקעגן שטעלן דער עפֿנטלעכער מיינונג. נעגאַטיוו פֿאַרמשפּט ווערן פֿון דער קאָנסערוואַטיווער געזעלשאַפֿט איז ביטער ווי גאַל. אין מײַן פֿאַל איז עס נישט אַזוי קאָרעקט. מײַן מאַן איז מאָביליזירט אין צבֿא. אײַער אײַנלאַדונג איז קאָרעקט, פֿײַן. צום באַדויערן מוז איך אײַך אָפּזאָגן. פֿאַרשטייט, כ׳קען נישט. אַ דאַנק״.

ד״ר קליגער איז געבליבן זיצן פֿאַרלוירן. אַלע זײַנע טרוימפֿלענער זענען געפּלאַצט, ווי אַ געלעכערטער באַלאָן. זיך אַנטשולדיקט, איז אַוועק. אָבער נישט רעזיגנירט. אין אָוונט איז ער געקומען אין איר צימער. מיט מליצהדיקע ווערטער אויפֿגעקלערט די זינלאָזיקייט פֿון אירע פֿאַרעלטערטע מיינונגען, איבערגעטריבענע פּחד־אײַנגעבילדעטקייט. סאָניע האָט אײַפֿעריק פֿאַרטיידיקט אירע פֿריִערדיקע דערקלערונגען. קאַטעגאָריש נישט מסכּים געווען צו „זײַן זינלאָזן אָנבאָט״. קליגערס מיילעכל איז נישט געבליבן אונטערשטעליק. זיך געזעצט נעבן איר גאָר נאָענט. געפּרוווט איבערצייגן אין זײַן שעצונג, פֿרײַנטשאַפֿט צו איר מאַן, וואָס האָט אויף אים, אין די עטלעכע טעג, געמאַכט אַ גאָר פּאָזיטיוון רושם. געלויבט זײַנע מעלות, זי פֿאַרזיכערט אין זײַנע בלויזע חבֿרישע כּוונות. „כ׳מיין גאָרנישט. האָב גאָרנישט אין זינען. זאָלן לשון הרעניצעס רעדן״. זיך צו איר צוגעבויגן. פֿילנדיק שאַרפֿע רייצנדיקע קאָסמעטיק־ריחות, ווײַבלעכע וואַרימקייט, זעענדיק ס׳דינע באָרדאָ קליידל, אָנגעצויגן אויף איר פֿיינגעפֿאָרעמטן גוף, האָט ער זי אַרומגענומען. סאָניע האָט זיך נישט געוועהרט. אַדרבא, גענעענטערט איר פּנים צו זײַן פּנים, ליידנשאַפֿטלעך אַרײַנגעקוקט אין זײַנע לוסט־גאַרנדיקע, גלאַנציקע אויגן. אויך אים אַרומגעאַרעמט, געבויגן דעם קאָפּ אויף זײַן

ברוסט. ער האָט געגלעט אירע האָר, אויפגעהויבן איר קאָפּ. זיין הייס פּנים גענעענטערט צו אירע פלאַמיקע באַקן. זיי תאווהדיק געקושט, געגלעט דעם שטערן, פאַרפרעסט זיינע לוסט־גליִענדיקע ליפּן אין אירע ליבע־ברענענ־דיקע לעפצן. סאָניע האָט זיך פּלוצים דערשראָקן, דערווייטערט פון אים, אויסגעזען איבערראַשט.

„ביסט אַ דרייסטער מאַן. אָבער אַ חוצפן". איז געווען צעפלאַמט, צעטומלט. אומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, דורכן פענצטער. געוואָלט וויסן צי מ'האָט זיי נישט באַמערקט. ווערנדיק אַביסל באַרויִקט אים געוואָרנט: „זיי פאָרזיכטיק. מיין מאַנס אייפערזיכט איז פייערדיק, נקמהדיק. ווען נישט איך, וואָלט ער שוין געווען פון לאַנג פאַרמשפט אין אויספירן געזעצלאָזע, בלוטיקע טאַטן. זיי אויפמערקזאַם. היט זיך די ביינער".

און דאָך, נאָך זיין פרווו ווירקן אויף סאָניען מיט אַ דרייסטן אָנגריי־פערישן באַריר, צו וועלכן סאָניע איז געווען געמיטלעך גרייט, געהאָט הנאה, האָט זי אים געבעטן אַליין גיין אין עסזאַל. אויך זיך נישט זעצן נעבן איר ביים זעלבן טישל. רויִק אויפגעקלערט, צוליבן מאַנס נישט אָנ־וועזנהייט, קען זי נישט מער עסן צוזאַמען מיט אים. אויך אויף דער אוונט־לעקציע, מיט דער באַטייליקונג פון דער חברטע מרים פון קיבוץ כנרת, זאָל ער נישט זיצן נעבן איר. פאַרשנדיק אַריינגעקוקט אין זיינע תאווה־פלעמלדיקע אויגן, אים באַרויִקט: „אפשר", געשאָקלט מיטן קאָפּ. „כ'זאָג גאָרנישט צו. אַז ס'וועט זיך מיר גליסטן, וועל איך מיט דיר פאָרן. כ'זאָג גאָרנישט צו". אייניקע מאָל באַטאָנט; זיך געשפּילט מיטן גאָלדענעם מגן דודל אין איר דעקאָלטירט ביוסט־גריבל.

ד"ר קליגערס באַהאַוונטקייט אין פאַרברענגען מיט געהייראַטע וויב־לעך, וואָס קומען אין „אוהלו", לערנען יסודות־פּראָבלעמען אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט גוט פאַר־שטאַנען איר „אפשר". אַ צופרידענער איז ער אַוועק. אין זיין צימערל זיך ראַזירט, ברילאַנטירט די האָר. אויסגעפּוצט. געגרייט צו דעם פאַרווילנדיקן אָוונט אין טבריה.

3

סאָניע רעטער איז געשטאַנען ביים פענצטער, אַרויסגעקוקט אין אָוונ־טיקער טונקלקייט. פון אַרומיקע ברוין־באַליכטיקטע פענצטערלעך געהערט רייד, געלעכטער. געזען שוועבנדיקע מענער, פרויען־סילועטן. איר צע־שטרייט געמיט האָט אויספאַנטאַזירט שאָטנס פון ליבנדיקע פאָרלעך. „אַ מיאוסע מאָדע זיך ליבן עטלעכע פאָרלעך צוזאַמען", געקוקט אין דעם פענצטער, דאָרט „געזען" זיך באַוועגנדיקע שאָטנס פון אַ צוזאַמען ליגנדיק פאָרל. פון אַן אַנדער אָפן, דערנעבנדיק פענצטער דערהערט שטראָף־רייד:

„די פרוי אַלס לייטערין פון דער הויז־ווירטשאַפט האָט אָן אויפגאַבע צו באַגרענעצן לוקסוס־אויסגאַבן. פאַרשווענדעריש לעבן איז סכנותדיק פאַר דער מדינה״, געהערט אַ מענערלעכע באַס־שטימע און אַ קלינגענדיק ווייבלעך קולעכלס רוגזהדיקער ענטפער: „האָסט צוגעזאָגט, האַלט וואָרט. אַ בריליאַנטן פינגערל מיט אַ קלייד מוז קאָסטן 50 טויזנט פונט. צום צענטן יאָר חתונה־טאָג בין איך ווערט. קנאַפּערע צעלייגערס, ווי דו, קויפן די ווייבער טייערע מתנות. וואָס בין איך ערגער פון דער געלער רוזשקע?״. די קולות האָבן זיך איינגעשטילט. ס׳פענצטער האָט זיך פאַרמאַכט. צוויי שאָטנס האָבן זיך באַהאַפטן.

סאָניע האָט פאַרמאַכט די הילצערנע לאַדנלעך, געוואָלט זיין בלויז מיט זיך. דאָך פון דעם זעלבן פענצטער דערהערט שטילע אַקאָרדן פון אַ שפּי־לעוודיקער שלאַגער־פּליטע. דאָס בעטנדיקע קול פון זינגענדיקן מאַן צו אַ געליבטער פרוי, האָט אין סאָניען אויפגעוועקט בענקענדיקע לוסט־גע־פילן. אין איר פאַנטאַזיע אויפסניי געזען שאָטנס פון דעם ליבע־שפּילנדיק פּאָרל אין קוים־באַלויכטענעם צימערל. אויפגערעגט צוגעגאַנגען, אַריינגע־געקוקט אין דעם פאַרמאַכטן פענצטער פון דעם פריִער דיסקוטירנדיקן פּאָרל, „געזען״ זייער שפּיל און באַהעפטונג־שאָטנס. געספּקט: פאָרן מיטן דאָקטאָר קיין טבריה? איז כדאַי צו ריזיקירן? אויפסניי „באַשלאָסן״ מער זיך נישט אַריינלאָזן אין ציטווייליקע ראָמאַנטישע סורפּריזן. צו זיך גע־רעדט: „כ׳האָב געגנוג זיך שוין אַנגעליטן פון בעניעקן און רותי״. דאָס מאָל וועל איך האַלטן מיין הבטחה. כ׳האָב ברוכן צוגעזאָגט. מ׳האָט זיך איבער־געבעטן. כ׳פאָר נישט״. און באַלד זיך געראַנגלט מיט אַ צווייטער מחשבה: „קיינער וועט נישט וויסן. נאָך איין מאָל ריזיקיר איך. בין יונג. דאַרף געניסן. ברוך איז תמיד מיט. קומט צו מיר זעלטן. זיין אייפערזיכט וועט זיך, סיי ווי קיין מאָל נישט אויסהיילן. אַז ער האָט מיך געזען בלויז שמייכלען צום רעפערענט, איז ער געבליבן זיצן צערייצט. זיין נעגאַטיווע באַציונג צו מיר וועט זיך נישט ענדערן. כ׳וועל ווידער בלייבן אַליין אין סאַלאָן. ער איגנאָרירט דאָך מיך. האָט ער דען חושים פאַר אַ ווייבס פאַר־לאַנגען?״. אַז זי איז אַוועק פון פענצטער, ווידער „באַשלאָסן״: „ניין, ניין, כ׳פאָר נישט. כ׳וויס דען ווער ער איז? אפשר איז ער אַנגערעדט פון ברוכן, מיך אויספּרווון?. און ווידער האָבן זי געמאַטערט געדאַנקען: „ער איז דאָך אָבער אַזאַ פיינער, אינטעליגענטער. נאָך איין מאָל ריזיקירן. ער וועט זיך פאַר קיינעם נישט באַרימען. ברוכן געזען ס׳ערשטע מאָל. זיי האָבן זיך נישט אָפּגערעדט״.

אין דער ליבע־לעכצנדיקער סאָניע האָבן זיך געראַנגלט פּחד־מחשבות און מאָנענדיקע לוסט־געפילן. די לעצטע האָבן גובר געווען: „כ׳וועל פאָרן״, צו זיך גערעדט: „כ׳מוז אַביסל לעשן מיין פאַרשעמט, ליבע־גאָרנדיק לייב״. געטראַכט: נאָך קיין מאָל נישט באַגעגנט אַזאַ פיינפילנדיקן מאַן. אַלע ביז

איצטיקע פריינט האָבן אין איר געזען בלויז אַ שיינעם, פּרויען־פלײשיקן אָביעקט. אויך איר מאַן, בעניעק, איז דער זעלבער. קליגער אָבער פילט איר נשמה, באַגערן, פאַרשטייט גוט ווייבלעכע פאַרלאַנגען. ער וועט זי צערטלען, אמתדיק ליבן. פון געזעענע סעקספילמען, ראָמאַנען, געלייענטע אין אילוסטרירטע זשורנאַלן, ווייסט זי, ווי אַזוי מענער דאַרפן פאַרערן, לויבן, שעצן, ליידנשאַפטלעך ליבן פרויען. ברוך, איר מאַן, דער תמידיקער טראַכ־טער, טרוימער האָט נאָך קיין מאָל איר נישט געזאָגט אַ שעצנדיק צאַרט וואָרט. אויך אַלע אירע ביז איצטיקע פריינט, פאַרערערס, האָבן בלויז פאַר־לאַנגט איר לייב. סאָניע טראַכט, חשבון נפשט. איר לייב האָט זי מענער געשענקט צוליב צוויי סיבות: נקמה נעמען אין ברוכן, וואָס רעדט צו איר גרינגשעצנדיק, כעסיק, איז איר תמיד חושד אין פאַרראַט. „סייווי רעדט ער, זאָל איך כאָטש געניסן", זיך שטענדיק פאַרענטפערט פאַרן גיין פאַר־ברענגען מיט מענער. אויך געמוזט לעשן איר פרויִש, תאווה־לעכצנדיק לייב, וואָס איז זעלטן ווען געוואָרן באַפרידיקט פון איר מאַן, מיט שטענדיק האַלב פאַרמאַכטע, חלומדיקע אייגעלעך, וועלכע קוקן אויף איר פאַרדראָסיק, צאַרנדיק, קנאָהדיק. זיך דערמאָנט איר וויטיק, בושות, זעענדיק אירע מכלומרשטע פאַרליבטע מענער מיידן זי אויס אין גאַס. ווילן זיך נישט עפנטלעך באַגעגענען מיט איר, גלייך זי וועט זיי קאָמפּראָמיטירן. קליגער דווקא וויל זיך מיט איר באַגעגענען נאָר עפנטלעך אין געזעלשאַפטן.

סאָניע האָט יאָרן געגאַרט הערן עטלעכע מוטנדיקע ווערטער. די חנופה־רייד פון אירע „שעצער" האָט זי נישט געגלייבט. איר ווייבערישער חוש האָט געגנוי אויפגעפאַסט זייערע בלויז פיזישע באַגערן. ס׳ערשטע מאָל הערט זי קליגערס שעצנדיקע רייד. ס׳ערשטע מאָל פילט זי, ער וויל זי אינגאַנצן, איר נשמה, געפילן, טרוימען, ליבע־גאַרנדיק לייב. זיינע האַרציקע רייד זענען ביי איר חנעוודיק, טעמיק. קוקט אויף איר אַזוי גאַרנדיק. רעדט צו איר אײדל, שעצבאַר, געפילפול.

נאָך די אַלע טראַכטעניש דעצידירט: נאָך איין מאָל. כ׳וועלן אויספּרוּוון. אפשר איז ער אויסנאַמלעך. מעגלעך ער איז מיין באַשערטער, מיין אמתער זיווג. אַזוי אַריינגערעדט אין טואַלעט־שפּיגעלע, בעתן אַרויסנעמען דראַטל־דיקע ראָלעכלעך פון אירע האָרלאָקן. זיי זאָרגפעלטיק געוויקלט, צוגע־גלעט. „יאָ", באַשלאָסן: וועט אים פּאָזיטיוו ענטפערן. ריזיקירן מיט אים פאָרן קיין טבריה.

דאָך בשעתן פאָרבן ס׳פּנים, וויִעס, צייכענען די ברעמען, זיך באַשפּריצן מיט אויסלענדישן פאַרפום האָבן נישט אויפגעהערט זי מאַטערן ספקות, פחד, גאַרנדיקע לוסטן. עטלעכע מאָל באַשלאָסן מיט אים פאָרן און חרטה געהאַט. ס׳האָבן זי געפּייניקט ראַנגלענדיקע אפשר־מעגלעכקייטן, בייגער, קאָנסעקווענצן, איר טאָכטערס, רותיס צוקונפט. איר מאַנס עווענטועלער

נקמה און מאַנענדיקע ליבע־געפילן צו דעם דזשענטעלמאַן ס. קליגער, וועלכן זי קען געווינען אַלס ריכטיקן מאַן אָדער פאַרלירן אַלץ.

4

טונקל־גרויע וואָלקנס, וואָס האָבן עטלעכע טעג פאַרדעקט הימל־בלוי־קייט, זוניקע שטראַלן און יעצטיק אָוונטדיק לבנה־העלקייט, האָבן זיך פאַ־מעלעך פונאַנדערגעשפּרייט, איינגעשמעלערט, איינגעשרימפּן. איילנדיק, ווי פון וועמען געיאָגטע, זענען זיי אַנטלאָפן אונטער די הויכסטעפיקע, נאַכטיק־שוואַרצע גולן־בערג. אין הימלהייכן האָבן אויפסניי שימערירט אַנטפלעקטע, בלישטשענדיקע שטערן־פינטעלעך, וואָס האָבן פינקלענדיק געזילבערט אין טונקעלע הויכן. די לבנה, אַ באַפרייטע פון וואָלקנס, איז פאַמעלעך, זיכער געשווימען, אַביסל באַליכטיקט דעם פינצטערן אַרום: „אוהלו״־צריפים און הייזלעך, איינגעקאַרטשעטע, צוזאַמענגערוקטעביימער מיט עלעקטריש־ליכט־באַברוינטע, פון ווינטלעך־שאַרכנדיקע, רעגנטריפנדיקע בלעטער.

צו דער אָוונט־לעקציע מיט דער באַטייליקונג פון דער חברטע מרים, פון דעם קאָמונע־ווירטשאַפט „כנרת״, זענען געקומען אַלע סעמינאַריסטקעס, סעמינאַריסטן, באַטייליקטע אין דעם־אַ שנעל קורס.

ווי יעדעס מאָל איז סאָניע רעטער אַריינגעקומען פאַרשפּעטיקט. איר עלעגאַנט דערשיינען אין לעקציע־צימער איז שוין געווען באַקאַנט. דאָס מאָל אָבער האָט זי איבערראַשט. טראָץ איר זיך אַביסל איינהילן אין אַ פּשוטן רעגנמאַנטל, מיט וועלכן זי פלעגט אַלע מאָל פאַרדעקן אירע עלע־גאַנטע, אויסגעפּאַסטע, מאָדערנסטע קליידער, בעתן גיין צו געהיימע ליבע־באַגעגענישן, בכדי נישט וועקן חשד, אַז זי „גייט שוין ווידער מאַכן אַ לעבן״, האָט מען יעצט גוט אַרויסגעזען דעם פאַדערשטן טייל פון שוואַרצגלאַנציקן קליידל, וואָס איז געווען אויסגעפּאַסט אויף איר פיינעם, ווייבלעך־פאַרמיקן קערפּער, ווי באַהאַפטן צו איר לייב. דאָס שמאָלע אָוונט־קלייד האָט אַרויס־געמערקט אירע פּרעכטיק־געפאַרעמטע קערפּער־טיילן: די האַרמאָניש־רונ־דיקע אַקסלען, בויך־קנייטשן, סימעטריש־קיילעכיקע היפּטן, און גלייכע, ווי קינסטלעריש־מייסטערהאַפט־אויסגעשניצטע פיסלעך, אָנגעטאָענע אין הויכ־קנאַפּלדיקע, גלאַנציקע לאַקיר־לעטשלעך. פילנדיק אַבסערווירנדיקע בליקן אויף איר עלעגאַנץ, אַביסל איבערטריבן קאָסמעטירט פּנים, לאַקנדיקע האָר, האָט סאָניע פון גרויסן הענגטאַש אַרויסגענומען אַ בלוילעך ניילאָן־טיכל, דער־מיט אַביסל פאַרדעקט דעם קאָפּ און מיט די עקן דעם טיפן דעקאָלט־אויס־שניט, וואָס האָט היפּש אַנטבלויזט איר ראָזן, תאווה־גאַרנדיקן ביוסט צו ווערן געצערטלט פון דעם ווייבער־חשקן סעמינאַר־רעפערענט, ד״ר קליגער. קנאָה־דיקע ווייבלעך האָבן צווישן זיך בליקנדיק געחוזקט פון איר אויסגעפּוצט־קייט. סאָניעס אויגן, אַרויסגעגלאַנצטע פון צופיל באַבלויטע וויִעס, האָבן

דיסקרעט געבליקט אין אַלע זייטן, געזוכט איר פּאַרטנער. נישט באַמערקנדיק אים, זיך אויפגעשטעלט, מכלומרשט געזוכט אַ צווייט אָרט. גייענדיק אין דורכגאַנג פון די שורות־בענקלעך, האָבן אירע היפטן זיך עלאַסטיש באַוועגט. האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרבייגייענדיקע מאָדעלקע. באַמערקנדיק קליגערן, זיך געזעצט ווייטלעך פון אים. קליגער דערזעענדיק איר באַפּאַרבט פּנים, עלעגאַנט אָוונט־קלייד, האָט פאַרשטאַנען איר הסכמה מיט אים פאָרן קיין טבריה. זיך געפילט ווויל פונעם דערוואַרטנדיקן גענוס: פריילעך, גוט פאַרברענגען מיט דער שיינער, רייפער, ליבע־גאַרנדיקער פרוי. איז געווען שטאָלץ פון זיין דערפאָלג.

איראָניש, שפּאָטיש האָט חברטע מרים אָבסערווירט די קאָקעטישע סעמינאַריסטקע סאָניע, וואָס האָט אויסגעזען איבערטריבן אויסגעפּוצט. ביטולדיק געקוקט אויף איר חוצפּהדיקער האַלטונג. מיטן ווייבלעכן אינסטינקט האָט די לאַנגיאָריקע חלוצה געאָנט, אַז די באַזאַלבטע, באַפּאַרבטע פרוי גרייט זיך נאָכן רעפּעראַט צו אַ לוסטיקן, פאַרווילנדיקן אָוונט. טיף אָפּגעזיפצט, אַריינגעקוקט אין באַשריבענע, שמאָלע בלעטלעך, וואָס האָבן געציטערט אין אירע געקנייטשטע דלאָניעס. אַרויסגענומען אַ קליין קעמל פון אירע גרויע האָר, זיי אָביסל פאַרגלעט, אָנגעטאָן ברילן, ווידער איבערגעבליקט די פאַרזאַמלטע. אָנגעהויבן לייענען זכרונות פון ערשטע חלוצים־גרינדער דעם קיבוץ „כנרת״. צום סוף דערציילט גבורהפולע עפּיזאָדן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. מרימס דיקלעך, ברוינלעך, צעפּאָלדעוועט פּנים האָט זיך צעפלעמלט. די גרויסע, ברוינע, לייכט־שמייכלענדיקע אויגן האָבן אויסגעדרוקט זיכערקייט, גלויבן. מיט אַ רויִק, שטיל קול געלייענט:

„ליבע חברים, געווען איז דאָס אין אַ הייסן, דעמפּיקן זומער־פאַרנאַכט. דער גאַנצער באַרגיקער כנרת־ברעג איז שטיל. מ׳הערט בלויז סוויטשענדיק־פּליעסקענדיקע פּאַליעס פון רויִק־פּליסנדיקן ימל. אָפּט מאָל פלאַטערנדיקער גערויש פון פייגל־פליגלען, שוועבנדיקע אין בלוי־טונקלדיקע הימל־הייכן, שאַרכנדיקע בלעטער, צעבלאָזענע פון עטוואָס וואַיענדיקע, קילנדיקע ווינטלעך. אין די חבריִמס הערצער האָט זיך פלוצים דערוועקט פּחד. ס׳האָט זיך דערוואַרט עפּעס שוידערלעכס. קיינער פון די שומרים אויפן כנרת־ברעג האָט נישט געוווּסט, געוואָגט עפּעס־וואָס אַרויסרעדן אַ וואָרט, אַרויסווייזן מורא: ס׳האָבן אָבער אויפן האַרצן געדרוקט נישט היימלעכע געפילן. מ׳איז געווען אַ קליינע גרופּע מיט עטלעכע פּרימיטיווע ביקסלעך. מירן שוין געהערט וועגן די פאַרביסענע קאַמפן צווישן הגנה־חיילים און אַראַבישע, גוט באַוואָפנטע, אויסגעשולטע סאָלדאַטן. דאָך זיך דערציילט וויצן. אָבער דערוואַרט אַ שנעל־דערנענטערנדיקן אָנגריף. מ׳האָט געוווּסט: אונדזערע שונאים, וואָס זענען נישט מסכים מיטן אַנטשטיין פון דער נאָר וואָס געבוירענער מדינת ישראל, וועלן קעמפן פאַרביטערט. און אַזוי זיך וויצלענדיק, רכילות־טרייבנדיק פון קליינע מענטשלעכע האַנדלונ־

גען, ווערן מיר אויפגעציטערט פון אַ פּלוצימדיקן טטרראַדך! פון אַלע זייטן דערהערן זיך שאָסן־סאַלוועס. ,ס׳האָט זיך אָנגעהויבן׳, זאָגט מיין שכן, שמואל ז״ל. ער באַשטעטיקט: ,זיי גרייפן אונדז אָן. מ׳דאַרף זיך אָרגאַניזירן. פאַר יעדן פּרייז מוז דער משק ווערן פאַרטיידיקט. די קינדער זענען פאַרזיכערט?״.

די פאַרמחשבותדיקע רעדנערין זעצט פאָר: „און די עטלעכע חלוצים־חברים האָבן באַשלאָסן מקבל־פּנים זיין דעם שונא מיט פייער. ,מיט וואָס?׳ פרעגט איינער דעם צווייטן. דאָך האָט קיינער נישט געספּקט, געגלייבט די אָנפירנדיקע חברים, גוטע, געטרייע פאַרטיידיקער, גרייטע מקריב זיין ס׳יונגע לעבן פאַר די מוטערס מיט קליינע זויג־שוועלבעלעך און גרעסערע קינדער. דאָך דאָס האָבן ווייניק געוווּסט האָט געוועקט באַהאַלטענעם, ציטערדיקן פּחד״.

מרימס פּנים האָט זיך געראויטלט. אירע אויגן האָבן פייערדיק געפלעמלט. אַלע צוהערער האָבן נישט אָפּגעווייכט שפּאַנענדיקע בליקן פון דער דערציילערינס לייכטנדיק פּנים, שיינענדיקע אויגן. מרים האָט דאַן אויסגעזען, ווי איר פאַנטאַזיע באַהעפט זיך אויפסניי מיט יענע קעמפער, מיט דער העראָישער תקופה. ממשיך געווען: „מיר האָבן געשטוינט זען, ווי פּשוטע יינגלעך און מיידלעך, קיין מאָל נישט מיליטעריש־אויסגעשולטע, ווערן, מניה וביה, פאַרוואַנדלט אין מוטיקע קעמפער־גיבורים״. „טייערע חברים״, האָט מרים געווישט טריפנדיקן שווייס פון איר שיינענדיק־צעפאַלדעוועט פּנים. „יאָ, יחידים זענען מיר געווען. געהאַט פּרימיטיוו געווער. דאָס אויך גאָר באַגרענעצט. דאָך געווען גרייט צו קעמפן קעגן די אַראַבישע סאָלדאַטן, אונטערהעצטע, אונטערשטיצטע פון אויסלענדישע יידן־שונאים״. זיך צעשאָקלענדיק, ווי אַ פרומע בעת אַ וויכטיקער תּפילה, האָט מרים דערציילט מסירות־הנפשדיקע פאַרטיידיקונגס־קאַמפן: „אויסער די קינדער, קוים־באַשיצטע אין די פּרימיטיווע בונקערס, זענען אַלע געווען מאָביליזירט, האָבן עקשנותדיק געקעמפט, מוטיק זיך פאַרטיידיקט, צום סוף באַזיגט דעם שונא. יאָ, יאָ, חברים. נאָר אונדזער פלאַמיקער גלויבן אין נצח־ישראל, גרייטקייט זיך מקריב זיין פאַר דער ניי אַנטשטאַנענער מדינה, פאַר אונדזערע קינדער, פאַר אונדזער פריי לעבן, פאַר אונדזער מיט שווייס באַאַרבעטן משק־באַדן האָט גובר געווען. אונדזער אמונה אין גערעכטן קאַמף האָט באַזיגט דעם צעווילדעוועטן, בלוט־דאַרשטיקן אַראַבישן המון — דעם גוט־אויסגעשולטן סורישן שונא״.

די לופט אין לעקציע־צימער איז געווען צעגליט. געשפּאַנט, האָבן אַלע אויסגעהערט מרימס אינטערעסאַנטע זכרונות־דערציילונגען: „געפאַלן זענען דעמאָלט די בעסטע, טרייעסטע חברים, חברטעס. די קרבנות זענען געווען דערשיטערנדיקע. אָבער נישט געשראָקן. קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן פון פאַרביטערט קעמפן. אין שווערסטע, טראַגישסטע טעג, האָט קיין איינער

נישט געוואָגט פאַרלאָזן זייַן פּאָזיציע אין דאָרף. אַלע האָבן געזאָגט, מ'מוז קעמפן. אַפילו פאַרן פּרייַז פון אַ סך קרבנות מוז פאַרטיידיקט ווערן דער משק, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף מדבר־ערד, זיך גוט אַנטוויקלט, אַ דאַנק מיפּולער ארבעט. געוווסט: נאָכן גרויסן, גרעסטן חורבן פונעם אייראָפּעאישן יידנטום, איז ישראל — זייער נייע און לעצטע היים. מ'איז געווען איבער־צייגט: מ'טאָר נישט מוותר זיין. מ'מוז זיך פאַרטיידיקן. נישטאָ קיין ברירה. אַפילו פאַרן פּרייַז ביזן לעצטן. קאַפּיטולירן, אויפגעבן דעם קאַמף הייסט טאָטאַלע, פיזישע פאַרניכטונג. האָבן געגלייבט די אַראַבישע מושלימס דראָענגען, אַז זייער אויפגאַבע איז פאַרניכטן קינדער, ווייבער און מענער. דאָ אין לאַנד דערגענצן היטלערס פאַרניכטונג־פּלאַן". האָט פאַרענדיקט: „כ'חזר איבער: נישט מיט אונדזער נישטיק ביסל געווער, מיט די ווייניקע קעמפער האָבן מיר זיי באַזיגט. מ'האָט די שונאים גובר געווען ווייל ס'איז נישט געווען קיין ברירה. קינדערלעך, דער גרעסטער, שטאַרקסטער כוח אין לעבן איז אמונה".

מרימס זכרונות האָבן צעברויזט די געמיטער פון די אַנוועזנדיקע. אַלע זענען געזעסן ווי צוגעשמידט צו ערטער. מ'האָט דערוואַרט הערן נאָך און נאָך העראָישע פאַקטן, שפּאַנענדיקע קאַמפּס־דערציילונגען. אויף עטלעכע קורסאַנטקעס האָבן מרימס זכרונות געווירקט אַזוי אויפרודערנדיק, אַז זיי האָבן געווישט פאַרטרערטע אויגן. געזיפצט טיף, מיטגעאָבלט מיט די משפחות פון געפאַלענע הגנה־זעלנער.

סאָניע רעטערס אויגן האָבן זיך טרעריק צעגלאַנצט. „מילא", צו נעבנ־זיצנדיקע געזאָגט: „איך האָב איבערגעלעבט אַ סך מלחמה־טעג. אַנטייל גענומען אין דער סיני־אַקציע. געקעמפט אין עזה־געגנט". דערציילט העל־דישע קאַמפּס־עפּיזאָדן, וווּנדער־נצחונות. געזען העלדישע פאַרטיידיקער.

סאָניע איז צוגעגאַנגען צו ד"ר ס. קליגער. אים קאַטעגאָריש דער־קלערט איר באַשלוס: וועט מיט אים נישט פאָרן קיין טבריה. זיינע קלי־געוודיקע רייד, חנופה־פרוון זי איבערצייגן, אַז דווקא אין זכות פון פאָלק־רצון ממשיך צו זיין, שטאַנדהאַפטיק קעמפן קעגן שונאים אין אַלע תקופות עקזיסטירט יידיש פאָלק. די היסטאָריע לערנט זיין דעצידירט. דער איי־ביקער לעבנסווילן פון יידן האָט געגעבן כוח, געשטאַרקט. „מ'דאַרף לעבן, לעבן!", האָט ער צעשפּרייט די הענט. געפרעגט „נו?". אַלע זיינע מליצות האָבן סאָניען נישט איבערצייגט צו ענדערן איר לעצטן באַשלוס. „מיין מאַן איז יעצט זיכער אין משלט. היט אונדזערע גרענעצן. אין דער זעלבער צייט זיך פאַרווילן מיט אייך, אַ פרעמדן? איך קען נישט. איר מוזט פאַרשטיין".

ד"ר ס. קליגער האָט זיך צעלאַכט: „שטויות".

סאָניע האָט אים אַנטשלאָסן דערקלערט, אַז אַלע זיינע בקשות, אויפ־קלערונגען זענען איבעריק. זיך געזעגנט.

מיט עטלעכע פרויען איז סאָניע אַוועק אין לייענזאַל. דאָרט דערציילט אירע איבערלעבונגען אין מיליטערישן דינסטצייט, איר אַקטיוון אָנטייל אין עטלעכע פאַרטיידיקונגס־אַקציעס.

5

צומאָרגנס מיטאָגצייט איז סאָניע אַריינגעקומען אין עסזאַל. איןביידע הענט געטראָגן צוויי גרויסע טשמאָדאַנען. פון איר פּנים זענען די זאַלבן, פאַרבן געוועזן אָפּגעוואַשן. אירע רויטלעכע אויגן האָבן צעריק געקוקט. זיך געזעגנט מיט באַקאַנטע.

„חברטע סאָניע, וואָס האָט פּאַסירט? איר פאַרלאָזט דעם סעמינאַר?" האָבן געפרעגט טשיקאַווע סעמינאַריסטקעס.

ווישנדיק אונטערגעהאַקטע, פאַרוויינטע אויגן, דערציילט דעם פּלוצים־דיקן טעלעפאָן פון צפתער שפּיטל, ווו איר מאַן ליגט. פאַרנדיק פון „אוהלו" אין דער מחנה, האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, געשווינדלט פאַר די אויגן. זיין מאַשין האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ לאַסט־אויטאָ. ער איז פאַרווונדעט.

„זי האָט דאָס אים צעמישט די געדאַנקען. דאָס איז איר שולד", האָבן פעסטגעשטעלט סאָניעס צימער־שכנטעס. וואָס האָבן כסדר נאָכגעפאָלגט איר ראָמאַנסירן מיטן רעפערענט, ד"ר ס. קליגער.

ג

נקמה

1

דעמערנדיקער פאַרנאַכט.

שטיל, ווי אַ שאָטן, געלאַסן, נישט דרייסט, אַ ביסל צעטומלט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ פרום־שעמעוודיק בחורל בעת אַ „זעעכץ״, איז דער דאַרער קורצזוויקסיקער יונגערמאַנטשיק, משה פרידמאַן, מנהל פון דער ישיבה „בני עקיבא״ אַריינגעקומען אין סאַניע רעטערס טונקל־ווערנדיקן סאַלאָן. זיך נישט אומגעקוקט. געזעצט אינמיטן דער באַרדע־באַבלומטער, טונקל־בלוי־שטאָפּיקער סאָפע. אין ריפּסענעם כאַלאַטלס בוזעם־קעשענע אַריינגעשטעקט ס׳רעכטע, בלאַסע, קורצפינגערדיקע דלאָניעלע, אַרויסגענו־מען אַ שוואַרצגעבונדן סידורל. עס געבלעטערט נערוועיש. געפינען ס׳זייטל מיטן „יושב בסתר״. צום געלן שיטער, קוים שפּראָצנדיקן בערדל צוגעבויגן ס׳געבעט־ספרל. דאָרט שטיל אַריינגעמורמלט. בעתן שעפּטשען זיך צע־וויגט רעכטס, לינקס. זיינע דיקלעכע ליפּן שנעל באַוועגט, גלייך ער שלינגט הנאָהדיק די אין גאָט־פאַרזיכערטע תחנונדיקע ווערטער. זיינע קליינע, קוים צעעפנטע, שמאָלע, גרינלעך־איילבירטיקע, „חכמה״־בליקנדיקע אייגע־לעך זענען געווען כוונהדיק פאַרגלייזט. מיט אַ ביסל צעעפנט מויל געברומט אויסגעצויגענע, טרויעריק־ מאָנאָטאָנע, חסידיש־ניגונדיקע מעלאָדיעס. פון צייט צו צייט וואָס אַמאָל אָפּטער איבער די תפילהדיקע בלעטלעך אַריבער־געקוקט. געכאַפּט הרפעינדיקע גלוסטבליקן אויף דער אַנטקעגנדיקער שבעה־זיצערין סאַניע רעטער. איר קאָפּ, פאַרבונדן מיט אַ טונקלבלוי, זיידנגלאַנ־ציק טיכל, איז געווען געבויגן צום וויסלעך, געל־באַבלומטן, באַרדען טע־פּיך. געקוקט מאָדנע אויף איין פונקט, גלייך זי וואָלט באַמערקט אַ וויכ־טיקע זאַך.

שוין פינף טעג, אין פרימאָרגן און אָוונט־שעהן, איז זי אַזוי געזעסן אויף מיט שאַרע לייוונט איבערגעדעקטע ברעטלעך, אַראָפּגענומענע פון גאָט־זעליקן מאַנס ביבליאָטעק, און זיי אַרויפגעלייגט אויף צוויי בלאָקן פון אַ בשכנות־חרובער געביידע. דאָס בלויע טיכל, וואָס האָט פאַרדעקט בלויז איר האַלבן קאָפּ, איז געווען זאָרגפעלטיק ברייט פאַרשלייפט אויף אירע שאַ־

טינגעפאַרבטע, רונדיק־געלאַקטע האָר איבערן שמאָלן, גלאַנציקן שטערנדל. איז געווען אַנגעטאָן אין אַ שוואַרצזיידן ,אויסגעפּאַסט בלוזקעלע, אַרויס־געבולט אירע רייצוועקנדיקע היפטן, ביוסט. דער טיפער דעקאָלט־אויס־שניט איז אַביסל פאַרשפּילעט מיט אַ קיילעכדיקער, גאָלדענער בראָשקע מיט שימערירנדיקע ברילאַנטלעך. מעגלעך, צוליבן טרויערן אַנגעטאָן אַ שוואַרצן, שמאָלן ראָק. אויף אירע האַרמאָניש־פּאַרמיקע לאַנגע, סימעטריש־גלייכע פיס זענען אַנגעצויגן טונקעלע, דורכזיכטיקע ניילאָנזאָקן.

זינט סאָניע איז צוריקגעקומען פון בית־עלמין, נאָך דער לוויה פון יונג־פאַרשטאָרבענעם מאַן, ד״ר ברוך רעטער, איז זי אַזוי אינדערפרי און פאַרנאַכט, עטלעכע שעה אין טאָג, געזעסן מיטן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ צום טעפּיך. מיט קיינעם נישט גערעדט. געחקרנט, געטראַכט, פלאַנירט, קאָמבינירט, געחשבון־נפשט. אַפילו אין די ערשטע צוויי שבעהטעג, בעת ס׳האָבן נאָך באַזוכט שכנים, רעטערס פריינט, דאָקטוירים, קראַנקען־שוועס־טער, מיט וועלכע ר׳האָט געאַרבעט אין רמת־גנער קופת חולים־אַמבולאַטאָ־ריע, איז זי אַזוי געזעסן איינגעבויגן ,שווייגנדיק, פאַרדמיונט. זייער זעלטן, און דאָס בלויז צו גוט באַקאַנטע, פריינטלעכע, רגעדיק געהויבן איר בלאַס, ווי דערשראָקן, פון קאָסמעטיק־אָפּגעוואַשן פנים, וואָס האָט אַנטפּלעקט לייכטע פאַלדן נעבן מויל און אויגנווינקלען. חשדפול, פחדיק, לייכט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. קוים הערבאַר אָפּגעענטפערט די טרייסטנדיקע באַזוכער. בלויז צו אייניקע, גאָר נאָענטע, אויסגעצויגן ס׳שמאָלע, רעכטע הענטל מיט אויסגעשפּיצלטע, באַרדאָ־לאַקירנדיקע נעגל. טיף אָפּגעזיפצט, לייכט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי מסכימדיק מיט מנחם־אָבלדיקע ווערטער: „וואָס קען מען מאַכן?. אַזוי איז דער סוף פון אַלע״.

אַז דעם פאַרנאַכט ס׳זענען אַריינגעקומען, ס׳צענטע מאָל, די פון משה פרידמאַנס געדינגענע מנין אבל־דאַווענער, האָט סאָניע, מער ווי יעדעס מאָל, געקוקט אויף זיי רעטענישפול, פאַרשנדיק, פאַרדאַכטיק. עטלעכע מאָל געבליקט אויפן צעשאָקלטן, טרויעריק־מורמלענדיקן, יונגן, נאָכמנחהדיקן קדיש־זאָגער משהן, וואָס האָט זיין דין, סקעלעטיש גופל עלאַסטיש געבויגן פאַר די קליינע, פלעמלדיקע יזכור־ליכטלעך, באַדאַכט אויסגעהערט זיין פיינ־קלינגענדיק אַלט־קולעכל, אַלע מאָל אויסגעגאַרגלטע שטיקלעך פסוקים פאַרן אָנהייב און ענדיקן קלאָג און טרייסט־תפילות. די צאַנקענדיקע, רויטלעך־בלויע ליכט־פייערלעך, דאָס ניגונדיקע, שעפּטשענדיקע גאָט־בעטעריי פון די לייכט־באַוועגנדיקע יונגעלייטלעך און קוים זיך שאָקלענדיקע זקנים האָבן סאָניעס געמיט מער צעשטרייט. באַמערקנדיק אויף די געלבלעכע, ראָזע און זילבער־באַבלומטע, טאַפּעטירטע ווענט, זיך וויגנדיקע סילועטן פון די שטיל־שעפּטשענדיקע שמונה־עשרה־דאַווענער, איז זי געוואָרן אַנגסטיק צע־ציטערט, איר האָט זיך געדאַכט: די זיך בייגנדיקע, טונקעלע מענטשלעכע שאָטנגעשטאַלטן ראַנגלען זיך מיט באַוועגלעכע, מאָדנע, חיהשע שאָטנ־

בילדער, אויסגעפּאַרעמטע פון ווינטן־צעוויכערטע בוימצווייגן, אַנטקעגן וועראַנדע־פענצטער. אייליק איז זי צו צום עלעקטרישן קאָנטאַקט, נעבן טיש־עמודל, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס יונגע בעל תפילהלע, אָנגעצינדן דעם זיבן לעמפּלעכדיקן זשיראַנדעל. בעתן אויסשטרעקן די לינקע האַנט, אומוויליק מיט אירע ברוסטלעך אָנגערירט משהס פּלייצע. דערפילנדיק פרוייִש־וואַרעמע באַרירונג, האָט ער רגעדיק אויפגעצאַפּלט. סאָניע האָט גוט געאַנט די פּלוצימדיקע ווירקונג אויפן יונגערמאַן צוליב איר לייכט ברוסטיק גלעטן זיין פּלייצע. אויך געפילט אַ שנעל־פאַרבייגייענדיקע צו־פרידנקייט. דאָך טיף אָפּגעזיפצט. זיך צוריק געזעצט אויפן אָבל־ברעט. נאָך מנחה־קדיש האָט זיך משה פרידמאַן צעשאָקלט. ברומענדיק געזאָגט: „אַ שאָטן נעבעך, אַ בלויזער חלום איז דאָס עולם־הזה־לעבן". געזיפצט, געבליקט אויף דער צום טעפּיך־געבויגענער אלמנה. זעענדיק איר גלאַנציק טיכל מיטן ברייטן שלייף אויף אירע רינגלדיק־געלאָקטע האָר, רונדיקע אַקסלען, שטאַרקע היפטן, גלייכע זגראַבנע פיסלעך, האָט זי דאָן ביי אים אויסגעזען, ווי אַ גימנאַזיע־מיידל. ער איז געוואָרן אַביסל פאַרלוירן, מטושטש. מיט דער לינקער דלאָניע צעבערשטלט ס׳שיטערע, געלע בערדל. נחתדיק געווישט די דיקלעכע, רויטע, באַלעקטע, נאַסע ליפּן. ממשיך געווען:

„אשרי האיש, וויל איז דעם, וואָס פטרט נישט זיין ביסל קורץ לעבן אויף דברי הבל. נישט אַלע", פּאַרדראָסיק, בייזלעך געקוקט אויף סאָניען, וועלכע האָט צו זיך געמורמלט, און אים האָט זיך געדאַכט, זי הערט נישט זיינע מוסררייד. ער האָט געהעכערט זיין קול: „בעוונותינו הרבים פירן זיך נישט אַלע דאָ, ווי אמתע יידן. מ׳איז מחלל שבת. מ׳וויל לעבן לוקסוס־דיק און די מדינה איז אָרעם. האַלט אין איין באַרגן געלטער. אַ סך ווייבער זענען נישט מדקדק אין טהרת־המשפחה".

„און מ׳איז אָך עובר אָפן לא תנאָף, רחמנא לצלן!" האָט הייזעריק אויסגעכאָרכלט אַ ברייטער, דיק פליישיקער ייד מיט אַ געדיכטער גרויער באָרד, צעוואַקסן איבערן גאַנצן פנים, בלויז איבערלאָזנדיק אַ רויט־פלייישיקע נאָז, שטיקלעך רויטלעכע, צעקנייטשטע באַקן, צווי כעסיקע אויגן, וואָס האָבן אויפן ישיבה־מנהל געקוקט, ווי פרעגנדיק: „בין עך אוודאי נישט גערעכט?".

„יאָ, יאָ". האָט משה געענטפערט דעם יידנס פראַגע־בליקן. זיין אַרויס־געשטעקט, באַוועגלעך ביינדל אין מיטן דינעם העלדזל, האָט אויסגעזען, ס׳זאָל אויף גאַרגלדיקע „קלאַווישן" אויסקלאַפּן זיינע ניגונדיק־אויסצייִענ־דיקע שטראָפּרייד: „וואָס האָב איך געמיינט? יאָ, טהרת־משפחה הייסט נישט האָבן קיין שום מגע מיט אַן אשת איש אָדער חתונה געהאַט מאַן. דאָס איז אַ האַרבע עברה, וואָס איז מקצר ס׳לעבן. צדקה בסתר איז אָבער תציל ממות. ד"ר ברוך רעטער ז"ל, אוי, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן,

איז געווען אַ טייערער ייד. אַ גרויסער בעל־צדקה און זאָל טאַקע געזאָגט ווערן אַ מתן בסתר. געלעבט באַשיידן, ערלעך. אין דעם זכות זאָל ער דאָרט זוכה זיין צו עילוי נשמה. אמן". זיך אומגעקוקט. אויפגעשטעלט. צעשאָקלט זיין ביינערדיק קערפּערל. היין און צוריק געבויגן ס'קליינע קעפּל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־רבנישן קאַפּעליושל. רגעדיק געכאַפּט אַ חשיקן בליק אויף דער אלמנה, וואָס האָט געקוקט צו אים מיט גלאַציק־דערשראָ־קענע אויגן. ער האָט מיט אַקלינגענדיק קול אויסגערופן: „והוא ירחם יכפּר כל עוון ולא ישחית". נאָכן מעריב־קדיש זענען די דאַווענער מיטן ישיבה־מנהל פאַרבייגעגאַנגען דער זיצנדיקער אלמנה, וואָס האָט העשנדיק אַריינגעוויינט אין אַ ראָז טיכל. האָבן אין איר אַריינגעמורמלט עטלעכע טרייסט־פּסוקים און, ווי שאָטנס, פאַרשווינדן.

2

סאָניע האָט נישט געוווּסט ווער ס'האָט די־אָ פרעמדע, מיסטעריעזע פרימאָרגן און פאַרנאַכט־דאַווענער צו איר געשיקט. אָבער זיי דאָס נישט געפרעגט. אַדרבא. איז נאָך געווען זיי דאַנקבאַר פאַרן געבן כבוד איר, דעם געשטאָרבענעם. אויך עטוואָס צופרידן געווען פאַר זייער אַריינברענ־גען, צוויי מאָל אין טאָג, אַביסל לעבעדיקייט אין איר לעצטער איינזאַמקייט.

ווי נאָר דער מנין האָט פאַרלאָזט די וווינונג, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון די האַרטע ברעטער. אויסגעגלייכט דעם רוקן. אַראָפּגענומען ס'טיכל פון קאָפּ. אים צעשאָקלט, ווי אַ הינדל די פעדערן. צוגעגלעט צעפלאָשעטע האָר. פאַרגלייכט קנייטשן אויפן ראָק. איז אַריין אין קיך גרייטן אָוונט־ברויט. זיך פאַרטראַכט. אָנגעטאָן אַ טונקעלן שלאַפראָק. איז צוריק אַריין אין קאָרידאָר צום שפּיגל, פאַרהאָנגען מיטן מאַנס ווייסן כאַלאַט, אין וועלכן ער האָט אויפגענומען פּאַציענטן. ס'ערשטע מאָל אין די שבעה־טעג עטוואָס אויפגעדעקט דעם שפּיגל. חידושדיק אָנגעקוקט איר פּנים. זיך נישט דער־קענט. אויסגעזען, ווי זי וואָלט אין די לעצטע שבעה־טעג גאָר געוואָרן עלטער. סאָניע האָט גוט געקאָנט אירע פּנים־שטריכן. אַלע דעטאַלן. יעדן טאָג פלעגט זי פּטרן שעהען פאַר אָט דעם גרויסן טואַלעט־שפּיגל. דאָס זענען געווען אירע אַנגענעמסטע מינוטן. פאַר דעם שפּיגל זיך קאָסמעטירט, געפאַרבט די וויִעס, פּינקטלעך געצייכנט די ברעמען, געמעקט און גע־צייכנט, געראָזט די באַקן, געשמינקט די ליפּן. ס'לייב געשמירט מיט איילן, זאַלבן. עס מאַסאַזשירט. זיך צעקעמט, פאַרקעמט. אָנגעטאָן, אויסגעטאָן: צענדליקער מאָל געמאָסטן אונטערוועש, בלוזקעס, ראָקן, שיכוואַרג, זאָקן, לאַטשן ביז האָט צוגעפּאַסט איר גאַרדעראָב צו דער סעזאָן־מאָדע און צו דער איינגעלאַדענער געזעלשאַפט, אָפטע ראָמאַנטישע באַגעגענישן, צו וועלכער זי פלעגט טעג און האַלבע נעכט גאָרן, אומגעדולדיק זיי אָפּוואַרטן.

געהאָפט דאָרט צייטווייליק זעטיקן אירע קיין מאָל נישט באַפרידיקטע לוסטן צו ווערן געליבט, געצערטלט, ליבנדיק באַפרידיקט. הגם זי האָט קנאַפּ געגלייבט מענערישע חניפה־רייד, איז איר דאָך געווען אַנגענעם צו ווערן רגעדיק אילוזיאָריש געשעצט. און דאָס האָט געלאָשן אירע תאוות. אין דעם־אָ שפּיגל פלעגט זי זיך אָפּט זען אַ לעבנסלוסטיקע, פריילעכע, שיינע, רייצוועקנדיקע פרוי, וואָס האָט דערפאָלג ביי מענער, ביי וועלכע איר דער־נענטערונג, וועקן לוסטיק־ראָמאַנטישע געפילן, זענען גורם ליבע־קאָנ־טאַקטן ביי פריינט, צעפייערט קנאה ביי זייערע איפערזיכטיקע ווייבלעך.

דאָס מאָל, אַריינקוקנדיק אין שפּיגל, דערזען אַ „פרעמדע״ פרוי מיט אַ בלאַס געזיכט, וואָס זעט אויס ווי אַ פאַרוויאַנעטע בלום. אַרום די וויִעס, ליפּן, אויפן שטערן באַמערקט קנייטשלעך. ספּעציעל האָבן זי דערשראָקן פאַלדן־שניטן ביי די רויטלעכע אויגן, אונטער וועלכע ס׳האָבן זיך אויפגעבלעזלט בלוילעך־טונקעלע זעקעלעך ווי קרענקלעכע סימפּטאָמען. דאָס אַלץ פון ווייבען אין די שלאָפלאָזע נעכט. מאָדנע געקוקט אויף אירע פאַרלאָשענע, טרויערפולע אויגן. די־אָ זעלבע אַמאָל גלאַנציקע, פלעמלדיקע אויגן, וואָס האָבן מיט לייכטע שמייכלען, פּיפּיק ווינקן געפאַנגען אין איר לוסטנעץ גוט־איינגעפונדעוועטע מענער, ביי זיי געוועקט לוסט־האָפענונגען צו גע־ניסן פון איר שיינעם, ווייבלעך־רייצפולן קערפּער, האָבן יעצט אויסגעזען פאַרלאָשן, מאַט, דערשלאָגן, אַנטוישט. טרויעריק. גאָר שרעקיק געקוקט אויף אירע ליפּן. תמיד זענען זיי געווען געשמינקט ענלעך צו די קאָלירן פון אירע מאַניקירטע פיס און הענט־נעגל; אויך צוגעפּאַסט צו די אויערינגע־לעך־שטיינדלעך, צו פירפאַכיקע בייטשן קרעלן, וואָס האָבן באַצירט איר שטענדיק פרישראָזן, טייל מאָל פון זון פאַרברוינטן ביוסט־דעקאָלט, די באַרויטלטע ליפּן האָבן תמיד גאַרנדיק־לאָקנדיק געגלאַנצט, ווי רייפע רויזן. יעצט זענען זיי געווען פאַרטריקנט, געפאַלדעוועט, בלייך, ווי צוויי האַלב אויסגעטריקנטע, פאַרוויאַנעטע בלעטלעך פון ביימער, אַוועקגעבלאָ־זענע אין ווינטיקע האַרבסטיקע טעג. אויסגעזען קרימלעך, גרימאַסיק פאַרצויגן, ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן פאַרהוילענע, ווייטיקלעכע פאַרדראָסן. אירע גלאַנציקע, שאַטיגעפאַרבטע, גלעקלדיק־געלאָקטע האָר האָבן דיסהאַר־מאָניזירט צום יעצטיק געריצלט, צעריק געעלטערט פּנים, וואָס איז אַלע מאָל געווען פאַרשמירט מיט שיכטן זאַלבן, פאַרבן און יעצט זיך אַנטפּלעקט נאַטירלעך.

סאָניע האָט קיין מאָל נישט געלעבט לויט איר עלטער, געזעלשאַפט־לעכע און משפחה־צושטאַנד. זיך אויפגעפירט ווי אַ יונג לוסט־מיידל. דערבליקנדיק איר ריכטיק פּנים אין דעם שטיקל אויפגעדעקטן, אבל־פאַרהאָנגענעם שפּיגל, איז זי געבליבן שטיין געפּלעפט, אַנטוישט, אויסזיכט־לאָז. דער ראָמאַנטישער נעפּל, וואָס האָט זי יאָרנלאַנג ארומגעהילט, גענאַרט, פאַרחושט, אַפילו אין שבעה־טעג פון איר נישט פאַרשווונדן, האָט יעצט

אַנגעהויבן צעשווימען, צערינען. זי האָט עטוואָס אַנגעהויבן פאַרשטיין איר לאַגע. אייניקע מאָל פאַרדעקט און אויפגעדעקט דעם שפּיגל. צוגעבויגן דעם קאָפּ, קאָנטראָלירט ס'פּנים. איז צעשטרייט אַנטלאָפן. נערוועז זיך געדרייט אין די לוקסוס־איינגעאָרדנטע צימערן. געטראַכט, רעאַל באַטראַכט איר לאַגע. פאַרבייגייענדיק פאַר די נאָך צאַנקענדיקע יזכור־ליכטלעך, זיך צעוויינט. ס'איז זי באַפאַלן אַ פּחד. דעם זקנס ווערטער „מ'איז אַך עובר אופן לא תנאף" און דעם יונגערמאַנס באַשטעטיקן, „יעדער מגע פון אַ אשת איש מיט אַ פרעמדן מאַן איז מקצר ס'לעבן", האָט זי אַנגעהויבן פאַרשטיין וועמען זיי האָבן געמיינט. „יעצט בין איך פאַרלוירן", איז געווען דער ערשטער לאָגישער געדאַנק אין איר לאַנגיעריק פאַנטאַסטיש־צעהיצטן מוח. חושד געווען, דער בעל־תפילה, דער אַלטער, מעגלעך אַלע דאַוונער, ווייסן איר פאַרראַטלעבן, באַשולדיקן, אַז דאָס איז געווען דער גורם פון מאַנס פריי־צייטיקן טויט.

„ווער האָט זיי געשיקט דאַוונען?" — דאָס איז איר געווען פאַר־דעכטיק רעטעניש־פול. זיך דרייענדיק אַליין אין די שטילע, ליידיקע צימערן, איז איר פאַנטאַזיע געוואָרן צעשפּילט: „ווייסן זיי מיינע געהיימע ליבעס? ברוכס בושות? וויטיקן? סקאַנדאַלן? אַמאָל חושד געווען. אַמאָל אָפּגעלייקנט. געצווייפלט צו די יידן זענען אינפאָרמירט, אַז נאָך דער וועג־קאַטאַסטראָפע, פאָרנדיק פון „אוהלו" צו דער צה"ל־מחנה, איז ער געוואָרן אינגאַנצן געזונט. אָבער רותיס אַנטלויפן מיט אַ גוישן סטודענט קיין קאַנאַדע איז פאַר אים געווען גאָר וויטיקלעך. האָט אויפגעהערט עסן. איז ווייניק געשלאָפן. זיך איזאָלירט. צום סוף באַקומען אַ האַרצאַטאַק און געשטאָרבן. „דאָס איז זיי זיכער נישט באַקאַנט" — האָט זי באַרויִקנדיק רגעדיק פעסטגעשטעלט. אַז ס'האָבן זיך אין איר אויפסניי דערוועקט חשד־טראַכטענישן, זיי ווייסן אירע סודות, אויפסניי זיך געגריבלט, ווער ס'האָט זיי דערציילט אירע ראָמאַנטישע באַגעגענישן און טראַגיש משפחה־לעבן. זיך דערמאָנט: אַהיימגייענדיק פון בית־עלמין, האָט זי באַגעגנט צוויי פרויען, מיט וועלכע זי איז געווען אין „אוהלו". האָבן זי שנעל געטרייסט מיט עטלעכע סטאַנדאַרט־ווערטער. אגב־אורחהדיק דערציילט, זיי ווינען דערנעבן און באַלד אַוועק. נאָכטראַכטנדיק זיך דערמאָנט: אין „אוהלו" האָבן די ביידע רכילותניצעס נאָכשפּיאָנירט איר פלירטעווען מיטן רעפערענט קליגער אין לעקציע־צימער און עסזאַל. אויף איר שפּאָטיש געקוקט. געסודלט, חוזקדיק אָנגעוויזן אויף איר. „מעגלעך", צו זיך גערעדט, „די־אַ פּליאָט־קערינס האָבן פאַר שכנים צעפּלוידערט מיינע אָפטע באַגעגענישן, שפּאַצירן, עסן ביי איין טיש מיטן רעדנער". האָט אָנגעהויבן „פאַרשטיין", פאַרוואָס אין ערשטע שבעה־טעג האָט די טיר נישט גערוט. באַקאַנטע, פריינט, שכנים זענען געקומען מנחם־אבל זיין. אויך דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט קלינגען. מ'האָט זי געטרייסט, באַרויִקט, אויסגערעדט. צוליב

די־אַ פּליאַטקעמאַכערינס עפנט זיך לעצטנס נישט די טיר. אויך דער טעלעפאָן איז פאַרשטומט. זעלטן־ווען קלינגט עפּעס אַ פּאַציענט, וואָס ווייסט נישט וועגן דעם דאָקטאָרס פּלוצימדיקן טויט.

3

סאָניעס פאַנטאַזיעס האָבן זי נישט כסדר געמאַטערט. אויך באַרויִקט. איר איינגערעדט: „קיינער ווייסט נישט. שכנים, דער בעל תפילה, דאָס מגין יידן האָבן זיך נישט געקענט דערוויסן איר געהיים לעבן, אָפּטע קאָנפליקטן מיט ברוכן. אויסער איר און ברוכן ווייסט נישט קיינער וועגן רותיס עמיגרירן, ווייל זי האָט נישט געקענט לעבן אין אַ גיהנומדיקער שטוב. דער אַלטער מיטן בעל תפילה האָבן סתם גערעדט פון געוווינהייט, ווי ביי אַנדערע שבעה־זיצערס. מיינען גאָרנישט זי. אַזוי טראַכטנדיק באַרויִקנדיק, פעסטגעשטעלט: קיינער ווייסט נישט וועגן אירע באַגעגענישן מיט מענער, מיט זיי פאַרברענגען אויף פאַרוויילערישע מסיבות. קיין מאָל האָט דאָך ברוכס אַ באַקאַנטער זי נישט באַגעגנט אין נאַכט־לאָקאַלן. זיך דערמאָנט: די פריילעכע פּרייטיק צונאַכטן ביי די שפּיגלמאַנס אויף אַר־לאָזאָראָוו־גאַס, ווו מ׳האָט געטאַנצט, זיך לוסטיק אַמוזירט, ווייסט נישט קיינער. אויף אַט די אָוונטן האָט זי מיטגענומען סעוועק פיינשטיין. זי פאַרגעשטעלט אַלס זיין ווייב. קיינער פון די באַטייליקטע, אויך נישט סעוועק, וועט דאָס וואָגן דערציילן. לויט זייער זיך פאַרשטעלן זענען זיי פון חיפהער כרמל, הרצליה, חדרה און פון גאָרדאָן־גאַס. אַלע אומבאַקאַנטע. זינט דער לעצטער הוליאַנקע, האָט זי נאָך קיינעם פון זיי נישט באַגעגנט. סעוועק איז נישט קיין אידיאָט זיך דערמיט באַרימען און צעשטערן זיין משפחה. ווייל זיך טאָקע גטן. אָבער נישט ווערן באַשמוצט. צו זיך גערעדט: „אויך ברוך האָט פון דעם קיין מאָל נישט גערעדט. אָהאָ, ווען ער ווייסט עס. ס׳וואָלט שוין געווען לעבעדיק, מיך פון שטוב אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ הונט. ברוך האָט אויך נישט געוווּסט פון מיין אנטייל נעמען אויף פאַרוויילנדיקע אָוונטן בעת ער איז געגיפסעוועט געלעגן אין שפּיטאָל, נאָך דער וועג־קאַטאַסטראָפע, פאַרנדיק פון „אוהלו״.

אַזוי מורמלענדיק צו זיך — באַרויִקנדיק, באַשטעטיקט: אויך קיינער פון די מענער, מיט וועלכע זי האָט ראָמאַנסירט, זיך געוויילט, וועלן נישט וואָגן פּלוידערן. אַלע געהערן צו דער תל־אביבער, בעסטער געזעלשאַפט: רייכע סוחרים, אינדוסטריעלייט, קבלנים, באַנקירער.

קיינער פון זיי וועט נישט נאַריש אויספּלוידערן זייער געהיים־לעבן. דער אַ בעל־תפילה מיט די עטלעכע פרומאקעס וויסן נישט פון זייערע הענט און פיס. דאָס זענען פּראָפעסיאָנעלע דאַווענער ביי שבעה־מענטשן. אומעטום פּרעדיקן זיי די זעלבע דרשות. ווילן דאָך געלט, זאָגן זיי שבחים

נאָך די געשטאַרבענע, פאַרבראַקט מיט שטראָפרייד. „איך וועל זיי נישט געבן קיין איין פונט". די־אָ טרייסטנדיקע מחשבות האָבן טייל מאָל באַרויִקט, געווירקט, ווי היילנדיקער באַלזאַם, אויף איר צעווייטיקט, דער־שראָקן האַרץ.

4

סאָניע האָט אויף איין רגע נישט פאַרגעסן רותיס אַנטלויפן. מעגלעך, ווען די טאָכטער בלייבט אין שטוב, וואָלט זי נישט אַזויפיל אַריינגעטראַכט, געווען צעשטרייט. דאָס צוזאַמענזיין, האָבן מיט וועמען צו רעדן — נישט וויכטיק פון וואָס, וועגן וואָס — וואָלט זי באַרויִקט. קודם וואָלט רותיס אנוועזנהייט באַשעפטיקט איר מוח. זי וואָלט וויניקער געפאַרשט, זיך געגריבלט. דאָס אַליין זיין, די לעצטע פולשטענדיקע איינזאַמקייטן, לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט האָבן זי אָנגערעגט אויספאַנטאַזירן שרעק־מחשבות, דמיונות, פאַרדאַכטן, וואָס האָבן געוויעט אין איר קאָפ, פאַרטריבן טייל מאָל טרייסטנדיקע אָפּלייקענענדיקע געדאַנקען, טראַכטעניש, אַז קיינער ווייסט נישט אירע ראָמאַנטישע סודות: פאַרראַט־לעבן מיט עטלעכע מענער אין פאַרלויף פון איר צוזאַמענלעבן מיט דעם אין תל־אביב באַוווּסטן, אינער־לעכן מעדיצין־דאָקטאָר, ברוך רעטער.

ספּעציעל האָט סאָניע געליטן פון דער כסדרדיקער שטילקייט. יאָרנ־לאַנג איז זי צוגעוווינט צו אַ פילדערנדיק, דינאַמיש אַרט לעבן. אירע אימפּולסיווע לוסטן האָבן פאַרשפּילט, פאַרטומלט די רעאַלע חושים. תמיד געגאַרט צו אַ ראָמאַנטיש־רעשיק לעבן. צוליב דעם די אָפטע שטוב־סקאַנדאַלן, דיסקוסיעס, פאַרוואָס זי פאַרשווענדעט געלטער אויף קליידונג, קאָסמעטיק, איינאָרדענען פאַרווילנדיקע באַגעגענישן און פאַרנאַכלעסיקט די הויז־ווירטשאַפט. דאָס איז פאַר איר געוואָרן אַ צוגעוווינטע קאַצן־מויז־שפּיל. האָט גוט געקענט איר מאַן. געוווּסט אַלע זיינע שוואַכקייטן. וויניק גענומען אין באַטראַכט זיינע אויפברויזן. זיך כמעט נישט באַצויגן ערנסט צו זיינע אָפטע גט־דראָאונגען. איז געווען זיכער, דאָס זענען סתם, אַלע מאָל איבערחזרנדיקע אָפּשרעקונגען. לויט סאָניען זענען ברוכס נערוון צע־שטרייט — אַ פּועל יוצא פון זיינע אייפערזיכטיקע נייגונגען. איז איבערצייגט: ברוך איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער מאַן. גע„געסן" ווייבלעך מיט זיינע חשק־דאַרשטיקע אייגעלעך. ער וואָלט זי קיין מאָל נישט פאַרלאָזט. נאָך יעדן סקאַנדאַל שוין געוווּסט, וויאַזוי אים באַרויִקן, געווינען פאַר זיך. אָפט מאָל אים גענאַרט מיט הבטחות. אָפּגעלייקנט זיינע פאַרדאַכטן. פאַרזיכערט איר טריישאָפט, נאָך קיין מאָל אים נישט פאַרראַטן. פלעגט צו אים שמייכלען. טייל מאָל אַרומנעמען. קושן. צוטוליען צו איר לוסט־הייסן, תמיד תאווה־לעכצנדיקן קערפּער. דאָס האָט טייל מאָל אים באַרויִקט. צעטומלט זיינע פאַרראַט־פאַרדאַכטונגען.

דאָס פּלוצימדיקע בלייבן אַליין. זיך אַרומדרייען פון איין צימער אין

אַנדערן, נישט האָבן מיט וועמען צו רעדן; די מוראַדיקע שטילקייט, האָבן גורם געווען אירע פּיינעדיקע מחשבות.

די לעצטע טעג האָט זי גאָר מורא געהאַט, מ׳וועט זי באַפאַלן, פאַר־גוואַלדיקן, ביי איר אַלץ צורויבן. הערנדיק ביינאַכט אַרויפשטייגנדיקע טריט אויף די שטיגן, איז איר האַרץ געוואָרן אנגסטיק צעצאַפּלט. דערנאָך געהערט אַ צוגעקלאַפּטע טיר, זענען אירע צעשרויפטע נערוון געוואָרן עטוואָס באַרויִקט.

זיך אַזוי אַרומדרייענדיק פאַרטראַכטערהייט, דערפילט ווייטאָגדיקע קלעמעניש אין ברוסטקאַסטן. זיך אָנגעלענט אויף דער סאָפע. ס׳פּנים פאַרדעקט מיט אַן אילוסטרירטן מאָדע־זשורנאַל. אין אים אַריינגעווײנט: „נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו לעבן מיט בעניעקן״.

חרטה געהאַט, פאַרוואָס רותין אַלץ דערציילט: פאַר איר באַרעכטיקט דאָס לעצטע, מאָדערנע פרייערע סעקסועלע לעבן אין לאַנד. געמיינט, איז שולדיק אין רותיס אַנטלויפן. די זינלאָזע אויפקלערונגען האָבן די טאָכטער אָנגערעגט טראַכטן וועגן צעשטערטן משפּחה־לעבן אין שטוב, אפשר גאָר אויך געצווייפלט אין איר געזעצלעכער פאַמיליע־אָנגעהעריקייט און איז אַנטלאָפן מיט אַ גוי קיין קאַנאַדע.

„ניין״, באַשטעטיקט: „נישט געוווּסט וויאַזוי צו לעבן מיט אַזאַ איידעלן מענטש. אַלע ליבן אים. אַפילו דער בעל־תפילה רומט אים אויך. סאָניעס אויגן האָבן זיך פייכטלעך צעגלאַנצט. ממשיך געווען איר וידוי: „זיך מיאוס אויפגעפירט לגבי דעם ערלעכן מאַן. אים תמיד גענאַרט. מיט זיינע געלטער זיך איינגעקויפט קליידער, קאָסמעטיק, בכדי צו געפעלן פרעמדע מענער, מיט וועלכע כ׳האָב אים פאַרראַטן. איז צוגעגאַנגען צום מאַנס פאָרטרעט. אויף אים געקוקט, געמורמלט „בעניעק, ביסט אויך שולדיק. אָבער כ׳בעט ביי דיר סליחה״.

5

סאָניע האָט נישט טועם געווען איר צוגעגרייט אָוונט־ברויט. זיך געדרייט אין צימער. געטראַכט. קאָמבינירט. דערפילט מידקייט, שוואַכ־קייט. אויפסניי אָנגעלענט אויף דער סאָפע. איז איינגעשלאָפן. אויך איר שלאָף איז נישט געווען רויִק. האָט אויסגעכאַרכלעט מאָדנע קולות, ספּאַז־מאטישע אויסגעשרייען. זיך אויפגעכאַפּט, דערזען איר חברטע, אנקה, זיצן נעבן זיך, אויפן בעטראַנד. „אוי אַנקהלע, געהאַט אַ פינצטערן חלום. זי הערן? די־אָ יונגע מרים דותן, פון וועלכער כ׳האָב אייַנען שוין דערציילט, איז פרעך געזעסן אויף מיין מאַנס שויס. זיי געפּאַקט אין אַ מיאוסער פּאָזע. איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ביקיני. די אַרויסגעהויבענע פּיס געהאַלטן אַרום זיין האַלדז. ער, דער תכשיט מיינער, דער צדיק אין פעלץ, וואָס פלעגט

מיך און די גאַנצע וועלט מוסרן, בינדט איר אויף דעם ביוסט־האַלטער, שפּילט זיך מיט אירע גראָבע ציצן, גלעט איר ברוין־אָנגעברענט לייב. קושט זי תאוהדיק. זי, דער דריאַן, צערטלט אים. „כ׳האָב דיך געפּאַקט!׳ שריי איך. מרים באַפאַלט מיך. זידלט. דערציילט ברוכן אַלע מיינע ליבע־באַגעגע־נישן. ווייזט אויס מיך גוט שפּיאָנירט. איך זידל זי, שריי. ס׳ווערט אַ סקאַנדאַל. מיין מאַנאַק כאַפּט מיך אָן ביי די האָר. שלעפּט מיך צו דער טיר. וואַרפט מיך אַרויס. דער נאַכטישער דרויסן איז קאַלט, ווינטיק־שטורמיש.

ס׳רעגנט מיט ציבערס. ווינטן פייפן, צעבלאָזן מיינע האָר, הויבן דעם ראָק. קאַלטע רעגנטראָפּנס שמייסן מיר אין פּנים און פון וויכער אויפגעדעקטע פיס ביז די היפטן. כ׳לויף. שריי. זוך אַ באַהעלטעניש. אַלץ איז פּוסט. זע אפילו נישט קיין ביימל, אונטער וועלכן זיך עטוואָס באַשיצן. אַרום און אַרום איז חושך־מצרים. שטאָק־פינצטער. דער הוראַגאַן בושעוועט. ס׳גיסט ווי אין מבול. לויף. לויף. פאַרליר די כוחות. ס׳פעלט מיר אָטעם. בין זיכער אַנגעלאָפן גאַנצע מיילן. אַ טויט־מידע, אָפּגעשוואַכטע פאַל איך אַריין אין אַ קאַלוזשע וואַסער. וויל זיך אויפהויבן און קען נישט, בין אָנמעכטיק. ס׳באַפאַלט מיך אַן אימה. איך שריי. פיל די כוחות גייען מיר אויס. קען נישט קרעכצן. קוים, קוים כ׳יאָכצע. אין דעם דערזע איך: פון דער פינצטערקייט בלישטשען צוויי פייער־פינטעלעך. אַ ווילדע חיה דער־נענטערט זיך צו מיר. ווער צעציטערט: ס׳איז געקומען מיין וויסטער סוף. מיט די לעצטע כוחות שריי איך: גע־וו־אַא־לל־טטט! אין זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אינען דערזען. אוי בין אַזוי דערשראָקן. גוט, וואָס זי זענען געקומען״.

אַנקע האָט זיך געווישט די אויגן. געוואָלט עפּעס זאָגן און טרערן האָבן זי געשטיקט. נאָכן באַרויִקן זיך סאָניעס אַראָפּגערוקט טיכל איבער די אויגן אָביסל געהויבן איבערן שטערן, שטיל אין איר אַריינגערעדט: „גברת סאָניע, אין דרויסן גיסט דאָך אַ מבול. פאַרוואָס האָבן זי נישט פאַרמאַכט די פענצטער? זי דאַרפן גיין צו אַ פּריוואַטן דאָקטאָר, ער זאָל איך באַרויִקן. איך האָב אַן אַדרעס פון אַ גוטן פּסיכיאַטאָר. ער האָט מיך אָפּגעראַטעוועט. פאָלגן זי מיך און שלאָפן זיך אויס. כ׳האָב אינען צו דערציילן אַ באַרג נייעס. זי וועלן לעקן די פינגער. הערן ווי אַזוי אונדזערע פאַרזאָרגערס, שיינע לייט, בליאַדוועון אַרום מיט אויסגעלאָסענע ווייבער און אין די צייטונגען, אויף פאַרזאַמלונגען פּרעדיקן זיי מאָראַל. מאָרגן וועל איך אינען שוין אַלץ דערציילן. דערווייל אַ גוטע נאַכט. שלאָפן זי רויִק. פייפן זי אויף אַלע״.

6

אַנקה איז אַוועק. סאָניע איז צו צום פענצטער. אין דרויסן האָט נאָך

שטאַרק געראַגנט. ווינטן האָבן געפּיפּט. אַלע מאָל האָט די נאַכטיקייט זיך צעליכטיקט פון רגעדיק־בלישטשענדיקע בליצן. דונערן האָבן געקנאַלט. זי האָט פון פענצטער אַראָפּגעשריגן: „אנקה!" זי צוריק גערופן. „אוי, ווי אַזוי וועט איר אַהיימגיין אין אַ כּליאָפּ?" נישט הערנדיק קיין ענטפער פאַרמאַכט ס'פענצטער, זיך געזעצט אויף דער סאָפע. ס'פּנים פאַרשטעלט מיט ציטערדיקע הענט. זיצנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך דערמאָנט דעם חלום. נאָך אַמאָל „געזען" ברוכס איר אַרויסטרייבן פון שטוב. זיין בלייבן מיט דער נאַקעטער שרייבערין, מרים דותן. זיך רגעדיק באַהערשט, באַ־רויִקט. אויפסניי האָבן אָנגעהויבן מאַטערן מחשבות: יעדער חלום איז אַביסל אמת. אין דרויסן רעגנט. איר פאַלן? זי פילט מידקייט, שוואַכקייט. די הונגעריקע חיה מיט בלישטשענדיקע אויגן? אַזוי קוקט אויף איר טייל מאָל סעוועק, נאָכן אָפּזאָגן זיינע צערייצטע, ווי חיהשע לוסטן. די ליבע־סצענעס פון דער מרים מיט איר מאַן? אויך דאָס איז, מן הסתם, ריכטיק. שוין עטלעכע מאָל פאַרציילט אַנקהן, אַז די יונגע, רייצפולע פּריילין האָט זיך מיטן מאַן גוט באַפריינדעט, איז סאָניעס גרעסטער, געפערלעכסטער שונא. די־אַ מרים ווייסט זיכער אַלע ראָמאַנטישע סודות. שפּיאָנירט איר נאָך. אויך אַנקהן דערציילט, אַז איין מאָל האָט די פאַנפאַראָנקע זי גע־טראָפן זיצן מיט סעוועקן אין קאַפע „נוגה" און באַלד דאָס טעלעפאָנירט ברוכן. ער האָט דאַמאָלס געמאַכט אַ וויסטן סקאַנדאַל. אַרומגעקאָמאַנדעוועט. יאָרן וועט זי דאָס געדענקען. דאָן זיך שיעור נישט געגט. וועט דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אַזוי דעראינערן זיך דער חלום, געוועזענע אינצידענטן מיטן מאַן, האָט סאָניע „באַשטעטיקט": זי, נאָר די שרייבערין, איז אין אַלעמען שול־דיק. נאָר זי האָט דאָס אויסגעפּלוידערט סאָניעס געהיימע ליבע־באַגעגע־נישן. געדרייט אין ליידיקע צימערן. געטראַכט, מעדיטירט און „פעסטגע־שטעלט": מרים האָט דאָך ברוכן אויסגענוצט. ר'איז שעהען געזעסן, פאַר־ריכט אירע דערציילונגען. געוואָרן אין שטוב אַ גאַנצע אייגנייערין. זיכער אין אים אַריינגערעדט איר אַרומהוליען מיט סעוועק פיינשטיין. די רכילות האָבן צעבראָכן ברוכס האַרץ, קאַליע געמאַכט זיין בלוט. דאָס איז אַ גורם פון זיין פריצייטיקן טויט. סאָניע דערמאָנט זיך: אַנקהן פאַרטרויט, האָט מורא פאַר דער יונגער, שיינער שרייבערין, וואָס ווייסט אַלע קריגערייען מיט ברוכן צוליב די ראָמאַנטישע באַגעגענישן מיט מענער, איבערהויפּט מיטן שכן סעוועק פיינשטיין. אַמאָל זיך צעוויינט פאַר אַנקהן. דער שריי־בערין חושד געווען, זי וועט אַלץ באַשרייבן אין אַ צייטונג. „דאָן בין איך פאַרלוירן. ס'גאַנצע לאַנד וועט זיך דערוויסן מיין פאַרראַט מיט פאַרהייראַטע מענער. מ'וועט מיך פאַרפאַלגן. מ'קען מיך אויך באַפאַלן, שלאָגן".

אַלע פריִערדיקע אפשר־גריבלענישן, חשדות, „פעסטשטעלונגען", באַ־רויִקנדיקע אָפּלייקונגען זענען פאַרשוונדן. ווי רויך. סאָניעס צעשטרייטע

פֿאַנטאַזיעס מאַטערנדיקע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין איין פּונקט: מרים האָט איר נאָכשפּיאָנירט. ברוכן אַלץ דערציילט. „נאַר זי באַשמוצט מיך. איז אויך פּעיִק מיך פֿולשטענדיק פֿאַרניכטן", איז געווען סאָניעס ענדגילטיקער באַשלוס.

7

אין די ערשטע טעג, ווען סאָניע האָט די „דאַרע נענדזע", ווי זי האָט גערופֿן מ. דותן, געזען אין ברוכס קאַבינעט, האָט דאָס יונגע, עלעגאַנטע מיידל ביי איר נישט אַרויסגערופֿן קיין ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט. געמיינט ס'איז אַ פּאַציענטקע. באַמערקנדיק איר אָפֿט קומען, קאָקעטירן, מינעווען צו ברוכן, זיין ווערן פֿאַררויטלט בשעתן זיצן נאָענט צום מיידל, פֿלעגט זי שפּאָסן: „אַדרבא, זאָל ער אויך פֿאַרזוכן אַן עברהלע. זאָל אים ווויל באַקומען. אפֿשר וועט ער מיך אויפֿהערן מאַטערן". געטראַכט: אין פֿאַל ער וועט סאָניען עפּעס וואָס פֿאַרהאַלטן, דענערווירן, סקאַנדאַלעווען, וועט זי טענהן: „דו מעגסט?". אָבער זעענדיק מרימס לעצטע אָפֿטע באַזוכן, און פֿרעך זיצן נעבן מאַן, אָנגעהויבן חושד זיין, זי שפּיאָנירט איר נאָך, דער־ציילט אַלץ ברוכן. מרימן אָנגעהויבן האָסן. פֿאַר איר מורא געהאַט. זעענדיק אין חלום זייערע ליבע־פּויזעס, פֿעסטגעשטעלט: די שרייבערין איז איר געפֿערלעכסטער שונא.

דרייענדיק זיך אין סאַלאָן, געטראַכט, פּלאַנירט. אין איר קאָפּ איז איינ־געפֿאַלן אַ נייע המצאה: זי מוז זיך דווקא באַקענען, באַפֿריינדן מיט דעם דאַמעלע. אויפֿקלערן ברוכס מאָדנע אויפֿפֿירונג. קיין מאָל סאָניען נישט גע־שעצט. איר נישט אַרויסגעוויזן קיין אויפֿמערקזאַמקייט. פֿאַרנאַכלעסיקט די משפּחה. איר קיין מאָל נישט פֿאַרווילט. אָפֿט מאָל באַליידיקט אין געזעל־שאַפֿט. האָבן געשלעכטלעך געלעבט איין מאָל אין אַ יובל. דאָס זענען די הויפּט־סיבות פֿון סאָניעס זוכן ליבע ביי פֿרעמדע מענער. איז געווען זיכער: מרים דותן, אַ יונגע, מאָדערנע, געבילדעטע פֿרוי, אויך אַ שרייבערין, וועט געוויס נישט באַשולדיקן אַן אָפּגענאַרטע פֿרוי, וואָס גאַרט לעשן אירע ווייבלעכע געפֿילן, ליבע־לעכצנדיק יונג לייב. וועט באַרעכטיקן סאָניעס דערשלאָגנקייט, ברירהלאָז אָפּזוכן אַביסל ציטווייליקע אילוזיע־סימפּאַטיעס, ווערן רגעדיק געפּיעשטשעט, הערן פֿאַלשע, אָבער דאָך אַביסל אָנגענעמע ליבע־ווערטער פֿון אָפּגענאַרטע מענער, וואָס ווילן בלויז באַפֿרידיקן לוסטן אויף איר לייב. וועט פֿאַר מרים אויסגיסן ס'ביטערע האַרץ, וואָס ווייטיקט פֿון בושות, באַמערקנדיק, „פֿאַרערער" מיידן זי אויס, שעמען זיך מיט איר עפֿנטלעך באַגעגענען, געווען זיכער: דותן אַ געבילדעטע שרייבערין, וועט זיכער פֿאַרשטיין, פֿילן די לאַגע פֿון אַן אַנטוישטער פֿרוי, וואָס איז פֿאַרפּלאָנטערט אין דער כּישופֿדיקער זינדנעץ, איז איר שווערלעך דער

צוריקוועג. סאַניע וועט זיך פאַרטרויען, צו דעם פריילעכן לעבן צוגעוווינט. די לוסטיקע באַגעגענישן, הוליאַנקעס ציִען זי מאַגנעטיש, ווי אַ שיכור צו דער פלאַש. געוואָרן אַ צווייטע, נאַטירלעכע, נויטווענדיקע אופפירונג. געטראַכט: אויב זי וועט דאָס הוליען נישט באַרעכטיקן, וועט זי איר נישט באַשולדיקן אין זיין דער הויפּט־גורם פון ברוכס טויט. דאָס איז געווען איר לעצטער באַשלוס, זיך באַגעגענען מיט דער שרייבערין. דער־אַ גע־דאַנק האָט זי „באַרויִקט".

סאַניע האָט אויסגעגלאָצט ווילד־בליקנדיקע אויגן. געקוקט אין איין פונקט, גלייך זי זעט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. דער־אַ לעצטער איינפאַל, מ׳קען זי חושד זיין, פאַראורזאַכן דעם מאַנס פריצייטיקן טויט, האָט זי אָנגעהויבן מאַטערן, צעטרייסלען. נאָך קיין מאָל נישט געטראַכט, מ׳וועט זי באַשולדיקן אין זיין אַן עיקרדיקער פאַקטאָר אין מאַנס האַרצאַטאַק. די־אַ טראַכטענישן געפּרוווט פאַרטרייבן. אָבער נישט געקענט זיך פון זיי באַ־פרייען. ס׳האָט זיך געקרעפּטיקט די איבערצייגונג באַגעגענען מרים דותן. געקלערט, ווי אַזוי בינדן קאָנטאַקטן מיט איר. אויך געצווייפלט צי זי וועט ביי דער פרייליין עפּעס וואָס פועלן. און דאָך איז גאָר אינטערעסאַנט מיט איר שמועסן. עפּעס וואָס וועט זי זיך שוין דערוויסן. די הויפּטזאַך, צי זי פלאַנירט פאַרעפנטלעכן אַן ענלעכע דערציילונג פון אַ פריילעך ווייבלס אינטימע לעבנס־סודות. וועט פּרווון זי אויספרעגן פּערזענלעכע לעבנס־איינצלהייטן, רימען איר שרייבן. אפשר וועט מרימס האַרץ זיך אַביסעלע עפענען. וועט זיך, מעגלעך, דערוויסן צי דער נייער שולד־חשד אין ברוכס טויט איז עפּעס וואָס באַרעכטיקט. דער־אַ געדאַנק, שמועסן מיט מרים, איז סאַניען גאָר געפעלן. באַשלאָסן שיקן אַ בריוול צו מרים דותן, בעטן אַ באַגעגעניש. זיך געזעצט נעבן ברוכס שרייבטיש. אָנגעשריבן אַ בריוול:

„זייער גנעדיקע אונד האָך־געשעצטע פרויליין, האַסאַפערעט, גבערעט מיריאַם דאָטאַן. פאָן מאַן גאָטזעליקער ברוך, אונדז צו לאַנגע יאַרע, האַבע עך זעך דערוויסט, זי זינט אַ האָך־קולטוראַלנע, פילגעלערנטע פראַון־צימער. שוין יאָרן שטונדירן זי אין אוניווערסיטעט. ברוך, אונז צי לאַנגע יאָר, האָטטע אַאוך דיציילט זי שראַבן אין די איטונים גאָער שפּאַנענדיקע ליבעס־געשיכטן. עך טאַקע האָבע אין זאַן שיפלאָד געפינען איינע זייער האָך־אינ־טערעסאַנטע שריפט פאָן אינען. די באַשראַבונג איזט גאָער וואַזשנע, שפּאַ־נענדיק, טשעקאַווע אונד דראַמאַטיש. מאַמעש אַ שפּיגל פאַר יעדער, מאָ־דערנער פראַוען־צימער אין יסראַעל. די שריפט האָטטע מיר אַוועקגערויבט דעם שלאָף גאַנצע צוויי נעכט. כ׳האַבע מיטגעליידט מיט דיזער טראַגישער פראַו. זי איסט דאָך נעבעך אימשילדיק. אַזאַ נאַיִווע. נישט געוויסט, מ׳וועט איר געשלעכטלעך אָסניצן אין איר אייפערזיכטעקער מאָן וועט איר דער־פאַר מאָרדן. אין דעם ציגעלייגטן בריפע, בעטן זי מיין מאַן, ער זאָל די

ראָמאַנטישע געשיכטע געגנוי לעזן. כ׳ביטע אינען, זייען זי זאַ גיטווייליק מעך באַזיכן. כ׳זיצע אינעם טראָוער שאָן 5 טאָגע. זי וויסן זיכער. מאַן ברוך איז פליצלינג געשטאָרבן. ניש פאַ אינען געדאַכט באַקימע אַ האַרץ־שלאַק. מ׳האָטן נישט געקענט אָפּראַטעווען. גאַנצע צוויי שעה האָבע עך געקלינגען צי דאָקטוירים. קיינער האָט נישט געוואָלט קימע. מעך געהייסן קלינגען צי מגן־דוד. זאַנס אַ פשעיאַטשעל, עפּעס אַ דאָקטאָרל, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט ציזאַמע איז געקימע. באַטראַכט. געזאָגט: „ר׳איז טויט׳. ר׳האָטן גענימע אין שפּיטאָל. אָך דאָרט האָטמע געזאָגט, ר׳איז געשטאָרבן. שטעלן זי זעך פאַר מאַן קרענקעניש. גנעדיקע פּרויליין. זי זינט דאָך געווען מיט אים באַפריינדעט. אַהאַ. ער האָט זייער געשעצט אינס טאַלאַנט. כ׳ביטע אינען טיען זי אַ מצווע. קימע זי מעך באַזיכן — מענאַכעם אָוועל זאַן. זי ווערדן אָך אָפּנעמע אירע שריפט. מיר ווערדן אַ קליינעס ביסכען שפּרעכן. כ׳האָב אינען צי דעציילן מאַנע שאַרמאַנטע, האָך־שפּאַנענדע, טראַגישע פּאַגאַנגענהייט פין מאַנע יינגע יאָרן ביז האַנט. ווען זי האָבען קיינע צייט, בין עך באַרייט אינען באַזיכן. וויר קענען זעך אָך טרעפן אין גאָרטן אָף ראַטשילדגאַס. ווי אַזוי זי האָבן גערן, וועל עך זעך ציפּאַסן. כ׳האָפּפע זי ווערן מיך באַוויליקן, מיר שענקן אַ וויזיט. כ׳דענקע זי קענען אַ ביסכען זשאַרגאָן אין דיזע שריפט לעזן.

מיט האָכשעצינג אונד גריססע
סאָניע רעטער־זילבערשטיין״.

13.3.1976

דאָס בריוול האָט סאָניע עטלעכע מאָל איבערגעשריבן. נאָכן באַשטע־טיקן דעם אינהאַלט, געלייענט אייניקע מאָל. איז געווען צופרידן פון איר שיינעם, קאַליגראַפישן שריפט, „אינטעליגענטע״ אויסדרוקן. דערפילט אַ לייכטערונג: „איין מאָל פאַר אַלע מאָל וועל עך זעך דערוויסן דעם אמת״, צו זיך גערעדט און מניה וביה אָנגעהויבן אויפסניי ספקן: יאָ אָדער נישט אַוועקשיקן ס׳בריוול. רגעס געוואָלט וויסן צי מרים דותן ווייסט אירע סודות און באַלד באַהערשט געוואָרן פון פּחד, געוואָר ווערן דעם אמת. טאָמער וועלן זיך באַשטעטיקן אירע חשדות אַז די יונגע שרייבערין ווייסט איר פאַרגאַנגענהייט, אַלע אירע ליבעס מיט מענער, שטרייטן, דיסקוסיעס, סקאַנדאַלן מיטן מאַן, איר טאָכטערס אַנטלויפן פון דער גיהנומדיקער „היים״. מיט אַ גוי אַוועקפאָרן קיין קאַנאַדע, איז איר מצב אויסזיכטלאָז. זי וועט דאָס נישט קענען איבערטראָגן. געטראַכט, ווי אַזוי באַאיינפלוסן דער שריי־בערין, זי זאָל אַזעלכע פאַר לייענער־פּיקאַנטע־דערציילונג נישט פאַר־עפנטלעכן אין אַ צייטונג. אויב זי וועט דאָס נישט פועלן, איז דאָן איר לעבן פאַרשפּילט. זי וועט זיך נישט קענען באַוויזן פאַר קיינעם. די בושות וועלן פאַר איר זיין אומדערטרעגלעך. אין אַ ווײַלע ווידער געטראַכט וועט

זי דעם בריוו נישט שיקן, וועלן ספקות נישט אויפהערן זי מאַטערן. געדרייט זיך אין די צימערן. מעדיטירט: צוויפלען דערמעגלעכן אַפּצוליי־קענען פאַרדעכטיקע מחשבות. „בעסער נישט וויסן", האָט זי „באַשלאָסן".

סאָניע איז אַריין אין קיך. געפּרוווט עסן קאַלאַציע. נישט געקענט שלינגען. ס'האָט זי געשטיקט אין האַלדז. געדאַנקען האָבן געמאַטערט. חרטה געהאַט אויפן פריערדיקן באַשלוס. „ס'איז פאַרט אינטערעסאַנט באַ־קענען זיך מיט דער יונגפרוי. וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט זי געהאַט פאַרברענגען מיט מיין אַלטן מאַן?". געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַן אַרט פריינטשאַפט ס'איז געווען צווישן דער־אַ שיינער, עלעגאַנטער שרייבערין מיט איר מאַן. צו זיך גערעדט. געקוקט אויף די צעשניטענע גרינוואַרג וואָס האָבן מיט זייערע ריחות, פאַרבן געדופטעט, באַשיינט די קיך. אָבער נישט געוועקט ביי איר אַפּעטיט. איז צוריק אַריין אין קאַבינעטל. געזעצט זיך צום שרייבטיש. דעצידירט אַוועקצושיקן דאָס בריוול. „וואָס ס'וועט זיין זאָל זיין", גערעדט הויך, ווי צו וועמען נאָכן אויפסניי איבערלייענען ס'בריוול, עס פינקטלעך, סימעטריש איינגעבויגן, אַריינגעלייגט אין אַ ראָזן קאָנווערט, אויפגעשריבן דעם אַדרעס: לכבוד גב' דאַטאַן, רחוב אַרלאָזאָרוב און איז געבליבן זיצן. פאַרגעסן דעם הויז־נומער. צענדליקער מאָל פלעגט זי אַרויסנעמען דיקע קאָנווערטן מיט מרימס געשיקטע שריפטן. גוט געדענקט איר אַדרעס. איינציקע מאָל פלאָנירט צו איר צוגיין. זידלען פאַר מישן זיך אין אינטימע משפחה־ענינים „און זע נאָר, פונקט פאַרגעסן דעם הויז־נומער". זיך אָנגעשטרענגט, געקלערט. נישט דערמאָנט. געגנישטערט אין ברוכס קאָרעספּאָנדענץ. געוואָלט געפינען דותנס אַדרעס און גאָר געפינען צוויי בריוו־קאָפּיעס: צום יונגן בעל תפילה, וואָס האָט געבראַכט די יידן דאַ־ווענען און צו מרים דותן. צו דעם בעל תפילה איז געשריבן:

„לכבוד הרב משה פרידמאַן נ"י

שלום רב. טראַץ דעם וואָס איר האָט נאָך דערוויל נישט באַ־קומען סמיכות אויף רבנות, טיטוליר איך אייך הרב. בין זיכער, איבערצייגט, איר וועט מצליח זיין אין די בחינות, באַקומען סמיכות. יעצט צום ענין: איר ווייסט דאָך מיין טראַגעדיע. האָב דאָך אייך אַלץ, בפרטי פרטים, דערציילט. לעצטנס פיל איך זיך נישט גוט. קיינער ווייסט דאָך נישט וועמענס מאָרגן ס'איז. בין מסכים מיט אייערע תנאים. כ'שיק אייך 50 טויזנט פונט. אַלע מיינע אַפּשפּאַ־רונגען. אין פאַל ס'וועט מיט מיר עפּעס געשען. אָדער ס'וועט קומען מיין שעה. וועט איר מיר קויפן אַ קבר, שטעלן אַ מצבה. דאָס וועט קאָסטן אַ 25 טויזנט פונט. אַליין וויל איך מיר נישט קויפן. מיין פּלונתטע וועט זיך באַלד דערפון דערוויסן. זי גריבלט זיך דאָך אין אַלע מיינע פּאַפּירן. וועט מיר מאַכן סקאַנדאַלן. אויסלאַכן, באַ־

רעדן פאַר מענטשן. זי דאַרף דאָך דאָס געלט צו פאַרתכלעווען. קען דאָס שנעל פאַרהולטייען. דרייט זיך אַרום ווי אַ שיכורע. פילט נישט אונדזער עקאָנאָמישן און באַדראָטן מצב. יאָ, די רעשט געלט האָט איר רעכט נעמען זיך. אָבער בתנאי איר זאָלט נאָך מיר זאָגן קדיש אַ גאַנץ יאָר. אין די שבעה־טעג דינגט אַ מנין און צוויי מאָל אין טאָג דאַווענען אין מיין שטוב. כ׳האָף, אַז די מרשעת, מיין מלאך־המוות, די שטוב־פאַרניכטערין, וועט זיך פאַר מענטשן שעמען און דאָס נישט שטערן.

בכבוד רב

ד״ר ברוך רעטער״.

איבערליינענדיק דאָס צוואה־בריוול, איז סאָניען געוואָרן טונקל פאַר די אויגן. דערפילט איבלדיקייט, שוואַכקייט, ווי פאַר חלשן. קוים, קוים זיך צוגעשלעפּט צו דער סאָפע, צוגעלענט, העשנדיק געוויינט: „האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער יונגער צוציק מיינט מיך, זאָגנדיק: ,ווער ס׳איז נישט מדקדק אין טהרת משפחה, פאַרקירצט ס׳לעבן. מ׳טאָר נישט האָבן קיין שום מגע מיט אַן אשת איש׳. אויך דעם אַלטיטשקנס אויסגעשריי: ,מאיז עובר אויפן לא תנאף׳, האָט מיך געמיינט״. זי איז אַריין אין קאַבינעט. זיך אַוועק־געשטעלט פאַר ברוכס בילד. צו אים געזאָגט: „האָסט אַלץ אויסגעפּלוידערט. אַפילו פאַרן יונגן שנעק. אים אַוועקגעגעבן אַזויפיל געלט. לעצטנס האָסטו מיר צוגעטיילט יעדן פונט. געטענהט פאַרדינסט נישט. פון מיר געפאָדערט חשבונות און אים גלייבסטו״. ס׳האָט זי געשטיקט אין האַלדז. געוויטיקט אין האַרצגריבל. און דאָך האָט איר נייגער גובר געווען. געלייענט דעם בריוו צו דער יונגער שרייבערין:

„חשובע חברטע מרים דותן.

שלום רב.

מיינע דערציילטע, טראַגישע משפחה־איבערלעבונגען האָט איר זאַכלעך אַנגעשריבן. פאַר מאַנכע וועט עס, אפשר, זיין אינטערע־סאַנטער לייען־מאַטעריאַל. איר שילדערט פיין די לייכטזיניקייט פון דער תמיד ליבע־לעכצנדיקער פרוי, וואָס האָט פאַרראַטן איר מאַן, פאַרשווענדעט זיינע פאַרדינסטן, געפירט אַ הולטייסקע לעבן, גע־ווען דער גורם צו רונירן די משפחה. איר האָט אָבער געדאַרפט אונטערשטרייכן איר אויסנאַמלעכקייט. אַזעלכע טיפּן זענען אין לאַנד פאַראַן וייניק. איך, אַלס קופּת־חולים־דאָקטאָר קום אין קאָנטאַקט במשך יאָרן מיט מאַסן ערלעכע, שפּאָרזאַמע, אַרבעטנדיקע פרויען און מענער. כ׳וויים. רוב היגע מענטשן לעבן עטיש. בלויז אַ נישט־ווערטיקער פראָצענט איז פאַרשווענדעריש. זיי זענען אָבער סכנות־דיק. לויט מיר דאַרף אַ שרייבער אויפדעקן עגאָיִזם, מוסרלאָז לעבן. שרייבט פשוטער. אַלע זאָלן אייך פאַרשטיין. מאַכט בולטער אייער

נעגאַטיװע אָדער פּאָזיטיװע שטעלונג צו די געשילדערטע טיפּן. האָט װײניקער מורא פאַר די אַקאַדעמיע־קריטיקער, װאָס נעגירן טענדענציעזע שרײבן. זײערע „תּורות" דינען מאַכטהאָבער, װאָס פאַר־לאַנגען שרײבן געטאַקטע, נשמהלאָזע ליאַלקעלעך. רעקאָמענדירן פּלאַפּלען „הױכע", „טיפזיניקע" מיסטיק־װערטער. שרײבן מוז דער־ציִען. סתּם „שײן־שרײבערײ" איז װערטלאָז. יעדער אמתער שרײבער איז אַן אידעען־פאַרשפּרײטער .דער עיקר שילדערט נשמה־ראַנגלע־נישן. יאָ פאַרגעסט נישט מײן טאָכטערס אַנטלױפן קײן חוץ לאָרץ. געװען אַ װױל קינד. האָט אַ פילבאַרנדיקע נשמה. דאָך איז זי גע־װאָרן באַאײנפלוסט פון דער מוטערס שטרעבן צו „מאַכן אַ לעבן".

ת. א. 13.12.1976

מיט פרײנטשאַפט און אַנערקענונג
ד"ר ברוך רעטער".

סאָניע איז געבליבן זיצן נעבן שרײבטישל װי געלײמט. „נישטאָ מער קײן שום ספק. ער האָט אַלץ אַנטדעקט. די דאַװענער, זײן מרים זענען נישט די אײנציקע, פאַר װעמען ער האָט אױסגעפּלױדערט אונדזער גיהנומדיק צוזאַמענלעבן, מײן פאַרראַטן אים. מיך פאַר אַלע באַשמוצט. בין ליקװידירט. אַלע: די גאַנצע גאַס, אין קופּת־חולים. אומעטום װײסט מען מײן בראָך. אױ, ער איז דאָך אין אַלץ שולדיק. האָב דאָך נעבעך נישט געהאַט קײן ברירה". סאָניע האָט זיך צעװײנט. מיט די פױסטן געקלאַפּט אין קאָפּ. ספּאַזמירט. גאָרנישט געװוּסט װוּ זיך אַהינטאָן. פאַר אירע אױגן האָבן גע־טונקלט, געבלישטשעט מאָדנע קאָליריקע רינגען. דער אָרום האָט גע־שװינדלט. מיט די לעצטע כּוחות זיך צוגעשלעפּט צום מאַנס פאָרטרעט. אױף אים געקוקט. ס'איז איר געװאָרן לײכטער די פּרעסונג אין ברוסטקאַסטן. די שװינדלעניש איז פאַרשװוּנדן. געקוקט אױף ברוכן. צו אים גערעדט קלאָגנדיק: „בעניעק, זײ מיר מוחל. בין געװען פאַרכישופט. פאַרלױרן דעם שׂכל. גאָרנישט געװוּסט, אַז די בעל־הביתטע איז דער יסוד פון שטוב. מ'האָט מיך פאַרבלענדעט. אָבער אױך דו ביסט שולדיק. האָסט מיך קײן מאָל נישט ריכטיק געװאָלט. אױף מיר געקוקט ביטולדיק. זעלטן װען, דוכט זיך, קײן מאָל נישט געהערט פון דיר אַ שײן װאָרט צו מיר. האָב נישט געהאַט קײן זכיה, זאָלסט מיר שענקען אַ שמײכל. מיך תּמיד קריטיקירט. האָסט ליב געהאַט דיסקוסיעס. ביסט שטענדיק געװען באַשעפטיקט מיט לײענען, חקרענען, שרײבן. האָסט זיך איזאָלירט אין דײן קאַבינעטל. מיך געלאָזט זיצן אַלײן, װי אַ שטײן. פאַרװאָס האָסטו זיך נישט אינטערעסירט מיט דער הױז־װירטשאַפט? בײדע האָבן מיר פאַרנאַכלעסיקט ס'הױז. צו מרימן, דעם דריאַן, האָסטו יאָ געהאַט צײט. איך האָב טאָקע רויִנירט די משפּחה. דו אָבער מיט דײנע קריגערישע נײגונגען ביסט געװען דער גורם. זײ זיכער. אין קורצן װעלן מיר זײן צוזאַמען. מײן לעבן איז אױך געענדיקט. מ'װעט אױך מיך

נישט לאָזן לעבן. האָסט געהאַט רעכט. מיך געוואָרנט: ,דיינע פרעמדע פריינט וועלן אויך דיך אויסנוצן און פאַרשווונדן׳. האָב אַזויפיל שונאים. ווייס נישט צו וועמען צו ווענדן נאָך הילף. בעניעק זיי מיר מוחל״.

סאָניע האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף דער סאָפע. געוואָלט אַרומנעמען די פאַרביק באַגאָלדיקטע רעמלעך פון מיטן מאַנס בילד. דעם פאָרטרעט צודריקן צו איר ווייטיק־פּרעסנדיקן ברוסטקאַסטן און זיך דערשראָקן: ברוך האָט אויף איר צאָרנדיק געקוקט. זיין פּנים, אויגן האָבן רגזהדיק געפייערט. ער האָט אויסגעזען פונקט ווי ביי סקאַנדאַל־מאָמענטן. אויך אין שפּיטאָל, בעת סאָניע האָט אים באַזוכט, ס׳לעצטע מאָל מיט אַ וואָך צוריק, האָט ער אויף איר אַזוי כעסיק געקוקט, געבעטן, זי זאָל מער אים נישט באַזוכן. ס׳איז איר נישט געווען אָנגענעם צו הערן זיינע אומטאַקטישע רייד, קוקן אויף זיינע בייזע בליקן. אַ צערודערטע דאָן אים פאַרלאָזט. דאָס מאָל גוט אַריינגעקוקט אין זיינע היסטעריש־פיבערדיקע אויגן. זיין פלאַמענדיק־גרימצאָרנדיק פּנים האָט זי געשראָקן. פּלוצים האָט זי אויס־געשריגן: „גאָט!״.

סאָניען האָט זיך געדאַכט: איר מאַן, ד״ר ברוך רעטער, הויבט אַ פּוס. קריכט אַרויס פון דעם אונטערשטן, אַביסל צעשפּאָלטן רעמל, וואָס צע־שפּרייט זיך ווי צעעפנטע טירלעך. ער נעענטערט זיך צו אירע צענומענע הענט. נעמט זי פעסט אַרום. דריקט זי צו זיך. סאָניע פילט זיך גליקלעך: „ברוכל, ס׳איז מיר אַזוי גוט מיט דיר, מיין מאַן״. זי קוקט אים אָן און שרעקט זיך. זיין פּנים איז שנאהדיק. צעפלאַמט. צעברוגזט. בייז ווי ביי אַ ווילדער חיה. ענלעך צו פראַנקענשטיינס פּרצוף אין לעצט געזעענעם פילם. ברוך ציט אויס זיינע בלאַסע, קאַלטע, טויטע הענט. כאַפּט סאָניען פאַרן האַלדז. ער קולותט, שטיקט זי. שטיקט, ווערגט זי אוןביידע פאַלן אויפן דיל.

✡

צומאָרגנס פרי איז דאָס געלע יונגעמאַנטשטיקל, משה פרידמאַן מיט זיין מנין יידן געקומען דאַווענען שחרית. פאַרן הויז באַגעגנט עטלעכע פרויען, מענער. זיי האָבן די אַבל־דאַווענער דערציילט: „די דאָקטאָרשע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך פאַרסמט מיט גאַז״. אַנדערע גאָר האָבן אָפּגע־לייקנט. „ווייסן געגנוי״ פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אינדערפרי אויפגעריסן די טיר, פעסטגעשטעלט: זי האָט געקאָכט קאַווע, פאַרגעסן, זיך געלייגט שלאָפן. די קאַווע איז אויסגעלאָפן, אויסגעלאָשן דעם גאַז, וואָס האָט אָבער נישט אויפגעהערט פליסן. זי ז׳ערשטיקט.

דער יונגערמאַן, משה פרידמאַן, מנהל פון דער ישיבה „בני עקיבא״, דערוויסנדיק זיך די פּרטים, האָט געגלעט ס׳שיטערע, געלע בערדל, מיט־

ליידנדיק געקוקט אויף פון ווינטן צעבלאָזענע פאַרהאַנגען אין געעפנטע פענצטער אין ד״ר ברוך רעטערס ווינונג. צו די עטלעכע מנין־דאַוונער באַדויערנדיק געשאָקלט זיין קעפּל מיטן ברייטראַנדיקן שוואַרצן קאַפּעליושל. געזאָגט: „נשים דעתן קלות. נישט געהאַט קיין שכל. אַרומגערודערט. גע־הוליעט. זעט, וואָס ס׳איז דער פועל יוצא? באַגראָבן דעם מאַן. אַן ערלע־כער ייד מיט אַ גאָלדן־טייער האַרץ. די טאָכטער פאַריאָגט פון שטוב. אַנטלאָפן קיין חוץ לארץ. ווער ווייסט ווו זי איז, אין וועלכן שאול תחתיות זי געפינט זיך נעבעך. אויך די אַלמנה אַליין געהאַט אַ מיאוסן סוף״. צו די שטייענדיקע ווייבער, וואָס האָבן געקרכילותט אַלדאָס בייז אויף סאָניען, געמורמלט: „מיר ווייסן אַלץ. איר לייכטזין האָט חרוב געמאַכט אַן איינ־געאָרדנט יידיש הויז. ברוך דיין אמת״.

פֿאַרשטערטע סדר־נעכט

א

אין גאָלדשטיינס ווילע

1

ערב פּסח פֿאַרנאַכט.

דאָס רעשט ביסל דעמערונג־ליכט, וואָס ס׳האָט איבערגעלאָזט די כעסיק־צעפלאַמטע אין מערב־הימל־ראַנד־אונטערגייענדיקע זון, לעשט זיך לאַנגזאַם. וואָס מער ס׳ווערט טונקעלער, אָלץ שיינענדיקער לייכטן אָנגעצינדענע, עלעקטרישע נעאָן־לעמפּ, שורותווייז צעשטעלטע אין ב־ער שטאָט־גאַסן, וואָס ווערן אויך באַליכטיקט פֿון פֿאַרביקע זשיראַנדעלן, שיינענדיקע פֿון יומטוב־אויסגעפּוצטע, אויפֿגערוימטע שטובן.

אין צעליכטיקטע פֿאַרטער־פֿענצטער באַמערקט מען פֿאַרפֿאַרעטע ווייבלעך מיט פֿאַררויטלטע בעקעלעך, לוסט־גאַרנדיקע, פֿריידיק־דערוואַרטנדיקע אויגן. זיי מאַכן די לעצטע סדר־הכנות. פּרויען, באַשעפֿטיקטע ביי דרויסנדיקע אַרבעטן, מסחר, זענען נאָך פֿאַרהאַרעוועט אין קיכן: באַקן, קאָכן, פּרעגלען, גרילן פֿיש און פֿלייש־שפּייזן. מ׳פֿילט רייצנדיקע, טעמיקע ריחות פֿון ספֿרדישע געבעקסן, געריכטסן און אשכנזיש־טראַדיציאָנעלע פּסח־מאכלים. די קיך־גערוכן מישן זיך אויס מיט פֿאַרכאַפּנדיקע דופֿטן פֿון צעבליטע אָראַנזשן־ביימער אין הויף־גערטנער, וואָס זענען, ווי לכבוד יומטוב, אויסגעפּוצט מיט ווייסע, שמעקנדיקע בלי‌ִעכצען און מיט וואַקסנדיקע, קאָליריקע בלומען. טייל בריהטעס־הויז־זיצעריגס, שוין אויסגעפּיאָצקעטע, שטייען אויף וועראַנדעס, ווייזן זייערע אָנדאָלירטע, געלאָקטע האָר, באַפֿאַרבטע פּנימער, נייע קליידלעך. פֿון פֿאַרטער־פֿענצטער זעט מען אויף איבערגעדעקטע טישן אויסגעסדרן געפֿעס, סערוויזן, מצות, שנאַפּסן, פֿרוכטן, בלומען, קאָליריקע, געפֿלאַכטענע ליכט אין בלאַנקענדיקע לייכטער.

אין אַלע גוט־באַלויכטענע גאַסן פֿילט זיך דער פּסח־יומטוב. די באַוועגונג איז גאָר לעבהאַפֿט. טאַקסיס ברענגען, צעפֿירן געסט מיט מתנות־פּאַקעטן, בוקעטן בלומען. ס׳הערט זיך מונטער געלעכטער, חג שמח־ווונטשן, תתחדשי, שלום און שלום. טומלענדיקע קינדערלעך, אויסגעפּוצטע אין ניי קאָליריק אָנטועכץ, מיט צעקעמטע קעפּלעך האָר, הילכן אויס זייערע באַרימערייען, טרוימענדיקע דערוואַרטונגען.

פון אַלטע נידעריקע הייזלעך, פון הויכע שותפות־בלאָקן קומען אַרויס שבת־געקליידעטע בעל־הביתלעך. טייל מיט צעבערשטלטע בערדלעך, אַנ־דערע גאָר נאָר־וואָס ראַזירטע. נעבן זיי גייען פּילדערנדיקע יומטוב־־אָנ־געטאָענע בחורימלעך אין קאַליריק־געקעסטלטע העמדלעך, אויסגעפּאַסטע דזשינס־הויזן, אין טונקעלע, ווייס־אויסגעשטריקטע קאַפּעלעך, צוגעשפּוליעטע אויף געדיכט־באַהאָרטע קעפּ. רחבותדיק פריי, נחת־בליקנדיק, צייטווייליק־באַפרייטע פון אייגענע און מדינישע קיום־זאָרגן, גייען זיי אין בתי־מדרשים, בתי־כנסת, באַלויכטענע, אויפגערוימטע לכבוד חג־החרות. און אַז ס׳איז שוין געוואָרן פינצטער, האָבן זיך פון די בתי־התפילות דערהערט מונטערע געזאַנגען, אויסציִענדיקע, מעלאָדישע זאַגעכצן פון ספרדישע און אשכנזישע מעריב־געבעטן: „בחכמהה פותח שערים" — והמשלם גמול לכל אויבי נפשנו". —

די גאַסן לײדיקן זיך אויס. ס׳פאַרבלייבן גוט־באַקאַנטע פרנסה־איינרייסער, הענדום־פּענדומדיקע לייט, וואָס האָבן קיין מאָל נישט קיין צייט צו געניסן פון מנוחה־שעהן. זעלטן־ווען זעט מען זיי געמיטלעך שפּאַצירן מיט זייערע משפחות. אין דעם יומטוב־אָוונט האָבן זיי זיך סתם אַזוי געדרייט. אַרויסגעוויזן בקיאות אין פּאָליטיק, געקלאָגט אויף שטייער־לאַסטן, דערציילט וויצן. מ׳האָט אויך באַמערקט אַרבעטער, בעלי־מלאכות, קליינהענדלער, לאַנדווירטן. די־אָ שטענדיק פאַרהאָרעוועטע, פאַרדאגהטע האָבן הייטער דיסקוטירט איבער מלוכהשע, געזעלשאַפטלעכע, הויז־ווירטשאַפטלעכע פּראָב־לעמען; וועגן געפאַר פון די אַראַבישע לענדער, וואָס ווערן אַלץ גרעסער, רייכער און קויפן איין ריזיקע קוואַנטומס געווער, אויסצונוצן נאָר קעגן ישראל.

גאָר ברייטלעך, טומלענדיק, גאַווהדיק שפּאַצירן צוויי אויפגעקומענע גבירים. „אין בית משותף אויף הלל יפה־גאַס, האָב עך אַראַנגעכאַפּט אַ גאַנץ מיליאָנדל. האָב זעך דערמיט בלויז געפּאַטשקעט אַ האַלב יאָר. געענדיקט האָט עס יאַנקיל גראָסמאַן. אָך ער האָט זיך דערמיט גוט באַלעקט. כ׳מיין מער פאַר־דינט פון מיר. איך האָב נישט געהאָט מער קיין געדולד מיט די אַרבעטער. זיי האָבן מיר געצאַפּט ס׳בלוט", האָט געכאָרכלט אַ געלבלעך האָריק יידל. צוליב זיין שווער סאָפּענדיק אָטעמען געוועדט הייזעריק, אָפּגעהאַקט. אַלע מאָל זיך געשטיקט, צעהוסט. געווישט דעם פּייכטן שטערן, האַלדז. ער איז געגאַנגען גאָר פּאַמעלעך. זיינע קורצע פיסלעך איז שווער געווען צו טראָגן די פעטע ברייטביינערדיקע קערפּער־לאַסט.

זיין מיטגייער, אַ הויכער, ווי איבערגעוואַקסענער, דאַרער מאַן מיט אַ פאַררונדיקטער, אַביסל איינגעבויגענער פּלייצע, האָט אים אָנגעקוקט בייז. הערנדיק דעם קבלנס באַרימעריי, איז זיין בלאָס קרענקלעך־אויסזעענדיק פּנים געוואָרן נאָך מער בלייכער. די פּייכטע אויגן כעסיקער. ער האָט זיך

דענערווירט: „שמואל, אַ מיליאַנדל גייט עפּעס צופּיס? דאָס הייסט גע־פּאַטשקעט?".

„זיכער", האָט דאָס קליינע מענטשל אַרויפגעקוקט אויפן איבערגעבוי־גענעם, געכאָרכלט: „כ'זע, ברוך, מאַכסט זיך תמעוואַטע. מ'שמועסט, הייאָר האָט דאָן קאָנסערוון־פאַבריק גוט פּראָספּערירט. האָסט זיכער פאַר איבעריקט אַ צוויי מיליאַנדלעך".

ברוכס אויגן האָבן זיך נאָך מער צעצאָרנט. מיט איינגעהאַלטענעם כעס געוואָרנט: „שוויצער איינער. כ'זע האָסט איינגענומען פלוידער־וואַסער. ווער דאַרף וויסן דיינע גליקן? פון וואַנען וויסטו דאָס אַזוי גענוי מיינע רווחים? וועסט נישט אויפהערן פּלאַפּלען, ווי אַ נאַרישע יידענע, וועט דיך מס־הכנסה טיף באַגראָבן".

— „אוי, קאָך זעך ווייניקער", — האָט שמואל זיך פאַרהוסט, קוים גע־רעדט אָפּגעהאַקט, געשפּיגן, שווער געאָטעמט: „בחיי, ביסט גערעכט. ווייסט וואָס כ'האָב געהאַט מיט מס־הכנסה? פרעג גאָרנישט. מ'הייסט מיר פירן ביכער. אַנדערש גלייבן זיי נישט. אַ ניי אַנשיקעניש. זיי ווילן וויסן געגוי, ווו איך קויף בוי־מאַטעריאַל, ווען כ'פאַרקויף די דירות. אַלץ געגוי. זיי וויסן דאָך אַלץ אָן מיר, ווילן מעך אָבער פאַקן באַ אַ ליגנט און אָנראַבן אַ מאָרדע. ווי געפעלט עס דיר? האָבן זעך אין מיר אָנגעטשעפּעט. גיב זיי אָפּ אַ געגויעם דין וחשבון, גלאַך זיי זענען שותפים. ווייסט? לעצטנס פאַרנעם עך זעך מיט קלייניקייטן. בוי צו אַ קעך, אַ ווערענדע, און דאָס נאָר אין די שיכונים ביי פּריוואַטע. אין דעם פאַרדין עך טאָפּל און זיי וויסן אַ גיטע קרענק".

— „אַז אַ מענטש האָט ליב צו פּלאַפּלען", האָט זיך געהיצט ברוך. אַזוי פּלוידערנדיק, האָבן זיךביידע אָפּגעשטעלט, אָפּגעוואַרט זייערע ווייבער, וואָס האָבן זיך קאָסמעטירט אין שמואלס וווינונג.

— „ברוך, זעסט? אומעטום גייט מע שוין צום סדר און אונדזערע ווייבער זענען נאָך אַלץ נישט פאַרטיק מיטן אויספּוצן זיך. פאַראַן נאָך אַזעלכע צאַצקעס".

„כ'זע פאַרשטייסט זיי גוט. אַלע, ווי אונדזערע, פּוצן זיך אויס. אָ, זיי גייען שוין", אָנגעוויזן אויף צוויי אַרויסגעקומענע, לוסטיק־קוקנדיקע ווייבלעך מיט געפאַרבטע, אָנדאָלירטע פריזורן קאָסמעטירט־באַמאַלעוועטע פּנימער. די ווייבער האָבן נישט געבליקט אויף זייערע קרענקלעכע מענער. דיסקרעט אָבסערווירט צי פאַרבייגייענדיקע קוקן אויף זייערע פון ספרעי־געשטייפטע אָנדאָלאַציעס, נייע מאָדערנע קליידונג. האָבן זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט פאַר באַלויכטענע שוי־פענצטער. מיט לוסט־גאַרנדיקע אויגן באַוווּנדערט רע־שיק־קאָליריקע קליידער, לאַטשן, אונטערוועש, פינקלענדיק־רייצנדיקע בּיזשוטעריעס, לאָקנדיקע קאָסמעטיק־מיטלען. אַלע ווילע אָפּגעוואָרט זייערע פונדערווייטנס־קריכנדיקע מענער, געגלאָצט אויף עלעגאַנטע יונגעלייטלעך. שמואלס ווייבל, אַ שוואַרצהאָריקע מיט אַ טונקל־ברוינלעך, דיקלעך

פנים, שמייכלענדיקע ברוינע אויגן, ארויסגעגלאנצטע פון פריש־געפארבטע ווייס, קינסטלעכע ברעמען, האט זיך פארקלאגט אויף פעטלייביקייט. דער חברטע דערציילט, אז שוין א חודש האלט זי א שטרענגע דיעטע און ס׳העלפט גארנישט. עסט נישט קיין ברויט. אבער קען זיך נישט אפגעווינען פון קוכן, טשעקאלאדע און חאלווע. זי פלאנט פארן קיין תל־אביב, מאכן איבונגען אין א ספארט־קלוב. „אפשר וועט דאס העלפן״. זיך פארוויטלט. דערציילט: שוין חדשים גייט זי נישט מיטן מאן אויף מסיבות. ס׳איז איר שווער צו טאנצן. שעמט זיך. „אלע קליידער פלאצן שוין אויף מיר. און אויב מיין שמואל זעט, ס׳קוקט מיך ווער אן, א מאן מאכט מיר קאמפלימענטן, כאפט אים שיעור נישט די נכפה. וואס מער ר׳עלטערט זיך, אלץ שטארקער ווערט ער אייפערזיכטיקער״.

ברוכס ווייבל, א שלאנקע מיט געלאקטע האר, נערוועז פנימל, האט ערנסט אויסגעהערט די טענות. אויך זיך פארקלאגט, שוין צוויי יאר זענען זיי נישט געפארן קיין אויסלאנד. „אין אונדזער חברה זענען מיר די איינציקע, וואס פארן נישט אויף לופט־רייזעס. ס׳איז מיר פשוט א חרפה. מיין ברוך איז א פחדן. שרעקט זיך פאר מס־הכנסה. רירט זיך נישט פון ארט״. רבקה, האט זי געעצהט: „דיין שמואלן וועט ווערן לייכטער אויף דער אסטמע. דו וועסט זיך אויך אפצערן. רעד אים צו פארן קיין אייראפע״.

„זהבה״ האט רבקה געחוזקט. דער קמצן וועט פארן? כ׳שפיי דאך די גרינע גאל ביז כ׳דערזע פון אים עטלעכע טויזנט פונט זיך עפעס צו קויפן. ס׳קריכן מיר ארויס די אויגן. ר׳איז חרוב קראנק און הארוועט ווי אן אייזל. האט ליב א סך צו פארדינען. געלט איז פאר אים די גאנצע וועלט. אין אלע בענק האט ער אקציעס, האלט אין איין צו קויפן אויסלענדישע וואליוטע״.

„מיין אלטער איז דען בעסער?״ האט זהבה דערציילט איר בריהשקייט. פאר יומטוב האט זי מיט כוח קוים פון אים ארויסגעשלעפט פופציק טויזנט פונטלעך, עפעס איינגעקויפט פאר זיך. „זעסט, אויף מיין יום־הולדת האט ער מיר געקויפט דאס ברילאנטענע פינגערל. דאס, זאגט ער, ווערט טייערער פון טאג צו טאג״. דערזעענדיק איר מאנס בייזע בליקן, זיינע פינגער אויף ליפן־אנווייזונגען, זי זאל פארמאכן ס׳מויל, האט זי רבקהן פארערעדט: „מיין מאן ווייסט ווי אזוי זיך אומגיין מיט מענטשן. פאר פסח האבן מיר אויסגעגעבן א מאיאנטעק אויף מתנות. ער ווערטלט זיך: ,היינטיקע צייטן וועסט נישט שמירן, וועט מען דיך ליקווידירן׳. מיר לעבן גוט מיט אונדזער ועד עובדים. מ׳באזוכט אפט מאל די מנהלים פון מס־הכנסה, ביטוח לאומי און דאס, טייערינקע, קאסט. מ׳האט אויך פריינט אין הסתדרות. דאס קאסט אויך א הון. אנדערש איז אוממעגלעך״.

אזוי שמועסנדיק, זענעןביידע פארלעך צוגעקומען צום הערצל־בערגל. געגאנגען צום איינגעלאדענעם סדר אין שמואליק גאלדשטיינס ניי־אויפגעבויטער ווילע.

2

אין שמאָלע, תמיד שטילע, גרינבאַביימערטע שכונה־געסלעך אויפן ביל״ו־געסל איז אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. אויסגעפּוצטע, עלעגאַנטע, מיט פּאַרפום־באַשמעקטע דאַמען און מאָדיש־אָנגעטאָענע הערן קומען צו פאָרן אין לוקסוס־טאַקסיס. פריילעך, מונטער גייט מען צו משפחות, גוטע ברודער, אָנטייל נעמען אין קאָלעקטיווע סדרים. שליחים־ייִנגלעך, אויף רוישנדיקע, אימפּעטיק־פאָרנדיקע מאָטאָציקלעך, ראָווערן, שטעלן זיך אָפּ פּאַר אולטראַ־מאָדערנע־געבויטע ווילעס, קאָטעדזשן. אייליק, געשיקט שפּרינגען זיי אַראָפּ פון קליינע רונדיקע געזעסלעך. טראָגן אין שטובן יומטוב־מתנות: קרישטאָלענע סערוויסן, קיישלעך בלומען, וויסקעס, פּעק צוקערוואַרג, פּודלעס קאָסמעטיק.

אַז ביידע מיטליעריקע פּאָרלעך זענען צוגעקומען צו גאָלדשטיינס עקסקלאָסיוו, אָריגינעל־געבויטער ווילע, האָבן די ווייבער זיך אָנגעקוקט שטוינענדיק. באַוווּנדערט דעם מאָדנעם, נאָך אין ערגעץ נישט געזעענעם בויסטיל. זענען געבליבן פאַרגאַפט פון דער אויסערלעכער פּראַכט, ספּעציפישער סטרוקטור, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע דאָרט־אַרומיקע, אויסנאַמלעך־געבויטע, פאַרביק־באַטינקטע קאָטעדזשן מיט פאַרשידנאַרטיקע, שטיינער אַרומגעפּאַרקנטע, זאָרגפעלטיק קולטיווירטע בלומען און פרוכטן־גערטנער. מיט צעפּלעמלדיקע קנאה־אויגן באַזונדערס באַוווּנדערט גאָלדשטיינס פּראַכט־פול הויז מיטן העכסטן, דרייעקיקן, אַרויף־שפּיצלדיקן, רויט ציגלדיקן דאַך. גאַפנדיק געקוקט אויף דער אָריגינעלער סטרוקטור, אַנדערשדיקע קאָנסטרוקציע, אויף די מאָדנע־אויסגעשניצטע, אויבן־פאַררונדיקטע, שמאָלע, טונקל־פאַנירטע טירן, גאָטיש פאָרמיקע פענצטער. פון אויפרעגונג האָט רבקה זיך געביסן די ליפּן. היין און צוריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, געמורמלט: „אָהאָ!, אָהאָ!" זהבהן געוויזן די ברייטע, רחבותדיקע, לאַנגע וועראַנדעס, האַלב־פאַרמאַכטע מיט העל־גרינע פּלאַסטיק־לאָדנס און די שמאָלע, לאַנגע אויבנ־פאַררונדיקטע פענצטער, אינעווייניק פאַרהאָנגענע מיט געפאַלדעוועטע, נישט אינגאַנצן פאַררוקטע גאַרדינען. פון באַליכטיקטע גלאָז־פאַסן האָט מען געזען געסט. „די פאָרהאַנגען זענען זיכער פון אויסלענדישן שטאָף", האָט זי אָפּגעזיפּצט.

„אלהים! דאָ זעט דאָך אויס פּאַטריאַרכאַליש! מ׳זעט דאָך דאָס בלויז אין פילמען", האָט זהבה שטוינענדיק געענטפערט: „כ׳האָ דאָך גאָניש ווי די אויגן אַהינצוטיען. ווייס נישט אויף וואָס פריער צי קיקן".

„אַזוי ווי אין חלום!", האָט באַשטעטיקט רבקה. די אויגן אויסגעגלאָצט אויפן גרינבאַגראָזטן הויף מיט דופטן־פאַרשפּרייטנדיקע בלומען־בייטן, באַליכטענע מיט ראָזע־לייכטנדיקע רעפלעקטאָרן אויפן דריי עקיקן דאַך און ברויך־ברענענדיקע לעמפּ אין קיילעכדיקע בלויע אַבאַזשורן אויף נידע־

ריקע, גרינלעכע בעטאָן־רערלעך, צעשטעלטע אין בײדע זײַטן ברוינלעך, שטײנערדיק־אױסגעפּלאָסטערטן אַרײַנגאַנג־װעגל.

שמואל און ברוך האָבן אױך נײַגעריק, פֿאַרדראָסיק באַקוקט דעם מאָדנעם בױפּלאַן פֿון דער צװײשטאָקיקער חת־פּאַרמיקער געבײדע. געגלאָצט אױפֿן באַלױכטענעם גאָרטן־הױף מיט די צוגעשױרענע, רײצנדיקע רױזן־בײמע־לעך צװישן פֿריש געשניטענע, סאַמעט־גרינע גרעזלעך, װאָס האָבן פֿאַר־שפּרײט שיכּורדיקע ריחות, פֿונדערװײטנס אױסגעזען, װי אַ גרױסער פֿאַר־שידנקאָליריקער טעפּיך, אױסגעשפּרײט פֿאַר דעם הױז.

אַז בײדע פֿאַרפּעלקער זענען אַרײַנגעקומען אין גרױסן אױפֿנאַמצימער, זענען זײ אױפֿסנײ געװאָרן איבערראַשט פֿון די אינערלעכע לוקסוס־אײַנריכ־טונגען, פּרעכטיקע שטעטער פֿון אױסגעפּוצטע דאַמען און עלעגאַנטע הערן.

בײדע גברות: רבקה און זהבה האָבן זיך צו דעם סדר־באַנקעט געקױפֿט אין גאָלדשטײנס באַטיק ספּעציעלע קלײדער, אין המשביר — אױסלענדישע לאַטשן, זיך באַצירט מיט זײער שענסטן צירונג. דערזעענדיק אָבער די אַנװעזנדיקע פֿרױען, געקלײדעטע אין די לעצטע מאָדערנע, פּראַכטפֿולע, קאָליריקע מאַסקעס, שימערירנדיקע בריליאַנטן פֿון גרױסע, גאָלדענע האַנט־רינגען, בראָשקעס, אױרינגלעך, לאַנגע בײטשן פּערל, האָבן בײדע זיך געפֿילט געפּלעפֿט.

„װאָס זאָגן זי צו דעם?“, האָט זהבה געמורמלט, בײזלעך געקאָרטשעט די געפֿאַרבטע װיעס. פֿאַרשעמט, קנאהדיק אַראָפּגעקוקט.

„װאָס זאָל איך זאָגן? כ׳האָב דאָך שױן אײנען פֿריער באַמערקט. מענטשן מאַכן הײַנט אַ װיסט לעבן. מ׳לעבט אָן אַ חשבון. נישט אַלע װײַבער האָבן מזל“, ביטולדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, צעשפּרײט די הענט, באַדױערנדיק געקוקט אױף שמואלן און ברוכן.

בײדע מענער האָבן זיך געזעצט בײ אַ נידעריק, קײַלעכיק טישל, פֿאַר־טיפֿט אין אַ סוחרישן שמועס. שמואל האָט אױפֿגעקלערט דעם בױסטיל, געקוקט אױף די ברענענדיקע, קרישטאָלענע זשיראַנדעלן, פֿאַרנעפּלטע מיט רױך־קנױלן פֿון רײכערער, נישט געקענט פֿאַרנעמען די ריחות פֿון דער־נעבנדיקער קיך, װוּ מ׳האָט געדעמפּט, געגרילט פֿיש, פֿלײשן, געקאָכט גע־װירצטע מאכלים. די אַראָמאַטן פֿון צעשטעלטע בוקעטן בלומען, די באַ־שמעקטע װײַבער און פֿון פֿרעגלדיקע פֿלײשן, שטיקער קאָלעפּיאַרן, געטינקטע אין אײער, רױך־געשטאַנק פֿון רײכערער, האָבן אים געשטיקט. איז אַרױס אױף דער װעראַנדע. אױפֿסנײ קנאהדיק אָנגעקוקט דעם אַרומיקן פּראַכט, דאָס גרױסאַרטיקע הױז, אױסגעפּאַרטיקט מיט די טײַערסטע מאַטעריאַלן. נאָך אַמאָל באַװוּנדערט דעם גרױסן, הערלעכן גאָרטן. דערפֿילט אַ דריקונג בײַם האַרץ־גריבל. ס׳האָט אים געפּרעסט אָן אײפֿער־פֿאַרדראָס: „װי שנעל דער באַנדיט האָט זעך אַרױפֿגעאַרבעט. פֿאַרדינט מילאָנען. מאַכט אַ װיסט לעבן“, האָט ער, װי צו װעמען, הױך גערעדט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געמאַכט העװיות

מיט הענט. זייענדיק אַנטציקט פון די גאָרטן־בלומעלעך, ווילע־מויערן, האָט דער בוי־קבלן, שמואל ביטער, גאָרנישט באַמערקט, אַז פון די אַנטקעגנ־דיקע, צפונדיקע גרענעץ־בערג קריכן פּאַמעלעך אַרויס שוואַרצע, ווילד־צע־פליקטע וואָלקנס. ביסלעכווייז פּאַראייניקן זיי זיך מיט דרום־וואָלקנס, פֿאַר־שטעלן דעם פינקלענדיק־באַשטערנטן, טונקל־סאַמעטענעם הימל מיט דער מרה שחורהדיקער פּחדפולער לבנה. די כמאַרעס צעשפּרייטן און פֿאַראייניקן זיך. שוואַרצן אַלע ווילע־זייטן, פינצטערן דעם טונקל־אַוונטיקן אַרום. קאַלטע ווינטלעך צעבלאָזן שמואלס העמדל, קילן זיין צעהיצטן גוף, שוויס־פּיכטן שטערן. ער אָנט גאָרנישט דעם וועגנטועלן וויכער־אָנקום. פילט בלויז אַ לייכטן שוידער. איז צוריק אריין אין טומלענדיקן, לופט־פּאַרפּעסטיקטן סאַלאָן, באַהאַנגען מיט צאַצקעלעך, בילדלעך, באַזעצט מיט צייטווייליק־גענוסנדיקע יידענעס, געלט־גייציקע מענער.

3

אין סאַלאָן איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער הימלעכער. אַלע געסט האָבן זיך פריילעך אונטערגעהאַלטן. געלאַכט. גערעדט. געפּליאַטקעוועט. געפּיל־דערט, געוויצלט. די דיקע, אויסלענדישע גאָרדינען האָבן פֿאַרשטעלט די פענצטער. קיינער פון דער־אַ זיך פינאַנסיעלער חברה האָט נישט באַמערקט דעם זיך פינצטערדיקן דרויסן. קיין איינער פון זיי האָט נישט באַמערקט, אַז דאָס שטילע, אָנגענעמע פרילינג־וועטער ענדערט זיך הרפּעינדיק. דער דרויסן קען זיך פּלוצים צעשטורעמען.

אַלע פֿאַרלעך האָבן זיך לוסטיק אַמוזירט.

דער דאַרער, ברוינגלעך פּנימדיקער, ערנסט־בליקנדיקער אדון גליק, קבלן פון בויען האָטעלן, האָט מיט קליינע, כיטרע־קוקנדיקע אייגעלעך לייכט געשמייכלט צו דער רויט־האָריקער גברת ראָמאַן. איר דערציילט זיינע דערפּאַלגרייכע באַגעגענישן מיט באַוווסטע באַהעמע־דאַמען. ווערנדיק אַ ווילע ערנסט, זיך פּאַרקלאָגט אויפן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס ווירקט אויף דער גאַנצער בוי־בראַנזשע. ס׳ליגן ביי אים עטלעכע באַשטעטיקטע פּלענער און ער קען נישט אָנהייבן בויען. ס׳פעלט אויך געלט. זי העפלעך געבעטן אויסנוצן איינפלוס אויפן מאַן. „ביי אים פועלן, ער זאָל מיר באַשטעטיקן אַן הלוואהלע: דריי מיליאָן דאָלאַר”.

פרוי ראָמאַן האָט פֿאַרוויכערט אַן אויסלענדישן, גאָר לאַנגן פּאַפּיראָס. איראָניש אָנגעקוקט גליקן. שפּילנדיק זיך מיט איר בריליאַנטענער בראָשקע, געשפּאַסט: „אַהאַ! אייער אַפּעטיט איז גאָרנישט שלעכט. איר מיינט מיין מאַן איז דער איינציקער בעל־הבית אין באַנק?”. אַריינגעאָטעמט און אַרויסגע־בלאָזן דעם רויך. געעפנט אירע באָרדאָ־געשמיקנטע, פּאַרפּרעסטע ליפּעלעך. אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט, געשעפּטשעט, אים באַרויִקט: „פונדעסטוועגן,

ווען מיין מאַן וועט צוריקקומען פון לאָנדאָן, וועל איך פּרוּוון אויף אים ווירקן, ער זאָל באַאיינפלוסן די הנהלה זאָל איך באַשטעטיקן אַ געוויסע סומע. אָבער מיינט נישט, אַז אַלס מנהל פון דער באַנק, קען ער אַלץ באַשטעטיקן. ער וועט זיכער ווירקן, אָבער אייער פאַרלאַנג איז איבערגעטריבן".

אַנטקעגן זיי, ביי אַ נידעריק פאַרמייקע־טישל, אויף וועלכן ס'האָט געברענט אַ רויט־געפלאַכטן ליכט אין אַ קליין געל קעראַמיקע־לייכטערל זענען געזעסן דער ברייט־פעסלדיק־בייכלדיקער אינסטאַלאַציע־קבלן אדון פעליקס זילבערמאַן מיט דער גברת סאָניע גאָלדבערג. ער האָט אַלע מאָל געגלעט זיינע שוואַרצע, גלאַנציקע, ברילאַנטירטע האָר איבערן שמאָלן שטערן־פּאַסיקל; פאַרריכט די גאָלד־באַרעמטע ברילן, וואָס האָבן פאַרדעקט כמעט אַ העלפט פון זיין רויט־פליישיק פּנים און האָבן זיך כסדר אַראָפּגערוקט ביזן העלפט פון זיין דיקער, רויטלעכער נאָז. אייניקע מאָל אַראָפּגענומען די ברילן. מכלומרשט זיי געפּוצט, הנאהדיק געקוקט אויף סאָניעס האַרמאָניש־ווייבלעכן גוף. תאווהדיק געבליקט אויף אירע אויסגעפּאַסטע, גרינלעכע דזשינס־הויזן, העלגרינלעך סוועטערל, אָנגעצויגן אויף איר דיקלעכן קנוילענדיקן ביוסט. עטלעכע מאָל זיך צוגעבויגן צו איר קאָפּ, געשמעקט די עכטע רויטע רויז, אַן אַריינגעשטעקטע אין אירע געלאַקטע העלע האָר. סאָניע האָט דערפילט זיין פאַרלוירנקייט. אים מער גערייצט: חנדלדיק פאַרצויגן די באַרויטלטע ליפּן. זיי איבערגעשמינקט. זיך צו אים גענייענטערט. געשמייכלט ליבלעך. אים גערימט. ער וויסט, ווי אַזוי זיך אויפפירן אין אַ געזעלשאַפט, ספּעציעל מיט אַ פרוי. זיינע קאָמפּלימענטן זענען נישט איבערגעטריבן. מ'גלייבט זיי. פאַרשאַפן הומאָר־שטימונג. „איר פירט זיך אויף ווי אַן אמתער דזשענטלמען". זיך פאַררויטלט. געהאַט הנאה פון זיין דערקלערן זיך אין פריינטשאַפט. אַן איבערראַשטער געהערט איר צוזאָג: „ווען מיין מאַן וועט בשלום צוריקקומען פון אויסלאַנד און אייער פרוי וועט, אין אַ גוטער שעה, צוריקקומען פון שפּיטאָל מיט אייער געבוירענעם זון, וועלן מיר איך באַזוכן, ברענגען די שענסטע מתנה. אין קורצן אָרדענען מיר איין אַ קאָקטייל־אויפנאַמע. איר וועט זיין אונדזערע וויכטיקסטע געסט". זילבערמאַן האָט זיך לייכט פאַררויטלט. געשמייכלט. אויך צוגעזאָגט אַנטייל נעמען אין דער אויפנאַמע. איר קויפן אַ סורפּריזנדיקע מתנה. אַביסל צוריקגעהאַלטן, נישט זיכער פראַפּאָנירט: „מיר ביידע זענען היינט פרייע פייגעלעך". אָנגערירט איר רעכטע קני, געגלעט איר אַקסל, די האָר, געבעטן נאָכן סדר מיט אים פאָרן קיין תל־אביב „אַביסעלע פאַרברענגען". סאָניע האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. געוואָרן איבערראַשט. זיך געפילט דערשטוינט. נישט געריכט זיך אויף אַזאַ וואָגנדיקן פאָרשלאָג. נאָך דערצו פון אַזאַ גוט־באַקאַנטן דזשענטלמען. מיינענדיק קיינער באַמערקט זיי נישט, מ'הערט נישט זייערע שטילע שעפּטשערייען, אים אין אויער איינגערוימט אַ סוד:

„בין נאָך נישט פאַררוקט צו ריזיקירן מיט דיר פאָרן קיין תל־אביב.

נאָך דערצו אין שפּעטע אָוונט־שעהן .אָבער מאָרגן פינף אַ זייגער באַכמיטאָג, וועל איך דיך אָפּוואַרטן פאַר „הבימה"־טעאַטער.

פילנדיק זיך ווויל, האָט ער איר דערציילט וועגן די דערפאָלגן אין זיין גוט־פּראָספּערירטער אינסטאַלאַציע־אונטערנעמונג און אין לעצט־געעפנטער קאָנסערוון־פאַבריק. זיך פאַרקלאָגט אויף קאָפּ דרייעני־שן מיט מס־הכנסה, וואָס פאָמפּעוועט ביי אים אויס אַ גרויסן טייל פון די פאַרדינסטן, אויף זיינע אָפּטע אויפרעגונגען פון די כסדרדיקע הסתדרות־פאָדערונגען צו העכערן אַרבעטס־לוינען, פאַר אַלע אַרבעטער צאָלן סאָציאַלע פאַרזיכערונגען. ווען נישט אָט די ביידע מאַטערנדיקע פּראָבלעמען, וואָלט ער שוין פאַרמאָגט אַ היפּשן קאַפּיטאַל, געגרינדעט נאָך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

„כ'פאַרלאָז זיך אויף אייך. מיט אונדזערע באַאַמטע קען מען זיך געבן אַן עצה. איך ווייס דאָך: אַז מ'שמירט, פאָרט מען" ברייטלעך אָנגעצינדן אַ רויט שוועבעלע, פאַררויכערט אַ „טיים"־פּאַפּיראָסל, אויף אים אַרויפגעבלאָזן קיילעכלעך רויך.

נעבן דער טעלעוויזיע איז געשטאַנען גאָלדשטיינס שוועסטער נורית, אַ דאַרע בלאָנדהאָריקע ליטעראַטור־סטודענטקע. זי איז געווען אָנגעלענט אויפן לינקן אַקסל פון איר חבר, דעם הויכן, דיקלעכן גדי. נוריתס בלויע אויגן האָבן פון באַבלויעטע וויִעס טרוימענדיק אַרויפגעקוקט אויף גדיס דיקלעך, ברוינעם פּנים. אַלע ווייִלע אַוועקגעשטופּט זיינע האָריקע הענט בעתן גלעטן אירע ברוסטלעך, אַרויסגערונדיקטע פון ווייס, גלאַנציק, זיידן בלוזקעלע. צו אים געווינקען ער זאָל אויפהערן באַרירן אירע היפטן. דאָס יונגע פּאָרל איז געשטאַנען אַרומגענעמען מיט פאַרפלאָכטענע הענט: זי אויף זיין האַלדז און ער אויף איר דעקאָלטירטער פּלייצע. מיט זיין שפּיציק, שמאָל, קורץ נעזל באַרירט נוריתס צעוואַרעמטע, ראָזלעך־פלעמלדיקע באַקן, נעזל, באַשמינקטע ליפּן, שמאָל שטערנדל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אירע אַראָפּגעקעמטע, צוגעשוירענע, העל, פלאַקס־קאָלירקע האָר, אַלע מאָל ווו אַנדערש באַרירט איר פּנים מיט דער נאָז, ווי מיט אַ בלייפעדער געצייכנט אויף אירע באַקן, שטערן. מיט לוסט־צעפּייערטע אויגן אַריינגעקוקט אין אירע פאַרחלומטע אויגן. די צערייצטע נורית האָט געאַנט, מ'אָבסערווירט זיי. זיך פון אים עטוואָס אָפּגערוקט, געפרעגט:

„מאָלסט לעצטנס ?".

„פאַרענדיקט עטלעכע מיניאַטור־פּייזאַשן".

„גדי, דיין אַבסטראַקט מאָלן פאַרשטיי איך גאָרנישט".

„וואָס ?", געפרעגט אַנטוישט, באַליידיקט. זי אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

„פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט די גלילער לאַנדשאַפט, וואָס כ'האָב דיר געגעבן יענע וואָך ? דאָס איז דאָך", איר דערקלערט: אַ פאַרנאַכט אויפן כרמל. די פלאַמיק אונטערגייענדיקע זון באַליכטיקט רויטלעך די נאָך נישט באַבויטע, באַביימערטע בערג און די טונקעלע מדבר־שטיינער, באַוואַק־

סענע מיט ווילדע געוויקסן, געל־פאַרטריקנטע דערנער. אַלץ, אַלץ שימערט אין די לעצטע, זון־באַגאַלדיקטע טאָג־מינוטן. צווישן פעלדזיקע גראַניטן זענען אויפגעבויט עטלעכע הייזלעך, אַרומגערינגלטע מיט קולטיווירטע פרוכטן און גרינוואַרג־גערטנער. אין וואַלדיקן אונטערגרונט שטייען באַהאַלטן שוואַרצע מענטשן — סילועטן. זיי האַלטן געלאָדן געווער, דינאַמיט־באָמבעס. וואַרטן אַז די אַהיימגייענדיקע אַרבעטער זאָלן זיך נעענטערן. ווילן זיי דערמאָרדן. אויך אויפרייסן עטלעכע הייזלעך.

„אַ בילד דאַרף מען אַליין פאַרשטיין”, האָט נורית געשמייכלט: „די טעמע איז אַקטועל. אָבער מער ווי פאַרב־שיכטן באַמערק איך גאָרנישט אויף דיין בילד. גדי, וועסט יעדן אויפקלערן דיינע וויזיע־בילדער, געמאָלענע מיט דיקע פאַרב־שיכטן?”

„אָבער נורית”, אויפסניי אויפגעקלערט: „איך מאָל לויט דער לעצט־עקספרעסיאָניסטישער מאָדע”.

„די קונסט איז אייביק. נישטאָ אין איר קיין שום מאָדעס. שיטות”. זיך פון אים אָפגערוקט, געוווּנדערט: „אונטערן סורעאַליזם־אויסרייד באַהאַלטן זיך טאַלאַנטלאָזע נאַטור־קאָפּירער, ווערטער־צוזאַמענשטעלער. די־אַמאַלעוון אויס פאַרביקע נאַטור־אָביעקטן, אויסטערלישע פרצופים, שרייבן אומפאַרשטענדלעכע טעקסטן. קונסט דאַרף אויפדעקן דאָס מיסטעריעזע. די נישט פאַר יעדן־באַמערקטע לעבנס־דערשיינונגען צו אַנטפּלעקן. מאַכן פאַרשטענדלעך, זיניק אויפפּאַסן טויטע דוממס. דאָס פשוטע, פון אַלעמען געזעענע, פאַרשטענדלעכע וועזנס, געשעענישן, מאָלן אָדער שילדערן מיט איבערגעטריבענע, רעשיק־קאָליריקע פאַרב־שיכטן אָדער מיט מטושטשע הויל־גלעקלדיק־קלינגענדיקע ברוגז־געזיווגטע ווערטער איז נוצלאָז, ווערטלאָז, איבעריק. אַז איך לייען אַ ליד, דערציילונג, זע אַ געמאָלן בילד וויל איך פאַרשטיין דעם מחברס מיין. וויל דערבליקן דאָס, וואָס כ׳האָב אַליין אין לעבן נישט באַמערקט, נישט אויפגעפּאַסט. אַלע פסעוודאָ־„קינסטלערישע” ווערק, וואָס מאַכן מיך, ס׳לעבן מטושטש, ברויך איך נישט”.

דער באַליידיקטער גדי האָט אַריינגערעדט אין איר. געוואָלט איבערציִגן, אַז נאָר ס׳רמזימדיקע, מעטאַפאָרישע האָט אַ קינסטלערישן ווערט. מאָלן, שרייבן לאָגיש־קלאָר, פראָסט־געדאַנקלעך, גרענעצט זיך מיט פאָטאָבילדער, דערציילערישן רעפּאָרטאַזש. ער קען אויך מאָלן רעאַליסטיש. וואָס וועט ער אָבער האָבן? די קריטיקער וועלן זיינע בילדער נישט אַנערקענען. צוליב דעם אויך נישט ווערן פאַרקויפט. זיין מי וועט דאַן זיין צוועקלאָז. „חמודהלע, פאַרשטיי” נערוועז באַטאָנט: „אויב די רעצענזיע־לייט רעקאָמענדירן נישט אַן אויסשטעלונג אָדער אַ בוך, איז דעם קינסטלערס הצלחה אויסזיכטלאָז. אויב אַזאַ איינער וויל זיך סתם נוקם זיין אַפילו אין אַ טאַלאַנטירטן, אָבער נאָך נישט באַוווּסטן קינסטלער און רייסט אים בייזוויליק, אַרונטער, איז דעם שעפערס מיאונג צייטווייליק אומזיסט.

שוואַכע נאַטורן קענען אויך רעזיגנירן פאַרזעצן שאַפן. קיינער וועט זיך דעם אומבאַקאַנטן קינסטלער־קרבנס קריוודע נישט אָננעמען. זיינע ווערק קענען אויך ווערן פאַרפאַלן. די בייזוויליקע קריטיק איז באַגלייבט. האָבן דאָך מענטשן ליב צו דענקען לויט מיינונגען פון פּראָפעסיאָנעלע קריי־טיקער. האָבן אַ געוווינהייט נישט אָנשטרענגען דעם אייגענעם אינטע־לעקט. אַלס ביישפּיל דערמאָנט נעמען פון באַדייטנדיקע מאָלער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן מאָלן עקספּרעסיאָניסטיש און האָבן גרויס ערפאָלג. מ׳לויבט זיי צענפאַכיקער ווי פריִער. קונסט־קריטיקער פאַרעפנטלעכן לויב־אַרטיקלען אין דער פּרעסע און בלויז דערפאַר ווערן זייערע בילדער גוט פאַרקויפט, און דאָס פאַר טייערע פּרייזן. די בעסטע קונסט־ליבהאָבער האָבן תמיד גערן דאָס געלויבטע, אָנערקענטע. באַגייסטערט זאָגן נאָך שבחים פון די פּראָפעסיאָנעלע רעקאָמענדירער. „נורית, איך קען נישט גיין קעגן שטראָם. האָב נישט קיין כוח זיך אָפּזונדערן. מוז מאָלן לויט דער לעצטער מאָדע". זיינע אויגן האָבן זיך פלעמלדיק צעגלאַנצט. זי אָנגעקוקט צופרידן. געפילט זיינע ווערטער איבערצייגן זי.

„גדי, מעגלעך האָסט רעכט. אונדזערווירקלעכקייט איז דאָך אומקלאָר. וויל מען אַוועק אין אַן אויסגעטרוימטער, וויזיאָנערישער רעאַליטעט. די ווּיסנשאַפט מיט אירע אולטראַ־מאָדערנע, טעכנישע דערגרייכונגען האָט דעם מענטשן נישט געמאַכט גליקלעך. וויל מען צוריק גיין צו דער מיסטיק. דאָס מערקט זיך אין די לעצט־דערשינענע לידער־ביכער. פאַראַן שוין אויך מיסטיפיצירטע, סימבאָלישע דערציילער. בין אָבער נישט מסכים, אַז די סורעאַליסטישע מאָלער, עקספּרעסיאָניסטישע דיכטער מאַכן דאָס צוליב פּאָפּולאַריזירן זייערע ווערק. איך אָבער האָב ליב אין דער קונסט, אין אַלע פאָרמען, געביטן בלויז דאָס, וואָס כ׳פאַרשטיי. מיין אבא ע"ה האָט מיך געלערנט: ,פּשטות איז די העכסטע מדרגה. תמיד זיי נאַטירלעך".

גדי האָט ווידער אויפגעקלערט, געוואָלט באַרעכטיקן זיין מטושטש מאָלן. נורית האָט אים געבעטן איבעררייסן דעם שמועס. מכלומרשט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ מסכימדיק, גלייך זי גיט אים נאָך. ער האָט נישט אויפ־געהערט פאַרטייטשן זיין אַרט מאָלן. זי האָט אים שטוינענדיק אָנגעקוקט, באַוווּנדערט זיין באַהאַוונטקייט אין דער פאַרבן־טעאָריע. טראָץ אירע קעגנ־זייטיקע מיינונגען, האָט דאָס יונגע מיידל דאָך אין זיך באַרעכטיקט איר חברס פּראַקטישן צוגאַנג, זיך צופּאַסן צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, ווירקלעכקייט, זיין מאָדיש. אין זיך גערעדט: „זיין דאָך־קישאַטיש־קעמפע־ריש קעגן אָנגענומענע מיינונגען, געשמאַקן איז ריזיקאַליש. ער מאָלט בכדי צו מאַכן אַ לעבן. זאָרגט נישט פאַר דער אייביקייט".

פאַרקוקנדיק זיך אויף גדיס אַנטבלויזטער, האָריקער ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעטונקלט פון דעם צעקנעפּלטן, רויטן העמדל, האָט זיך איר ערנסטער בליק געענדערט. קאָקעטיש־שמייכלענדיק אים געפרעגט צי ס׳איז

פּאַסנדיק פּראָפּאָנירן די געסט, מ׳זאָל אַביסל טאַנצן פאַר דער סדר־מסיבה. „די זקנים וועלן זיכער נישט מסכים זיין״, באַלד געצווייפלט: „נישט כדאַי״. גדי האָט גוט פאַרשטאַנען איר מיין. אויך געגאַרט זי אַרומנעמען, קאַראַהאַד־מעסיק זיך צעטאַנצן. אַ נישט דרייסטער צוגעגאַנגען צו די נעבן זיי זיצנ־דיקע. געפרעגט זייער מיינונג. נוריתס און גדיס פאַרשלאַג האָט אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטן ווערטער־אויסטויש. טייל האָבן געשטוינט פון דער חוצפּה צו טאַנצן פאַרן סדר. אַנדערע, מער פּראָגרעסיווע, בראש מיט דער גברת גאָלדבערג, האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע „פאַרטגעשריטענע״ מיינונגען: „די סימבאָליש־רעליגיעזע סדר־צערעמאָניעס זענען אַמאָל געווען נויטווענדיק צו דערמאָנען די באַפרייונג פון דער פאַרקנעכטונג אין גלות מצרים. האָבן אין אַלע דורות נאַציאָנאַל געקרעפטיקט, געטרייסט, געוועקט גאולה־טרוימען. היינט, אין דער באַפרייטער ישראל־ווירקלעכקייט, האָט די סדר־פייערלעכ־קייט בלויז אַ יומטובדיק־פאָרווילערישן כאַראַקטער. מ׳קען טאַנצן״. רוב אַנוועזנדיקע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אַמוזירנדיקן ווערטער־אויסטויש. יעדער האָט אַרויסגעוויזן היסטאָרישע און געלערנטע באַהאַוונטקייט. האָבן באַשלאָסן פרעגן דעם גאַסטגעבער, אדון גאָלדשטיין, וועלכער האָט גאַר לעבהאַפט געפּלירטעוועט מיט זיין שוועגערין, מירה שיינבוים. ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבן זיין לאַנג־באַהאַרטן קאָפּ, זיך אויסגעגלייכט. ערנסט אויסגעהערט זיינע געסטס מיינונגען. נאָכן באַראַטן זיך מיט מירהן, זיך צעשמייכלט. איז געווען צופרידן פון דער פלוידערנדיקער היימלעכקייט. זיך געגרויסט פון דעם כבוד, ער זאָל באַשטימען. זיין דיקלעך צערויטלט פּנים איז געוואָרן אויפגעבלאָזן, פולער, אַזש דער פליישיקער קאַרק האָט זיך איבערגעפּאַלדעוועט איבערן שטייפן, ווייסן העמד־קאָלנער, פאַרשלייפט מיט אַ ברייטן, גלאַנציקן, שוואַרצן שניפּס. פון אַ זילבערן, מיט בלימעלעך־אויסגעגראַווירט שעכטל אַרויסגענומען אַ גראָבן סיגאַר, אים אָנגעצינדן, ברייטלעך אַריינגעאָטעמט דעם רויך. זיך אַרומגעקוקט. „טיף״ געבליקט מיט כיטרע, גלאַנציקע, טונקעלע אייגעלעך. באַטראַכט די געסט. פאַרצויגן דאָס שמאָלע שטערנדל, ווי ער וואָלט געקלערט לעזן אַ קאָמפּליצירט־מסחרישן ענין. געשמייכלט צו מירהן, די פרעגער געעצהט: „פילט אייך פריי. האַנדלט לויט אייער איינזען״.

מירה שיינבוים, די מאַטעמאַטיק־לערערין, רעפערענטן און באַלעט־טענ־צערין איז גאָר געוואָרן אַנטציקט, צעשטראַלט פון איר שוואַגערס טאַקטפולן ענטפער. אים געריימט. אויסגעדרוקט אָנערקענונג, קאָמפּלימענטירט זיין גוט אָרגאַניזירן די פיינע אויפנאַמע. ספּעציעל געלויבט זיין שיין־פריזירטע, פּעך־שוואַרצע האָר, אַביסל אַראָפּגעקעמטע אויפן שטערן. „דיינע לעקעלעך, ווי כישוף־צווענגעלעך, דיין גרינלעכער אָנצוג, דאָס אָפּצערן ס׳בייכל מאַכן דיך יונגער מיט אַ צען יאָר. זעסט אויס, ווי דער אַמאָליקער צוואַנציקיאָריקער קונדעס״. זיך הויך צעלאַכט. מיט דער רעכטער האַנט אַרומגענומען זיין

האלדז. שמייכלענדיק געפרעגט: „געדענקסט, ווען מיר האָבן זיך געליבט? די ראָמאַנטישע צייטן אין בית־הספר התיכון אויף נאַרדאַו־גאַס קען מען נישט פאַרגעסן. צו פלירטעווען האָסטו שוין דאַמאָלס גוט געוווּסט. אַמאָל געווען אַנדערע צייטן.ביידע האָבן מיר נישט געהאַט קיין שׂכל. די הייַנטיקע יוגנט איז פאַרנונפטיקער, פּראַקטישער".

גאָלדשטיין האָט אַריינגעקוקט אין מירהס צעפּלאָמטע, ברוינלעכע אויגן, זיך צו איר צוגעבויגן. רייצנדיקע זאַלבן, פּאַרפום־גערוכן, איר קערפּער־וואַרעמקייט האָבן אין אים געוועקט לוסט. פאַרליבט צו איר געשמייכלט.

אויף אַ וועגעלע האָט די שוואַרצהאַריקע, טונקל־פּנימדיקע אסתר חמאמי צעפירט „לייכטן" כּיבוד: פלעשער אויסלענדישן וויסקי, שאַמאַפּאַן־וויין, פרישע, שמעקנדיקע געבעקסן, שטיקער קעסטלדיק־צעשניטענע טאָרטן, ניס, מאַנדלען, רויטע עפּל, געלבלעכע באַרנעס, געטריקנטע פרוכטן. דאָס יונגע, חנעוודיקע מיידל איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גאָר קורצן דזשינס־ראָק, ווייס־זיידענע בלוזקע. אַ האַלבן קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ העל־בלוילעך, גלאַנציק טיכל, באַרעמט מיט אירע שוואַרצע האָר־בייגעלעך. פאַר די זיצנ־דיקע ביי צעשטעלטע, נידעריקע טישלעך האָט זי זיך, ווי אין אַ באַר, העפלעך פאַרנייגט. צו אַלע געסט חנפול געשמייכלט, געפרעגט יעדנס ווונטש. דערלאַנגט געטראַנקען, פאַרבייסעכץ, נאַשערייען.

צו דעם טישל, נעבן וועלכן ס'זענען געזעסן דער באָס מיט זיין שוועגערין, איז אסתר נישט צוגעפאַרן. זי קען גוט דעם ווייבער־ליבהאָבער. נישט געוואָלט שטערן זיין לוסטיק זיך אונטערהאַלטן מיט דער אָנגעמאַ־לעוועטער קאָקעטקע, מירה „די באַלעטניצע", ווי מ'האָט זי גערופן אין דער שכונה. אסתרס ווייבלעכער נייגער האָט אָבער געוועקט חשד. אַלע מאָל געבליקט אויף דעם צערייצטן שעף, וועלכער האָט זייער אָפט אַריינ־געבליקט אין מירהס דעקאָלטירטן ביוסט־גריבל. זי האָט געשמייכלט איראָ־ניש, זעענדיק גאָלדשטיינס אויפצאַפּלען בעתן רגעדיק באַמערקן דער שווע־גערינס האַלב־אַנטבלויזטע, ראָזלעכע ברוסטלעך. נאָכפאָלגנדיק באַמערקט מירהס קוקן אין שוואָגערס לוסט־גאַרנדיקע אויגן. איז גאָר צופרידן פון זיינע זיך אויפוועקנדיקע יוגנטלעכע ליבע־געפילן צו איר. מילימעטערווייז געגענעטערט איר צעהיצטן קערפּער צו אים. גאָלדשטיין האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן: „מירהלע" געשעפּטשעט: „ביסט שיין ווי אַמאָל. בחיי, האָסט זיך גאָר נישט געענדערט".

אין אָנהייב איז מירה געווען צופרידן פון זיין קאָמפּלימענט. אַביסל געקוואָלן, אַז איר פלירטעווען מיטן שוואָגער וועקט אייפערזיכט ביי איר מאַן, מיכאל, וועלכער האָט זיך „צוגעקלעפּט" צו דער געלער רותי.

מירה ווייסט: מיכאל האָט וועגן דער געלער שאַנסאָנעטקע, וואָס האָט זיך שוין געעגט מיט דריי מענער, אַ נעגאַטיווע מיינונג. זי מיינט ער איז קעגן זיך פאַרבונדן מיט דעם נישט. האָט אָבער געטעותט, אַז איר מאַנס

פריילעכע האַלטונג מיט רותין באַצוועקט בלויז פּרוּוון ביי מירהן, זיין ווייב, אויפוועקן אייפערזיכט. וואָס מער מירה האָט באַמערקט זייער לעבהאַפטע, פריילעך געשפּרעך, אַלץ מער איז זי געוואָרן אומרויִק. מורא געהאַט: מיכאל קען רותין אויספּלוידערן זייערע אַפּטע קריגערייען, קעגנזייטיקע טענות: „מירה, קאָקעטירסט מיט אַלע מענער" — „מיכאל, פאַרשטייסט ווייניק ווייבלעכע געברויכן, ביסט טאַקטלאָז" — „צופיל פאַרנומען אין שיך־געשעפט. קיין מאָל האָסטו נישט קיין צייט מיט מיר פאַרברענגען אויף פאַרווײַלנדיקע אָוונטן". מורא געקריגן, מיכאל וועט זי פאַרשטעלן אַלס אַ לייכטזיניקע, וואָס פאַרנאַכלעסיקט די שטוב־ווירטשאַפט. קאָכט נישט גע־שמאַק, איז קריגעריש, פּרעטענציעז, וויל כסדר אַרומהוליען. ווען מיכאל ווערט צערייצט, טענהט זי, „בין מיד". איז געווען זיכער: מיכאל, דער פּלאַפּלער, וועט פאַר „דעם פליאַק מיטן פּיסק אויף שרויפן", אויספּלוידערן, מירהס באַקלאָגן זיך: „צו לעבן מיט אַזאַ פאַרשלאָפענעם מאַן, ווי דו, שלימזל, איז אַן אומגליק. כ'האָב פאַרשפּילט מיינע יונגע יאָרן".

מירהס פלירטעוון מיטן שוואָגער האָט איר אַביסל געשטערט נאָכ־צוקוקן נאָך מיכאלס לוסטיק זיך אונטערהאַלטן מיט דער געלער רותי. — זיך אָפּגעהאַלטן אים רייצן. מירה איז קיין מאָל נישט אייפערזיכטיק. געווען זיכער: קיין שום פרוי וועט מיט איר מיכאל, דעם שוואַכן מאַנצביל, נישט וועלן פאַרברענגען. געמיינט, ער האָט גאָרנישט קיין שכל ליבלעך אָנרעגן פרויען. מערקנדיק מיכאלס גלאַנציקע אייגעלעך, וואָס גאַפנדיק קוקן אויף דער עלעגאַנטער, שיינער פרוי. זעענדיק רותיס גלעטן מיכאלס האָר, פּנים. איר אַפּטע מאָל דערנענטערן אירע ליפּן צו זיין אַביסל אָפן מויל, האָט מירה מורא געהאַט, די רכילותניצע קען זיך פון איר מאַן דערוויסן שטוב־סודות. רותי קען אויך מיכאלן צורעדן מיט איר פאַרברענגען. נישט געקענט אָפּ־רייסן די אויגן פון רותיס לוסטיק אַמוזירן מיכאלן. אים פרעך גערייצט, ווי זי האָט גערייצט איר שוואָגער. ס'האָט איר פאַרדראָסן רותיס עלעגאַנטע קליידונג, קאָסמעטירט פּנים. געחוזקט: „די פאַנפאַראָנקע האָט זיך אַזוי באַשמעקט, גלייך זי וואָלט זיך געבאָדן אין אַ וואַנע פאַרפום. איז אויסגע־פּיאַצקעט אין אַ ווייסער דורכזיכטיקער בלוזקע און אין אויסגעפּאַסטע רויטע הויזן, ווי אַ זיצנדיק „מיידל" פאַר נאַכט־באַרן. מירהס רייד זענען געוואָרן צעטומלט. נישט זאַכלעך געענטפערט אויפן שוואָגערס פאַרווײַלנדיקע פאַר־שלאָגן. גאָלדשטיין האָט באַמערקט מירהס כעסיקע בליקן אויף רותיס שמייכלען צו מיכאלן, צו אים חברהמאַניש־פראָוואָצירנדיק ווינקען. איר צערודערטקייט, באַמערקט רותיס זיך נאָענט צובייגן צו מיכאלן, אים שושקען אין אויער און זיין רויטלען זיך ווי אַ יונג, נאַיִוו בחורל, בשעתן הוליען ס'ערשטע מאָל.

רותיס פריילעך זיך אונטערהאַלטן מיט מיכאלן האָט מירהן גוט פאַר־דראָסן, אָבער נישט געאַנט, אַז איר פריִערדיק רייצן דעם שוואָגער, האָט

אויף געקרענקט איר מאַן, וואָס האָט ספּעציעל אָנגעהויבן פלירטעווען מיט רותי. „כ׳וועל אים שוין לערנען שכל״, האָט מירה באַשלאָסן, צאַרנדיק־קוקנדיק אויף מיכאלן, אַ צוגעטוליעטן צו רותין, ווי אַ פאַרליבטער.

„שמוליק״, האָט מירה קינסטלעך געשמייכלט, שטיל געזאָגט: „מאָרגן פאָרט מיכאל קיין אילת אויף דריי טעג״.

דער דערפאַרענער, דרייסיקיעריקער אייגנטימער פון קליידער־באַטיק אויף אַלענבי־גאַס האָט אַביסל געקענט ווייבלעכע אייגנשאַפטן, פאַרשטאַנען מירהס אָנדייטונג. איר דערקלערונג האָט אים צעטומלט. נאָך אַ ווײַלע צופרידנדיק באַשטעטיקט: „אַ קעי. דאָס איז פיין״.

מירה האָט באַמערקט שמואלס פיבערן, שוויצן. געווען צופרידן פון זיין פאַרלוירנקייט. זיך געפילט ווויל. געווען זיכער, זי האָט אַריינגעפאַנגען דעם שוואָגער אין איר פּרויען־נעץ. צו זיך גערעדט: „דאָס וועט שוין גוט אָפּ־לערנען מיין יאַצמאַך פאַר זיין עפנטלעך ראָמאַנסירן מיט דעם געלן דריאַן״.

„מירהלע, זעסט אויס ווי אַ מלכת יופי. בחיי, האָסט טויזנט חנען״, זי אַרומגענעמען. זיין איבערגעטריבענער קאָמפּלימענט האָט זי איבערראַשט. אַ פאַררויטלטע באַדויערט: „אַ שאַד, וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען אין אוניווערסיטעט. צוליב דעם מיט דיר איבערגעריסן. ריכטיק״, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן: „מיר ביידע זענען פאַרהייראַט. אַזוי האָבן געוואָלט אונדזערע גורלס. היינט איז אָבער אַ מאָדערנע צייט״. האָט אויפגעהויבן נייגעריקע אויגן. אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט. אַנטשלאָסן געזאָגט: „אין אַלע אומשטענדן קען מען זיך געבן אַן עצה״.

ער איז געבליבן זיצן צעטומלט. אויף אַזאַ דרייסטקייט זיך נישט גע־רעכט: „מירהלע, מיין ליבע. ביסט טויזנט פּראָצענט גערעכט. בין פול־שטענדיק איינשטימיק מיט דיינע פאַרגעשריטענע אָנשוויונגען״.

„מאָרגן טרעפן מיר זיך אין קאַפע „נוגה״, אויף פרישמאַן־גאַס״, האָט זי טריומפירט.

„אַ קעי״, האָט ער ציטערנדיק געשעפּטשעט. אָבער „נוגה״ איז צו נאָענט. ס׳קומען אויך דאָרט מיינע באַקאַנטע. לאָמיר זיך טרעפן פאַרן קינאָ „מתמיד״. אפשר וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן, זעען אַ פיקאַנטן סעקס־פילם״.

ברוכס ווייבל, די זשאַבעטע זהבה, האָט אַריינגעשעפּטשעט אין רבקהס אויער. ביידע האָבן אַקצעפּטירט געשאָקלט מיט די קעפּ. זשעסטיקולירט מיט הענט. חוזקדיק גערכילותט פון ביידע ראָמאַנסירנדיקע פאַרלעך: גאָלדשטיין מיט דער שוועגערין און די געלע פאַנפאַראָנקע מיטן תמעוואַטן מיכאל. „אוי אַ געלעכטער. שקר מיט שלימזל״, האָט זהבה באַמערקט.

מיט אַ פאַפּירן־סערוועטקע האָט זהבה אָפּגעווישט די גאָמבע פון פאַר־קרישלטע פיצלעך קוכן, עטוואָס פאַרשמירטע מיט שאָקאָלאַד, וואָס איז איר געריגען פון מויל. צוגעגלעט די האָר. איילִיק זיך אויפגעהויבן. פאַרדראָסיק געזאָגט: „רבקה, ס׳וועט באַלד זיין לעבעדיק״. איז אַריין אין קיך. גאָלד־

שטיינס ווייב שטיל געוואָרנט, זי זאָל זיך ווינציקער פאַרען אין קיך; ליבערשט עפענען די אויגן: „גיבן זי בעסער אַכטונג אויף אייער מאַן. ער איז צופיל פאַרקאָכט מיט אינס שוועסטער".

אַ נייגעריק־צאַרנדיקע איז אורה אַריינגעלאָפן אין טומלענדיקן סאַלאָן, פאַרנעפּלט פון גערייכערטע סיגאַרן, פּאַפּיראָסן, פיל מיט שטיקנדיקע ריחות פון שוויס, אַלקאָהאָל־געטראַנקען, קאָסמעטישע זאַלבן. אימפּעטיק צוגע־לאָפן צום מאַן. אויף אים כעסיק געקוקט. באַפעלעריש אויסגערופן: „חוצפּן! מאַכסט אַ לעבן, האַ? מיך האָסטו אַוועקגעשטעלט אין קיך. אַ גאַנצן טאָג האָרעוועט איך. גרייט צו אייערע באַשטעלטע פּרעסערייען פאַר דיינע געסט. יעצט פאַרשטיי איך, אייער ביידנס פּלאַנירן דעם פּסחסדר־טראַסק ביי מיר. אויב העלפסט מיר נישט צו, גיי איך, זאָפאַרט, אַ היים צו דער מאַמען".

די גראָבע רבקה און זהבה האָבן דיסקרעט זיך צוגעשאַרט צו דער ווערענדע. געקוואָלן פון דעם פּיקאַנטן אינצידענט. הנאהדיק זיך איבער־געווינקען. „כל הכבוד, זהבה. זי זענען אַ חברהמאַנטע. אַזאַ נישט, די מירה, זעצט זיך אַוועק נעבן שוואָגער. רייצט אים מיט נאַקעטע ציצן. ריקט אַרויף די ספּודניצע ביזן פּאָמפּ. אַן אַנדערע ביסט געקומען מיטן מאַן, ליג איינ־געלייגט נעבן אים, ווי אַ מאַלפּע".

„אין דער שמאַנדאַק, מיכאל איז דען בעסער?. אַך מער אַ צעלייגער. זעען זי נאָר ווי ער צעשמעלצט זיך, ווי אַ גלידה אויף דער זון. ער וואָלט דאָך אַרויפגעקראָכן אויף דער געלער בליאַט, רותי. אַפילו אין אַלעמענס אַנוועזנהייט שעמט זיך דאָס גאָרנישט. ס'איז היינט געוואָרן הפקר אַ וועלט", האָט רבקה הייזעריק באַמערקט: „זי האָבן גיט געטאָן, אורהן אַלץ דער־ציילט".

דער הויכער, דאַרער פאַבריקאַנט ברוך מיטן קליינעם קבלן שמואל זענען צוגעגאַנגען צו זייערע שמועסנדיקע ווייבער. זיי געהייסן זאָפאַרט אויפהערן זיך מישן אין פרעמדע געשעפטן. „איך וואָרן דיך", האָט שמואל זיך געבייזערט: „הויב נישט אָן מיט גאָלדשטיינען. די ווילע, האָט ער, דער פאַרך, אַוועקגעגעבן אַ צווייטן קבלן. כ'האָבן אין דער ערד. זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט". אַנגענומען רבקהן ביי דער האַנט זי אַוועק־געפירט. געוואָרנט: „זאָלסט אויפהערן אים באַרעדן און נאָך דערצו מיט דער פּליאָטשעכע זהבה. פון איין וואָרט מאַכט זי דאָך צען. מיר קענען אַמאָל דאַרפן אַ טובה פון גאָלדשטיינען, כאַפּן ביי אים אַן הלוואהלע. ר'איז דאָך אַ מיליאָנער. אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און געלט. קורח רייך".

„אַזאַ גאָרנישט", האָט רבקה געמורמלט. „אורהס עלטערן האָבן פון דעם לאַטעק געמאַכט אַ מענטש. אים געשטעלט אויף די פיס. אים אַוועקגעגעבן אַ צען מיליאָן פונט און דעם גאַנצן מגרש". דאָס איז דאָך אַ גרויסער מאַ־יאָנטעק. אין דער נישט פייפט איר אָן. ר'איז דען ווערט איר מיסט? אורה איז דאָך אַ שיינקייט. אַ בריה איינע אין דער וועלט. האָט אַ טייער האַרץ,

גאָלדענע הענט. וואָס די אויגן זעען, קען זי מאַכן. איז אייזן קלוג. ווען זי וואָלט שטודירט, ווי איר שוועסטער מירה, וואָלט זי זיכער געוואָרן מער לייט, ווי מירה, דאָס שטיק פלייש מיט צוויי נאַרישע אויגן. אורה האָט דאָך אַ פייערדיקן קאָפּ".

ביידע ווייבער האָבן נישט אויפגעהערט באַרעדן גאָלדשטיינס „געמיין זיך אויפפירן".

„ווייבער!" האָט ברוך געשמייכלט: „זעטס נאָר ווי זיי נעמען זיך אָן די קריוודע פון אַ שטיקל אָפּגענאַרט ווייבל. פאַרקערט אַרט אייך? גייטס ליבערשט אייער וועג".

„אַזוי וויל איך. זיי נאָך נישט פאַרטיק. כ'וועל נאָך אַלץ דערציילן אורהן", האָט זהבה זיך דענערווירט: „זעטס נאָר די קריסטאַלן! צ'זעט די פּרעכטיקע אויסלענדישע פאַרהאַנגען מיט די דיוואַנען? רבקה, זי זענען אַ מבין אויף דעם לוקסוסדיקן מעבל? און די בילדער? דאָס קאָסט דאָך מיליאָנען! אַ דאַנק אורה איז דער גאַרנישט געוואָרן אַ נגיד. לעבט ווי אַ גראַף. אין אַ מלכותדיק הויז. און דאָס אַלץ געשווועלט אים נאָך נישט. ווער ס'קען אים נישט דעם אַמאָליקן ,מענטש' אין זילבערשטיינס געשעפט".

„קום שוין פלאַפּלערין", האָט ברוך זיין ווייב געוואָרנט: „דיין פּיסקעלע קען מיך טייער קאָסטן. ווייסט נעבעך נישט: ווו צוויי ליגן אויף אַ קישן, טאָר זיך דער דריטער נישט מישן". זיי ווערן זיך איבערבעטן און דו וועסט בלייבן דער נאַר".

ביי גאָלדשטיינס טישל איז געווען רעשיק, ער האָט געפּרוווט באַרויקן זיין ווייב. צוגעזאָגט באַלד אַריינקומען אין קיך. אורה האָט זיך געכעסט: אירע בלויע אויגן האָבן זיך פּיכטלעך צעגלאַנצט. אָפּווישנדיק אַ פינקלענ־דיקע טרער, האָט זי שטיל געוואָרנט: „באַלד נאָך דער חתונה האָב איך דיך דערקענט. געוווסט, כ'בין אַריינגעפאַלן. בין אָבער געווען נאַיִו. געמיינט דיך איבעראַנדערשן. יעצט אַז אַלע וויסן שוין, וועל איך מוזן דעצידירן. ענדגילטיק באַשליסן".

4

ס'האָט זיך ביי מירהן געוועקט חשד: די עוזרת האָט אונטערגעהערט איר אָפּשמועסן זיך מיטן שוואָגער, טרעפן אין תל־אביב. דאָס באַלד דער־ציילט איר שוועסטער. איז געזעסן ווי געליימט. פאַרשמעט. איר פּנים האָט געפלאַמט. די אויגן, פאַרלאָפענע מיט גלאַנציקע טרערן, האָבן גלאָציש אַראָפּגעקוקט אויפן דיוואַן. נישט געוואָלט זען די חוזקדיקע, נייגעריקע בליקן פון די געסט, פאַר וועלכע זי האָט געשמט אַלס קולטורעלע, עלע־גאַנטע, פיינע פרוי. איז אַיבערגעגעבן די קינדער, מאַן און אירע שילער. געדמיונט, ווי אַזוי צו רעאַגירן. באַשלאָסן: זיין פּאַסיוו. גאַרנישט ענטפערן. קאָמבינירט: אין פאַל זי וועט זיך פאַרטיידיקן, אַפּלייקענען, וועט די שפּאַ־

נענדיקע שטימונג נאָך מער ווערן פֿאַרשאַרפֿט. האָט אַראָפּגערוקט דאָס מיני־קליידל. אַביסל פֿאַרשפּוליעט דעם ביוסט־דעקאָלט.

אורה האָט באַמערקט מירהס פֿאַרלוירנקייט. אויף איר געקוקט צאָרנדיק, געזידלט: „אויסוואָרף! אויסגעלאַסענע! אומפֿאַרשעמטע!" צום מאַן באַפֿעלעריש געפֿרעגט: „קומסט?!"

שווייגנדיק, צעחושט, פֿאַרשעמט, האָט זיך גאָלדשטיין אויפֿגעשטעלט. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פֿאַרביי די זיצנדיקע ביי טישלעך. מיט אורהן אַריין אין קיך. זי געפּרווט באַרויִקן: „קאָכסט זיך אומזיסט. די געסט מיינען, ווער ווייסט וואָס. אַ חרפּה און אַ בושה. דיין ריטשען אין סאַלאָן פּאַסט גאָרנישט פֿאַר דיר. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, ווי דו האָסט זיך צעקאָכט. אורה, האָסט אַ שיינע שוועסטער. איז ענלעך צו דיר. טאָר איך איר נישט מאַכן עטלעכע קאָמפּלימענטן? אויך דו, אַלע ווייבער האָבן דאָס ליב, גערן. תמיד באַרימסטו זיך, ביסט אַ מאָדערנע פֿרוי. פּאַסט דאָס פֿאַר דיר מאַכן אַן עפֿנטלעכן סקאַנדאַל? גלייבסט פּליאָטקעס? זאָג מיר, חכמה מיינע, וואָס פֿאַר אַ זינד איז דאָס, אַז כ'האָב זיך אַביסל געוויצלט מיט דיין שוועסטער? כ'מוז דיר מודה זיין: ביסט שענער, אינטערעסאַנטער פֿון איר".

„ליגנער!", האָט אורה ספּאַזמאַטיש אויסגעשריגן: „כ'ווייס אַלץ. לאַנג בין איך געשטאַנען אונטער אַ פֿענצטער־פֿאָרהאַנג. האָב אַלץ געזען. געהערט יעדעס וואָרט. אייער ביידנס פּרעכע האַלטונג האָט מיך געעקלט. אַלע דיינע תּירוצים זענען ליגן. כ'וויל נישט מער יעצט שטערן דעם יומטוב פֿון די געסט. וואָס זענען זיי שולדיק?. איבערמאָרגן וועלן מיר פֿאָרזעצן אונדזער געשפּרעך אין לשכת הרבנות".

„אורה, באַרויִק זיך. דיין אויפֿרעגונג איז גרונטלאָז". געווישט זיין פֿלאַמיק, שווייסיק פּנים. „לעצטנס ליידסטו אויף אייפֿערזוכט. נאָך יומטוב וועלן מיר שמועסן ביי אַ פּסיכאָלאָג. כ'האָב געלייענט: אייפֿערזיכט איז אַ פּסיכישע קראַנקייט. ליידנדיקע פֿון מינדערהייט־קאָמפּלעקסן זענען גוטה חושד זיין. שפּיגל זיך אָן. וועסט דאַן זען, כ'בין גערעכט. ביסט שענער, אַמיפּאַנירנדיקער פֿון מירהן. איך גרייס זיך מיט דיר. פֿאַרוואָס, זאָג מיר, בין איך לעצטנס, דיר פֿאַרדעכטיק?".

„ווייל דו ביסט אַ מנוול!", האָט אורה ווילד זיך צעכעסט. פֿון אירע אויגן זענען געריגען טרערן. „שקרן"!", אַריינגעשריגן אין זיין פּנים.

די שלאַנקע, חנעוודיקע, גראַציעזע אסתּר האָט פֿון סאַלאָן צוריקגעבראַכט אַ פֿול וועגעלע מיט האַלבע גלעזלעך איבערגעלאָזטע וויסקי, שאַמפּאַניער, קאָניאַקס, אין וועלכע ס'האָבן זיך געוויקט נישט אויסגערייכערטע שטיקער סיגאַרן. האַלבע פּאַפּיראָסן. טעלער מיט שטיקער אָפּגעביסענע עפּל. צעבראָקלטע, צעקרישלטע שטיקער קוכן. צעבראָכענע, פֿאַרשידנפֿאַרמיקע געפֿילטע געבעקסן, געטריקנטע פֿרוכטן, הויפֿנס ניס־שאָלן, אויסגעליידיקטע פֿלעשער פֿון אויסלענדישע שנאַפּסן. נאָכן אויסרייניקן דאָס איבערבלייבעכץ

פון די קרישטאָלענע סערוויזן, די איבערגעלאָזענע געטראַנקען געגאָסן אין זליוו און די אַביסל אָפּגעביסענע פּרוכטן, קיכנס געשליידערט אין מיסט. איז נישט דרייסט צוגעגאַנגען צו אורהן. איר אַריינגעסודעט אין אויער. אורה האָט אַן אויפגערעגטע אסתרן געבעטן העלפן סערווירן די טישן. „לאָמיר שוין ענדיקן דעם חרפהקן סדר".

באַלד נאָך אסתרס אַרויסגיין איז אַריינגעקומען מירה. געפּרוווט די שוועסטער באַרויִקן: „אורה, היצט זיך אומזיסט. ריכטיק, מיר האָבן גע־פּלוידערט נאַרישקייטן. געפּלאַפּלט אומזיניקע רייד, פאַנטאַסטישע פלירטע־רייען. אפשר אויסגעטרינקען צו פיל גלעזלעך וויסקי. אורה, זיי רויִק. צווישן מיר און דיין מאַן איז נישט פאַראַן קיין שום אינטימע פאַרביג־דונגען. בין נאָך נישט אַזוי לייכטזיניק צו פאַרראַטן מיין מיכאלן. כאָטש ער איז דאָס ווערט". אָפּגעזיפצט. מיט אַ טיכל געווישט אירע פייכטע אויגן. באַקלאָגט: „תמיד זיץ אין שטוב אַליין ווי אַ שטיין. ער פאַרנאַכלעסיקט מיך. אויב כ׳וועל אַמאָל פאַרלירן דעם שכל, אָפּטאָן אַ נאַרישקייט, פעלן נישט קיין מענער. דאַרף איך דווקא צונעמען דיין מאַן?".

אורה האָט מירהן אָנגעקוקט מיט חשד. דער שוועסטערס ווערטער האָבן דאָך עטוואָס באַרויִקט, באַלזאַמירט איר צעוויטיקט האַרץ. אַביסל איינ־געשטילט די ברויזנדיקע צעשטרייטקייט, ברענענדיקע בושה.

פּילנדיק אורהס גרינגער ווערן אויפן געמיט, זעענדיק דעם זיך לעשנ־דיקן כעס אין אירע רויטלעכע אויגן, האָט מירה פאַרגעזעצט:

„אורה, דיין מאַן איז נאָך אַ יונגער, שיינער גבר. האָט דערפאָלג ביי ווייבער. אויך דו ביסט היפּש. האָסט אַ פיינעם פּרויען־קערפּער. סימפּאַטישע פּנים־שטריכן. תמיד ביסטו עלעגאַנט. פיין פאַרקעמט, קאָסמעטירט. דער עיקר: ביסט אַזוי יונג. 26 יאָר אין גאַנצן. אויך דו קענסט האָבן דערפאָלג ביי מענער. ביסט אָבער צופיל אַריינגעטאָן אין דיין הויז־ווירטשאַפט. אַלע דיינע חושים לייגסטו אַריין אין אויסצאַצקען די צימערן. האָרעוועסט אין גאָרטן. צערטלסט יעדעס גרעזל, בלימל. קומסט ווייניק אין געזעלשאַפט. ווען דו וואָלסט זיך מער פאַרווילן, וואָלטן דאַן דיינע איבערגעטריבענע פאַנטאַזיעס נישט אַזוי צעשפּילט דיין געמיט. וואָלסט געטראַכט רעאַלער. אורה, ביסט אַן אימפּאַנירנדיקע פרוי. אויך דיר וועלן מענער מאַכן קאָמ־פּלימענטן. ווי אַ סך פרויען, וועסטו זיך צוגעוווינען צו מענערישע באַרימע־רייען. נישט זיך איבערראַשן פון זייערע פאַלשע לויבנדיקע פלאַפּלערייען. נישט רעאַלע הבטחות. אורה, הער מיך. אַן איינמאָליקע, פאַרווילנדיקע אונטערהאַלטונג מיט אַ מאַן אין אַן עפנטלעכער געזעלשאַפט הייסט נאָך נישט פאַרראַט. זיי נישט איבערטרייבעריש. אויב מ׳פאַרליבט זיך אין אַ פאַרהייראַטן מאַן, מ׳לעבט מיט אים געהיים, איז מען אַ בוגדת".

אורה האָט זיך אויפגערעגט: „אויב אַזוי ביסטו די אמתע בוגדת". קניי־

פֿנדיק זיך די צעפּלעמלטע באַקן געווילדעוועט: „שנעל פֿאַרלאָז די קיך. אויסוואַרף!".

מירה האָט זיך דערשראָקן. הענט און פֿיס האָבן איר געציטערט. מורא געהאַט, צוליב איר וועלן אורהן אַטאַקירן די גאַל־שטיינער, אויף וועלכע זי לײדט שוין צוויי יאָר. האָט געבויגן דעם קאָפּ אונטערן קראַן. געטרינקען וואַסער. איינגעצוימט די אויפרעגונג. אויפסנײי געפּרוווט אורהן איינשטילן. פֿאַררעדן: „אורה, באַרויִק זיך. באַשולדיקסט מיך סתם. מ׳האָט דיר מיאוס אינטריגירט, אונטערגעפּירט".

מירהס ערנסט רעדן האָט ווידער אורהן אַביסל איינגעשטילט. טיף אָפּגעזיפֿצט, העשנדיק געאָטעמט: „לאָז מיך צו רו. היינט האָב איך גענוג. איר בײדע האָט מיר געמאַכט אַ גוטן סדר. מײַן קראַנקע גאַל וועט מיר פּלאַצן. מײַן האַרץ איז צעבראָכן. כ׳גלויב גאַרנישט, אַז דו ביסט מײַן שוועסטער. דערקענען דיך נישט. דײַנע „פֿאַרגעשריטענע" מיינונגען וועגן דעם מאָדער־נעם משפּחה־לעבן זענען פֿאַר מיר נישט באַגרייפֿלעך. מיר האָבן בײדע אין דער היים געלערנט אַנדערש. געדענקסטו, וואָס די מאַמע ע״ה פֿלעגט זאָגן? ,די אַלטע משפּחה־באַגרענעצונגען, אַלע אונדזערע טהרות־משפּחה־דינים, וועלכע יידן האָבן במשך דורות שטרענג אָפּגעהיטן אין אַלע גלותן, האָבן אויך אָפּגעהיטן ס׳פֿאָלק זאָל נישט פֿאַרשווינדן׳; ביסט אַ גוטע לערערין. ווילסט, כ׳זאָל זיך אויפֿפֿירן הפקרדיק, ווי לייכטזיניקע פֿרויען מיט דאָן זשואַנען? אַ ניין. שונאי ישראלים פֿאַרגוייִשן אונדזער לעבן. ווילן אָפּשוואַכן אונדזער מאָראַל. פֿאַרהפקרן ס׳משפּחה לעבן. וועלן אַזעלכע עלטערן קענען דערציען זייערע קינדער אַלס מוטיקע צ. ה.ל־קעמפּער?. וועט אַ יוגנט, געבוירן פֿון מאַמעס, וואָס האָבן געלעבט מיט אַ סך מענער, מסירות הנפשדיק קעמפֿן קעגן אַזוי פֿיל שונאים?. מער וויל איך נישט הערן דײַנע באַרויִקנדיקע און נאָכדעם קעגנזעצלעכע, אויפֿקלערנדיקע רייד. אַזעלכע אויסנאַמען ווי דו, זענען פֿאַראַן געציילטע. מ׳דאַרף זיך פֿון אייך אָפּגרענעצן. גיי שוין! גיי־גיי. גענוג זיך מיט דיר אָפּגעגעסן ס׳האַרץ".

5

אורה האָט מיטן עק פֿאַרטוכל אָפּגעווישט די אויגן. ס׳פֿלאַמיקע פּנים צוגעפּודערט, פֿאַרלאָזט די קיך. איז אַרײַן אין סאַלאָן. געהאָלפֿן די קליינע טישלעך צוזאַמענשטעלן אין צוויי פּאַראַלעלע לאַנגע שורות אין אַ עק פֿון דעם גאָר לאַנגן סאַלאָן. אסתר האָט פֿון דער קיך כסדר אַרײַנגעפּירט אַנגע־לאָדענע וועגעלעך מיט עסנוואַרג, געטראַנקען. זיי געשטעלט אויף די שוין ווײַס־איבערגעדעקטע טישן. מ׳האָט סימעטריש־פּינקטלעך אויסגעסדרט גרויסע פּילימיסקען מיט פֿריש־געבאַקענע קאַרפּן, וואָס האָבן נאָך געהאַלטן אָפּן געפּײניקטע פּיסקעס, געקוקט גלאָציק־ווײטיקלעך מיט פֿאַרשרפּהטע

אויגן. זייערע בייכער, געפּילטע מיט אייגן פליייש צונויפגעמאָלט מיט קאַליריקע קרייטעכצער, זענען געווען באַשלייערט מיט פּענעצלעך פּאָמידאָרן, רויטע מייערן־רענדלעך, באַשיט מיט צעשניטענע גרינע פּעטרישקע־בלעטלעך. נאָכדעם האָט אסתר געבראַכט אַן אָנגעלאָדן וועגעלע מיט גרויסע לענגלעכע טעלער, אויף זיי בלומאַרטיק צעלייגט געדעמפּט ברוסט־פליייש. גאַנצע לעקערס, צעשניטענע אויף דיקע פּריטשן, בהמישע געהירן, קאַליריק געפּאָרעמט מיט גערייכטסן ווי בלומען, גאַנצע אינדיקעס מיט זייערע לעבער־אָנגעפּילטע בייכער, „זיצנדיקע" אויף גראָזלדיק־צעשניטענע חאַסע־בלעטער, האָבן אויסגעזען, ווי לעבעדיקע מיט ספּעציעל אויסגעשטייפטע העלדזער, אָנגערויטלטע קאַפּ־קאַרבן. די שורה פילמיסקען זענען צעשטעלט געוואָרן לענגאויס אינמיטן די טישן. אַ פילמיסקע פיש. דערנעבן די ברוסטן, אינדיקעס. אַ שורה פּאַראַלעלאַרטיק געגרילטע הינער אויף גאַנצע חאַסע־בלעטער, צווישן גלעזערנע שיסלען מיט קאַליריקע סאַלאַטן. אין דער לענג פון יעדער פון ביידע שורות סערווירטע מאכלים האָט מען פּינקטלעך געשטעלט פלעשער וויסקי, שאַמפּאַניער, קאָניאַקן, ליקערן. צווישן די פלעשער — זילבערנע טעלער מיט ניס, מאַנדלען, געטריקנטע פרוכטן. מצהלעך. צום סוף האָט אסתר באַשלייערט די אָנגעלאָדענע טישן מיט געבראַכטע פון הויף, קאַליריקע רויזן, אַריינגעשטעקטע אין הויכע קעראַמיקע וואַזאַנען. און נעבן יעדנס שטייסל טעלער, צעלייגטע לעפל, גאָפּל, מעסער, פּינקטלעך אויסגעשטעלט אַרום די טישעקן, האָט זי צוגעלייגט אַ רויטע רויז. אורה האָט אַריינגעבראַכט דיקע רויטע געפלאָכטענע ליכט, אַריינגעשטעקטע אין פלאַשפּאַרמיקע, טונקעלע לייכטער. איבער די טישן האָבן געברענט זעקס זשיראַנדעלן־לעמפּ. און אין ביידע ווענט־ווינקלען צוויי געלבלעכע רעפלעקטאָרן.

אין דער רעשט זאָל האָבן די שטייענדיקע געסט טומלענדיק געפּילדערט וועגן פּרייזן אויף אויטאָס, מגרשים, דירות, געלט־אַקציעס, אויסלענדישע וואַלוטע, גאָלד און סעקס־וויצן. די ווייבער האָבן זיך באַרימט אין מבינות אויף באַקאַנטע שלאַגער־זינגער, טעאַטער און פילם־אַרטיסטן, טעענצערינס. אָפּגעשאַצט זייערע שטימען, מימיק, מוזיקאַלישע בילדונג, דראַמאַטיש שפּילן אויף בינעס. די מענער האָבן זיך דערביי שאַרף אויסגעדרוקט קעגן דעם צענזורע־ראַט, וואָס פסלט דראַמאַטישע קאַמפּס־פילמען, שניידן פון זיי אויס פּיקאַנטע סעקס־טיילן. אַ טייל פון זיי האָט אַרויסגעוויזן בקיאות אויף ווייבלעכע קערפּער־מאָסן. פּאַרויסגעזאָגט וועד פון די פּאָטאָגראַפירטע שיינהייטס־קאַנדידאַטינס אין „לאשה", ווער וועט ווערן אויסגעוויילט, געקרוינט אַלס מלכת־יופי.

זהבה און רבקה האָבן קנאהדיק געקוקט אויפן סערווירטן טיש. „אַזוי פיל פּרעסן ווי פּאַר אַ ראָטע זעלנער", האָט רבקה געווינקען צו זהבה. און דאָס נאָכן ערשטן כיבוד. איך בין שוין זאַט. פון אַזוי פיל פּרעסן, קען מען ווערן צעזעצט, צעפּלאַצט", האָט זהבה באַשטעטיקט. צוגעגעבן: „וואָס זאָגן

זי צו מירהלע די טענצעריו? זי האָט היינט געהאַט יענעם בראָך. ס'האָט זיך דאָ פאַרקאָכט יענע קאַשע. מ'עט זעען דעם סוף".

ביידע האָבן אויסגעהערט דעם סקאַנדאַל אין קיך, געקוואָלן פון אורהס רייד. „אַלץ איבער דעם פייגעלע", האָט רבקה אַנגעוויזן אויף מירהן, וואָס איז אַ שמייכלענדיקע, גלייך ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, געזעסן אויף דער סאָפע נעבן אדון גליק און גברת ראָמאַן.

מירה האָט געפּרוּווט פאַרטושן איר פלירטעווען מיטן שוואָגער, וואָס האָט גורם געווען דעם סקאַנדאַל. זיך געהנדלט צו גליקן. מיט אים קאָקע־טירט פּונקט ווי פריִער מיטן שוואָגער. מיט קינסטלעכער הייטערקייט, וויצלען אַלע מאָל אָנגערירט גליקס הענט, אַקסל. געוואָלט פאַר אַלעמען וויזן, אַז פון דער נאַטור איז זי אַ שפּאַסיקע, שטיפערקע. קען זיך ווילן מיט אַלע מענער. דערמיט געוואָלט אָפּלייקענען דעם חשד אין אירע נאָענטע באַציִונגען מיטן שוואָגער. צו גליקן געשמייכלט. געליובט זיין גלאַטיק פּנים, שיינע, קלוג־ממזרישע אויגן, דאַרן קערפּער, ווי אַ חתיך. ספּעציעל געליובט זיין ברילאַנטין־פאַרגלעטע, פעך־שוואַרצע האָר. זיך פאַראינטערע־סירט, ווו ער האָט געקויפט דעם נייעם, גאָלדענעם „טיססאָ"־זייגער און דעם דיקן סיגנעט מיטן גרויסן ברילִיאַנט. ער איז אַוועק. מירה האָט פאַר דער גברת ראָמאַן געריִמט גליקס פיינעם געשמאַק. זיך פאַסיק אָנטאָן צו דעם אָוונט און געזעלשאַפט, זיין ווייס העמד מיטן ברייטן בלוילעכן שלייף צווישן די שטייף־קראָכמאַלעטע קאַלנער־שפּיצן, דער בלויער אַנצוג, האַרמאָניזירט מיט זיין אייל־ברוינלעך פּנים. צייכנט אַרויס זיינע העל־ביר, אַריינדרינגלעכע אויגן. גליק האָט צוויי מעלות: איז אַ חתיך און אַ דזשענטעלמען. אַז גליק איז צוריקגעקומען, האָט זי זיך פון דער ראָמאַנאָווע אַוועקגעבויגן, געגעענטערט צו גליקן דעם עלנבויגן, חברהמאַניש צו אים געווונקען.

מירהס אויפפירן האָט אויף גליקן ווייניק וואָס געווירקט. ער האָט זיך אַריענטירט וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען אין קיך צווישן ביידע שוועסטער. פאַרשטאַנען, אַז די כיטרע פרוי וויל אים אויסנוצן אַלס שפּיל־אָביעקט. מיט אים פלירטעווען, דערמיט איבערצייגן אורהן, די אַנווּעזנדיקע, וואָס האָבן נאָכגעפּאָלגט איר ראָמאַנסירן מיטן שוואָגער. — וויל וויזן, אַז זי שפּאַסט מיט יעדן מאַן. אויך פרוי ראָמאַן האָט מירהן אָנגעקוקט פאַרדראָסיק. ספּעציעל הויך געזאָגט: „גברת מירה, אייער היינטיק זיך אויפפירן מיטן שוואָגער פּאַסט נישט פאַר אַ דערציִערין. זי האָבן זיך גאָרנישט גערעכנט מיט אייער מאַן? די עפנטלעכע מיינונג אינטערעסירט אייך נישט? קיינער דאַרף נישט וויסן וועמען זי האָבן ליב".

מירה האָט געחוזקט: „מיר זענען נישט קאָנסערוואַטיוו. מיין מיכאל, זעען זי, ווילט זיך גוט מיט דער גברת רותי. אַרט עס מיך?".

די געלע רותי, וואָס האָט געהערט די לעצטער ווערטער, האָט צו מירהן געווונקען, געשמייכלט. איז געווען צופרידן פון מירהס פרייע מיי־

נונגען, נישט באַגרענעצטער האַלטונג. געלויבט איר שאַפן אַ פרייע שטימונג
אין דער זיך גוט־ווײלנדיקער געזעלשאַפט. איז אויך געווען צופרידן פון
מירהס פראַנק און פריי פלירטעווען מיטן שוואָגער און מיט גליקן. דאָס
האָט רותין דערמעגלעכט פרייער, פרײלעכער זיך אונטערהאַלטן מיט מיכאל.
זייענדיק „זיכער”, אַז מירה איז אַן „אייגענע”, איז זי צוגעגאַנגען. זי אַוועק־
גערופן. שעפּטשענדיק, אײנגעלאַדן אויף אַ גאָר פרײלעכער, אינטים־סור־
פּריזנדיקער מסיבה.

מירה האָט פאַרשטאַנען רותיס אײנלאַדונג. געוווּסט פון אירע לוסטיקע
מסיבות. זיך אַרויסגעדרייט: „כ׳ווייס נאָך נישט מיין מאַנס פּלענער אין
דעם אָוונט”.

רותיס אײנלאַדונג האָט מירהן אַרײנגעפירט אין פאַרלעגנהייט. שוין
אַ צייט גאַרט זי זיך פאַרבינדן מיט אַ חברה, וואָס אָרדנט איין אַזעלכע
געהיים־פאַרווײלנדיקע מסיבות. איר באַגער אַמאָל פאַרטרויט פאַר צוויי
נאָענטע פריינדינס. מכלומרשט זיך פאַרענטפערט: פון אַזעלכע צוזאַמענ־
טרעפונגען וויל זי לערנען פסיכאָלאָגישע ווירקונגען אויף געהייראַטע פאָר־
לעך, וועלכע נעמען אָנטייל און זען זייערע לעבנספאַרבינדעטע פאַרברענגען
מיט פרעמדע. וויל לערנען די שפּעטערדיקע אויסווירקונגען אויפן משפּחה־
לעבן. ביז רותיס פאָרשלאַג האָט נאָך מירה נישט געהאַט קיין געלעגנהייט
צו ווערן אײנגעלאַדן אויף אַזאַ אינטערעסאַנטער באַגעגעניש, וואָס זי האָט
שוין לאַנג געגאַרט. דאָך מורא געהאַט רותין ענטפערן פּאָזיטיוו. נישט
געוואָלט ריזיקירן. אין איר האָט זיך געוועקט חשד: די כיטרע, טעמפּע־
ראַמענטפולע רותי רופט זי ספעציעל צו דער הוליאַנקע. זי וויל פריי פאַר־
ברענגען מיט מיכאלן. אויך מורא געהאַט פאַר אירע פּאָסטנס אַלס מאַטע־
מאַטיק־לערערין אין מיטל־שול „צפרירים” און רעפערענטין אויף פסיכאָ־
לאָגישע טעמעס אין שטאָטישן קולטור־קלוב „פּראָגרעס”. אין מירהס האַרץ
האָבן זיך געראַנגלט חשק און פחד. גובר געווען האָט די מורא: „דאָס איז
נישט פאַר מיר”.

„פאַר וואָס ?”, האָט זיך געוווּנדערט רותי. רייכערנדיק אַ „טיים”־
פּאַפּיראָסל, בעתן אַרויסבלאָזן דעם רויך האָבן זיך אירע רויט־פלאַמיקע
באַקן אויפגעבלאָזן. זי האָט נערוועז געשאָקלט מיט די וויִעס, מיט גריני־
קעצישע אויגן חידושדיק געקוקט אויף מירהן. זיך אַרומגעקוקט אין אַלע
זייטן. איר אײנגערוימט אַ סוד: „מיינע אַלע געסט זענען דיסקרעטע,
בערזע־סוחרים, קבלנים, באַהעמע־לייט, געזעלשאַפטלעכע טוער און איני־
טעליגענטע דאַמעלעך, איינס און איינס, באַשעפּטיקטע אויף הויכע אַמטן.
זענען פאַרהייראַט מיט פערזענלעכקייטן. זייט זיכער, קיינער האָט זיך נאָך
נישט דערוווּסט פון אונדזערע לוסטיקע אָוונטן. זייען זי פולקום זיכער”.

מירהן האָט געוווּנדערט רותיס אינטויִציע. גלייך ס׳וואָלט ווער איר
דערציילט אירע ספיקות, פחד, צאַפּלדיקן חשק אָנטייל צו נעמען אין אַזאַ

גענײסנדיקער מסיבה. האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן. געצווייפלט. נישט געקענט באַשליסן. דער אינערלעכער געראַנגל האָט זי געמאַטערט. „פאַרשטייען זי, רותי, מײַן מאַן איז אײפּערזיכטיק. אַביסל שפּאַסן מיט אַ פרעמדן מאַן וועט אים נישט אַרן. דאָס איז ער מיר מוחל. ער איז שוין צו דעם צוגעוווינט. אויך איך בין טאָלעראַנט. אויב כ'זע אים פריילעך שפּאַסן מיט אַ שיינער פרוי, פאַרגין איך אים. אָבער מער נישט".

רותי האָט איר געדאַנקט פאַרן קאָמפּלימענט. זיך צעלאַכט: „אייער מאַן איז דווקא מסכים".

„זאָל אים ווײל באַקומען. ער וויל, זאָל ער צו אײך קומען זיך פאַר־ווײלן. איך בין קעגן אַרגיעס". האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, סאַרקאַסטיש געזאָגט: „שלום". איז אַוועק.

„כ'מײן, די באַלעטניצע וועט זײן די ערשטע אויף דער הוליאַנקע", האָט שפּאָטיש באַמערקט ראַמאַנאָווע.

מירה האָט געהערט ראַמאַנאָוועס רייד. ביידע ווייבער האָבן זיך צע־ווערטלט. פרוי ראַמאַן האָט איר פאַרגעוואָרפן לײכטזיניקײט, נישט טאַקטיש זיך אויפפירן מיטן שוואָגער און מירה האָט זיך דענערווירט, פאַר וואָס יענע האָט אונטערגעהערט. איר געדראָט: „כ'ווייס געננוי, איר נעמט אַנטייל אין אַזעלכע פּרעכע באַגעגענישן. וועל דאָס דערציילן אייער מאַן, ווען ר'וועט צוריקקומען פון אויסלאַנד, ווו ער פאָרט איינהאַנדלען נישט כשרע סחורות, פון וועלכע איר מאַכט אַ פאַרמעגן". ווען נישט גליקס אַרײנמישן זיך וואָלט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל צווישן ביידע צעכעסטע ווייבער, וועלכע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט צאַרנדיקע אויגן.

אַן אויפגערעגטע האָט די פרוי ראַמאַן אויסגעטרינקען אַ האַלב טיי־גלאָז וויסקי. פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָסל. אויף גליקן מיט מירהן געקוקט בייז. אויף זיי אַרויסגעבלאָזן קנוילן רויך.

גליק האָט געמורמלט: „שמוליק האָט דאָ צוזאַמענגעשטעלט יענע חברה־טראַסק".

פרוי ראַמאַנס פנים האָט געפלאַמט. אויף מירהן און גליק ביטולדיק געשאָקלט מיט די הענט. זיי אָנגעקוקט כעסיק. געוווּנטשן: „ווײלט זיך גוט". איז אַוועק צום טואַלעט־שפּיגל. דערבליקנדיק אירע פלאַמיקע באַקן, צופיל געפאַרבטע ווייעס, צו ברייט געשמינקטע ליפּן, האָט זיי צוגעווישט. מיט פּודער פאַרבלאַסט די באַקן. אָנגעצויגן איר דין ,טונקל־בלוי, זיידן קלייד. איז צוגעגאַנגען צו גאָלדשטיין. נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ. איך אים אַרײנגערעדט. אירע רייד האָבן געווירקט אויף אים. זיינע אויגן האָבן זיך האַלב פאַרמאַכט. געקוקט פאַרווונדערט, אויפגערעגט. אַן אויפגעקאָכטער איז ער אַרײן אין קיך. באַלד האָבן זיך דערהערט קולות: „מאַכסט זיך פאַר אַ צנועהלע, האַ? איך וועל דיך שוין לערנען שכל". געשריגן צאַרנדיק. אורה האָט ספּאַזמאַטיש געוויינט. אויסגעשריגן: „ליגנער!. אויסוואָרף!.

שאַנטאַזשיסט! גיי צום טייוול! איין מאָל פאַר אַלע מאָל לאָז מיך אָפּ! ביסט מיר פאַרמיאוסט״.

אַז גאָלדשטיין איז צוריק אַריין אין סאַלאָן, האָבן אַלע באַמערקט זיין כעסיק פּנים, צעקנעפּלט העמד מיטן אויסגעקרימטן קראַוואַט־שלייפל, פאַר־רוקט אונטער איין קאָלנער־שפּיץ.

6

רבקה און זהבה האָבן געקוואַלן. שמואל און ברוך האָבן אויפּסניי זיי געוואָרנט: נישט מישן זיך אין פרעמדע משפּחה־ענינים. „האָסט אָנגעצינדן אַ פייער, טאָ מאַך זיך געפּגרט, גלייך דו ווייסט גאָרנישט. ער וועט זיך אין מיר נוקם זיין״, האָט ברוך געוואָרנט זיין ווייבל, זהבה. ער איז צוגע־גאַנגען צו גאָלדשטיין. אים פאַררעדט: „האָסט געהערט? דער דאָלאַר איז גוט אַרויפגעשפּרינגען. האַלט אין איין שטייגן. אויף דער בערזע איז היינט נישט געווען קיין איין פויגל. אַלע סוחרים זענען געוואָרן אויסגעטריקנט. פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער. קיינער וויל נישט פאַרקויפן״.

„כ׳ווייס״, האָט גאָלדשטיין אויסגעגלאָצט פינקלענדיקע אויגן. „וואָס וועט זיין מיט יצחק חאַסאַן? כ׳האָב דאָך אים צוגעזאָגט אָפּגעבן די 400 טויזנט דאָלאַר. האָסט מיר גאָרנישט געקויפט?״.

„סאַי בסדר״, האָט ברוך ווויליונגעריש געקוועטשט מיטן לינקן אייגל. „פאַרלאָז זיך אויף מיר. ס׳קאָסט אָבער פינף פּראָצענט״.

„מיט דיר דינג איך זיך נישט. ווען באַזאָרגסטו די סחורה?״.

„גלייבסט? סאַי שוין אין מיין טאַש״, האָט ברוך אים געקלאַפּט איבערן אַקסל. געפרעגט: „ווו פאַרשטעק איך ס׳פּעקל?״.

גאָלדשטיינס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט. צעפינקלט: „אין שלאָפצי־מער. נאַ דיר די שליסלעך. אין דער רעכטער זייט שאַנק ליגט אַ שטויס הויזן. אונטער זיי פאַרשטעק ס׳פּעקל. פאַרשליס גוט. כ׳מיין האָסט גוט געציילט. ס׳וועט נישט זיין קיין טועכץ. מ׳וועט זיך נישט דאַרפן שפּאַרן״.

„און מיינע פּראָצענטער?״.

„קענסט דאָך מיך. אַ וואָרט איז אַ וואָרט״, פאַרזיכערט. „נאָך דעם סדר באַקומסטו אַ טשעק. כ׳גליב, האָסט דיין ווייבל פון דעם מסחר נישט דערציילט״.

„בין נאָך נישט געפאַלן אויפן קאָפּ. ווען זי ווייסט אַלע מיינע געשעפטן, בין איך שוין פון לאַנג טיף־טייער באַגראָבן״.

מירה איז געזעסן אַליין. געווען צעשטריים. געזען פרוי ראָמאַנס פריי־ערדיק זיך סודלען מיט גאָלדשטיין. באַמערקט זיין באַלדיקע אויפרעגונג. געהערט דעם חרפּהדיקן סקאַנדאַל מיט אורהן. נאָכער חושד געווען, ברוך העצט איר שוואָגער. צו זיך גערעדט: „אַלע האָבן זיך היינט אויף מיר

פֿאַרלייגט״. געטראַכט: די פֿליאַטקעמאַכערין ראַמאַנאָווע און דער הויכער דראַנג, ברוך, האָבן אינטריגירט דעם שוואָגער. דאָס איז די סיבה פֿון זיין אויפֿרעגנדיקע צעשטרייטקייט. דער־אַ חשד האָט אין איר געוועקט פּחדיקע געדאַנקען. מורא געהאַט, מ׳האָט געהערט איר שעפּטשעריי צום שוואָגער, אַז „טראַץ זיין פֿאַרהייראַט, קען מען זיך טאָן אַן עצה. היינט זענען די צייטן אַנדערע״. אויך געהערט איר אָפּשמועסן זיך מיטן שוואָגער, זיך טרעפֿן אין קאַפֿע „נוגה״. אַזוי איבערקלערנדיק, באַשטעטיקט: די נעבן איר זיצנ־דיקע האָבן געהערט זייער נישט פֿאַרזיכטיק פּלוידערן. באַלד דאָס איבער־געגעבן איר שוועסטער. זיך פֿאַרגעהאַלטן: „כ׳היט זיך גאַרנישט. האָב זיך פֿאַרלוירן, פֿאַרגעסן. ער האָט מיך אַנגערעגט, צעטומלט״. וואָס מער זי האָט זיך געגריבלט, אַלץ מער האָבן איר געעגבערט פֿאַרדאַכטיקע מחשבות. אַנגעהויבן „זען״ שפּאַסנדיקע אויגן בליקן איר דורך. געמיינט אַלע רעדן בלויז אויף איר. הגם זי האָט געקענט די אַנוועזנדיקע חבורה, געוווסט זייער נישט צניעותדיק מקפּיד זיין אין פֿריילעך־פֿאַרוויילנדיקע צוזאַמענ־קונפֿטן, האָט דאָך איר נישט פֿאַרזיכטיקע אויפֿפֿירונג פֿאַר אַלעמען איר אַנטפּלעקט פֿאַר אַ הפֿקרדיקע. אין קאָפּ האָבן געעגבערט מאַטערנדיקע מחשבות: „קיינער האָט דאָ נישט אַזוי איבערגעטריבן, געררייצט זייערע פֿאַרטנערן, ווי איך״. באַשולדיקט דעם שוואָגער אין נישט טאַקטישער אויפֿפֿירונג. נאָר דאָס האָט גורם געווען איר פֿאַרגעסן זיך, פֿראַנק און פֿריי מיט אים ראַמאַנסירן. דאָס וועט זיכער צעפּלוידערט ווערן אין דער גאַנצער שכונה. שעפּטשענדיק פֿעסטגעשטעלט: „נישט איך, אויך נישט מיכאל האָבן געדאַרפֿט קומען צו דעם סדר״. דיסקרעט זיך אַרומגעקוקט. „גענוי געזען״ שפּאַסיקע בליקן, חוזקדיקע ווונקן. געווען זיכער, אַלע באַרעדן זי. באַשול־דיקן, אַז זי איז געווען דער גורם פֿון דעם סקאַנדאַל צווישן אורה און מאַן. דאָס קען אויך פֿאַראורזאַכן צו צעשטערן זייער משפּחה־לעבן.

מירה האָט באַשלאָסן, בעטן איר מאַן זיי זאָלן אַהיים גיין.

„מיכאל, כ׳פֿיל זיך נישט גוט. ס׳שווינדלט מיר פֿאַר די אויגן. דער אַלקאָהאָל האָט אויפֿסניי מיר געהויבן דעם בלוט־דרוק. כ׳מוז זיך אויס־רוען״.

מיכאלס כעסיק ענטפֿערן, הויך זידלען האָט מירהן צעצאַפּלט. אירע הענט און פֿיס האָבן געציטערט. צוריק געענטפֿערט: „צדיק איינער. דו מעגסט אַלץ. דיין צוטוליען זיך צו דער געלער נקבה האָט אַלעמען גע־עקלט״. דראָענדיק מיטן רעכטן וויַז־פֿינגער, געשריגן: „אַזעלכע פֿאַר־שלאָפֿענע מענער ווי דו ווען אַפֿילו אַזעלכע לעבעדיקע פֿייגעלעך ווי די געלע רותי, אויך נישט צערייצן. מירן זיך באַחשבונען אין שטוב״. אויס־געשפּיגן: „פֿויאַ! סאַי מע שוין עקלדיק!״.

דער טומל אין סאַלאָן איז געוואָרן רעשיקער. מ׳האָט הויך גערעדט, געשושקעט. מרימס אויפפירונג האָט געשאַפן צדדים: פאַרטיידיקער, באַ־שולדיקער. אַמערסטנס האָבן געפּלוידערט עטלעכע פריילעכע ווייבלעך. האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן הויכקנאַפּלדיקע לעטשלעך און מיט געהוי־בענע, באָרוועסע פיס, געהאַלטענע אויף דער ראַנד־סאָפע, געזעסן מיט אָנגעלענטע קעפּלעך אויף דער מיט גיפּס־בלומען־דעקאָרירטער וואַנט. צעוואָרעמטע פון טרינקען שאַרפע, אויסלענדישע שנאַפּסן, אויפגערייצטע פון תאווה־צעהיצטע פאַרטנערן, האָבן זיי גערכילותט פון אָפּגענאַרטע מענער. דערציילט בעט־סודות, זייערע געהיימע ראָמאַנען מיט יאָלדישע מענער. זיך געקיצלט, רעשיק געחוכא־טלולאט, געלאַכט.

אין דעם־אָ פּילדערנדיקן געווירבל איז מירה געזעסן אין דער זייט, אויף אַ נידעריק געבעט בענקל, נעבן דער וועראַנדע. נאָכן שאַרפן ווערטער־אויסטויש מיט מיכאלן געווען דערשלאָגן, גאָר באַזאָרגט פון אורהס דראָונגען. געגלויבט אירע רייד. געמורמלט: „די האַרצלײדנדיקע אורה וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. קען קראַנק ווערן״. די חרפה האָט זי נישט געלאָזט צורו. איר האָט געפּייניקט אַ פּחד: דער אומגליקלעכער, נישט פאַרזיכטיקער פלירט מיטן שוואָגער, קען צעברעכן, צעשטערן איר שוועס־טערס משפחה־לעבן. דאָס האָט זי נישט געוואָלט. ס׳האָט איר באַנג געטאָן דאָס צורעדן אורהן מיטן שוואָגער, איינאָרדענען דעם חנוכת־הבית אין סדר־אָוונט. אויך צוגערעדט אין סאַלאָן צעשטעלן די טישלעך מיט ברע־נעדיקע, פאַרביקע ליכט, טונקל פאַררויטלען די עלעקטרישע גלעזלעך. שאַפן ביי די געסט אַן אילוזיע, אַז זיי געפינען זיך אין אַ קאַבאַרעט־באַר. איינגעזען איר זינלאָזיקייט צו זיין די איניציאַטאָרן פון דעם אָוונט. נישט אויפגעהערט טראַכטן: „ס׳איז געווען נישט טאַקטיש איר פירונג. דאָס האָט פאַראורזאַכט צו צעשטערן די אַזוי פיין־איינגעאָרדנטע שמחה״. אַרויס־קוקנדיק אויף דעם אָוונט־פינצטערדיקן, רעגנדיקן דרויסן, דערשפּירט פייניקע פאַרדאַכטן: זי האָט היינט דערמעגלעכט מיכאלן זיך פאַרבינדן מיט רותין. די־אַ נקבה האָט שוין איינגעלאַדן צו אירע פריילעכע, זינד־הוליאַנקעס עטלעכע משפחות, וואָס האָבן בשעת מעשה פרעך געהוליעט און אַ צייט נאָכדעם זיך געגט״.

פאַרזאָרגט. פאַרטראַכט איז מירה געזעסן. מיט אירע דיקלעכע, קורץ־פינגערדיקע דלאָניעס פאַרשטעלט ס׳פאַרטרויערטע פּנים. געדמיונט: „דער ריכטיקער סקאַנדאַל צווישן אורה און מאַן וועט זיין נאָכן אָוועקגיין פון דעם סדר־באַל. מיכאל וועט שוין האָבן מיט וואָס מיך מאַטערן, נאָכשפּיאָ־נירן יעדן שריט. פאַרשן פאַרוואָס כ׳בין מסכים געווען אַנטייל נעמען אין רותיס מסיבה — רותי האָט זיכער פאַר מיכאלן זיך באַרימט, אים איינ־

גערעדט — כ׳האָב איר צוגעזאָגט קומען אויף דעם סורפּריזנדיקן אָוונט, בכדי אויך פון אים אַרויסבאַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער. כ׳קען גוט רותיס אינטריגע־מיילעכל. זי מאַכט סכסוכים אין משפּחות. אַזוי אַרום פאַנגט זי מענער אין איר זינד־נעץ״.

אַזוי אין זיך, צו זיך רעדנדיק, דערפילט אַ קלעמעניש אין האַרץ. די געדאַנקען האָבן נישט אויפגעהערט מאַטערן. אַז ס׳האָט איר אויף אַ רגע באַרויִקט אַ מחשבהלע, זי טרייבט איבער, אַפּגעלייקנט גט־מעגלעכ־קייטן צווישן אורה און מאַן און מיכאלס אַרויסציִען זיך פון שטוב, האָט זי ווידער געחקרנט: „דער קליגלדיקער שפּאַס מיט גליקן, אַפּצונאַרן אורהן און די געסט אַז דער פלירט מיטן שוואָגער איז נישט ערנסט, איז געווען אַמנאַרישסטן״. ווידער צו זיך גערעדט: „די נאַרישע ראָמאַן, מיינט זיכער, כ׳וויל איר צונעמען דעם פּאַרטנער. איר געמיין מויל וועט צעפּלוידערן מיין רייצן מענער. מיך פאַרשטעלן אַלס פאַררעטעריןָ, נינפאָמאַנקע. דער אומגליקלעכער סדר קען צעשטערן דריי משפּחות. מע קען אויך מיך אַפּזאָגן פון ביידע דערציונגס־פּאָסטנס״.

אַזוי זיך גריבלענדיק, דערפילט אַ דריקנדיקע ווייטיק אין האַרצגריבל, אַ שווינדלעניש פאַר די אויגן. דער דיל האָט זיך פאַר איר, אַרום איר אַנ־געהויבן באַוועגן. פאַר אירע פאַרגלאָצנדיקע אויגן האָט זיך אַלץ קאַראַ־האַדמעסיק געדרייט: די לעמפּ, דער געדעקטער, סערווירטער טיש, אויף אים פאַלנדיקע ווייבער, איבער זיי ליגנדיקע מענער. אַלץ האָט זיך גע־נעפּלט, געפינצטערט. געפילט שלעפעריקייט. פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט. איז אַראָפּגעפאַלן פון בענקל. די גראָבע רבקה האָט געשריגן: „מענטשן, ראַטעוועט! דערלאַנגטס וואַסער!״. באַפוילן די נייגעריק־שטייענדיקע, וואָס האָבן גלאָצנדיק אַנגעקוקט אויפן דיל די אויסגעצויגענע מירה, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אומבאַוועגלעך־ליגנדיקער מאַנעקען. זהבה האָט איילעוו־דיק געבראַכט צוויי גלעזער וואַסער. מירהן איבערגעדרייט אויף דער פּלייצע. איר אויפגעריסן ס׳פאַרהאַקטע מויל. אַריינגעגאָסן אַביסל וואַסער. באַנעצט ס׳בלאַסע פּנים, דעם שטערן. פריי געמאַכט דעם ביוסטהאַלטער. צעקנעפּלט. איינגעריבן די שלייפן. מירה האָט זיך עטוואָס דערוועקט. גלאָציק אומגעקוקט .נישט געוווסט, פאַרוואָס ס׳קוקן אויף איר אַזוי פיל אויגן. געפרעגט: „ווו איז אורה?״, פּלוצים זיך אויפגעכאַפּט, געקוקט, געזוכט.

אַז ס׳איז מירהן געוואָרן לייכטער, האָט דער הויכער ברוך זי אויפ־געהויבן. אַרויסגעטראָגן אויף דער וועראַנדע. זי געזעצט אויף אַ לייוונטי־קער אויסלייג־שטול. די אַריינאָטעמדיקע, ווינטיק־קילע לופט האָט פאַר־לייכטערט איר איבלדיקייט. זי איז געזעסן אַנמעכטיק. געקרעכצט. געצי־טערט פאַר קעלט. ס׳זענען אַרויסגעקומען גליק, רותי, עטלעכע נייגעריקע. יעדער האָט געעצהט וואָס צו מאַכן מיט דער מירה, וואָס האָט געהאַלטן

דעם קאַפּ געבויגן. אויסגעבראָכן זויער־ברענעדיקע עסנס. זיך געווישט פון מויל־ציִענדיקע ,קלעפּנדיקע שליימעכץ. געהוסט, געניסט. פון איבלדיקייט זיך צעשאָקלט. מ׳האָט זיך אַרום איר געפּאָרעט: איינער האָט געבראַכט קאָניאַק, דערמיט איר איינגעריבן די שלייפן. גליק האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ ראָז פלעשעלע פּאַרפום. דאָס געעפנטע שמאָלע קעפּל צוגע־שטעקט צו איר נאָז. זהבה האָט איר געווישט דעם נאַס־באַשפּריצטן שטערן. ברוך האָט אויסגעטאָן זיין מאַרינאַרקע, זי אַרומגעהילט. מ׳איז געשטאַנען, זאָרגעוודיק געקוקט אויף דער פון חלשות־אויפגעוועקטער מירה. קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט ווי פון די אונטער צפון־בערג רוקן זיך אָן וואָלקנס, אָנגעלאָדענע מיט שטורעם. זיכער זענען זיי געשווימען אין שטיקל הימל, איבער די שטעטלדיקע הייזלעך, פאַרשטעלט די נאָך איבערגעבליבענע, שימערירנדיקע, לעצט־צאַנקענדיקע שטערנדלעך, וועלכע האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן געלאָשן. מירה, אירע העלפער זענען געוואָרן אויפגעטרייסלט פון אַלע מאָל אויפשטראַלנדיקע בליצן אויף רגעס צעליכטיקטע אַנטקעגנ־דיקע מוראדיקע בערג. זענען געוואָרן צעצאַפּלט, הערנדיק נאָכקנאַלנדיקע דונערס. צוואָיעוועטע ווינטן האָבן צעפּלאָשעט אַנדאַלירטע האָר אויף די ווייבערס קעפּ, צעבלאָזן זייערע קליידער. מ׳האָט מירהן צוריק אַריינגעפירט אין דעמפּיקן, הייסן סאַלאָן מיט רויכערדיק־עיפּושדיקער לופט. די פון קעלט־שוידערנדיקע אַריינגעקומענע האָבן דערציילט פון דעם נעענטערנדיקן הוראַגאַן. די פּלירט און מסחר־טומלער האָבן אויגנבליקלעך אַ קוק געטאָן אויף די פענצטער, פאַרהאַנגענע מיט אויסלענדיש־שטאָפיקע גאַרדינען. געגלאָצט און גאָרנישט געמאַכט זיך וויסן. „וואָס מאַכט מירה?״, האָבן געפרעגט צוויי פרויען מיט רייכערדיקע סיגאַרלעך אין רויטלעכע ליפּן. „ס׳איז איר שוין אָלרייט״, האָט געענטפערט אַ רויט־האָריק ווייבל, וואָס האָט זיך אָנגעלענט אויף איר פּאַרטנער.

8

אַ ברוגזע, טרויעריקע, בלאַסע איז מירה געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל. מיט קיינעם נישט גערעדט. אויף קיינעם נישט געקוקט. געווען פאַרדמיונט מיט זיך. חרטה־געדאַנקען האָבן זי אויפסניי געמאַטערט. ס׳האָט זיך דער־הערט טאַנץ־מוזיק. דער הויכער גדי האָט קיינעם נישט געפרעגט מער. אויפן פּאַטעפאָן אַרויפגעלייגט אַ טאַנגאָ־פּליטע. די שטילע ראָמאַנטיש־וועקנדיקע מעלאָדיעס, באַגלייט מיט אַ סאָפּראַן־קלינגענדיק, ליבע־פּאַר־בענקט מיידלקול, האָבן די אָנוועזנדיקע אָנגערעגט צום טאַנצן. מ׳האָט פאַרגעסן מירהס חלשן; די קריגעריי פון אורה מיטן מאַן. שוין מער נישט געדענקט די פּלוידערייען, רכילות. אַלע תאווה־צעהיצטע ווייבלעכע און מענער גופים האָבן באַגערט זיך אַרומנעמען. צוזאַמען וויגן צום טאַקט

פון דער לוסט־מאַנענדיקער, וועקנדיקער טאַנצמוזיק, באַגלייט פון אַ האַר־ציק־זינגענדיקער פרויען־שטימע. ביסלעכווייז זענען שמייכלענדיקע פאַר־לעך אויפגעשטאַנען פון צום סדר־סערווירטע טישן. מענער האָבן העפלעך, שטייף זיך פאַרנייגט פאַר דאַמען. זיי אַרומגענומען. צוזאַמען זיך געשאַרט. שאָקלענדיק באַוועגט. געדרייט צום טאַקט פון דער מונטער־שפּילעודיק זינגענדיקער פליטע.

גאָלדשטיין איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרזאָרגטער שוועגערין. זי באַ־רויִקט: „מירהלע, פאַרלאָז זיך אויף מיר. כ'וועל שוין פאַרגלעטן דעם עסק. אַ שאָד, דו נעמסט זיך צום האַרץ".

„שמוליק, מיך דריקט, קלעמט ביים האַרץ. די גאַנצע אויפנאַמע איז איבעריק. כ'האָב מורא פאַר קאָנסעקווענצן".

„מירהלע, ריכטיק". באַזאָרגט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אָבער..." איז געבליבן שטיל.

9

„אדון גאָלדשטיין", האָט שמואל דערהערט אַ פרויען־שטימע. אויסדריי־ענדיק דעם קאָפּ, פאַר זיך דערזען די עלעגאַנטע, רויטהאָריקע פרוי ראָמאַן. „ס'איז אָנגענומען", שמייכלט זי קאָקעטירנדיק, „מענער לאַדן איין פרויען צו טאַנצן. אָבער אין דער פרייער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער אין אייער וווּנדערבאַר־שיין הויז דערלויב איך זיך אייך פאַרבעטן טאַנצן".

ער איז געוואָרן איבערראַשט. נאָך בײדע אויפרעגנדיקע סקאַנדאַלן מיט אורהן; נאָכן דערוויסן זיך פון מירהן געהערטע שפּאַטישע רייד וועגן זייער נישט טאַקטיש פלירטעווען, נאָך מירהס חלשן, איר נערוועזן געשפרעך מיט מיכאלן איז גאָלדשטיין נישט געווען געמיטלעך אויפגעלייגט צו טאַנצן. נאָך דערצו מיט דער ראָמאַנאָווע, וועלכע חנדלט זיך צו אים שוין חדשים. אויך דעם אָוונט צו אים עטלעכע מאָל חברהמאַניש געווונקען. מורא געהאַט פאַר אַ דריטן סקאַנדאַל מיטן ווייב.

„הער גאָלדשטיין, וואָס זייט איר אַזוי צעחושט? צעשטרייט?", האָט ראָמאַן אים געפרעגט. אויסגעשטרעקט אירע אַנטבלויזטע הענט. ליבלעך געשמייכלט. געזאָגט: „מוליק, זייט אַ דזשענטלמען".

איר ווייבלעכע נאַענטקייט, שיינע, גלאַנציקע, בעטנדיקע אויגן האָבן גובר געווען זיין פחדיקע קעגנערשאַפט. ער האָט זי חשקדיק אָנגעקוקט. ס'איז אים גאָר געפעלן איר לייכט־באַפּאַרבט פנים, יונג, גלאַנציק, ראָז לייב. גאָפּנדיק, באַמערקט איר טיף־דעקאָלטירט, בלוי, קורץ, זיידן קליידל, וואָס איז געווען אויף איר שיינפאָרמיקן, ווייבלעכן קערפּער אויסגעפּאַסט, גע־מאַכט בולט איר רייצנדיקן בוזעם, ווי צווײ כישוף־באַלאַנדלעך. ס'האָבן אים געלאָקט אירע גלייכע אַקסלען, תאווה־מאַנענדיקע היפּטן. דאָך געספּקט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זעענדיק אירע פיינגעטאָקטע נאַקעטע פיסלעך אין

הויכקנאָפּלדיקע, גלאַנציקע, זילבערקאָליריקע לעטשלעך, אינסטינקטיוו אַרומגענעמען איר טאַליע. מיט איר זיך אַרומגעדרייט אין צעטאַנצטן געווירבל, צווישן פּריילעכע, צערייצטע, שוועבנדיקע פּאָרלעך.

ער האָט זיך אַלע מאָל אַרומגעקוקט. אַבסערווירט צי אורה קומט אַריין פון קיך. פּרוי ראַמאַן האָט זיך צו אים געגעענטערט, צוגעטוליעט. פאַרלייגט די הענט אַרום זיין האַלדז. ער האָט מורא געקריגן. פאַרלוירן דעם חשק צו טאַנצן מיט דער צו אים־באַהאַפטענער פאַרטנערקע. זיינע פיס זענען געוואָרן שווער ווי אונטערגעהאַקט, געליימט. זי האָט דערפילט זיין אַפּאַטיע, ווידערווילן. דאָך נישט רעזיגנירט. אים געשלעפּט ווי אַ מאַנעקען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די צעלוסטיקטע, צעטאַנצטע ווייבער מיט זייערע צעהיצטע פאַרטנערן. חידושדיק באַמערקט די טישן מיט אַזוי פיל אָנגעשטעלטע, טייער־איינגעקויפטע שנאַפּסן, פולע סערוויזן מיט קאָליריקע סאַלאַטן, פיש, פלייש. צו זיך גערעדט: „כ׳האָב זיך באַנאַרישט. געהאַרכט דעם „הוליע־סראַק״, מירה די שוויצערין. האָב עס נישט באַדאַרפט״.

די גראָבע רבקה מיט איר סאַפּענדיקן מאַן האָבן זיך אויפגעשטעלט. ביידע מיט קייענדיקע מיילער, טאַרט־באַשמירטע ליפּן. האָבן אָנגעהויבן טאַנצן. פאַמעלעך זיך צוגעשאַרט, צוגעדרייט צו דער דריידלדיקער, אַנטוישטער פרוי ראַמאַן מיטן מטושטשן, איר נאָכשלעפּנדיקן פאַרטנער. רבקה האָט דיסקרעט, ווי וועלנדיק אַנטאָן דעם פון איר פוס־אַראָפּגערוקטן לאַטש, זיך אַראָפּגעבויגן, אַריינגעשטופּט דעם פוס אין לאַטש און אויפגעהויבן אַ גאָלדענע בראַשקע מיט פינקעלדיקע בריליאַנטלעך. איר מאַן שמואל האָט זיך צעהוסט, צעסאַפּעט, געווישט דעם שווייס. געפילט זיך נישט גוט. אָבער געמוזט פאַרזעצן דעם פאַר אים גאָר מאַטערנדיקן טאַנץ. האָט גוט באַמערקט, זיין רבקה האָט אויפגעהויבן אַ ווערטפולע מציאה און נישט געוואָלט פּלוצעם אָפּשטיין פון די זיך רונד־דרייענדיקע, איינס צו ס׳אַנדערע זיך בייגעוודיקע טאַנצפאָרלעך, וואָס האָבן באַוויגן די קערפּערס, קעפּ, געהויבן, געבויגן שנעלבאַוועגנדיקע פיס, מיטגעזינגען מיטן קוויטשענדיקן מיידל־קול פון דער זיך פאַמעלעך־דרייענדיקער פּאַטעפאָן־פּליטע.

גאָלדשטיינס אומווילן, גלייכגילטיקייט האָט אויפגערעגט די פרוי ראַמאַן, וואָס האָט זיך געפילט באַליידיקט. אָבער נישט אים פאַרגעהאַלטן, פאַרגעזעצט אים שלעפּן. מיט די פאַרפלאָכטענע הענט פעסט אים געהאַלטן אַרום זיין האַלדז.

„פרוי ראַמאַן״, האָט ער ענדלעך איר דערקלערט: „זייט מיר מוחל. כ׳פיל זיך שלעכט. צענומען אירע הענט. זיי אַראָפּגענומען פון האַלדז. דערנעענטערט צום מויל, זיי העפלעך געקושט, זיך פאַרנייגט, איז אַרויס פון דער קאַראַהאַד־טאַנצנדיקער, ענג־צונויפגעפּרעסטער, לוסט־צעהיצטער פרויען און מענער־מאַסע. אינמיטן די זיך דרייענדיקע, פאַרחלומטע פאָרלעך איז פרוי ראַמאַן געשטאַנען אַ באַליידיקטע, דערשלאָגענע, אַנטוישטע.

זינט זי איז דאָ געקומען, האָט זי געזוכט געלעגנהייטן צו פאַרבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם עלעגאַנטן, מונטערן גאָלדשטיין. איז געווען כּעסיק אויף דער אויסגעפּיאַצקעטער ליאַלקע, מירה, וואָס האָט זיך צום שוואָגער געטוליעט, ווי אַן אונטערטעניק, טריי קעצל. באַמערקנדיק זיין אָפּווייכן דעם קאָפּ פון מירהן און צו איר אייניקע מאָל געוווּנקען, איז זי געווען זיכער, אַז איר פאַרבעטן אים טאַנצן וועט זיין אַ ווענד־פּונקט אין איר לאַנגווייליק משפּחה־לעבן. געמיינט: איר קערפּערלעכע נאָענטקייט ביים טאַנצן, וואָס וועקט אַלע מאָל לוסט ביי מענער, וועט אויך אים אימפּאָנירן, אויפרייצן. זיי וועלן זיך אָנהייבן באַגעגענען. זי האָט אויסגעקאָמבינירט, אויסנוצן אַלע אירע פרוייִשע צוציאונגס־מיטלען, אים נאָכגעבן אַלע זיינע לוסט־פאַרלאַנגען. געמיינט דערמיט געווינען דעם באַקאַנטן פרויען־יעגער. בעתן זיצן אין סאַלאָן און פּלאַנירן אָנצוציען גאָלדשטיין, האָט זי צו זיך גערעדט: „מיין מאַנס גאַלעכל וועט שוין פּלאַצן פאַר אייפערזוכט. דאָס וועט אים גוט לערנען שכל פאַר זיצן אין אויסלאַנד, זיך וואַלגערן אין פּאַריזער האָטעלן, מאַכן אַ וויסט לעבן מיט זונות אין קאַבאַרעטן און מיך איבערלאָזן ווי אַ הונט היטן זיין פאַרמעגן: די אָפּגעציילטע, פּאַרפאַקטע פּעקלעך דאָלאַרן, מאַרקן, אָפּגעוויגענע, געננוי־פאַרצייכנטע ביזשוטעריע, גלייך כ׳בין זיין דינסט”. שוין חדשים טרוימט זי קומען אין דער זעלבער געזעלשאַפט, ווו ס׳פאַרברענגט גאָלדשטיין. זי ווייסט זיין שוואַכקייט צו ווייבלעך, פאַראייַנזאַמטע פון געלט־גייציקע מענער, וואָס פאָרן אַרום, זענען תמיד פאַרנומען געשעפטלעך אָדער אין פריילעכע געזעלשאַפטן. לאָזן איבער אין היימען זיצן זייערע ווייבער, ווי לעבעדיקע אלמנות, עגונות. זי האָט געגאַרט מיט גאָלדשטיין אַביסל פאַרברענגען. אַז זי איז געוואָרן איינגעלאַדן, אַ דאַנק גליקס רעקאָמענדאַציע, צו דעם סדר און חנוכת הבית־באַנקעט, האָט זי טעג און האַלבע נעכט פּלאַנירט ווי אַזוי זיין קאָסמעטירט, אָנדאָלירט, געפאַרבט און עלעגאַנט אָנגעטאָן. דער שניידערין געבעטן אויסטרענען די אַרבל אין ניי־געקויפטן קלייד. עס ברייט, טיף דעקאָלטירן ביז האַלבע ברוסטן, אָפּשניידן אַ העלפט פּלייצע. שעהן אַרומגעלאָפן אין צענדליקער געשעפטן ביז זי האָט צוגעפּאַסט, אויסגעקליבן זילבער־קאָליריקע לעטשלעך מיט הויכע, שפּיצלדיק קנאָפּלעך. פאַרן גיין צום באַנקעט איז זי לאַנג געשטאַנען פאַרן שטיי־שפּיגל. זיך קאָסמעטירט. באַצירט מיט ברילי‍אַנטענע אויערינגלעך, גרויסע גאָלדענע רינגען. אויף ביידע הענט דיקע גאָלדענע בראַנדזעלעטן און דעם טיפן דרייעק־דעקאָלט צווישן די האַלב אַנטבלויזטע ברוסטן פאַרשפּילעט מיט אַ גרויסער, רונדיקער, בלומפאָרמיקער בראָשקע מיט שימערירנדיקע ברילי‍אַנטן. בשעת זי האָט זיך געשפּיגלט ס׳לעצטע מאָל פאַרן אַרויסגיין פון איר „פאָרד”־טעקסי, האָט זי געמיינט, זי וועט ביי די גאָלדשטיינס זיין די עלעגאַנטסטע דאַמע. איז אַ שטאָלצע, צופרידנדיקע אַרויס. פאַרשלאָסן דעם אויטאָ. זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצן, געשטריקטן שאַל.

קומענדיק אין גאָלדשטיינס הויף. האָט זי, ווי אַ מאָדעלקע, שריט ביי שריט, שפּאַצירט אויפן ברוינלעך־שטיינערדיקן סטעזשקעלע ביז די דיקע טירן. און ביים אַריינקום אין שוין רוישיקן סאַלאָן איז זי געוואָרן אַנטוישט. באַלד באַמערקט די עלעגאַנטע דאַמען, אויסגעפּוצטע אין לעצט־מאָדערנע קלייד־דער, פּריזורן, באַהאַנגענע מיט שווערוואָגיקע גאָלדענע קייטן, שנירן פּערל, גרויסע אויערן־רינגען, ברייטע בראַנדזולעטן מיט שימערירנדיקע ברי־ליאַנטן. גאָר אַנטוישט איז זי געוואָרן, זעענדיק, איר אויסגעטרוימטער גאָלדשטיין ווילט זיך מיט זיין יונגער, שיינער שוועגערין. זיי זיצן איינער נעבן אַנדערן גאָר נאָענט, שושקען זיך אין די אויערן. זייערע פּנימער זענען פאַררויטלט און גאָלדשטיינס אויגן פלאַמען. זי איז געווען די גאַנצע צייט פאַרטראַכט, טרויעריק. זיך אַנגעשטרענגט נישט אַרויסצווייזן איר צעש־טרייטקייט פאַר גליקן, וועלכער האָט זיך צו איר צוגעזעצט. אין איר האַרץ האָט אָבער געגנאָגט קנאה, פאַרדראָס. דער סקאַנדאַל מיט אורהן האָט זי באַרויִקט. צופרידן אָבסערווירט די ברוגזע, פאַרזאָרגטע מירה זיצן אַליין. בשעת אַלע זענען געווען באַזאָרגט פון מירהס חלשן, איז זי געזעסן רויִק, גלייכגילטיק. איר האָפענונג צו געווינען גאָלדשטיין האָט זיך אויפסניי דערוועקט. אַז ס'האָט זיך דערהערט די מוזיק, באַשלאָסן מוותר זיין אויף דאַמען־ערע. אים איינגעלאַדן טאַנצן. זיין נישט געגרנדיקער ענטפער, קאַלט־קייט, גלייכגילטיקייט, אומווויליק טאַנצן, וואָס האָט גורם געווען כסדרדיקע צוזאַמענשטויסן מיט טאַנצנדיקע פּאָרלעך, און ענדלעך דאָס בזיונדיקע זי לאָזן שטיין אינמיטן אַלע פרייליכע, התלהבות־צעטאַנצטע איז פאַר איר געווען אַ גאָר חרפּהקער דורכפאַל. בושהדיק האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אירע פלאַמכעסיקע אויגן. נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. קוים זיך אַרויסגערוקט פון דעם דרייענדיקן געווירבל. נאָך קיין מאָל איז זי נישט געוואָרן אַזוי באַליידיקט און דאָס אין אַנוועזנהייט פון אַלע דאָ גוט באַקאַנטע, וואָס באַציִען זיך צו איר מיט רעספּעקט פאַר איר רייכטום, שיינקייט, עלעגאַנץ און קולטורעל אויפפירן אין געזעלשאַפט.

אסתר האָט רעשיק אַריינגעאיילט אין קיך. זיך געהויבן אויף די שפּיץ ווייסע גומענע לעטשלעך. אורהן איינגערוימט: אין שלאָפצימער האָבן זיך פאַרמאַכט פּרוי גאָלדוואַסער מיט יצחקל זילבערמאַן. אורה האָט שנעל אויפ־געבונדן ס'ווייסע פאַרטוכל. עס געשליידערט אויפן דיל. איז אַריין אין סאַלאָן. „שעמט אייך!“, זיך געבייזערט: „דאָס הייסט ביי אייך אַ סדר?!“. איז האַסטיק צוגעלאָפן צום פאַטעפאָן. אים פאַרדרייט, צוגעדעקט. פון די פאַרטונקלטע לעמפּלעך אַראָפּגעפליקט די רויטע ניילאָנען. אַלע האָבן זי אַנגעקוקט שטוינענדיק. דאָס פלוצעמדיקע שטיל ווערן פון דעם רוישיק־שפּילעוודיקן פּאַקס, באַגלייט פון אַ קוויטשענדיק מיידל־קול, די העל־ברענענדיקע זשיראַנדעלן־לעמפּ, וואָס באַלייכטן דעם סאַלאָן, אומבאַוועגלעכע טענצער מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און פאַרוווּנדערט־קוקנדיקע אויגן האָט

אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט זיך פּלוצעם איבערגעריסן אַ פריילעכע טעאַטער־שפּיל — דער זאַל איז געוואָרן באַלויכטן. ס׳פּובליקום וואַרט, ס׳זאָל צוריק ווערן פינצטער און די אַקטיאָרן זאָלן אויפסניי זיך באַוועגן, שפּילן זייערע ראָלן. אַ בלאַסע האָט זיך אורה אַרומגעקוקט אויף די הוליענדיקע געסט. פאַר־דראָסיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. איז אַריין אין קיך.

די געסט האָבן זיך געפילט באַליידיקט. איינער האָט אויפן צווייטן געקוקט, מיט הענט, בליקצייכנס געפרעגט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען אורהס אויפברויז. פאַר דער־אַ געזעלשאַפט איז דער פאַרוויילנדיקער אָוונט געווען נאַטירלעך. גאַרנישט אויסנאַמלעך. גאָלדשטיינס פלירט מיט מירהן. אורהס איבערווערטלען זיך מיטן מאַן איז אויך פאַר די געווען אַ געוויינלעכער, פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד אין משפחה־לעבן.

10

אַ דערשלאָגענע איז פרוי ראָמאַן געזעסן אין אַ ווינקל. דיסקרעט זיך געווישט פייכטע אויגן. פּלוצעם זיך צעשריגן: „אוי ווי איז מיר! ווו איז מיין בראָשקע? ווע רהאָט געפּונען מיינע בריליאַנטן?". זי האָט געקלולותט, געקנייפּט די באַקן, געריסן די האָר. געספּאַזמעוועט: „ווו איז מיין צירונג?".

מ׳האָט אָנגעצונדן די רעשט זשיראַנדעלן. יעדער האָט מיטגעהאָלפן זוכן דאָס פאַרלוירענע צירונג. געפּרווט זי באַרויקן: „קיינער ברויכט נישט אייערס. זייט זיכער, מ׳וועט עס געפינען. זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט ווילדעווען: „אוי ואבוי. ווי איז צו מיר. ווו איז מיין פאַרמעגן?! בעניעק וועט דאָך דאָס מיר נישט גלייבן?".

אסתר חמאמי איז בהלהדיק אַריינגעלאָפן אין סאַלאָן. בלייך, דערשראָקן צו גאָלדשטיין געזאָגט: „אורה חלשט".

מ׳האָט אויפגעהערט זוכן די בראָשקע. איבערגעלאָזט די ספּאַזמירענדיקע פרוי ראָמאַן. אייניקע האָבן געפּרווט זיך אַריינשטופּן אין קיך. מירה האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר. נישט אַריינגעלאָזט די נייגעריקע און די שוין אַריינגעשטופּטע געבעטן אַרויסגיין. זעענדיק איר שוועסטער ליגן אויפן דיל אָן אויסגעצויגענע, מיט אויסגעלאָשענע, פאַרגלאָצטע אויגן, בלאָס פּנים ווי קרייד, אַ קוים כאָרכלענדיקע, צו איר געשריגן: „אורהלע, מאַך אויף ס׳מויל!. עפן די אויגן!" צום שוואָגער באַפוילן: „וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? שנעל רוף אַ דאָקטאָר!".

גאָלדשטיין איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן. פאַר אויפרעגונג נישט גע־קענט רעדן. דער הויכער ברוך האָט גענומען ס׳טעלעפאָן־טרובקעלע. נערוועז אַריינגעשריגן: „מגן דוד אדום?. אַ האַרץ־אַטאַק! שנעל קומען מיט אַ דאָקטאָר!". געבעטן פאַרשרייבן דעם אַדרעס. נאָך אַמאָל געבעטן: „קומען זאָפאָרט!".

פרוי ראַמאַן איז האַסטיק צוגעלאָפן צום טעלעפאָן. אַנגעקלינגען אין דער פּאָליציי. דערציילט ביי וועמען זי געפינט זיך. „דאָ פאַרלוירן צירונג: אַ בראַשקע מיט אַ בראַנדזועלעט אין ווערט פון אַ פערטל מיליאָן פונט. בין חושד, מ׳האָט עס מיר צוגעגנבעט. כ׳בעט קומען מאַכן אַן אונטערזוכונג״.

ראַמאַנס רופן די פּאָליציי אין דער צייט ווען אורה ליגט אַ באַוווסטלאָזע, אַ חלושדיקע האָט אַלעמען צעצאָרנט. ראַמאַנס שרייען האָט פאַרהילכט מירהס קלאָגן איבער אורהס אומבאַוועגלעכן קערפּער, אַלע אויפגערעגט, באַאומרויִקט. יעדער האָט זיך געפילט מיטשולדיק אין אַנטייל נעמען אין דעם הוליענדיקן סדר. האָבן צווישן זיך געשמועסט: גאָלדשטיינס פריי, עפנטלעך, נישט טאַקטיש ראַמאַנסירן מיט זיין שוועגערין האָט אויפגערעגט אורהן, וואָס ליידט אויף גאָלשטיינער און איז האַרצליידנדיק. אייניקע האָבן זיך געסודעט: דאָס פאַרלוירענע צירונג קען ברענגען אַן אומגליק. די פּאָליציי וועט זיכער אַלעמען באַזוכן, אַנטדעקן מיטגעבראַכטע דאָלאַרן, אויסלענדישע וואַלוטע, טעקעס מיט שטאַבעס גאָלד. אייניקע האָבן זיך קעגנזייטיק אַנגעקוקט פאַרדעכטיק. איינער האָט דעם צווייטן חושד געווען אין געפינען דעם בראַנדזועלעט מיט דער בראַשקע. קיינער האָט אָבער נישט געוואַגט אַרויסזאָגן פאַרדאַכטנדיקע השערות, און דאָס אַפילו נישט פאַר אייגענע ווייבער. גאָלדשטיין האָט זיך געדרייט אויפגערעגט, בלאַס ווי קאַלך. געציטערט פאַר די באַהאַלטענע 400 טויזנט דאָלאַר. אויך רבקה מיטן מאַן האָבן גאַרנישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט דער געפינענער, אין רבקהס בוזעם באַהאַלטענער בראַשקע. רבקה האָט אויסגענוצט אַלעמענס פאַראינטערעסי־רונג מיט אורהס מצב, איז שנעל אַריינגעלאָפן אין באַדצימער, פאַרשטעקן די בראַשקע. אין קאָרידאָר געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע. דערזען פון אַ צעעפנטער טיר אַרויסגיין די רויט־פלאַמיקע גברת זילבערמאַן, וואָס האָט זיך צוגעקנעפּלט די ראָזע בלוזקע, אַרויפגערוקט דעם ריטשראַטש פון איר ראָק. באַלד איז פון דאָרט אַרויס דער לוסטיקער קבלן אדון בלאַטמאַן. רבקה איז שנעל אַריין אין גאָלדשטיינס קאַבינעט. די בראַשקע אַריינגעלייגט אין אַ דיקן אַלבאָם. „שמואל״, האָט זי פריי אָפּגעאָטעמט: „ס׳איז שוין גוט פאַרשטעקט. ווייסט?, כ׳זע, דאָ זענען אַלע בלאַטע״.

„וואָס ביסטו צעחושט?״, האָט מירה געשריגן אויפן שוואָגער. „הייב אויף אורהן. טראָג זי אַריין אין שלאָפצימער. זי ווערט דאָך דערשטיקט אין קיך״.

„שויך, שוין״, געהאָרכזאָם געמורמלט, ווי אַ צעטומלט קינד. פאַרן אויפהייבן אורהן, אויסגעטאָן ס׳רעקל. די נעבן אים שטייענדיקע זענען געוואָרן דערשטויגט: פון זיין קאָלנער איז אַראָפּגעפאַלן דער ראַמאַנאַוועס האַנד־בראַנדזועלעט. צופרידנדיק האָט איינער איבערגעגעבן דעם צווייטן די באַרויִקנדיקע ידיעה. די שרעק־אַטמאָספער איז געוואָרן לייכטער.

„קלינגט צו דער פּאָליציי, אַז זייער קומען איז איבעריק״, האָט געבעטן

שמואלס ווייב, רבקה. „אַבי געמאַכט אַ גראַטשקע. זעטס נאָר ווי זי האָט זיך צעראַצט, צעקוויטשעט ווי אַן אָנגעבריטער חזר. אַזאַ נאַרישע יידענע. אַ שטיק פלייש מיט צוויי אויגן".

„כ'האָב באַלד געוווּסט, אַז ס'איז ביי אים. זאָל ער אויך אָפּגעבן די בריליאַנטענע בראָשקע. פלוצעם האָט זיך אים נישט געגלוסט טאַנצן. מיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ פרייערקע", האָט די ראָמאַנאָווע געגוואַלדעוועט. אָנגעטאָן דאָס האַלב רייפיקע שטיק גאָלד אויף איר לינקער האַנט.

מ'האָט זי געפּרוווט באַרויִקן, אַז ביים טאַנצן האָט זי פאַרלוירן די בראָשקע. דער בראַנדזועלעט האָט זיך זיכער פאַרטשעפּעט ביי גאָלדשטיינס קאָלנער, בעת זי האָט אים אַרומגענומען ביים האַלדז. „אדון גאָלדשטיין וועט נישט אָפּטאָן אַזאַ אומזין. צונעמען צירונג, נאָך דערצו ביי זיינס אַ גאַסט אויף אַן איינגעלאַדענער שמחה". האָט רבקה זי פאַררעדט: „שעמען זי זיך.". די ראָמאַן האָט נישט אויפגעהערט קוויטשען. אַלע אויפקלערנ־דיקע רייד האָבן זי נישט איבערצייגט. איז געווען זיכער: גאָלדשטיין האָט פון איר אַראָפּגענומען ביידע שטיקער צירונג. נאָר צוליב דעם זיך אָפּ־געשטעלט אין מיטן טאַנצן. איז אַוועק. „דער בראַנדזועלעט איז אים נישט אַראָפּגעפאַלן פון קאָלנער. ביים אויסטאָן ס'רעקל איז עס אַרויסגעפאַלן פון זיין קעשענע. כ'האָב אַליין געזען. זאָל ער אויך אָפּגעבן די בראָשקע". האָט זי דעצידירט געטענהט.

פרוי ראָמאַנס אָפן באַשולדיקן גאָלדשטיינען אין גנבה האָט אים דער־שיטערט. דערשלאָגן. ביידע פלוצעמדיקע געשעענישן: אורחס אַטאַק און דאָס פאַרלוירענע צירונג איז פאַר אים געווען אומדערטרעגלעך. זעענדיק זיין ווייב ליגן אַן אומבאַוועגלעכע מיט צעפּאַטלטע האָר, פאַרגלייזטע אויגן און אַ לייכט, רויט בלוט־שטראָמעלע ריזלט פון איר לינק צעקרומט מויל־ווינקל, האָט ער זיך געקנייפּט די באַקן, געבראָכן די הענט־פינגער. ס'האָט אים באַדעקט אַ קאַלטער שוויס. איז געוואָרן משנה־צורה.

די פּאָליציי איז פריִער געקומען פאַר דעם אַלאַרמירטן מגן דוד־דאָקטאָר. ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען, האָט גאָלדשטיין קאָנוולסיוו געציטערט. די צוויי יונגע שוטרים האָבן וווּנדערנדיק אָנגעקוקט דעם סאַלאָן מיט די דערשראָקענע לייט. נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. די עלעגאַנטע ווייבער טוליען זיך צו די בלאַסע מענער איז פאַר זיי געווען אַ רעטעניש. איינער האָט געוווּנקען צום צווייטן. אָנגעוויזן אויף די גע־דעקטע טישן מיט אַזוי פיל פליישן, פיש, געטראַנקען, פרוכטן, וואָס קען סטייען פאַר אַ פילפאַכיקער צאָל מענטשן ווי די אַנוועזנדיקע. ס'ערשטע מאָל זעען זיי אַזאַ עלעגאַנטע חברה. גלייבן גאָרנישט, אַז דאָ האָט ווער ביי וועמען עפּעס געגנבעט. „די שרייענדיקע גברת זעט אויס אַ צעחושטע", האָט אַ שוואַרצהאָריקער פּאָליציסט געזאָגט צו זיין גאָר הויכן בלאָנדן חבר. וואָס האָט ווינקענדיק געקוקט אויף די שיינע, ווייבערישע דעקאָלטירטע

ביוסטן, פלייצעס, געטאַקטע פיסלעך. זיי האָבן אויסגעהערט ראָמאַנס טענות קעגן גאָלדשטיין, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט רייבן אוהרס שלייפן, מאַסאַזשירן איר בוזעם־גריבל. די פּאָליציי זענען אַריין אין שלאָפצימער פרעגן פּרטים ביי גאָלדשטיין. זעענדיק די פאַרחלשטע מיט אויגן־פאַר־גלייזטע פרוי, האָבן זיי שטרענג טעלעפאָנירט צום מגן־דוד און נישט באַקומען קיין ענטפער. ביידע געשעענישן זענען פאַר זיי געווען אומפאַר־שטענדלעך. פרוי ראָמאַן האָט אויפסניי די פּאָליציסטן דערציילט איר טאַנצן מיט גאָלדשטיין. זיין ווערן פלוצעם צעמישט. זיך אָפגעשטעלט. „איז פאַרשוווּנדן, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלינגען״.

„גברת״, האָט דער היכער שוטר זי באַרויקט: „קודם מוז מען ראַ־טעווען די פאַרחלשטע״. ביידע האָבן זיך באַראַטן. באַשלאָסן נישט וואַרטן אויפן מגן־דוד. אורהן אָוועקפירן אין שפּיטאָל. מיטנעמען די אַנקלאַגערין ראָמאַן מיטן באַשולדיקטן גאָלדשטיין. „אין דער פּאָליציי וועט איר אַלץ דערציילן. מירן שוין דאָרט אַלץ אויספאָרשן. קודם מוז מען ראַטעווען די קראַנקע״, האָבן זיי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט זייער באַשלוס.

„זאָל איינער אָוועקפירן די קראַנקע און דער צווייטער זאָל מאַכן אַן אונטערזוכונג. רעווידירן די שטוב און יעדן איינעם״, האָט פרוי ראָמאַן געבעטן. איר ביטע האָט אַלעמען צעטרייסלט. האָבן מורא געהאַט, מ׳וועט ביי זיי גאָר געפינען אומלעגאַלע וואַלוטע און ווערטפולע חפצים.

„באַפעלן באַקומען מיר פון אונדזער מפקד״, האָט דער טונקלהויטיקער פּאָליציסט זיך געבייזערט. צום חבר געזאָגט: „יאַללאַ״. האָבן אַרויסגע־טראָגן אורהן און געהייסן מיטפאָרן די קלאָגנדיקע פרוי ראָמאַן מיטן נידערגעשלאָגענעם גאָלדשטיין.

נאָכן אָפּפאָרן פון דעם פּאָליציי־טענדער מיט אורהן, ראָמאַן און גאָלדשטיין האָבן די דערשראָקענע געסט לייכטער אָפגעאָטעמט. מ׳האָט זיך געסודעט, באַדויערט די קראַנקע. געחוזקט פון דער צעחושטער יאַכנע, פרוי ראָמאַן, „וואָס זוכט מענער, ווי אַ שאַנסאָנעטקע. איז שוין צוויי מאָל אַריינגעפאַלן מיט האַשישניקעס, זינט איר מאַן מאַכט אַ לעבן אין האָלענ־דישע און אין פראַנצויזישע באָרדעלן״.

אַלע געסט זענען שנעל נעלם געוואָרן, ווי דערשראָקענע פייגל פון אַ געעפנטער שטייג. די ערשטע איז פאַרשוווּנדן רבקה מיטן מאַן. ער האָט זיך צעהוסט. זיך געהאַלטן ביים ברוסט־קאַסטן. געהיט די דאָרט־בריליאַנ־טענע בראָשקע, וואָס זיין ווייב האָט צוריק אַרויסגענומען פון אַלבאָם. אויך דער היכער ברוך איז אַ צעקאָכטער אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער. גענומען די באַהאַלטענע דאָלאַרן. זיי זענען שנעל פאַרשוווּנדן.

די עוזרת אסתר חמאמי איז געבליבן אַליין. געקוקט אויף דער אומ־אָרדענונג. נישט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן. נאָכן אַריינשטעלן אַ טייל עסנוואַרג אין וואַנט־איינגעמויערטן אייזקאַסטן, אַביסל צוגערוימט דעם

פאַרשמוצטן סאַלאָן, איז געוואָרן מיד. „זאָלן זיי גיין צום טיוול“, האָט זי ביז געדעדט. פאַרלאָשן די לעמפּ אין אַלע צימערן, איז אַרויס. קוקנדיק אויף דער פינצטערער, פּוסט־געוואָרענער געביידע, טיף געזיפצט. כעסיק געזאָגט: „אויסגעלאָסענע! הולטייעס, שפּעקולאַנטן, גנבים, האָבן זיך אָנגעפרעסן, אָנגעזויפט, אָנגעחזרט, ווי ווילדע. דאָס הייסט ביי זיי אַ סדר, אַ מאָדערנער ,סדר' אין ישראל“.

שוין אַרויסגייענדיק פון פינצטערן הויף, זיך אויסגעדרייט. נאָך אַמאָל באַקוקט די מיט־אַמאָל־ווּיסט־אויסזעענדיקע געביידע. באַדויערט: „אויף אַ פּוסטן באָדן אויפגעבויט אַ הערלעך הויז. עס פּרעכטיק אויסגעמאָלט. זעט אויס אַ הערלעכע ווילע, ווי אַ פּאַלאַץ. אויך דעם ווילדן, שטיינערדיקן שטח פאַרוואַנדלט אין אַ הערלעכן גן־עדן־גאָרטן און בלויז צוליב זייער צופיל הוליען פון דער פּרעכער כנופיה איז אורה געוואָרן קראַנק. גאָלדשטיין איז אַרעסטירט, אַ באַשולדיקטער אין גנבה. יאָ, יאָ, נאָר צוליב פירן אַזאַ פאַרשווענדערישע ווירטשאַפט און פרעך לעבן קען נאָך דאָ אַלץ ווערן חרוב. חבל“.

ב

אין עודדס שיכונדל

1

צופוסנס דעם אַריסטאָקראַטישן ביל״ו־בערגל מיט אירע רחבותדיקע אַלייען, ניי־אויפגעבויטע לוקסוס־ווילעס אין פּראַכטפולע גערטנער ליגט די תימנער שכונת „עובדים״. אין אירע שמאָלע, טאָליק־אַראָפּגעשלענגל־דיקע געסלעך פּילט זיך דער חרות־יומטוב אין אַלע קוואַרטאַל־ווינקעלעך. פּאָר נידעריקע, קעסטלפאָרמיקע, העל־בלוילעך און געלבלעך־באַקאַלכטע הייזלעך, וואָס שטייען אין באַביימערטע הייף, פאַרפּאַרקנטע מיט עטלעכע שורות שטעכל־דראָט, שפּילן זיך פריידיק־רעשיקע שול־קינדער. זיי זענען שוין איבערגעטאָן אין אויסגעוואַשענע, פאַררייכטענע, צוגעפּרעסטע, קאָ־ליריקע בלוזקעלעך, רעקלעך, קליידעלעך, הייזלעך, לעטשלעך.

צוויי העל־ברוינלעך פּנימדיקע מיידלעך, מידע פון שפּרינגען איבער אַרום זיך וואַרפנדיקע שטריקלעך, לענען זיך אָן אויף אַן אָפּגעבליאַקעוועט, בלוילעך־באַקאַלכט ווענטל פון אַ נידעריק הייזל, וואָס שטייט צווישן מאַראַנצן־ביימער, צעבליטע מיט נאַר־וואָס צעעפנטע, בלאַנק־ווייסלעכע, שמעקנדיק־פאַרכאַפּנדיקע בלי־בלומעלעך. די צוריק אויפגעלעבטע ביימער מיט דאַנקבאַר, תפילה־געהויבענע צווייגן־הענט צום הימל, זענען אַרומ־גערינגלט מיט קעסטלדיקע, ליימיק־ערדישע בייטן, פונוואַנען עס וואַקסן גרינע שטשיפּיער, ברייטע רעטעך־בלעטער, רויט־רייצנדיקע טאָמאַטן, שוין אַביסל פאַרטריקנטע קאַרטאָפל־בלעטער. די לעצטע זון־אָפּשיינען אויפן מערבדיקן הימל־ראַנד בלאַנקען נאָך אין די לויסט־צעגלאַנצטע מיידלעכס ברוינע, פינקלענדיקע אייגעלעך. זיי גאַפּיען זיך אויף דער זיך לעשנדיקער, שטראַללאָזער, געלבלעכער זון, וואָס הענגט איבערן מערבדיקן הימל און ים־ברעג, ווי אַ קופּערנער טעלער. אַ שמאָל, גרוי וואָלקנדל רוקט זיך אַריין אין מיטן דער זון. ס׳דוכט זיך, ווי די זון ווערט צעהאַלבט. אַ צווייטער וואָלקן מיט חיהשע לאַפּעס קריכט אַרויף אויף זונס קאָפּ. שטופּט, דרוקט, זינקט, טרונקט זי אין פליעסקענדיקן ים. זי לאָזט איבער בלוטיקע פלעקן, גלייך מ׳וואָלט זי געשאָכטן. די לעצטע טאָג־שיינען צאַנקען, גייען אויס ווי אַן אויסגעברענט ליכט און לעשן זיך אויף די מיידלעכס איילבירט־

קאַליריקע פּנימלעך. די נאָך פּיצלעך הימלבלוי צווישן ביימער שמעלערן זיך, נעענטערן איינס צו ס׳אַנדערע די באַבלעטערטע צווייגן, ווי שרעקעוו־דיק פאַרן פינצטערן נאַכט־געשפּענסט. ווערן פאַראייינקט.

פון ווענטל רוקט זיך אָפּ איין מיידל. שטעלט זיך פאַר דער חברטע. באַרימט זיך: „אַבאַ שלי, האָט אויף יומטוב מיר געקויפט אַלץ ניי״. באַווייזט איר רויטלעך, שוואַרץ־געבלומט קליידל, רויטע, ווייס־פּאַסלדיקע גלאַנציקע לעטשלעך. ציט אויס איר דיקלעך גופל, שאָקלט מיטן שוואַרצהאָריקן קעפּל. שמייכלט צופרידן. מיט שטאָלץ־בליקנדיקע אייגעלעך זאָגט גאַווהדיק: „זעסט ? !״.

„אַז מיין אַבאַ וועט צוריק קומען פון שפּיטאַל, ווידער אָנהייבן אַרבעטן וועט ער מיר אויך קויפן אַלץ ניי. אַלץ, וואָס כ׳דאַרף. יאָ, יאָ, באמת. די מאַמע האָט דאָ מיר צוגעזאָגט״. טרייסט זיך די צווייטע. אַ דין, טונקל־הויטיק מיידל. זי קוקט קנאהדיק אויף איר אויסגעפּוצטער חברטע, וואָס שטייט אַנטקעגן, גלאָצט מיט פריידיק־פינקלענדיקע אייגעלעך. זי לאָזט אַראָפּ ס׳קעפּל. שפּילט זיך מיט אירע שוואַרצע צעפּעלעך, פאַרפלאָכטענע מיט בלויע, גלאַנציק־זיידענע בענדלעך. נאָך אַ ווײלע הייבט דעם קאָפּ, צעשמייכלט די טונקל־איילבירט קאַליריקע אייגעלעך. באַרימט זיך: „יהודית, ווייסט ?. מיין ברודער סעדיה איז געוואָרן אַ סגן״.

„און מיין ברודער יצחק האָט זיך פרייוויליק פאַרשריבן אין צבא קבע. אויך איך וועל זיין אַ חיילת״. ווערט ערנסט. פרעגט: „אילנה, וועסט גיין אין צבא ? וועסט זיך נישט מאַכן פרום, ווי דיין שוועסטער ?״.

„וואָס ?״, האָט אילנה צעעפנט פאַרוווּנדערטע אויגן, וואָס האָבן פינק־לענדיק געבלישטשעט, ווי די שטערנדלעך איבערן גערטנדל. „מיין אַבאַ זאָגט, ס׳איז אַ מצווה צו דינען אין צ. ה. ל. ווייסט דאָך, אַלע מיינע שוועס־טער זענען געווען חיילות. רבקה איז אַן אויסנאָם. געווען אַ לערערין אין בית־יעקב־שולע. איז באמת אַ פרומע. איך וועל זיין אַ חיילת״. זיך גע־גרויסט, באַשטעטנדיק געשאָקלט מיטן חנפול פּנימל. פון דערנעבנדיקע באַבוימערטע הייפלעך האָט זיך דערהערט מונטער־געזאַנג: „וועסט נאָך זען, וועסט נאָך זען / ווי גוט ס׳וועט זיין / אין אַ יאָר אַרום / אין אַ יאָר אַרום״.

פון אַן אָפן פענצטערל הערט מען אַ דין, קלינגענדיק מיידל־קול: „אויפן וועג, אויפן וועג / אַ מיידל אַליין שטייט״.

דער מונטערער קינדער־רעש, בענקענדיק מיידל־געזאַנג, יוגנטלעכע טרוימען האָבן זיך אויסגעמישט מיט הילכיק געפילדער פון איילעוודיקע ווייבלעך, פאַרפאַרעטע אין לעצטע סדר־איינריכטונגען, צוגרייטונגען, היין און צוריק פלינק־גייענדיקע פון קיכלעך אין ספּעציעל אויסגעליידיקטע שטיבלעך. האָבן באַפעלעריש געשריגן אויף זייערע קינדער, מענער, מ׳זאָל זיי העלפן צוגרייטן די פסח־ געריכטסן, צונויפשטעלן טישן, בענק.

אין אַלע טונקל־באַלויכטענע געסלעך האָבן פון פענצטערלעך אַרויס־געשיינט ליכטיקע, ציכטיק־גערייניקטע, פרישע, קאַליריק־אויסגעקאַלכטע צימערלעך, באַלויכטענע וועראַנדעס, באַשטעלטע מיט בליַענדיקע, פאַר־ביקע, דופטיקע בלומען, גרויסע, ברייטע, גרינע בלעטער, אַרויסגעוואַק־סענע פון דינע, זאַפטיקע שטענגלעך, פאַרוואָרצלטע אין טונקעלער ערד, פון אָנגעשיטע גרויסע ערדענע טעפּ.

2

אין שמאָלע שכונה־געסלעך האָבן שלווהדיק שפּאַצירט יונגע, דינ־גופיקע, מאָדערנע־געקליידעטע ווייבלעך מיט זייערע קינדער. פאַר דרענגל־דיקע און דראַטנדיקע פאַרקאַנדלעך זענען געשטאַנען עלטערע שוין דיק־לעכע, אָנגעטאָענע אין שמאָלע הויזן, טונקעלע קליידער און פון העלדזער אַראָפּהענגענדיקע עטלעכע שורות בייטשלעך קרעלן, גאָלד און זילבער־קאַליריקע קייטלעך מיט באַמבלענדיקע מעדאַליאָניקלעך. מ׳איז אַנטקעגן געגאַנגען, אָפּגעוואָרט קינדער, מענער, אַהיימגייענדיקע פון בתי־כנסת. די ווייבער האָבן אויך געטומלט וועגן קליינע אַרבעטס־לוינען, כסדר שטייגנ־דיקע פרייזן. בריהטעס האָבן זיך באַרימט אין אויסזוכן ביליקע קויפקוועלן; אויסקאָמבינירן גנעדנדיקע מאכלים פון גרינוואַרג, פרוכטן, אינדיק־העל־דזער; מיט אַליין אויפגעגנייטע בלוזקעס, קליידלעך פאַר זיך און משפּחה. טייל האָבן געריימט זייערע מענער, וואָס האַרעווען שווער און ווען זיי קומען אַהיים, באַאַרבעטן אויך די גערטנער. עטלעכע האָבן באַדויערט זייערע מענער, וואָס האָבן פאַר יומטוב אַליין געמוזט אויסקאַלכן די שטובן, איבערפאַרבן אַלע טירן, פענצטער.

פון אַלע געסלעך־ריכטונגען האָבן זיך באַוויזן פאַרשידנעלטערדיקע מענער מיט פילדערנדיקע בחורימלעך. די יונגע האָבן דערציילט זייערע הצלחות ביי „חתיכות״. אַרויסגעוויזן בקיאות אין פוטבאָל־מעטשן, פילמען. נעבן, אַרום זיי האָבן געטומלט שרייענדיקע שול־יינגלעך. זייערע עלטערן האָבן אויך הויך געטענהט קעגן אויסנוצערישע לוינען, וואָס סטייען נישט צו באַשפּייזן די משפּחות, צוליב די אַלץ מער שטייגנדיקע פרייזן. מ׳האָט פּאָליטיקירט, קריטיקירט אַמעריקע, וואָס באַפריינדעט זיך מיט אַראַבער און „ביסלעכווייז פאַרלאָזט ישראל, וועט אונדז נאָך אַריינפירן אין אַ בלאָטע״.

אַ דין, קליין, גרויבערדלדיק יידל קאָכט זיך. ער ווייסט אַלץ. זאָגט פאַרויס שווערע צייטן, גורלדיקע מלחמה־טעג. ער דרייט זיינע שוואַרצע, קרייזלדיקע פּיאות, גלעט ס׳שיטערע, קורצע בערדל, צעוואַקסן איבערן טונקל־געלבלעך, צעקנייטשט פּנים. זיפצט טיף: „מ׳דאַרף האָבן לסיעתא דשמיא. השם יתברך זאָל אונדז משפּטן לויטן מידת הרחמים״.

„ריכטיק״, באַשטעטיקט אַ יונגערמאַן, וואָס מאַכט צורעכט ס׳ווייס־

שוואַרצגעשטריקטע קאַפּעלע אויפן געקרייזלטן קאָפּ האָר. ער גלעט זיינע רויטלעכע בעקעלעך. בייגט זיך צום נידעריקן יידל. פרעגט אים: „די חכמים זאָגן דאָך: ,אין סומכים על הנס'? ס'הערט," ווענדעט ער זיך צו די נעבן גייענדיקע: „מיט מיר אַרבעט אַן אשכנזי. דווקא אַן אָרנטלעכער. ער איז פון פוילן. געווען אין לאָדזשער געטאָ. דערציילט שוידערלעכע זאַכן. די גרעסטע לומדים, רבנים, רביים, גדולי־הדור זענען אומגעקומען מיט מיתות משונות. פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט האָבן זיי נישט געוואָלט עולה זיין. געלעבט מיט בטחון, ס'וועט זיי גאָרנישט געשען. קיינער האָט זיי אין דער עת־צרה נישט געהאָלפן. דאָ וועט דאָס נישט זיין. מ'דאַרף אָבער זיין שטאַרק. האָבן אַ גוט־באַוואָפנטע אַרמיי. נאָר דאָס וועט אונדז אָפּהיטן".

„רעדסט נישט סתם", מישט זיך אַריין אַ קוויטשענדיק יידל. ער איז אַרויס פון דער שורה. מיט הענט געמאַכט העוויות. געבייגט דעם קאָפּ אויף רעכטס, לינקס. הויך גערעדט: „וואָס ברעכסט עץ דעם קאָפּ סתם?. די רייכע פּאָליטיקירן גאָרנישט. זיי נוצן אויס די שוואַרצע. מאַכן אַ לעבן".

„היינט איז יומטוב. זייט נישט מקטרג", עצהט אַ פּאָרויסגייענדיק בחורל, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט, געגאַנגען אויף צוריק. ער באַרירט אַלע מאָל ס'געקרייזלטע, טונקעלע בערדל. וויקלט עס אונטער דער גאָמבע. ווישט די וואָנסעלעך. זאָגט: „אין פּסח־טעג האָט השם יתברך אונדז אַרויס־גענומען פון עבדות לחרות. פון עצבות צו שמחה. מ'דאַרף האָבן בטחון. מ'עט נאָך זוכה זיין צו גאולה שלימה. צו שלום־אמת. דערלעבן דעם גואל צדק. מ'עט זיך נאָך באמת משמח זיין און אין נאָך אַ סך ימים טובים".

אַ ברייטער, דיקער מאַן, וואָס אָטעמט שווער, רעדט צום קוויטשענדיקן יידל, כאָרכלענדיק: „אויך איך אַרבעט ביי אַ אשכנזי. אַ רשע מרושע. אָבער מ'טאָר נישט רעדן אויף קיין שום חלק פון ציבור. לשון הרע איז אַ גרויסע עבירה". געקוקט אויפן קליינעם יידל, זיך צעבייזערט: „עצבות אין יומטוב איז אַ זינד .אַלץ איז מן השמים. חג שמח" זיך צעהוסט. איז אַוועק.

„און וואָס זאָגט איר, רבי גמליאלי?", פרעגט דאָס ישיבה־בחורל אַ פּאַמעלעך גייענדיקן אין זיך פאַרטראַכטן, גרויען מאַן, וואָס גלעט כסדר זיין צעבערשטלטע באָרד איבער די שפּיצן פון קראַכמאַלעטן, ווייסן העמד־קאָלנער, איבערגעלייגט אויפן טונקעלן רעקל.

„איר ווייסט דאָך. היינט זאָגט מען: ,אין אַלע דורות האָט מען אונדז געוואָלט פאַרטיליקן'; הקדוש ברוך הוא ראַטעוועט אַלע מאָל פון צרות. נישט געזאָרגט. לאָמיר נישט פאַרלירן די אמונה". דעם געפרעגטן געוויזן אויפן נאַכטיקן הימל: „ער וועט אונדז נישט פאַרלאָזן". דער ציכטיק־געקליידעטער זקן האָט גערעדט אַ סך באַרוּיקנדיקע רייד.

צווישן די טענות־שמועסער, טרייסטער איז אַהיים געגאַנגען דער נידע־ריקער, דאַרער רבי עודד אשתר בן שלמה. אַלע האָבן זייערע רייד קודם

געוואָנדן צו אים, דעם גרעסטן תלמיד חכם אין דער שכונה. געוואָלט הערן זיין שאַרפשכלדיקן פּשט. וועט ער סותר זיין אָדער באַשטעטיקן די טענות. אפשר גאָר באַרעכטיקן די טרייסטנדיקע האָפענונגען. רבי אשתר האָט געשוויגן.

אין דער שכונה איז רבי אשתר באַקאַנט אַלס למדן מופלג. מ׳שמועסט, ער איז בקי אין תורה־שבכתב. קען גאַנץ ש״ס און פּוסקים. תמיד לערנט דעם ספר „הזוהר״. געדענקט פון אויסנווייניק, מלה במלה, גאַנצע בלעטער משנה־תורה פון רמב״ם. פון צייט צו צייט שרייבט חיבורים, רמזימדיקע פּיוטים. וויל זיי קיינעם נישט ווייזן. מ׳האַלט אים פאַר אַ נסתר, וואָס וועט אַמאָל נתגלה ווערן. אין בית־הכנסת, ווו ער דאַוונט, לערנט מיט זקנים משניות, דעם דף היומא, פאַרטייטשט זיי די וואָך־פּרשה און אַלע שכונה־איינוווינער האָבן אים ליב אהבת־נפש. אין שבתים, ימים־טובים ווען ער דאַוונט פאַרן עמוד, קומען אַ סך יידן זיין האַרציק אויסזינגען די תפילות, טעמדיק לייענען אין ספר־התורה. אַ תענוג צו הערן זיינע שאַרפזיניקע גלייכווערטלעך אויף שמחות. „משמח זיין״, זאָגט ער: „איז אַ גרויסע מצוה. אַז יידן זאָלן זיין אין עצבות זאָרגן גוים. איז צו להכעיס אַלע שונאי ישראלים, לאָמיר אין הייליקע טעג זיין פריילעך. זינגען, טאַנצן״. רבי עודד איז פון אַלעמען געשעצט. מיט זיין וואָרט רעכנט מען זיך. קיין מאָל רעדט ער נישט דברים בטלים. אַ סך איינוווינער, ספּעציעל „אָפּגעגאַרטע״ ווייבלעך, ווענדן זיך צו אים, דעם חכם, מיט קאָמפּליצירטע משפּחה־ענינים. רבי עודד האָט אַ טבע אויסצוהערן יעדן געגנוי. ער זיצט דאַן פאַרטראַכט, קאָנצענטרירט, וויל געגנוי, גוט תופס זיין יעדעס וואָרט פון קריוודע־טענהער. ווי אַ געטרייער פאָטער, ווי אַן איבערגעגעבענער פריינט זאָגט ער שטיל, געלאַסן זיינע באַרויִקנדיקע רייד. גיט זאַכלעכע עצות. זיינע מיינונגען מאָטיווירט ער מיט תורה־פּסוקים, משנה־אמרות, גמרא־מעשה׳לעך. יעדער איינער, נאָכן שואל־עצות זיין זיך מיט דעם פאַרנונפטיקן ענו — פילט באַרויִקונג, טרייסטונג. ס׳ווערט לייכטער ממשיך זיין ליידן פון מאַטערנדיקע פּראָבלעמען. צרות־דריקענדיקע הערצער ווערן האָפענונגספול. מ׳וואַרט בטחונדיק, געדולדיק ס׳זאָלן מקויים ווערן זיינע ברכות. גורל־געשלאָגענע גלייבן זיינע טרייסטנדיקע הבטחות, אַז „השם יתברך, וואָס זאָרגט פאַרן קלענסטן, מינדעסטן ווערימל, וועט אויך אייך נישט פאַרלאָזן, האָט בטחון, אמונה אין זיין ליבן נאָמען״. אין שכונת „עובדים״ איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג: נישט איין מאמין אין דעם חכמס עצות, מונטערנדיקע רייד איז שוין געוואָרן געהאָלפן. זיינע ברכות זענען געוואָרן מקויים. אַ דאַנק זיינע קלוגע פאַרמיטלונגען זענען פאַרביטערטע פיינט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פריינט. שוין צענדליקער צעקריגטע פּאָרלעך איבערגעבעטן. מענער און ווייבער, וואָס האָבן שוין מסכים געווען זיך שיידן און געוויר ווערנדיק פון זיי, האָט ער אין יעדן באַזונדער אַריינגערעדט,ביידן צוזאַמען אויפגעקלערט די עברה פון צעשיידן

אַ משפּחה, וואָס איז געזיווגט פון גאָט. נישט געוווּסט ביז מ'האָט זיך איבער־געבעטן. ממשיך געווען לעבן שלום־ביתדיק.

רבי עודד אשתרס פּנים איז תמיד פרייַנטלעך. זייַנע גרויסע, קינדיש־תמימותדיקע, חסד־בליקנדיקע אויגן קוקן דורכדרינגלעך, שמייכלען צו יעדן האַרציק. ער וועקט צוטרוי צו זיך.

אין דעם־אָ פּסח־אָוונט איז ער פון בית־הכּנסת אַהיימגעגאַנגען אַ צוגע־לייגטער, טרויעריקער, אַ פאַרטראַכטער אויסגעהערט אַלע רייד פון די מיטגייער. איינציקע מאָל בלויז רעאַגירט מיט אַ זיפץ און געשוויגן. קיינער האָט צו אים דאָן נישט געהאַט קיין תּרעומות, פאַרוואָס דער תּמיד־באַריי־דעוודיקער פאַרטייטשער פון נישט פאַרשטענדלעכע פּראָבלעמען, באַרוּיקער פון צעהיצטע דיסקוטאַנטן, ענטפערט דאָס מאָל נישט אויף געפרעגטע ענינים. מ'האָט געוווּסט: רבי עודד איז מיט עטלעכע שעה צוריק אויפגעשטאַנען פון זיצן שבעה נאָך זייַן צווייטן און צוואַנציק יעריקן זון, סגן יצחק, וועלכער איז מיט אַ וואָך צוריק געפאַלן, בעתן פאַרטיידיקן אונדז פון אַ טעראָריסטן־אַנגריף נעבן מעלות. אַז רבי עודד האָט זיך שוין דערנעענטערט צו זייַן נידעריק, געלבלעך־באַקאַלכט שיכון־הייזל, האָט מען אים פאַררעדט, גע־טרייסט, באַגלייט ביזן דראָטלדיק פאַרקאַנדל, וואָס פאַרצוימט זייַן גרינבאַ־וואַקסן גערנטדל מיטן הייזל. אים געווונטשן: „חג שמח". מ'זאָל זיך טרעפן אויף שמחות".

3

רבי עודד אשתּר בן שלמה איז אַרייַנגעקומען אין זייַן ליכטיק, אויס־געציכטיקט ווינקל. הויך אויסגערופן: „חג־שמח!". שטילע, זיפצנדיקע חג שמחס האָבן אָפּגעענטפערט ביי טישן־זיצנדיקע צוויי זין, זייערע פרויען מיט זויגקינדער אויף זייערע שויסן, צוויי טעכטער מיט אײדעמס. זייערע פיר קינדער אין עלטער פון פינף ביז אַכט יאָר, עודדס צוויי דערוואַקסענע מיידלעך: די צוועלפיעריקע רותי און אַכצן יעריקע מרים, וואָס לערנט אין לערער־סעמינאַר „הקיבוצים". פאַרן קיכל האָט אים אָפּגעוואַרט זייַן ווייב חיה שרה. אַ נישט דרייסטע דעם מאַן אין אויער אייַנגעשעפּטשעט: „יוסף איז נאָך נישט געקומען".

„שרה, כ'זע", אויפגערעגט זיך אַרומגעקוקט. זייַן פּנים האָט זיך גע־בלאָסט. געוואָרן בלייך ווי קרייד. די טונקל־ברוינע אויגן האָבן זיך טרעריק באַנצעט. זיך נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט אויף אַלע זיצנדיקע. זעענדיק ביידע ליידיקע שטולן, ווו ס'זענען תמיד געזעסן יוסף און יצחק, האָבן זיך די אויגן מער געפּייניקט. נישט געוואָלט מ'זאָל באַמערקן זייַן טיף געריהרטקייט, דער־שיטערונג, זיך צו אַלע אויסגעדרייט. געזעצט אויף דער שוועל. מ'האָט באַמערקט זייַן אַלע מאָל הייבן די הענט, מאַכן מיט זיי באַוועגונגען, גלייך

ער ראַנגלט זיך מיט אַ פּאַרעקשנטן שמועסער. און טייל מאָל אַזוי רויִק באַוועגט, ווי ער וואָלט פאַרטייטשט אַ נאַר־וואָס אים איינגעפאַלענעם תורה־פשט.

ביי די טישן איז מען געזעסן שטיל, דרך ארצדיק. אַלע האָבן געטרויערט, מיטגעצערט מיטן טיף־צעוויטיקטן פאָטער, וועמען מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט טרייסטן נאָכן גרויסן פאַרלוסט — זיין ליבלינג, דעם נאָר וואָס טראַגיש־אומגעקומענער זון, וואָס האָט זיך געגרייט חתונה האָבן דעם נאָענטן ל״ג בעומר. דאָס נישט צוריק קומען פון יוספן, וועלכער איז פאַרנאַכט „צוגע־שפּרינגען״ צו זיין מיליטער־איינהייט, באַלד נאָכן אויפהייבן זיך פון שבעה, האָט אין אַלעמענס הערצער געוועקט חשד. מ׳איז געזעסן באַזאָרגט.

„ער האָט אַפילו נישט געגעסן. געזאָגט: ׳אמא, כ׳מוז דאָרט דערליי־דיקן אַ וויכטיקן ענין, פאַר וועלכן כ׳בין פאַראַנטוואָרטלעך. אין עטלעכע שעה קום איך צוריק, אַזוי מיך פאַרזיכערט״, האָט שרה זיך געקנייפּט די באַקן.

„מן הסתם איז דאָרט עפּעס געשען״, האָט עודד אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום טיש. די באַזאָרגטע און זיך באַרויִקט: „יוסף קומט באַלד. אַזוי זאָגט מיר מיין האַרץ. זייט זיכער. מ׳דאַרף רויִק וואַרטן. האָבן בטחון״. אָבער אין זיין פּאַטערס האַרץ האָט נישט אויפגעהערט וויטיקן אַ ציטערדיקע שרעק. געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיך געשאָקלט. אין דמיון געזען יוספן שטיין אויף אַ פינצטערן שאָסיי. אַלע מאָל שטרעקט אויס בעטנדיקע הענט צו פאַרביי אים דורכפאַרנדיקע אויטאָס, טעקסיס. ער בעט זיך, מ׳זאָל אים אַריינגעמען. יעדע ווײַלע בליצט פאַר אים אַ דערנעבן־פאַרבייפאַרנדיקער אויטאָ, וואָס באַליכט זיינע אויסציִענדיקע, פאַכענדיקע הענט, בקשהדיק פּנים און, מניה וביה, פאַרשווינדט צוזאַמען מיט זיין האָפענונג. בלייבט שטיין אין נאַכטישער פינצטערקייט. איז אַנטוישט, דענערווירט. עודד זעט אין דמיון: יוסף לויפט צווישן קוסטעס, ביימער, אויף משופּעדיקע, פעלזיק־שטיינערדיקע בערג. איבער אים, אַרום אים פליִען זשומענדיקע קוילן. ער שטעלט זיך אָפּ. קוקט אַ ווײַלע. זוכט. לויפט צו אונטער אים אויפשטייענ־דיקע און לויפנדיקע צ. ה. ל.־רעזערוויסטן. ער שרייט: „אש ש! חברה! אש ש!״. די חיילים לויפן אים נאָך. ער מיט זיי באַהאַלטן זיך הינטער ביימער, שטיינער, קוסטעס. פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונג. דער גאַנצער הימל, די אַרומיקע נאַכטישקייט ווערט צעליכטיקט פון בליץ־פליִענדיקע קוילן. מ׳הערט הילפרופן. אויף פעלד־בעטלעך ווערן אַוועק געטראָגן ראַנירטע. מ׳לייגט זיי אויף מיליטערישע אַמבולאַנסן, וואָס פאַרשווינדן. אים דוכט זיך, ר׳האָט דערקענט זיין זון אַריינטראָגן אין אַמבולאַנס. עודד כאַפּט זיך אויף. ציטערט. „וויסטע חלומות״, זאָגט ער צו זיך. זיינע מאָדנע זעונגען דערציילט ער נישט. „האָב שלעכטע מחשבות״, טייטשט ער זיך אויס. און דאָך אויפסניי פאַרמאַכנדיק די אויגן, זעט ער ווידער יוספן שטיין אויפן פינצטערן שאָסיי.

ווארט געלעגנהייטלעכע טרעמפּן. גאַרט אַ היים קומען צום סדר. „מ׳האָט אים געדאַרפט מיטגעבן געלט. האָט זיכער נישט קיין איין פונט אויף הוצאות״, האָט עודד באַדויערנדיק געזאָגט צו שרהן. די מאַמע האָט זיך מיטן עק פאַרטוכל געווישט די אויגן. זיך פאַרענטפערט:

„עודד, ווייסט דאָך, מרים האָט היינט אַלץ געבאַרגט אין געוועלב. האָב דען געהאַט געגוג געלט צו ענדיקן איינקויפן אויף יומטוב?״.

נאָך דער מאַמעס ווערטער איז געוואָרן שטיל. די משפּחה אַשתר האָט יוסף געדולדיק אָפּגעוואַרט. מ׳איז געזעסן פאַרטראַכט, פאַרדאגהט. מיטן פאָטער מיטגעהאָפט: אָט־אָט באַווייזט זיך יוסף.

פון שיכון־געסלעך האָט זיך דערהערט הויכע, אויסגעצויגענע הגדה־געזאַנגען, זאַגעכצן, מונטערע געבעטן. יעדעס מאָל האָט עודד אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיין באַקומערטע בני־בית. אַזוי איז מען געזעסן שעהען, געוואָרט, געהאָפט. עודד האָט באַמערקט די קליינע אייניקלעך בייגן מידע קעפּלעך, מאַכן צו שלעפעריקע אייגעלעך, דרימלען איין אויף מאַמעס הענט, שויסן. ער האָט רעזיגנירט. זיך אויפגעהויבן. געזעצט צום געסדרטן טיש. כוונהדיק אויסגעצויגן דעם געלבלעכן, צעפּאַלדעוועטן שטערן, ווי אַלטער פאַרמעט. געברומט. זיך צעשאָקלט, ווי בעתן דאַווענען אַ וויכטיקע תפילה. געעפנט פאַרנעפּלטע אויגן. קאָנטראָלירט די דריי מצות אין קיילעכיקן, ווייסן, מיט גאָלד־פאַדעמדיק, אותיות־באַנייטן זעקעלע. די סדר־מינים צע־לייגט אויף אָנגעצייכנטע ערטער אין אַ געל־מעשענעם טעלער. יעדעס מאָל געקוקט צו דער טיר, אויף דער אָבל־משפּחה מיט טרויעריקע, פאַרזאָרגטע פּנימער, באַלויכטענע פון נאָך שטיקלעך, פלעמלדיקע יומטוב־ליכט. זיי זענען געזעסן נעבן דריי, חת־פאַרמיקע פון ברעטער־צוזאַמענגעקלאַפּטע טישן, וואָס זענען ביז פאַרנאַכט געלעגן גאַנץ נידעריק אויף בלעכענע קאָנסערווון־פושקעס, נעבן וועלכע די זעלבע משפּחה איז געזעסן שבעה. אַז דער טאָג האָט זיך געטונקלט, האָט מען געהויבן די אָבל־טישן. זיי אַרויפ־געלייגט אויף שטענדער, צוזאַמענגעקלאַפּט מיט לייסטלעך. די ברעטער זענען געוואָרן פאַרדעקט מיט ווייסע ניילאָן־טישטעכער. די געיומטובטע טישן באַשטעלט מיט פּסחדיק געפעס, פלעשער טרויבן־זאַפט אויף ארבע כוסות. אין מעשענע לייכטער, וועלכע יצחק האָט אין צפת פאַר יומטוב דער מאַמען געקויפט אַ מתנה צו איר זעכציק־יעריקן געבוירן־טאָג. שרה האָט אין זיי אַריינגעשטעלט ספּעציעל־געקויפטע, גרויסע, געפלאָכטענע, ווייסע ליכט. די מאַמע, פאָטער און בײדע דערוואַקסענע מיידלעך זענען געזעסן אויבנאָן ביים קלענסטן טיש. נעבן ביידע אין דער לענג־שטייענדיקע טישן זענען געזעסן די טעכטער, איידעמס, זון שנירן מיט אייניקלעך. אַנטקעגן שרהן, עודד, ביידע מיידלעך האָט אויפן גרין־באַקאַלכטן וועגטל געהאָנגען יצחקס בילד, וואָס האָט צו די זיצנדיקע געקוקט מונטער, לעבנס־לוסטיק, האָפענונגספול, זיכער אין זיין אויסגעטרוימטער צוקונפט.

שווייגנדיק זענען אַלע געזעסן. געקוקט אויפֿן פֿאָטערס צעריק פּנים, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער וואָך געעלטערט, מער געטיפֿט די מיט אַמאָל בלאַס־געוואָרענע אויגן אין צעקנייטשטע וויִעס. געוואַרט ער זאָל היבן דעם רויטלעך־באַבלומטן גלעזערן כּוס מיט ווײַן, מקדש זײַן דעם סדר.

עודד האָט מאָדנע געקוקט אויף יעדן באַזונדער, ווי ער וואָלט קאָנט־ראָלירט צי אַלע זענען פֿאַראַן. נאָך אַמאָל איבערגעבליקט די אויסגעסדרטע מאכלים. סתּם געגאַפּיעט. פֿאַרמאַכט די אויגן. זיך באַמיט נאָך אַמאָל זען די פֿריִערדיקע דאַכטענישן, ווי זײַן זון שטייט אויפֿן פֿינצטערן שאָסיי, וואַרט אָפּ טרעמפּן. גאַרט אַ היים קומען. מער האָט זיך דאָס בילד נישט איבערגעחזרט. האָט געעפֿנט פֿאַרטרוימטע אויגן. אין זײַן קידוש־גלאָז אָנ־געגאָסן „ישן־נושן״־ווײַן. שרהן געבעטן פֿאַר אַלע אָנגיסן קליינע גלעזלעך טרויבן־זאַפֿט. אויפֿסניי געקוקט אויפֿן בני־הבית, יצחקס הענגענדיק בילד, אויפֿן ליידיקן בענקל פֿון נאָך נישט צוריקגעקומענעם יוסף. עודדס נאַר־וואָס פֿאַרטריקנטע אויגן האָבן זיך ווידער פֿייכטלעך צעגלאַנצט. אין זײַן קאָפּ האָבן זיך געראַנגלט מחשבות: אַ רחמנות אויף דעם קליינוואַרג. כ׳דאַרף אָנהייבן. אַביסל געהויבן דאָס קידוש־גלאָז מיטן ברוינלעכן ווײַן און אויגנ־בליקלעך חרטה געקריגן. צוריק אוועקגעשטעלט ס׳גלעזל אויפֿן ניילאָן־טעלערל. זיך געזעצט. שטיל געבעטן: „קינדער, כ׳קען נישט. בין זיכער יוסף קומט. האָט געדולד. לאָמיר נאָך אַביסל וואַרטן״.

4

„אַבאַ״, האָט אויסגערופֿן רותי, אַ באַחנט, דיקלעך מיידל. אירע בעקע־לעך האָבן זיך געררויטלט. געגלעט ביידע צעפּלעך, שלענגלדיקע נעבן שפּראָצנדיקע ברוסטלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגערינגלט פֿון אונטערן ווײַס, גלאַנציק זײַדענעם בלוזקעלע ,ווי פֿאַרדעקטע, וואַקסנדיקע, זאַפֿטיק־רײַף־ווערנדיקע עפּעלעך. אויף אירע שפּיץ־פֿינגער זיך אויפֿגעשטעלט, געהע־כערט, געשאָקלט ס׳קעפּל מיט אירע ברוין־ווײַניקע אויגן. דרייסט געקוקט אויפֿן פֿאָטער. זיכער אויסגערופֿן: „ער מוז קומען. כ׳גיי אים אָפּוואַרטן. ס׳וועט זען, איך קום מיט אים״. ווי אַ פֿלאַטערנדיקער פֿויגל האָט רותי צעשפּרייט אירע הענטלעך אין ברייטע ,ווײַסע אַרבלען, ווי צווײַ צעעפֿנטע פֿליגלען. געהויבן די פֿיסלעך. איז פֿאַרשוווּנדן אין טונקל־באַלויכטענע שכונה־געסלעך, אַרומגערינגלטע פֿון ווינטן־צעבלאָזענע, פֿאַרכטיק שאַרכנ־דיקע, איינס צו ס׳אַנדערע צוגעטוליעטע פּרוכטן און מאַראַנצן־ביימער אין נאָך אַביסל באַלויכטענע שיכונדלעך, הויף־גערטנדלעך, פֿאַרדעקטע מיט אַ פֿאַרוואָלקנט־אוּונטיק פּיצל הימל.

פֿון ברוין־באַפֿאַרבטע ברעטעלעך פֿון צוזאַמענגעקלאַפּט ספרים־שענקל האָט עודד אַרויסגענומען מסכת פּסכים. דאָרט מעין געוועזן. אַלע מאָל געווישט

די אויגן. דער אומרו האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן. די אותיות האָבן זיך עפּעס ווי צוזאַמענגעגאָסן. געזען בלויז שוואַרצע בלעטער. געקוקט, גע־וואָלט כאָטש דערבליקן איין וואָרט. פאַר זיינע אויגן האָבן געשווינדלט צורות אותיות, וואָס זענען באַלד געוואָרן פאַרוואַנדלט אין שוואַרצע פּאַסן. האָט פאַרמאַכט די גמרא. איז אַרויס אויף דער ווערענדע.

אין שטיבל האָט מען טענותדיק געשמועסט וועגן יקרות. זאָרגעוודיק גערעדט וועגן דאָס כסדרדיקע ווערן באַרייכערט פון אַראַבישע לענדער, וואָס קויפן איין אומגעהויערע קוואַנטומס מאָדערנסטע געווערן. געצאַרנט קעגן רוצחישע אָנפאַלן פון אַראַבישע טעראָריסטן. אַ באַבערדלטער יונגער־מאַנטשיק האָט פון זיין גאָר דאַרער פּרוי גענומען אַ וויינענדיק קינד, עס געשאָקלט, געברומט. עס געוואָלט איינשלעפערן. ער האָט די רעגירונג קריטיקירט: „ס׳ווערט הפקר. רייכע הוליען. לעבן לוקסוסאַרטיק און די גרעסטע טייל אַרבעטער מוזן וואָס אַמאָל מער איינציִען דעם פּאַסעק". זיין ברודער, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ „דבר" האָט געצאַרנט: „עובדיה, לייען, אַנטדעקט אַ נייע באַנדע גנבים". אים דערלאַנגט די צייטונג. געזיפצט: „שרעקלעך".

פון דער ווערענדע האָט עודד אין שטיבל אַריינגערעדט: „קינדער, ס׳איז יומטוב. זייט נישט מקטרג. רעדט נישט לשון הרע". ער איז געשטאַ־נען אָנגעלענט אויף אַ ווערענדע־וואַנט. געקוקט אין פינצטערן, ליידיקן דרויסן. געוואָרט. געהאָפט: אָט וועט רותי קומען מיטן ברודער. פון טייל שכנותדיקע פענצטערלעך געהערט הגדה־געזאַנגען. מעלאָדישע זאָגעכצן: „אָז רוב נסים הפלאת בלילה" — „אנא יי הושעה נא. גם לי" צוגעברומט. און דווקא נאָכן אויסשעפּטשען די צוויי געבעט־ווערטער געיאושט: „פאַר־פאַלן. היינט קומט ער נישט". באַשלאָסן נישט פאַרשעמען דעם יומטוב. נישט מער מאַטערן זיין הונגעריק, מיד בני־הבית און די שוין איינגעדרימלטע קינדערלעך אויף טאַטע־מאַמעס שויסן. ז י ך ד ע ר מ אָ נ ט. ער מוז אָבער וואַרטן אויף רותי. זי איז נעלם געוואָרן. מ׳זעט זי נישט צוריק. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. דערווייל שטיל געברומט שיר השירים־פּסוקים: „כי עזה כמות אהבה. שובי ,שובי שולמית ונחזה בך". האָט זיך פאַרגעסן. גלייך ער שטייט אין שול פאַרן עמוד, זיך צעגאָרגלט: „שובי, שובי ונחזה בך. שובי!". זיך אויפגעוועקט. דערמאָנט, פאַרוואָס ער שטייט אין ווינטיקן דרויסן. מיטן אָרבל געווישט די אויגן. געשעפּטשעט: „פאַרוואָס פאַרשעמסטו מיך?. רחמימדיקער פאָטער אין הימל, וואָס פּרווּסטו מיך?". אויסגעגלאָצט די אויגן צום שטערנלאָזן הימל, געפּליסטערט: „יוסף, ווו ביסטו? האָסט דאָך צוגעזאָגט, אין עטלעכע שעה קום איך".

אַ ציטערנדיקער פון קעלט, אויפרעגונג איז עודד אַרויס זוכן רותין. אין כמעט אַלע שכונה־שטיבלעך איז שוין שטיל. צאַנקענדיקע ליכטלעך — און טונקל־ווערנדיקע פענצטער פון די שכנותדיקע שיכון־שטיבלעך —

בייגן די לעצטע פּיצלעך קנייטלעך, ברענען אויס, פאַרלעשן זיך. ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין הייזל. איז צוגעקומען צו די ערשטע ווילעס אויפן הערצל־בערגל. ער האָט זיך דערנעענטערט צום קליינעם ביל״ו־געסל, דערהערט שפּילנדיקע, זינגענדיקע דזשאַז־פּליטן, חוכא וטלולא־טומלעריי. וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו גאָלדשטיינס נייער ווילע, אַלץ רוישנדיקער איז געוואָרן דער געפּילדער, הילכיקער די תאווה־וועקנדיקע מעלאָדיעס מיטן קוויטשענדיקן מיידל־קול. איז צוגעגאַנגען נאָענט. אַריינגעקוקט צווישן אַביסל אויפגערוקטע פאַרהאַנגען. געזען טאַנצנדיקע פּאָרלעך שוועבן אין רויטלעך־באַלויכטענעם סאַלאָן. זיך אַרומגעקוקט אויף די ניי־אויפגעבויטע לוקסוס־ווילעס, די אינערלעכע שפּעקע רייכקייט אין גאָלדשטיינס דירה, ווי צו וועמען געטענהט: „שוין איין מאָל אַ סדר־עולם. אונטן, אין שיכון אַרבעט מען שווער. טייל לעבן אין דחקות. אָבער באַלד חרטה געהאַט: „מ׳טאָר נישט האָבן קיין תרעומת קעגן ריבון עולמס מאַד־נעם סדר״.

„אַבאַ״, האָט טרויעריק אויסגערופן די רעזיגנירטע רותי: „מ׳זעט אים נישט״. געקוקט אויפן פאַרצווייפלטן פאָטער מיטן פון ווינט־צעבלאָזן בערדל. זיך געוווּנדערט אים זען אויף אַ הויכן שטיין, ווי ער הייבט דעם קאָפּ, קוקט שטויענדיק אין די אַביסל געעפנטע פענצטער פון גאָלדשטיינס סאַלאָן, פונוואַנען ס׳זעצט אַ פּאָרע ווי פון אַ זידנדיקן קעסל און מ׳הערט טאַנצמוזיק, געלעכטער. רותי פרעגט: „ביי די אשכנזים מאַכט מען נישט קיין סדר?״. עודד האָט זיין טאָכטער אָנגעקוקט, באַטראַכט, געזאָגט: „אשכנזים, ספרדים זענען די זעלבע ייִדן. ביי זיי דאָרט איז אַ גויִישער סדר. נישט ענלעך זענען די סדרים״.

5

שרה האָט זיך געדרייט אין שטוב. נישט געפונען קיין אָרט. נישט געוואָלט זיך זעצן. איז אַריין אין קיך. געקוקט אויפן פאַרלאָשענעם גאַז. געטאַפּט די פאַרדעקטע טעפּ מיט זיך קילנדיקע עסנס. צוריק אַריין אין שטיבל. צוריק געקוקט אויפן צוגעגרייטן סדר־טיש, אויף די וואַרטנדיקע קינדער. איז צוגעגאַנגען צום וועראַנדע־פענצטער. געזוכט עודדן און רותי. פון אויפרעגונג זיך געריסן די גרויע האָר, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם אַרויפגערוקטן, טונקעלן קאָפּ־טיכל. אויפגערעגט זיך געדרייט אין צימערל, געבראָכן די פינגער. באַדויערט די קינדער, איינגעשלאָפענע אויף אָרעמס, קנייִען פון שנירן, איידעמס, צעלייגטע אויף יוספס בעט. נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. נאָך קיין מאָל נישט געהאָט אַזאַ פאַרשעמטן סדר. אַלע האָבן באַמערקט איר צעשטרייטקייט. זענען אויך געווען געשפּאַנט, פאַרדאגהט. אָבער גאָרנישט גערעדט.

אַן אויפגערעגטע איז שרה אַרויס. אויסגעזוכט איר מאַן. אים דערזען קוקן אין גאָלדשטיינס פענצטער. אים אָנגענומען ביי דער האַנט. געטענהט: „ס׳איז שפּעט. אַלע קינדער שלאָפן שוין. ווילסט אפשר וואַרטן ביז טאָג? כ׳זע ס׳יצר הרעלע קיצלט דיך אויך״.

עודד, שרה, רותי זענען אַריין אין שטיבל. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט. דעם פאָטער אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. געוויזן די שפּעטע שעה און די שלאָפעדיקע קינדער. אָבער נישט גערעדט קיין איין טענותדיק וואָרט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אָרט. אויפגעהויבן ס׳גלעזל מיטן וויין. מאָדנע געקוקט אויף יוספס לידיק אָרט, אויף יצחקס בילד. מיט אַ שטיקנדיק קול שטיל געזאָגט: „סברי מרנן ורבותי״. שנעל מקדש געווען. זיין תמיד גוט־מוטיק פּנים האָט דאָס מאָל אויסגעדריקט צער, אומרו, מידקייט. ווי נישט מיט זיין קול געטרייסט: „בשמחה ובששון הנחלתנו״. יאָ, קינדער, פּסח איז אַ גרויסער יומטוב. אין די טעג טאָר מען נישט טרויערן. דעם מענטש איז געשענקט געוואָרן אַ גרויסע מידה: פאַרגעסן״. געזיפצט. נאָך דעם באַרויִקט: „יוסף וועט קומען מאָרגן. אפשר גאָר נאָך די נאַכט״. ער האָט זיך געוואַשן. צעטיילט דעם כרפּס. הויך, כוונהדיק געזאָגט די ברכה. צע־האַלבט די מיטלסטע מצה. דעם אפיקומן באַהאַלטן אין ספרים־שענקל. געמורמלט: „הא לחמא עניא״. נאָכן אויסהערן די קשיות פון דער 12 יע־ריקער רותי, האָבן אַלע שטיל־ניגונדיק אויסגעברומט די נסימדיקע דער־ציילונגען, משלימדיקע הגדה־לידער: „ווען נישט די צען מכות, שווערע מפּלות וואָלטן מיר אַלע נאָך געקנעכטיקט אין מצרים״.

עודד אשתר, דער סדר־אַפּריכטער, איז געזעסן איינגעקאַרטשעט, טרויעריק. דעם קאָפּ אַריינגעבויגן אין דער געל־בלעטערדיקער הגדה. שטיל, ווי בלויז פאַר זיך, דאָרט שנעל אַריינגעמורמלט. אינמיטן זאָגן בלויז פאַרן וייב זיך באַקלאָגט: „אין דער סדר־נאַכט פיל איך נישט דעם יומטוב. כ׳טרייסט, מונטער אייך, אויך זיך. אָבער מיין האַרץ איז צעבראָכן״. געהויבן די אויגן צו יצחקס בילד. „בין גאָר באַזאָרגט פון יוספס נישט קומען צום סדר. וויפל מאָל כ׳באַרויִק זיך, וועקן זיך אין מיר מוראדיקע געדאַנקען, די פרעסן, דרוקן. קען זיך גאָר נישט באַרויִקן. ס׳ערשטע מאָל אַן איך, אונדזער קיום אין דעם לאַנד איז סכנותדיק״. שנעלער ווי אַלע מאָל איז די ערשטע הגדה־טייל אָפּגעזאָגט געוואָרן. די יונגע האָבן געשמאַק געגעסן. עודד האָט פון יעדן, שוין צום פערטן מאָל צוגעוואָרעמטע מאכלים, עפּעס־וואָס טועם געווען. ווי אַ פייגעלע אויסגעדזשאָבעט עטלעכע זשאַרקעס פיש, אָפּגעציפּט פיצלעך פלייש פון אַ קליין הון־פּאַלקעלע. אָפּגעבראָכן אַ שטיקל מצה, קוים אַ כזית, בלויז יוצא צו זיין די מצווה. כדי נישט פאַר אַלע אַרויסווייזן די אין אים מאַטערנדיקע מחשבות, זיך פאַרקלאָגט, פילט נישט קיין טעם אין עסן. שוין צוויי טעג ליידט ער אויף בויך־קרעמפּן. אויך די פאַרעטנפערונג איז געווען אמת. אין די ערשטע אָבל־טעג נישט פאַרמאַכט

דעם ספר „איוב״. פון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אָוונט־שעהען דאַרט געלערנט, געזוכט פּירושים, אויסגעטייטשט דעם משלים־ליידנדיקן איובס טענות. אים געזען עטלעכע מאָל אין חלום. דעם לעצטן אָבל־טאָג אָוועקגעלייגט דאָס ספר. „וואָס דאַרף איך לערנען יענעמס צרות. אויך מיין אומגליק איז גאָר גרויס״, צו זיך און צו שרהן געזאָגט. דאָס בוך אַריינגעשטעלט אין דער העכסטער פּאָליצע פון דער ספרים־שאַנק, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט, אין דער הויך און אין דער ברייט. פון דאַמאָלט אָן עסט ער נישט צו דער צייט. שלאָפט ווייניק. פילט טייל מאָל גרימעניש אין די געדערים, שווינדלעניש פאַר די אויגן. שוין עטלעכע מאָל געפילט שטעכעניש אין דער לינקער קאָפּ־זייט.

אַז שרה מיט די שנורן האָבן אַראָפּגענומען די עסטעלער פון טיש, האָט עודד, ביידע זין, איידעמס שנעל „אָפּגעמאָלן״ די צווייטע העלפט הגדה. הענדומפּענדומדיק אויסגעברומט די „חד־גדיא״־פּערזן. עודד האָט אָנגעטאָן ס׳רעגן־מאַנטל. איז צוריק אַרויס, אָפּוואַרטן זיין זון. „ס׳האַרץ זאָגט מיר, ער קומט היינט״.

6

עודד שפּאַנט אין די שכונה־געסלעך. זיין געמיט פינצטערט, ווי דער פאַרוואָלקנטער נאַכט־הימל. דער גאַנצער אַרום איז ליידיק. מוראדיק שטיל. די נאָך פריִער באַליכטיקטע פענצטערלעך, פון וועלכע ס׳האָבן זיך געהערט זינגענדיקע הגדה־קאַפּיטלעך, לחיים־ווונטשן, פריידיק געלעכטער, מונטערע שמועסן, זענען פאַרלאָשן, קוקן מאַט, זעען אויס, ווי בלינדע, גלאָציקע אויגן. אין די־אָ קליינע, חושכדיקע צימערלעך רוען שוין די מידע בויער, לאַנדווירט־אַרבעטער. בלויז דער שטאָטישער מיסט־פירער, רבי עודד אשתר בן שלמה, איז וואַך. קען נישט זיין אין שטוב אָן זיין זון. איז נישט תופס, פאַרוואָס ער איז נישט צוריקגעקומען.

אַזוי פּאַמעלעך־קריכנדיק צווישן צוויי שורות ביימער מיט פון ווינטן־צעבלאָזענע, שאַרכנדיק־באַבלעטערטע צווייגן, דערמאָנט ער זיך זיינע וואָכנ־לאַנגע, האָפּענונגספולע געדאַנקען ,טרוימערישע פּלענער, ווי אַזוי ער וועט מיטן בני הבית פריילעך פאַרוווען די אים אַזוי ליבע פּסח־טעג. באַלד נאָך פּורים ביז די שבעה־טעג האָט ער יעדן טאָג עפּעס וואָס אָ היים געקויפט: בלוזקעלעך, קליידלעך, העמדער, שיכלעך. אַלץ ביליק איינגעהאַנדלט ביי מאַרק־קרעמער. שרה האָט די מלבושים פאַרפּאַקט אין פּודלעס. זיי פאַר־וויקלט מיט ניילאָנס, צוגעשפּילעט צעטלעך, פאַרשריבענע מיט נעמען פון קינדער, אייניקלעך און ברכות. יעדן זיין יומטוב־מתנה. פאַר שרהן האָט עודד געקויפט אָ ניי, ווייס, ראָז־באַבלומט קלייד, לאַטשן און אָ באַרדאָ־טיכל אויפן קאָפּ. די מתנות זאָרגפעליק איינגעוויקלט אין אָ בלוי פּאַפּיר.

דאָס איז געווען ס׳גרעסטע מתנה־פעקל. עס פאַרשטופּט צווישן אָפּגענוצטע שמאַטעס אין הויפקאַמער, שרה זאָל עס נישט געפינען. ערב יומטוב וועט ער איר מאַכן אַ סורפּריז. די מאַמע און באָבע וועט צעטיילן די מתנה־פּעקלעך די קינדער, אייניקלעך און ער וועט דעם ווייב דערלאַנגען זיין מתנה. אים דערמאַנט זיך די איינגעקויפטע פלעשער טרויבן־זאַפט אויף ארבע כוסות. פון גרינוואַרג־מאַרק אַהיימגעבראַכט זעק מיט קאַרטאָפל, קוישן ציבעלעס, בורעקעס. עטלעכע מאָל צוגעקויפט מצות. אויף שרהס פאַרוואונדערונג: „וואָס שלעפּסטו אַזוי פיל פּראָדוקטן?" האָט עודד געווישט דעם שוויס פון שטערן, געשמייכלט: „איין גרויסע משפּחה, אָן עין הרע. זאָל יומטוב זיין עסן בשפע. יצחק און יוסף וועלן קומען פון צבא. ס׳וועט זיין היימלעך, פריילעך. יאָ, שרה, יצחק וועט זיכער פאַרבעטן זיין כלה מיט די מחותנים. מ׳טאָר נישט ווערן פאַרשעמט". זי באַרויִקט: „כ׳וועל שוין נישט באַנקראָטירן". זיך דערמאַנט:

פאַר יומטוב איז ער נישט געשלאָפן האַלבע נעכט. זיך צוגעגרייט אין שול, פאַרן לייענען, דרשענען די פּרשת „בא". דעם אידעם, יוחנן שוחט, פאַרטרויט, ער וויל אויסטייטשן די טיפע כוונות, רמזים פון זבח־פּסח און די משלימדיקע מכות־בכורות און גרויסע יציאת־מצרים־נסים. אים אַליין דערציילט די אין אים דערוועקטע רעיונות. זעונגען. וועט די אַמאָליקע צען מכות־קאַמפן, וואָס זענען צען געווען פאַרביטערטע מלחמות, פאַרבונדן מיט די פאַרטיידיקונגס־מלחמות קעגן אַראַבישע אָנפאַלער צו פאַרניכטן דעם באַנייעטן מלכות־ישראל. די דרשה איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ. כסדר געהאַט אין זינען פּסוקים, משלי־חכמים, מפרשים. אויך אַליין מחדש געווען פירושים. אַפילו ביי דער אַרבעט, הייבנדיק פאַרעיפּושטע בלעכן, ניילאָנס מיט מיסט, אויסצושיטן אין שטאָטישן אויטאָ, איז ער געווען פאַרדמיונט. אָפט מאָל האָבן זיינע מיטאַרבעטער אויף אים געשריגן, הלמאי ער גייט צו פאַמעלעך, האַלט אויף דעם אויטאָ. די הגדה־אויסטייטשונגען האָבן אים נישט באַפרייט. בשעתן עסן, דאַווענען האָבן רעיונות נישט געלאָזט רוען. יעדעס מאָל זיך דערמאַנט גמרא־לעגענדעס, מעשהלעך. זיי אַריינגעוועבט אין דער צוגעגרייטער דרשה. אויך געטרוימט, הייאָר, ביים סדר, ספּעציעל משמח זיין ס׳בני הבית. אין בית־הכנסת, פאַרן לייענען, מוטיקן די תמיד־פאַרהאָרוועטע, פאַרזאָרגטע, פּרעטענזיאָנעלע אַרבעטער. פאַר זיי אויסטייטשן די אַזוי סודותפולע הגדה־לידער, טיפזיניקע דערציילונגען, פּיוטישע שיר השירים־משלים. ער דערמאַנט זיך: איין מאָל, פאַר חצות, בשעתן זיצן ביי אַן אָפענער מסכתא „פּסחים" אַריינגעקלערט אין אַ פאַר אים שווערער סוגיה, האָט איינגעדרימלט און פריידיק געחלומט: ער זיצט ביים סדר־טיש מיט זיין משפּחה. ביי צוויי טישן אין דער לענג שטוב זיצן די זין, שנורן, טעכטער, אידעמס, אייניקלעך. ביים טיש אין דער ברייט, אויבנאָן זיצט ער מיטן ווייב. זי שיינט ווי אונטער דער חופּה.

איר פּנים, אויגן — פלאַמען. זעט אויס חנעוודיק אין דעם ווייסן, ראָז־באַבלומטן, זיידענעם קלייד. אַלע קינדער קוויקן זיך מיט מאַמעס טעמיקע מאכלים. שרה מיט בלישטשענדיקע אייגלעך, פאַררויטלטע בעקעלעך דער־לאַנגט געשמאַקפולע געקאַכטע שפּייזן. אין פרישׂ־אויסגעקאַלעכטן שטיבל איז ליכטיק. דער יומטוב שיינט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך. מ׳איז פריילעך. פּלוצעם פילט זיך שרה נישט גוט. פאַלט אום, זעט אויס אַנגסטיק. ציטערט קדחותדיק. וויינט, שרייט: „ראַטעוועט מיינע קינדער". ער האָט זיך דאַן אויפגעכאַפּט. נישט פאַרשטאַנען צוליב וועלכע מחשבות שרהן געזען, ווי אונטער דער חופּה און אין דעם קליידל, וואָס ער האָט איר געקויפט אויף יומטוב און פאַרוואָס איז זי געפאַלן, אַנגסטיק געציטערט, געשריגן, מ׳זאָל ראַטעווען די קינדער. „אין יעדן חלום זעט מען משונהדיקע דמיונות". און זיך באַרויִקט: „אַ נאַרישער חלום. דעם פּסח וועט זיין פריילעך" און צו־מאָרגנס, פּונקט מיט אַ וואָך צוריק, אין אינטענסיוועסטע יומטוב־צוגרייטונ־גען, בשעתן לופטערן די ספרים און שרהס וואַשן וועש און זיין שבתדיקן טלית, האָבן זיי געהערט די גרויזאַמע בשורה: „יצחק איז געפאַלן". עודד און שרה האָבן געגוואַלדעוועט. זיך געקנייפּט אין פּנים, געריסן די האָר. אָבער דאָך האָט אַ האָפענונגל אים געטרייסט. די משפחה באַרויִקט: „כ׳מיין, ס׳איז אַ טעות". אַז מ׳האָט נאָך אַמאָל געהערט די מיטטיילונג פון אַ חיילת, וואָס איז געקומען מיט אַ דאָקטאָר, האָבן אַלע אויפסניי אויסגעבראָכן אין האַרצרייסנדיקע געוויינען. עודד האָט זיך געוואָרפן אויפן בעטל. דעם קאָפּ פאַרהילט מיט אויפגעהויבענע קלאַפּעס פון רעקל. איז געלעגן שווייגנדיק. אָבער ביים האַרץ האָט געקלעמט ווי בשעתן פאַר אַ יאָריקן האַרץ־אַנגריף. אַז דער ווייטאָג איז אַביסל געוואָרן לייכטער, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעזעצט, אויסגעזען בלאַס ווי קרייד. זיינע רויטלעכע, פאַרקלאַגטע אויגן האָבן זיך במשך איין שעה געקלענערט, טיפער פאַררוקט אין די געשוואָלענע וויִעס. די באָרד איז געווען איינגעקאָרטשעט, צונויפגעוויקלט. ער האָט אויסגעזען, גלייך ס׳וואָלט ווער אים געשלאָגן. אַנקוקנדיק שרהן מיטן צע־דראַפּעטן פּנים, צעפלאַשעטע האָר, קלאַפּט זיך דעם קאָפּ אין וואַנט, האָט ער זיך דערשראָקן, אויפגעשטעלט, געפּרוווט זי באַרויִקן. ס׳האָט אים דאַן געשווינדלט פאַר די אויגן. געפילט, די פיס ווערן אַנמעכטיק, שווער, גע־ליימט, אונטערגעהאַקט. זיך צוריק אַנגעלענט. דער גערופענער דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט, באַפוילן, ס׳זאָל זיין שטיל. זיי מוזן זיך באַרויִקן. „דאָס איז אונדזער גורל. מ׳מוז משלים־זיין". ס׳איז עודדן געוואָרן לייכטער. אָבער די ווייטאָגן אונטערן ברוסט־גריבל דרוקן אים זינט דאַמאָלס. דאָס אַלץ האָט זיך עודד דערמאָנט בשעתן דרייען זיך אין די פינצטערע, אויס־געליידיקטע שכונה־געסלעך. אויסגעקוקט יוספס צוריק קומען. דאָס גיין אַליין אין דער נאַכטישער חשכות, דער וואַיענדיקער גערויש פון צעווי־בערטע ביימער האָט נאָך מער אין אים אַנגערעגט פאַרכטיקע אָבל־דמיונות.

פון מידקייט איז ער געבליבן שטיין. געהויבן די הענט צום שוואַרצן הימל, פאַרדעקט מיט זיך צי̇ענדיקע, טונקעלע שטיקער צעפליקטע וואָלקנס, ווי שמוציקע שמאַטעס. אָפּט מאָל ווי גרויסע, ווילד־לויערנדיקע חיות. ס׳האָט אים נישט געלאָזט רוען. איז געגאַנגען, געקוקט אין אַלע זייטן. זיך אָפּ־געשטעלט, געקוקט צום הימל. מיטן רבונו של עולם אויסגעטענהט: „פאָטער אין הימל. פאַרוואָס קומט עס מיר? וואָס ווילסטו פון מיין קליינער משפחה?. פון תימן זענען מיר געקומען אין דיין צוגעזאָגט לאַנד. געוואָלט עס העלפן צוריק אויפבויען. באַפרוכפּערן די טויזנט יעריקע וויסטענישן. אפשר דער־מיט דערנעענטערן די גאולה־שלימה. כ׳אַרבעט שווער. האָב פרנסה בדוחק. בין שולדיק געלט אין עטלעכע געוועלבער. שרה האַלט אין איין באַרגן. זינדיק אָבער נישט. וואָס וויל איך דען? לעבן במנוחה. האָב צו קיינעם נישט קיין טענות. זעקס חיילים האָב איך געגעבן דער מדינה. אונדזער ליבן יצחק האָסטו פאַר יומטוב צוגענומען פאַר אַ קרבן־פּסח. קיין מאָל וועלן מיר אים נישט מער זען. האָב נישט זוכה געווען אים צו פירן אונטער דער חופה. דעם ל״ג בעומר האָט ער געדאַרפט חתונה האָבן. אַנשטאָט צו דער חופה, אים געפירט צו קבר־ישראל. פאַר וואָס איז יוסף נישט צוריק געקומען צום סדר? פאַר וואָס?. צוליב וואָס קומט עס מיר?. וויפל מלחמות ווילסטו מיר זאָלן נאָך פירן, אויסצוקעמפן אַ רויִק לעבן, ווי אַלע גויִם?. וואָס זענען מיר זינדיקער, ערגער פון אַלע פעלקער?. פאַר וואָס איז בלויז אונדזער קיום תמיד באַדראָט?. זינט מ׳האָט געהערט דיין ,אנכי׳, פּרוּווסטו אונדז אַזוי פיל מאָל. ווען וועט זיין גענוג? אפשר ווילסטו אויך אומברענגען די דאָ אַהער געקומענע יידן און צוליב דעם האָסטו מיט גויִמס הילף דאָ אויפגעשטעלט די מדינת ישראל?״

עוֹדד איז אַזוי געשטאַנען, זיך געשאָקלט, אויסגעטענהט, געפרעגט דעם שטומען, נאַכטיש־פינצטערן הימל און ווי אַ קינד, זיך צעוויינט. פון זיינע אויגן האָבן גערינען טרערן, ווי אין זיין אָבלדיק האַרץ וואָלט זיך געעפנט דער קוואַל פון זיינע כסדרדיקע צרות: פון זיין שווערער, פאַר אים בזיונ־דיקער אַרבעט, זיינע בושות, זעענדיק אין טונקעלע באַגינענס פרי־אויפ־געשטאַנענע מענטשן אַנטלויפן פון אים, בשעת ער טראָגט נעבן זיי בלעכענע און ניילאָן־קעסלען מיט שטינקענדיקן מיסט־אָפּפאַל, זיינע שטילע ליידן צוליב דער צמצומדיקער פרנסה, וואָס קיין מאָל סטייעט נישט צו באַשפּייזן זיין הויז־געזינד. זיך אויפסניי צערעדט: „יצחק, ליב קינד מיינס. ביז כ׳האָב דיך דערלעבט אויפצוהאָדעווען. קינדווייז האָסטו תמיד געקרענקט. קיין מאָל דיך נישט געקענט גוט דערנערן. שטענדיק דיר געקויפט אַלטע, אָפּגענוצטע מלבושים. זעלטן ווען האָסטו אין שטוב געגעסן אַ נאַרהאַפט מאָלצייט. אַזוי ווי איך האָסטו קיין מאָל נישט געזינדיקט. צו אונדז נישט גערעדט קיין שלעכט וואָרט. האָסט געוווסט מיין מאַטעריעלן מצב. נישט געוואָלט מיר גורם זיין צער, עגמת־נפש. פון מיינע קאַרגע פאַרדינסטן נאָך געשפּאָרט

איך לערנען, דערציִען אַלס ערלעכע מענטשן. איר זאָלט ליב האָבן ס׳לאַנד, דעם תמיד געדרודפטן ייִד. ביז כ׳האָב שוין דערלעבט דיך זען אַ דער־וואַקסענעם האָב איך דיך געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ביסט אויפגעוואַקסן געראָטן. מירן געהאַט נחת פון דיר. זיך געגרויסט מיט דיר. מיין האַרץ קלעמט, אַז כ׳דערמאַן זיך: די גאַנצע משפחה אין צפת, שלומי, ירושלים האָבן זיך געגרייט צו דיין חתונה מיט שושנהלע. און פּלוצים ביסטו אונדז פאַרשוווּנדן. ליבער יצחק, אַנשטאָט זיך משמח זיין אויף דיין חתונה, טרויערן מיר נאָך דיין פּריצייטיקן טויט״.

עודד האָט זיך פאַרטראַכט. אָנגעהויבן חושד זיין, ס׳האָט מיט יוספן אויך עפּעס פּאַסירט אַן אומגליק. אָבער נישט געוואָלט טראַכטן די־אַ גרויל־לעכע, פאַראַכטיקע געדאַנקען. „ניין!, ניין!״, געשריגן. געהויבן בעטנדיקע הענט צום שוואַרצן הימל, וואָס האָט זיך יעדע ווײַלע בליציק צעליכטיקט, דונערדיק צעקנאַלט. וואָיענדיקע ווינטן האָבן צעבלאָזן זיין דין רעקל, צע־פלאָשעט ס׳בערדל פון קאָפּ, געריסן ס׳היטל, וועלכעס ער האָט צוגעהאַלטן מיט בײדע הענט, ס׳האָט אים גאָרנישט באַאומרויִקט. צו דעם חשכותדיקן הימל געערעדט און גערעדט: „אָב הרחמים, וועסט מיר דאָס נישט טאָן. יוסף וועט צוריק קומען. און פּלוצעם האָט פון דער נאַכטישער שוואַרצקייט אַרויסגעשיינט אַ ברענענדיק פינטעלע. דאָס פייער־קיילעכל האָט זיך גע־נעענטערט. געוואָרן גרעסער, שיינענדיקער, פלאַמיק־צעשטראַלט. אַ בלאַנ־קענדיקע ליכטשיין האָט אים פאַרבלענדט די אויגן.

רגעדיק האָט אין עודדס האַרץ אויפגעצאַפּלט אַ האָפענונג: „כ׳האָב אויסגעבעטן. יוסף איז געקומען. איז געוואָרן שיכור פון פריידיקע געפילן, וואָס האָבן צעברויזט זיין פאַרפייניקט האַרץ. שטיל געשעפּטשעט: „גאָט, האָסט אויסגעהערט מיין תפילה. אַ לויב דיר פאַרן חסד, פאַר דיין הילף״. אַ קאָנוווּלסיווער ציטער האָט צעטרייסלט זיין קאַלטן, פאַרשטאַרטן, נייגע־ריק־אָפּוואַרטנדיקן גוף. די פיס האָבן זיך ביי אים געבראָכן. פאַר שמחה אויסגעשריגן: „יוסף!, יוסףףף!״ און פּלוצעם נישט געקענט עפענען ס׳מויל. איז געוואָרן אָנמעכטיק. איבערראַשט, בשעת כהרף־עין האָט זיך פאַר אים געשטעלט גאָלדשטיינס לוקסוס־טאַקסי. זיינע רגדיקע פרייד־אילוזיעס, וואָס האָבן אים געשיכורט, צעשפּילט זיינע פאַנטאַזיעס, זענען מיט אַ מאָל צעפלויגן, צערינען, צעשווימען. איז געבליבן שטיין, ווי אַן אויפגעוואַכטער פון פריידיקע חלומות ,דערזעענדיק אַ פרויען־געשטאַלט.

„אדון אשתר״, האָט ער דערהערט אַ יונג מיידל־קול: „ווען זוכט איר אַזוי שפּעט ביינאַכט?. פאַר וואָס הויבט איר די הענט צום הימל? איר דאַוונט?. ביי אייך איז אַ תימנער מנהג זאָגן תפילות אינדרויסן נאָכן סדר?״. ער האָט נישט דערקענט ווער עס רעדט צו אים. די ליכט האָט נאָך געבלענדעט פאַר זיינע אויגן. די זיך נאַר־וואָס וועקנדיקע און די ראַפּטאָוונע לעשנדיקע האָפענונגס־פאַנטאַזיעס האָבן נאָך אין אים עטוואָס

געטליִעט, ווי אייניקע פונקען נאָך אַ פּאַרלאָשן פייערל. ער האָט זיך אָפּ־געררוקט פון די רעפלעקטירנדיקע לעמפּ. דערזען דעם מיידלס פּנים. גע־פרעגט: „נורית?". נאָך מער זיך געוווּנדערט, ער שטייט נישט ווייט פון גאָלדשטיינס ווילע.

עודד האָט דערשטוינט געקוקט אויפן מיידל, אויפן פּרעכטיקן בנין, וואָס ער האָט מיט עטלעכע שעה צוריק געזען באַלויכטן פון הויפּלעמפּ און אינעווייניק באַברוינטע זשיראַנדעלן, וואָס האָבן עטוואָס באַליכטיקט די פריילעכע, טאַנצנדיקע חברה. ער האָט באַטראַכט די יעצטיק פינצטערע געביידע, וואָס זעט אויס קלענער, שטייט, ווי איינגעקאַרטשעט מיט פאַר־לאָשענע פענצטער־אויגן, גלאַנצנדיקע אין דער רעטנישפולער „סדר"־נאַכט. אַז ער האָט זיך באַרויִקט, נוריתן דערציילט זיין צער נאָכן אומגעקומענעם זון יצחק און זיין עגמת־נפש צוליבן יוספס נישט צוריק קומען פון דער מתנה, ווו ער איז געפאָרן דערליידיקן אַ קליינעם ענין. „ווייסט דאָך, נורית, מיין אומגליק, היינט זיך אויפגעהויבן פון שבעה. בין פאַרזאָרגט מיט יוספן. קען נישט איינזיצן אין שטוב. כ'האָף ער וועט נאָך היינט קומען. מירן היינט געהאָט אַ פאַרשטערטן סדר".

„אדון אשתר", באַרויִקט אים נורית, „גייט אַ היים. ס'איז שפּעט, קאַלט. ס'זעט אויס פאַר אַ ווינטער. זעט נאָר די פּוסטקייט. מ'זעט דאָך נישט קיין לעבעדיק נפש. איר הערט דאָך פון אַראַבישע אָנפאַלן. גייט אַ היים. וואַרט נישט אומזיסט. יוסף וועט מאָרגן באַשטימט קומען". זי איז נעבן אים געשטאַנען אַ ציטערדיקע, אַן איינגעקאַרטשעטע אין אַ רעגן־מאַנטל. מיט אַ טיכל געווישט אירע נאַסלעכע אויגן. דערציילט זייער פאַרשטערטן סדר: „יעדער האָט זיינע פּראָבלעמען. געווען ביים ברודער זייער אָנגענעם, היימ־לעך, פריילעך. צום סדר זענען געקומען אַ סך געסט. געבראַכט טייערע, ווערטפולע מתנות. מיר האָבן געוואָלט מיטן סדר אויך פייערן דעם חנוכת־הבית. שוין אַלץ געווען פיקס און פאַרטיק. אַפילו די טישן סערווירט מיט כל־טוב. איר קאָנט דאָך מיין שוועגערין אורהן, וואָס פאַר אַ בריה זי איז. און עטלעכע מינוט פאַרן אָנהייבן דעם סדר האָט זי באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק. מ'האָט זי אָפּגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל. פונוואַנען איך קום יעצט. איר מצב איז נישט גוט. אויך געהאַט אַ פאַרשטערטן סדר". נישט דערמאַנט די סקאַנדאַלן צווישן אורהן און שמואלן, ווייל ער האָט פרעך זיך אויפגעפירט מיט דער שוועגערין מירה; און זיין אַרעסט, ווייל פרוי ראַמאַן איז אים חושד ער האָט איר צוגעגנבעט אַ בריליאַנטענע בראָשקע בעתן טאַנצן מיט איר.

...אַזוי זענען צעשטערט געוואָרן ביידע „סדרים" פון די שכנים: רבי עודד אשתר בן שלמה, דער שטאָטישער מיסט־פירער און דער מיליאָנער שמואל גאָלדשטיין. איין פינצטערע, ווינטיק־וואָיענדיקע נאַכט האָט פאַר־הילט ביידע צופעליק־געטראָפענע סילועטן: עודד און נורית, וועלכע זענען

פאַרצערט געשטאַנען אויפֿן הערצל־בערגל, אין שמאָלן ביל״ו־געסל. יעדער האָט אַנדערש געטראַכט בעתן קוקן אויף דער פּראַכטפֿולער ווילע, אין וועלכער מ׳האָט זיך פֿריִער גאָר לוסטיק אונטערהאַלטן און געבליבן שטיין אַ פֿינצטערע, מענטשן־פּוסטע. אויסגעזען שרעקיק, געשפּענסטיש. ביידע האָבן זיך אויסגעדרייט. אַראָפּגעקוקט אין טאָליקן שיכון „עובדים". באַמערקט עודדס קליין־קעסטלדיק הייזל, ווו ס׳האָבן נאָך געפֿלעמלט אויפֿסניי אָנגעצינדענע ליכטלעך און מיט שלאָפֿנדיקע קינדער אויף אָרעמס, שויסן דרימלענדיק אָפּגעוואָרט דעם טאַטנס צוריק קומען.

זיי האָבן זיך אויסגעדרייט: פּלייצע צו פּלייצע. נורית, האָט קרעכצנדיק באַדויערט די וויסטגעוואָרענע ווילע, געוויטיקט אויף איר שוועגערינס זיך ראַנגלען מיטן מלאך המוות; אויף דעם ברודערס געשענדעטן נאָמען. האָט גאָרנישט נאָך געוווסט, אַז בעת זייער אַוועקפֿאָרן האָבן גנבים איינגעבראָכן די ווילע, אויסגערויבט ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן און אויך חרוב געמאַכט אַלע ווערטפֿולע איינריכטונגען מיטן גאַנצן מעבל.

דער אַבלדיקער, פֿאַרזאָרגטער עודד אשתר בן שלמה, זעענדיק נאָך זיין לייכטנדיק דירהלע, האָט פֿאַרשטאַנען, די קינדער זענען נאָך נישט אַ היים געגאַנגען, וואַרטן אים אָפּ און באַשלאָסן גיין אַ היים.

אַראָפּגייענדיק פֿון הערצל־בערגל אין דער טונקעלער שכונת „עובדים", האָט ער געזען: פּייפֿנדיקע ווינטן האָבן אַביסל צעטריבן די איינס אויף אַנדערע זיך שלעפּנדיקע וואָלקנס. עס האָבן זיך צעפֿינקלט אויפֿגעדעקטע שטערנדלעך. זילבערדיק לבנה־ליכט האָט באַלויכטן זיין בערגלדיק אַראָפּשטייגנדיקן צוריקקער־וועג. זיין האַרץ איז געוואָרן באַרויִקט מיט אַ נייער האָפֿענונג: „מאָרגן קומט יוסף. הונדערט פּראָצענט קומט ער". — אַזוי כסדר גערעדט ביזן אַריינקומען אין ליכטיקן ווינונגל, זיין ליבער היים. זיינע מוטנדיקע ווערטער האָבן אַלעמען אויפֿגעוועקט. זיך און ס׳גאַנצע בני הבית געטרייסט.

וידעתם

אַ צדיק קומט אין שטאָט

I

דאָס קליינע, דאַרע, טונקלפּנימדיקע, שטאָטישע פּלאַקאַטן־קלעפּערל איז רעשיק צעגעפּאָרן צו אַ ברייט, הויך מודעה־ברעט אויף הערצל־גאַס. אימפּעטיק־געשיקט אַראָפּגעשפּרינגען פונעם מאָטאָציקל, באַהאָנגען מיט אַ פאַררעלט פּעקל קאָליריקע פּלאַקאַטן ,אַ ווייסע ניילאָן־פושקע מיט קלעפּעכץ, אַ שמיר־באַרשט, פון וועלכער ס׳האָבן געקאַפּעט ווייסלעכע פּאַפּ־טראָפּנס. מיט קליינע, פון ווינטן אַריינגעשטויבטע רויטלעכע אויגן, מגיה־ביהיק איבערגעבליקט שוין נישט מער אַקטועלע מעלדונגען, זיי פאַרקלעפּט מיט „נייע״.

ווי יעדן דאָנערשטיק האָבן אויך דאָס מאָל די רעקלאַמע־אַפּישן האַרציק, שפּראַכיק־פריינטלעך איינגעלאַדן זיך באַטייליקן אין „אויפקלערערישע״ פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון פּאַרטייִש־אויסגעוויילטע אינערן און אויסערן־פּאָליטישע „ספּעצן״, עקאָנאָמישע, ליטעראַרישע, אוניווערסיטעט־ספּעציאַליסטישע „אַלצווייסער״ און אָרטיקע, נאָך נישט נתגלה־געוואָרענע „טאַלאַנטן״. אייניקע גראַפיש־אותיותדיקע, רעשיק־קאָליריקע באַקאַנטמאַכונגען מיט פאָטאָגראַפירטע, חשק־וועקנדיקע, ליבע־פּאָזירנדיקע, „באַרימטע״ בינע און עקראַן־„סטאַרן״ האָבן רעקלאַמירט נייגעריק־פאַרווײַלנדיקע, צייט־פאַרטרייבונגען: שפּאַנענדיקע, עמאָציאָנעל־דראַמאַטישע, קאָמישע, טרויעריקע טעאַטער און פילם־שפּילן. מיט קלענערע אותיות איז צוגעזאָגט געוואָרן געניסן פון די פריילעכע און טראַגיש־האַרצרייסנדיקע אַטראַקציע־פאָרשטעלונגען. ס׳וועלן נעמען אָנטייל ישראלדיקע און אויסלענדישע וועלט־באַרימטע, אין דער פּרעסע־געלויבטע שלאַגער־זינגער, שיינע זינגערינס און עראָטיש־רייצנדיקע, כמעט נאַקעטע טאַנץ־פּאָרלעך.

נאָכן מינוטדיקע אָפּרוען, האָט דאָס מידע קלעפּערל מיט צוויי פאַרטריקנטע, פּאַפּ־באַשמירטע פינגער אין מיטן גאַס אַוועקגעשליידערט אַן אויסגערייכערט, נאָך ברענענדיק פּאַפּיראָסל, וואָס האָט זיך נאָך עטוואָס רייכעריק פאַרלאָשן. ער האָט צעשפּרייט די טונקל־הויטיקע, שוואַרצבאַהאָרטע הענט. זיך אויסגעצויגן. אַריינגעגענצעט אין באַזוניקטן מיטאָג־דרויסן. אויפסניי זיך גענומען אַרבעטן. צווישן פאַרווײַלנדיקע און „אויפקלערערישע״ מיטטיילונגען אויפגעקלעפּט שוואַרצבאַרעמטע אָבל־מודעות, וואָס האָבן סטאַנדאַרטמעסיק— צעריק געמאָלדן טעג, שעהן, זאַמל־ערטער פון דריי לוויות:

אַ 34 יעריקער, געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ פאַרגוואַלדיקט און דערמאָרדעט זעכצן יעריק מיידל און אַ פלוצעם־געשטאָרבענער האַרצדאָקטאָר. פון דעם פאַרראָלטן פעקל פלאַקאַטן איז אים פאַרבליבן אַ קליין, ווייס בלעטל, אויס־געכתיבעט מיט גלאַנציקע, שוואַרצע, באַקריינדלטע ספר־תורה־אותיות. פאַרן קליינעם מודעה, די גרויס ווי אַ העפטזייטל, געזוכט אַן אָרט אויף דעם פאַרקלעפּטן ברעט. עטלעכע מאָל געקוקט אין דער ברייט, לענג. נערוועז איבערגעבליקט די אויפגעקלעפּטע טרויער־מודעות, רעקלאַמירנדיקע פאַרווײלונגס־שפּילן און פאַרטייִשע פּראָפּאַגאַנדע־אַפּישן. נישט געפינענדיק קיין מער־נישט אַקטועלע באַקאַנטמאַכונג, דאָס בלעטל אויפגעקלעפּט אויף אַן אונטערשט שפּיצל אַפּיש פון אַ „קלאַסישן" טאַנצקאָנצערט מיט רעקלאַ־מירטע צו זיך צוגעטוליעטע טאַנצפּאָרלעך און אויף אַן אויבערשט שטיקל שוואַרצבאַרעמטער, גרויסער טרויער־מודעה, וואָס האָט געבעטן באַגלייטן צו אייביקער רו דעם פּריצייטיקן, פּלוצעם־געשטאָרבענעם עסקן — אין שטעטל באַוווּסטן אַלס פאַרמשפּטער אין גרויס־סומיקע געלט־מיסברויכן.

און דווקא דאָס קליינע „קול־מבשר"־בלעטל האָט באַקאַנט געמאַכט אַן אָריגינעלן צוזאַמענטרעף: „אַ צדיק קומט אין שטאָט. דער געשעצטער קהל ווערט גאָר געבעטן קומען דינסטיק, ב' בשבט, פרשת בא, 6 אָוונט אין בית הכנסת „יד לקדושים", אין הפּועל המזרחי־שיכון. לכבוד דעם ק־ר שליט"א וועט פאַרקומען אַ פייערלעכער קבלת־פנים. מיט ברכות און דברי תורה, מעניני דיומא, וועלן דרשענען: דער אשכנזישער שטאָט־רב, רב יצחק לערנער, און פאַרזיצער פונעם רעליגיעזן ראַט, אדון לייב האַנדלסמאַן. נאָך דער סעודת־מצווה וועט דער אדמו"ר זאָגן תורה".

ווי יעדעס מאָל האָבן פאַרבייגייער נייגעריק געלייענט די „פרישע", פּובליקירטע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן מיטגעטיילט זאַגר־פּאַרטרייבערישע אָוונטן. טייל האָבן רגעדיק באַדויערט די פּריצייטיק־געשטאָרבענע. פאַר שול־יוגנט און גרויהאָריקע מענער איז ספּעציעל געווען אינטערעסאַנט־לאָקנדיק די פּאָטאָ־בילדלעך פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. האָבן גאַרנדיק, הנאָהיק געקוקט אויפן שוועבנדיקן, שלאַנקן, כמעט נאַקעטן, בלאָנדן מיידל, אָן אויפגעהויבענע מיט מוסקולדיקע הענט פון איר ברונעטן באַלעט־פּאַרטנער. ספּעציעל איז געוואָרן אָבסערווירט דאָס צווייטע שיין קערפּערדיקע פּאָזע־מיידל מיטן לינקן, נאַקעטן פוס צווישן דעם טענצערס מוסקולנדיקע פיס און איר רעכטן פוס, אויפגעהויבן צו זיין געקרייזלטן, שוואַרצבאַהאָרטן קאָפּ, וואָס איז געבויגן צו איר פּערטל־באַדעקטן, היפּש־רונדיקן בוזעם. יוגנטלעכע האָבן אַרויסגעוויזן בקיאות אין די פּאָרלעכס אַקראָבאַטישע באַוועגונגס־פּאָזיציעס. צו הייטערע חברטעס לוסטנדיק געשמייכלט. פאַר זיי אויסגעדרוקט פּאָזיטיווע מיינונגען. געלויבטביידע טענצערינס עלאַס־טישקייט, גוט־געבויטע קערפּערס פון זייערע מענער־פּאַרטנערן.

צוויי רויטבעקלדיקע מיידלעך מיט לוסט־צעגלאַנצטע אויגן האָבן אויפ־

מערקזאַם אויסגעהערט אַ געלהאַריקן חברהמאַנס מבינות. גאַפּנדיק, געקוקט אויף זיין העל־האַריקער ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון צעקנעפּלטן רויטן העמדל. ער האָט זיך באַרימט אין גענוי וויסן קערפּער־מאָסן פון מאָדעל־מיידלעך. פאַר זיי אויסגערעכנט צענדליקער נעמען פון קאַנדידאַטינס וועלכע הייַ־יאָר פאַרמעסטן זיך צו ווערן אויסגעוויילט אַלס ישראלדיקע שיינהייטס־קעניגין.

„יורם, לאָמיר גיין זען דעם קאָנצערט מיטן באַלעט", האָט צום געלן געשמייכלט אַ ברונעט מיידל. אירע גרינלעכע אויגן האָבן אים אָנגעקוקט בעטנדיק, שמייכלענדיק. „כ'האָב געהערט ס'איז אַ גאָר שיינע פאַרשטעלונג. ממש אַ שגעון". מיטן לינקן עלנבויגן אים געגעבן אַ שטאָרך אין האַרצקאַסטן.

מיט פאַרגעניגן האָט יורם באַקוקט דעם מיידלס גלייכע פּיס, אויף זיי קוים ארויפגעצויגענע דינשטאָפּיקע, ראָזע, הויט־קאָליריקע הויזן, וואָס האָבן אַרויסגעבולט אירע אין זיי קוים אַריינגעשטופּטע היפּטן. זיינע אויגן האָבן זיך צעגליט. געקוקט אויף איר שיין געפּאַרעמט פּנים, פאַררעמט מיט גלאַנציקע, שוואַרצע, געררעדלטע האָר. געקוקט אויף אירע רייצפולע גרינקעצישע אויגן, רונדיקע, בולטע ברוסט־קנוילן, וואָס האָבן אים כישופ־דיק געלאָקט פון אויסגעפּאַסטן, אָראַנזשן־בלוזקעלע.

„יורם, קענסט מיך נאָך נישט? וואָס איז מיט דיר? איך וויל זייער זען דעם באַלעט".

„עדנה", האָט ער, אַ פאַררויטלטער, געגלעט אירע האָר, דעם האַלדז. „איך פאַרשטיי נישט טאַנץ־באַוועגונגען. סתם גיין?".

„מיינסט אוודאי בלויז דיביידע ,אויף די מעלדונגען, טרעטן אויף?. וועסט זען נאָך שענערע חתיכות. איינס, איינס". צו אים חברהמאַניש גע־ווונקן: „יורם, זיי נישט קיין עקשן. ווייסט דען ווי זיי טאַנצן?. קויף קאַרטן".

„ביסט מאָדנע, עדנה. צוליב וואָס ווילסטו כ'זאָל זען פרעמדע, נאַקעטע נקבות? דיין גוף איז מיר גענוג אימפּאַנירנדיק, גענוגנדיק" זי אַ קיצל געגעבן אונטער אַ ברוסטל. שטיל געזאָגט: „האָסט פאַרגעסן? דעם־אַ אָוונט זענען מיר דאָך איינגעלאַדן צו מירהן. אויב מ'וועט נישט קומען צו איר מסיבה, וועט זי זיין באַליידיקט. ווייסט? די חברה גרייטן דאָרט צו אַן אַטראַקציע. באמת. ס'איז דיר כדאי".

„וואָס?. כ'וויס שוין דיינע חברטעס איבעראַשונגען: האשיש!. בין איך מוחל". בייזלעך זיך אויסגעדרייט. צו דער חברטע געזאָגט: „רונית, גייסט?".

„יורם", האָט די בלאָנדע געשמייכלט, „זאָרג נישט. איך וועל שוין רעדן מיט עדנהן. מיר וועלן מיט דיר גיין".

די דריי יוגנטלעכע האָבן נאָך אַמאָל גענוגנדיק איבערגעבליקט די פאַרווילנדיקע מעלדונגען. זענען אַוועק.

פאַר די מודעות האָבן זיך אָפּגעשטעלט נייגעריקע. שנעל געלייענט,

געשמייכלט, באַדויערט, אַוועקגעאײַלט. די מודעה פון צדיקס קומען האָט ארויסגערופן וויניק אויפמערקזאַמקייט.

פּאַרנאַכט, ווען דער זיך לעשנדיקער טאָג האָט געטונקלט די מעלדונגען, מ׳זאָל קומען צו גאַרנדיק־לוסטיקע שפּילן אין לוויות פון די טראַגיש־געשטאָרבענע, האָבן זיך פאַרן פלאַקאַטן־ברעט אָפּגעשטעלט עטלעכע פרומע בחורימלעך און צוויי נידעריקע, דיקלעך־בייכלדיקע עלטערע יידן. די יונגע און אַלטע זענען געווען געקליידעט אין קורצע, שוואַרצע רעקלעך, פונ־וואַנען ס׳האָבן אַרויסגעשלענגלט באַמבלענדיקע ציצות. די בחורימלעך האָבן זיך אומגעקוקט צי מען באַמערקט זיי און הרף עינדיק געכאַפּט בליקן אויף די נאַקעטע טענצערינס, באַהאַפטענע צו זייערע מענער־פּאַרטנערן. אַ בחורל מיט רויטלעכע בעקעלעך, שפּראָצנדיקע, טונקעלע וואָנסעלעך האָט זיך פאַרקלאָגט, הלמאי מ׳האָט געוואָגט אויפקלעפּן די מודעה פון רבינס קומען. צו אַ געלבערדלדיק יידל געטענהט: „הער, ס׳ערשטע מאָל, אַז ס׳קומט דער רבי, מוז מען אין גאַסן הענגען מודעות. אומעטום צעפּלוישן. אַ נייע מעשה״.

אַ הויכער, דיקער בחור מיט אַ גרעבלעך, קיילעכיקער נאָז, דיקלעך זיך באַוועגנדיקע ליפּן האָט מיט פלעמלדיקע אויגן געקוקט אויף די פאָטאָגראַפירטע טענצערינס. האָט צעשפּרייט די הענט. זיך געבייזערט: „זעסטס נאַר. ציישן אַזוינע חציפות. פוי״, אויסגעשפּיגן.

דער געלבערדלדיקער האָט געגלעט זיין באַבאָרדט גאַמבעלע, פאַרוווּנ־דערט געשאָקלט מיטן קאָפּ. געזיפצט: „די טומאה ר״ל פאַרשטאַרקט זיך דאָ, פון טאָג צו טאָג. מ׳דאַרף האָבן רחמים, זי זאָל, חס ושלום, נישט גובר זיין״.

אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער, ברייטער, גרויער באָרד האָט געזאָגט: „משה, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ. בין שוין דאָ אין ארץ ישראל 40 יאָר. איבערגעלעבט קאָלטס און וואָרעמס. תמיד אַזוי פון דורות איז דאָ אַזוי געווען: קדושה צוזאַמען מיט טומאה. מ׳דאַרף האָבן בטחון. איך, זעט עסך, גלייב סוף־סוף וועט דאָ די קדושה גובר זיין״.

„אָבער יאָ״, האָט זיך דער געלבערדלדיקער אריינגעמישט: „ר׳ שמואל, איר ווייסט דאָך. אויב די קדושה איז גובר, מאַכט זי דאָך חרוב די טומאהקע וועלט צוזאַמען מיט די ערלעכע״.

„ר׳ משה, עצבות איז אַ מידה רעה. דאָ קען יעדער גיין זיין וועג. די הויפּטזאַך איז, מ׳זאָל נישט פאַרלירן דעם כוח, גובר צו זיין די אַראַבישע שונאי־ישראל. זיי מערן זיך ווי מערישקעס, און אַלע גוים העלפן זיי. מיר האָבן בלויז דעם אין הימל. זאָרג נישט פאַר דער וועלט. יידן, קומטס מירן פאַרשפּעטיקן מנחה״. איילעוודיק זענען זיי אַוועק. דער אָוונט האָט פאַרטונקלט אַלע מודעות.

.2

צו דער געמאָלדענער שעה איז דער רבי נישט געקומען. זיין פאַר־שפּעטיקונג האָט אויפגערעגט אַ טייל עולם, גלייך פון אַרבעט געקומענע אין בית־הכנסת. גאָר נאָענטע חסידים האָבן געזאָרגט: „אפשר האָט, חס ושלום, עפּעס פּאַסירט?. ס'איז דאָך נישט זיין שטייגער?". געווען באַרויִקער: „ביי אַ רבין קען אַלץ פּאַסירן. מ'קען גאָרנישט וויסן". די בית־הכנסת־גבאים האָבן זיך אומרויִק געדרייט אַרום צוויי דערנעבנשטייענדיקע טישן, באַזעצטע מיט ספּעציעל־איינגעלאַדענע געסט: שטאָט־רבנים, אָרטיקער רעליגיעזער ראַט, דף־היומא לערנער, גבאים אין אַלע שטאָט־שולן, גבירים, צדקה־געבער און דאָס מנין סאַנדזער חסידים, וואָס דאַוונט אין אַ האַלב צעבראָכן צריפל, נעבן דער גרויסער שטאָט־שול. צווישן די טיש־זיצער זענען געווען אייניקע בוי און פאַבריק־אַרבעטער. זיי זענען גלייך פון דער אַרבעט געקומען. מ'האָט דאָס דערקענט אין זייערע צעמענט און פאַרב־באַשפּריצטע הענט, העמדלעך, מידע פּנימער. אויף נייגעריקע פראַגן פאַר־וואָס זיי זענען נישט פריער אַ היים געגאַנגען זיך אָפּוואַשן, איבערטאָן, האָבן זיי געשמייכלט: „כאַפּן אַן אָרט ביים טיש איז בילכער". אָבער דאָס לאַנגע וואַרטן, הייסע דעמפּיקע לופט האָט זיי נאָך געמאַכט מידער. האָבן אָנגע־הויבן דרימלענדיק שאָקלען מיט צום־טיש געבויגענע קעפּ. דער טומל, אַלע מאָל הויך־אויסרופנדיקע רייד, האָבן געוועקט אַן אַנדערן, וואָס האָט שלעפעריק געהויבן דעם קאָפּ. געפרעגט: „ער גייט שוין?". „ניין?" און אויפסניי דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף צוזאַמענגעלייגטע הענט און איינגע־דרימלט.

פאַרן און אין פולן געפּאַקטן בית־הכנסת האָבן געטומלט קרעמער, מעקלער, פּקידים, געוועזענע חסידים אין יִנגל־יאָרן. נייגעריקע זענען זיי געקומען זען דעם רבינס „פירן" טיש. זיך דעראינערן זייערע שטעטלדיקע זכרונות. זיי האָבן דאָס בית־התפילה פאַררעשט: פּאָליטיקירט, דיסקוטירט פּאַרטייִשע פּראָגראַמען. פאַרטיידיקט, קריטיקירט די רעגירונג. אין בית־הכנסת־קאָרידאָר האָבן געטומלט יונגע, עלעגאַנטע, קאָסמעטירט און גע־פאַרבט־פּנימדיקע ווייבלעך. טייל מיט האַלבע שייטלעך אַרום די ראַנדן אויף זייערע אַרויפגעלאַקטע האָר און אייניקע מיט אַנדאָלירטע האָר, אַביסל פאַרדעקטע מיט פאַרביקע טיכלעך. די ווייבער האָבן גערכילותט פון מיוחס־דיקע בעלהביתטעס, וואָס מאַכן שטיל אַ „וויסט לעבן". דערציילט ווער ס'האָט געקויפט פענטהאָוזן־ווינונגען, בויט קאָטעדזשן, ווילעס. קויפן אויטאָס, ניי מעבל, קאָלירקע טעלעוויזיעס, סטעראָס, פאַרן קיין חוץ־לארץ. איין ווייבל האָט איבערשטייגט די צווייטע אין וויסן פרייזן פון מאָדע־קליידער, אויס־לענדישע לאָטשן. צירונג, מבינות אויף פילם־סטאַרן, אַ יונג ווייבל מיט אַ בלאָנד־באַשייטלט קעפּל, רויטלעכע בעקעלעך, באַשיט מיט בלאָטערלעך,

דיקלעכע, ברויך־באַשמינקטע, גלאַנציקע ליפּן האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אַ גרופּקעלע. דיסקרעט געריפן אַ חברטע. איר איינגערוימט ראָמאַנטישע פּליאַטקעס פון פרומע בכבודע ווייבלעך, וואָס געהיים קריכן צו „שיינע־יידן, וועלכע שיקן ספּעציעל זייערע ווייבער אין פּענסיאָנאַטן". „זיי דערציילן מיר נישט קיין נייעס", האָט איר חברטע געשאָקלט מיטן קאָפּ. אירע ברוינע, צעגלאַנצטע אייגעלעך האָבן זיך גאָר צעפינקלט. צו דער בלאָנד־באַשייטלטער זיך צוגעבויגן, אין אויער אַריינגעשעפּטשעט: „מיין שכנטע חוהלע איז אויך מיאוס אַריינגעפאַלן. חתונה געהאַט מיט אַ גאָרנישט. קוועטשט די באַנק אין דער מתיבתא, פאַרדינט נישט קיין פונט. מ'שמועסט ער איז גאָרנישט קיין מאַן. ווען זי איז נישט קיין שטיק פלייש מיט צוויי אויגן, גט זי זיך מיט דער בהמה". די בלאָנדע לייקנט: „ס'איז ליגנט. איך קען חווהן בעסער פון אינען. אַהאָ, זי איז יענץ פייגעלע. זי פּרייערט אים אָפּ. מאַכט אַ לעבן מיט מענער. דאָס האָט נאָך אַ העזה אים צו באַפּליאַקעווען. אַזאַ נישט, איך קען איר מאַן, שלמהן, אַ חכם קען גוט לערנען און איז שענער פון דער דזשאָבאַטער. ער איז אַ דימענט".

טייל ווייבער האָבן געערעדט, געטומלט. זיך געשפּאַרט. יצרדיק געקוקט אויף פאַרבייגייענדיקע יונגעלייטלעך.

.3

אין בית־הכנסת איז געווען הייס, דעמפּיק, רוישיק. די ברענענדיקע לעמפּ אין רויכנעפּל האָבן קנאַפּ באַלויכטן די צונויפגעדרענגטע מאַסע מיט שווייסיקע פּנימער, פאַרנעצטע העמדער אויף צעהיצטע לייבער. שיינע יידן, פאַרשפּעטיקטע, האָבן געזוכט ערטער ביי די טישן, באַזעצטע מיט טייל דרימלענדיקע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט ערטער. ישיבה־בחורימלעך, אָנגעטאָענע אין טונקעלע כאַלאַטלעך, ווייסע שקאַרפּעטן, האַלבע לעטשלעך, סאַמעטענע קאַפּעליושן האָבן זיך דורכגעדרענגט די ענג־צוזאַמענגעקוועטשטע נייגערער. קוים, קוים זיך צוגעשטופּט צו דעם רבינס נאָך ליידיקער שטול, אויבנאָן פאַר ביידע פאַראַלעל־שטייענדיקע טישן.

אייניקע קעפּ פון פאַר טיש־שטייער, נעבן רבינס אָרט, האָבן זיך צוגעבויגן צו דריי זקנים, וואָס האָבן געשמועסט מיט אָנטקעגן־זיצנדיקע יידן. „שמאי", האָט געזאָגט אַ צוגעבויגענער טיש־זיצער צו אַ ייד נעבן אים. „די אַלטע שמועסן וועגן אַמאָליקע רביים. איך זאָג דיר פּלאַי־פּלאַים". ביידע זענען געזעסן מיט געבויגענע קעפּ, צוגעשטעלטע אויערן, פאַרמאַכטע אויגן. פאַרמחשבותט געהערט:

„ר' יצחק, מ'שמועסט דער ק־ר איז אַ גרויסער אוהב ישראל", האָט ניגונדיק געזאָגט אַ דיקער ייד, וואָס האָט זיך געשאָקלט, געוויגט דעם קאָפּ הין און צוריק, מיט פינגער צעקעמט זיין ווייסער ברייטער באָרד. זיך

צוגעבויגן לינקס צו אַ דריטן און דעם נעבן אים אָפּגעשטופּט. צום דריטן געזאָגט: „אָך, עך האָב געהערט דאָס זעלבע. מ׳זאָגט גאָר: צי דער בר־מצווה האָט מע שוין געזען זאַן חריפות. גיטן קאָפּ. שוין יינגלוואַז געהאַט אַ גיטן זכרון. געקענט גאַנצע מסכתאות פון אויסנווייניק, ווי אַ וואַסער", האָט יצחק באַשטעטיקט. דערביי התפּעלותדיק געעפנט שאַרפבליקנדיקע אויגן, אַזש די ברייטע, אין עקן אַרויפגערונדיקטע ברעמען האָבן זיך געהויבן. טיפער געקנייטשט דעם שטערן.

„און אַ מחבר פון צוויי ספרים פאַרגעסט עטץ?" האָט דער מיטלסטער, אַוועקגעשטופּטער מיט עלנבויגנס געווייטערט די נאָענטע קעפּ פון אים לינקן און רעכטן שמועסער, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט. מיט אַ גרין טיכל געווישט דעם באַשוויצטן שטערן. זיך צעשאָקלט צווישןביידע. מוסיף געווען: „מ׳זאָגט, ר׳איז אַ גרויסער בעל־מופת. אָך אַ ענוו. ער שרייבט דאָך רעצעפּטן. מענטשן זאָגן, ר׳טרעפט צי", געשאָקלט מיטן קאָפּ צו יצחקן. דער דיקער משה האָט דעם מיטלסטן צוריקגעשטופּט. זיך צוריק צוגעבויגן צו יצחקן. אים איינגערוימט אַ סוד. יענער האָט אַקצעפּטירט: „יאָ, יאָ. כ׳ווייס עס". דער מיטלסטער, אונטער זיי צוריקגעשטויסענער האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ. אויסגעהערט משהס וויטערדיקע שעפּטשערייען. די וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן האָבן ארויפגעלייגט די הענט אויפן טיש. איבערגעבויגן קעפּ, געוואָלט עפּעס הערן. נאָך אַ ווײַלע זיך אויסגעגלייכט. געהויבן אַקסלען, געשאָקלט מיט קעפּ ניין־צייכנס, אַז מ׳הערט גאָרנישט. מ׳האָט בלויז געזען דריי צו זיך נאָענטע סאַמעטענע קאַפּעליושן, ווי אַ סגל, באַוועגן זיך הין און צוריק, ווי זיי וואָלטן זיך געוווּנדערט אָדער מסכים געווען מיט געהערטע רייד. די נייגעריקע האָבן אויסגעדרוקט השערות, אַז די אַלטע וואָרקער חסידים דערציילן זיך מופתים־מעשהלעך פון אַמאָליקע צדיקים.

„אדרבא. זאָלן יידן הערן. וואָס רוימסטו אײַן די מייז?", האָט יצחק געהויבן דעם קאָפּ. אים צעוויגט. צעשאָקלט. זיך געבויגן צו די, וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן זיי. הויך דערציילט:

„יידן, צ׳הערט? אין טאַשקענט האָט מע שלמה טאַרטשינער געלייענט זיינע זכרונות: פאַרן אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, איז ער געגאַנגען, ווי דער שטייגער, זיך געזעגענען מיטן פּיאַסעטשנער רבין. ביי אים תמיד געווען אַן איינגייער. יאַנקל מאַגעלניצער, אַ יוצא ונכנס ביים רבין, איז פּונקט דאָרט געווען. ביידע זענען געזעסן אין בית־המדרש. יאַנקל האָט שלמהן דערציילט: יענעם פרייטיק צו נאַכטס איז אין וואַרשע, אויף דזשעלנע־גאַס געווען אַן אַבלאַווע. דייטשן און פּאָליאַקן האָבן יידן אַרויסגעטריבן פון שטובן. זיי געשלאָגן מכות־רצח. געיאָגט קיין מאַקאַטאָוו. געווען צווישן זיי גרויסע לומדים, רבנים, עשירים מיט זייערע ווייבער, זויג־קינדער און שוין דער־וואַקסענע בחורים און בתולות. געווען אַ דריי הונדערט פאַרשוין. די

געשטאַפּאָ האָט זיי קודם פאַרזאַמלט אויף פּזשעיאַזד־גאַס. דאָרט אַלע געהייסן אויסטאָן. די ווייבער האָבן זיך אָפּגערוקט פון מענער. פאַר בושה אַראָפּגע־לאָזט די אויגן. אַז אַלע זענען שוין געווען נאַקעט, האָבן די רשעים אויס־געשטעלט אַלטע יידן מיט בערד און פּיאות נעבן נאַקעטע מיידלעך און יונגע בחורים נעבן אַלטע ווייבער מיט קאָפּקעס. די דייטשן האָבן דאָס פאָטאָגראַפירט. נאָך דעם זיי נאַקעטערהייט געטריבן ביז נאָך מאַקאַטאָוו, די לויפנדיקע געשלאָגן מיט בייטשן, גומענע פּאַלקעס, ביקסן־קאָלבעס. די יללות, שמע ישראל־געשרייען זענען געווען עד לב השמים. אונטער מאַקאָטאָוו די יידן צוגעטריבן צו אַן אָפענעם גרוב, לעבעדיקערהייט דאָרט אַלע אַריינגעשליידערט. אויף זיי אַריינגעוואָרפן גראַנאַטן און פאַרשיט מיט אָנגעגרייטע שטיינער, וועלכע די דייטשן האָבן געוואָרפן אויף צעבלוטיקטע, גוססדיקע גופים. האָבן צעשמעטערט קעפּ, אויפגעריסן בייכער. די דייטשן האָבן זיך געוועט, ווער ס'וועט קענען די שטיינער גוט צילן אויף נאָך זשיפּיענדיקע, באַקומט אַ פלאַש וואָדקאַ. על פּי נס איז דער רבי ניצול געוואָרן. צו זיין הויז, דזשעלנע 5, זענען די כאַפּערס נישט צוגעקומען. שפּעט ביינאַכט איז צום רבין געקומען אַ נאַקעטער ייד פון דזשעלנע־גאַס. דערציילט, ס'איז אים געלונגען אַנטלויפן. זיך באַהאַלטן צווישן חורבות. פונדרווייטנס אַלץ געזען. ווען די עס־עסאָווצעס זענען זיך צעפאָרן איז ער אַרויס. געלאָפן שעהן. זיך באַהאַלטן און געלאָפן. ווי אַזוי ער איז געקומען צום רבין, פאַרשטייט ער נישט. געזאָגט, נישט געקענט צולויפן צו זיין שטוב. געזען דייטשן אויף געפאַרענע מאָטאָציקלען.

דער רבי, אָנגעטאָן אין ברוינעם שפּיציקן שטריימל, זיידענער קאַפּאָטע, איז געזעסן אין פינצטערן בית־המדרש. ציטערדיק אָפּגעוואָרט: אָט־אָט קלאַפּט מען אין טיר. מ'וועט ביידן שיסן. פון דער גאַס הערן זיך ווילדע קולות: „אַרראַוווסס!". „טאַם טאַם סאַון זשידזשי". עס הערט זיך יאָמער־געשריי פון מענער, פרויען. אין בית־המדרש איז חושך. דער רבי זאָגט תהלים. דער שוין אָנגעטאָענער ייד זאָגט ודוי. ביידע זענען זיכער, די דייטשן האָבן געזען דעם נאַקעטן ייד אַריינלויפן אין רבינס הויף און זיי וועלן פון דאָרט אַרויסטרייבן אַלע יידן. די בהלה האָט זיך איינגעשטילט. „דערווייל איז די סכנה פאַרביי". באַרויקט דער רבי. „מ'דאַרף מקבל שבת זיין". ווי נאָר דער רבי האָט ארויסגעקלאָגט „לכה נרננו ליי", איז ער מפסיק. געזעסן פאַרמחשבותט. געוועדט הויך ווי צו אַן עדה חסידים. געפרעגט קשיות. דווקא געוואָלט וויסן דעם יסוד־תוך פון די פינצטערע גזרות רעות. יאַנקל מאַגעלניצער, דער למדן מופלג, זאַמלער פון רבינס תורות איז געזעסן אין בית־המדרש־ווינקל. געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט. געהערט דער רבי טענהט זיך אויס מיטן ריבונו של עולם, פרעגט אים האַרבע שאלות. זיפצט. קרעכצט. טייטשט אויס ירמיהוס נביאותן. יאַנקל האָט מורא געקריגן. דער רבי וועט, חלילה, ווערן נכשל. קען נאָך

מקטרג זיין קעגן גאָטס רצונס אויספירן זיין ביטערן גזר־הדין אויפן כלל ישראל אין פוילן. דער אַריינגעלאָפענער ייד איז פון מידקייט איינגעשלאָפן. ר׳ יאַנקל האָט געטראַכט, געזוכט פירושים, נישט פאַרשטאַנען דעם רבינס רייד. אויך געוואָרן מיד און איינגעשלאָפן.

פאַרטאָג האָט דער רבי אים אויפגעוועקט. אַריינגערופן אין זיין שטיבל, ווו ער האָט אָנגענומען קוויטלעך. יאַנקלען איז באַפאַלן אַ פחד. דאָס לייב איז אים געוואָרן געריבלט. קוקט אויפן רבינס הדרת קודשדיק פנים, פלאַ־מיקע אויגן. הערט:

‚ר׳ יאַנקל, אויך איך האָב אַ זייגער צוויי בײַנאַכט איינגעשלאָפן. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט: אין בית־המדרש איז גאָר ליכטיק, ווי אין די פאַרמלחמה־דיקע פרייטיק צו נאַכטסן. ס׳איז פול. אָנגעפּאַקט מיט חסידים. האָב איך זיך קוים אַדורכגעדרענגט. געזעצט „פירן״ טיש. אַברהמעלע משמש טראָגט איבער די קעפּ אַ גרויסן פילמיסקע מיט אַן אָנגעפילטן קאַרפּ. נאָכן צעטיילן שיריים זינגט לייבל ביין „כל מקדש״. אַלע טישזיצער און נעבן זיי שטייענדיקע צעזינגען זיך התלהבותדיק. נאָכן זמר זאָג עך תורה. אין מיטן הער אויף. פאַרגעס אַלץ. באַמי זיך דערמאַנען. דער שכל מיטן זכרון איז מטושטש. געדענק גאָרנישט. אין דעם אין דער חשכות דערזע אַ גע־שטאַלט, פאַרהילט אין ווייסע תכריכים. איבער זיין קאָפּ אַ פאַרגעלטער טלית. דאָס געשטאַלט דעקט אויף דאָס פנים. כ׳ווער נתפעל, דערקענט דעם זיידן, דעם קאָזשעניצער צדיק זצ״ל. כ׳שריי: ‚זיידע! מ׳הרגעט אויס אַלע יידן. מיט מיתות משונות ווערן אומגעבראַכט אומשולדיקע לומדים, צדיקי־הדור, תינוקות של בית־רבן. אַלע, אַלע ווער ס׳איז נאָר אַ ייד ווערט אכזריותדיק געפייניקט צום טויט. פרעג דעם ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ ברודער־קבר, אין וועלכן די דייטשן מיט פּאָליאַקן האָבן הונדערטער יידן שוידערלעך דערמאָרדעט, זיי לעבעדיקערהייט באַגראָבן. זאָטס דאָרט מרעיש עולמות. רייסט איין וועלטן. בעט פאַר אונדז רחמים׳.

‚קלמן, מיר לייגן איין וועלטן. טעג און נעכט ברענגען אונדז זיך אַוועק פאַרן כלל ישראל. עס פועלט גאָרנישט׳, האָט זיך צעוויינט דער זיידע. אַזוי זיך צעקלאָגט, אַז מ׳האָט קוים געהערט זיין מורמלען. אַז ער האָט זיך באַרויִקט, איז געהערט געוואָרן ס׳קול: ‚יעדן טאָג קומען אין הימל צענדלי־קער טויזנטער פאַרפייניקטע יידן. יענע וואָך, אין יום הקדוש, האָבן זיך אין קליינעם גן־עדן אַריינגעריסן פאַרגאַזטע, קוילנשוואַרץ־פאַרסמאַליעטע מאַ־מעס מיט זויג־קינדער אויף סקעלעטן־אָרעמס. זייערע געוואַלדן, קלאָגערייען האָבן צעבראָכן הערצער. אַלע צדיקים האָבן געוויינט. באַלד נאָך זיי האָבן זיך אַריינגעשטופּט פאַרברענטע מענער־סקעלעטן. אַלע שוואַרץ ווי קוילן. האָבן סקאַנדאַלעוועט. צעוואָרפן טישן, בענק. פאַרמאַכט אַלע ספרים. געבראָכן אַלץ, וואָס איז זיי געקומען אין די הענט. צום סוף אָרויס געיאָגט אַלע צדיקים־עוסקי תורה ושבחים ליי. בין אויך דאָרט געווען. מיט כוח אונדז

געשלעפּט צום כסא הכבודס אוהל. די מלאכים־שומרים האָבן זיך אויך דערשראָקן. שנעל פאַרשלאָסן די שערי־הרחמים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גראַטשקע. און די סקעלעטן האָבן צעשטורעמט די פעסטע טויערן און אָנגעטראָפן אויף נאָך געשלאָסענע, מער דיקערע מויערן און געשלאָסענע טירן, אויף וועלכע ס׳העגנגען וואָרענונגען, ווער עס רירט זיך צו, ווערט עלעקטריזירט צום טויט. די מתים האָבן געקולתט, געטענהט, מ׳האָט זיי פאַרהפקרט. האָבן געהויבן געפּויסטע הענט, יאָמערדיק גערדראַט: ,מיר וועלן דאָס נישט פאַרשווייגן!׳ ,ווו איז ער, בכבודו ובעצמו!׳ געליאַרעמט: זיי רופן אים אַליין, דעם שופט עליון, צום משפט. וואָס אַמאָל זענען צוגעקומען נאָך טויזנטער קרבנות־סקעלעטן. אָן אַ שיעור האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרברענטע, דערשטיקטע, צום טויט־צעקאַטעוועטע גופים. ,קלמן זעסט?׳ האָט דער קאַזשעניצער געוויזן אַ שטיקל צעריסן תכריכים־קיטל, זיך צעוויינט: ,מיר ווייסן דאָרט אַלץ. אָבער ס׳ערשטע מאָל מיט אייגענע אויגן געזען דעם פינצטערן בראָך. אַלע גן־עדן־יידן האָבן זיך געריסן קריעה. געקלאָגט קדיש־יתום. מיטגעיאָמערט מיט די קדושים־קרבנות. אינדעם דערהערט זיך אַ מוראדיקער טראַדדך! מ׳קוקט זיך אום. מען זעט: אַ צענדליק יידן האָבן דאָך צעשטורעמט די שערי־הרחמים. זיי פיצלדיק צעבראָכן. מ׳דערוווסט זיך, דאָס זענען אַ גרופּע וואַרשעווער טרעגער. זיי האָבן געחוזקט פון די קלאָגער. צעשטורעמט אַלע מכשולים. זיך אַריינגעריסן אינעווייניק, אין סאַמעראַדנעם היכל. פון דאָרט ארויסגעטריבן אַלע מלאכי השרת. אַריין צו אים אין אוהל־מועד. זענען באַלד אַרויס. געהאַרמידערט. כּעס׳יק געקוויטשעט: ,ער איז נישטאָ. זיך זיכער באַהאַלטן! דער כסא הכבוד איז ליידיק! וויל מיט אונדז נישט רעדן און זיך אָפּגעטראָגן. די שרייער האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. פון די ארויסגעטריבענע מלאָכימלעך געפאָדערט אים אָפּזוכן. אויב נישט וועלן זיי אַלץ חרוב מאַכן. צו די גן־עדן־יידן געטענהט — ,איר זייט שולדיק! פאַר וואָס האָט איר דאָס צוגעלאָזט?׳ די בהלה איז געוואָרן גרויס גאָר שטאַרק. עטלעכע יונגע־לייט האָבן קוים באַרויקט: ,ער איז אַראָפּ אין די געטאָס, טויט־לאַגערן, וויל מיט אייגענע אויגן זען די פּיינען, מאָרדן׳.

,זיידע!׳, האָב איך געבעטן: ,זייט דאָרט מליצי־יושר. יאָך פרעג דיך. מען הרגעט אויס אַלע יידן. ווער וועט אים דינען?, לויבן?, לערנען זיין תורה?׳. האָב זיך צעוויינט: ,ער איז דאָך דער אל אדון על כל המעשים. קומט דאָך אויס עס איז לויט זיין רצון. אָן אים געשעט דאָך גאָרנישט. פרעגט שוין אים פאַר וואָס? דער עולם פרעגט שאלות. קשיות. יאָך אַליין פאַרשטיי דאָס אויך נישט. אַדרבה. זאָג דו מיר וואָס זיי צו ענטפערן׳.

,קלמן, הער אויף. זיי נישט, חלילה, מקטרג!׳, האָט דער קאַזשעניצער זיך אויפגערעגט. אַרויפגערוקט די עטרה, בייזלעך געקוקט. אַביסל רגזהדיק ממשיך געווען: ,וואָסי?. ווילסט אפשר זיך מישן?. אַלע צדיקי־הדור,

מלאכים אין הימל ווילן אויך תופס זיין דעם חורבן־ישראל אין פוילן־לאַנד, משמעות, שוין אין אַנדערע לענדער אויך. ווי, ווי. קיינער איז נישט משיג דעם בית־הדין של מעלהס ביטערן גזר־הדין. מען וואָגט אָבער נישט פרעגן. וואָסי? ווייסט נאָך נישט, אַז אין הימל טאָר מען זיך נישט מישן?. ווער פרעגט דאָרט קשיות?. איך מוז דיר איבערגעבן אַ סוד: ווער עס ספקט דאָרט, איז לעולם ועד פֿאַרלוירן. קען שוין נישט האָבן קיין שום תיקון. האָב אַליין געהערט אין גנעדנדיקע בתי־מדרשים זאָגן לומדים פּירושים. — אָבער גאָר שוואַכע. זענען טייל טאַקע מבטל זייערע השערות. חוזקן אַז ס׳זענען בויך־סברות. ווער עס וויל דרשנט וועגן חורבן. אַפילו די נביאים־זקנים האָבן אויך אָנגעהויבן טענה׳ן, באשר זיי האָבן דאָס פֿאָרויסגעזען אין חלום, עס פֿאַרשריבן, געבעטן די תנ״ך־פֿאַרפֿאַסער נישט דאָס אויסמעקן, אַז פֿאַר דער גאולה־קטנה אין ארץ ישראל וועט זיין אַ גרויסער חורבן־ישראל. זיי טרייסטן, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער׳.

‚וואָססס!׳, האָט זיך דער רבי צעשריגן: ‚אָן אַ חורבן שיקט ער נישט דעם גואל?!. דאָס איז זיין פסק־דין־צדק?. וויל אונדז אומברענגען פֿאַר דער גאולה?: זיידע, ווער וועט דאָס משיג זיין? צו וועמען וועט ער שיקן משיחן?. דעם פּירוש פֿאַרשטיי איך גאָרנישט. דאָס איז נישט קיין נחמה פֿאַר די, וואָס ליידן און מיליאָנען יתומים, וואָס זענען אַליין פֿאַרמשפּט צום אומקומען. יאַך וועל דאָס נישט אויסטייטשן פֿאַר קיינעם. די כפירה צעשפּרייט זיך. אַפילו גרויסע לומדים, חסידים האָבן אָנגעהויבן ספקן. טייל זאָגן בפּירוש: ‚לית דין ולית דיין׳. זיידע, פֿאַר אונדז איז דאָך שוין כולו חייב. ווען וועט זיין דער קץ?׳.

דער זון, אלימלכל, וואָס איז געשטאַנען אין פֿינצטערן טויער, געהיטן מיט עטלעכע שכנים, האָבן דערהערט דעם פּיאָסעטשנערס קולות. ער איז שנעל אַרויף. האַסטיק אַריין אין בית המדרש. דעם טאַטן אויפֿגעוועקט, געוואָרנט, ער זאָל נישט שרייען, ווייל טאָמער וועט אַ גוי דערהערן זיין קול, זענען אַלע יידן אין די באַהעלטענישן פֿאַרלוירן. ‚קענסט מאַכן אומגליקלעך אַלע. לאָמיר דאַנקען גאָט, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעמיטן אונדזער הויף׳. דער רבי האָט זיך געבייזערט אויפֿן זון, הלמאי ער האָט אים געשטערט זיך אויסטענהן מיטן קאָזשעניצער צדיק. ‚אפשר איז דאָס געווען אַ שעת הרצון׳ ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, געזוכט דעם זיידנס געשטאַלט. געוואָלט ממשיך זיין אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. דאָס געשטאַלט אָבער מער נישט געזען. אַז ער איז געקומען צו זיך, געזאָגט: ‚מלכל, מיין איינציק איבערגעבליבן קינד. כ׳ווייס נישט צי עס וועט נאָך אַמאָל פֿאַר יידן זיין אַ רויִקע וועלט. אויב יאָ, ספק איך צי מיר וועלן זוכה זיין צו דעם. מיר זענען פֿאַרמשפּט צו זיין קרבנות פֿון דעם דור׳.

„יאָ, יאָ״, האָט יצחק פֿאַרענדיקט: „מיר האָבן אַ גרויסן זכות. אַז

מען האָט דערלעבט צו זיצן ביי אַ רבינס טיש און דאָס אין אַן אייגענער מדינה".

אַנטקעגן די דריי זקנימס געבויגענע, סגל־געפּאַרעמטע קעפּ איז דער שטאָט־רב געזעסן מיט אַ געבויגענעם צו נייגנדיקן קאָפּ צום דערציילער. בכוונה אויסגעהערט יעדעס וואָרט. נאָכן אויסהערן די מעשה האָבן זיך די דריי צו זיך גענאָענטע קאַפּעליושן אויסגעגלייכט אין איין שורה. אויף זייערע טרויעריקע, פאַרדמיונטע פּנימער, מאַטע, יאושדיקע אויגן איז געווען מערק־באַר אויפגעוועקטער צער. דער שטאָטישער מרא דאתרא האָט פאַרמאַכט די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געמורמלט: „פלאי פלאים".

4.

אין בית הכנסת איז געווען גאָר בהלהדיק. רכילות און דברים־בטלים־רעש אין אַלע זייטן. דער טומל האָט נישט געשטערט דעם רב איינחזרן די צוגעגרייטע קבלת־פּנים־דרשה. און אין מיטן איבערטייטשן אַ מדרש־רבא זיך גוט איינגעהערט אין יצחקס דערציילן דעם פּיאַסעטשנער רבינס רייד, קשיות קעגן גאָטס גזר־הדין צו פאַרניכטן ייִדן. האָט אָנגעהויבן ספקן: יאָ אָדער נישט דרשענען. די צייט איז שפּעט. אָט־אָט קומט דער רבי, און ער ווייסט נישט צי ער מעג זאָגן זיין פשט. אין אים האָבן זיך געאָמפּערט דעם פּיאַסעטשנערס ספקות, פאַרוואָסן. „דווקא מיר זענען אַ קרבן־פאָלק", געטראַכט. זיך דערמאָנט זיינע הספדים אויף קברים פון יונגע חיילים. „אויך דאָ לאָזט מען אונדז נישט לעבן במנוחה. ניין, נישטאָ וואָס צו זאָגן. אויב דער פּיאַסעטשנער צדיק זצ"ל האָט געוואָגט ספקן, פרעגן, אָפּפרעגן דעם רבונו של עולמס דרך, איז ווי קען איך, מעג דרשנען וועגן נצח ישראל?". ער האָט באַשטעטיקט: „נישטאָ וואָס מער מחדש זיין, די דרשה איז נישט שכלדיק. בדרך כלל זענען אַ סך רייד פון ייִדן, וואָס זענען דאָרט נישט געווען, און דרשנען וועגן חורבן אין אייראָפּע און נצח ייִדיש פאָלק, סתם דברים בטלים" — אַזוי אין זיך גערעדט.

די דריי קאַפּעליושן האָבן זיך אויפסניי צוזאַמענגעבויגן. דעם מיטלסטן אָפּגעשטופּט. ווידער אויסגעזען ווי אַ סגל. האָבן באַוועגט די קעפּ. גע־שמועסט. דער אָפּגעשטופּטער האָט מיט עלנבויגנס אָפּגערוקט משהן פון יצחקן. געזאָגט: „און פון קאָזשעניצער רבי אהרונדל האָט עטץ געהערט? ער איז דאָך געווען ממש אַ מלאך. מ'האָט דען תופס געווען זיין דרך? יחידים האָבן משיג געווען זיינע תורות. זיין יעדעס וואָרט, אפילו שיחות־חולין, זענען דאָך געווען רזין דרזין. מ'זאָגט, ער האָט יאָ געוווסט דעם קץ. אַפילו דאָס עטלעכע מאָל מרמז געווען, אַז פאַר דער קליינער גאולה אין אונדזער דור, געמיינט אוודאי די מדינת ישראל, וועלן יידן ווערן געפּייניקט, אומגעבראַכט מיט מיתות משונות. מ'האָט אַמאָל געפרעגט:

,רבי, וואָס ווילן גוים פון אונדז ?'. ער האָט פשוט געענטפערט: ,מיר זענען אומעטום פרעמדע, אַנדערע, אומקלאָרע, פאַרדעכטיקטע'. „יאָ, האָט דער זקן געזיפצט: „געווען אַמאָל שאַרפע לומדים, עוקרי־הרימס, גאוני־הדור, גרויסע צדיקים, בעלי מופתים, פייערדיקע חסידים. היטלער, ימח שמו וזכרו, האָט אַלע פאַרניכטעט. אַ פינצטערע, ביטערע שטראָף האָט אונדז געטראָפן. ממש אַ תוכחה פון הימל. ווינד און ווי, צו וואָס מ'האָט דערלעבט. נעבעך היינט אַ וועלט מיט פיצלעך יידעלעך, ווי קרישקעס. און די היינטיקע רביים ?", האָט ער נאָך גערעדט. מען האָט אים אָבער נישט געהערט. אין בית־הכנסת איז געוואָרן אַ רעש. אַריינלויפנדיקע בחורימלעך מיט פלאַמיקע בעקעלעך, אַנגעטאָענע אין טונקעלע רעקלעך, שוואַרצע קאַפּעליושלעך, האָבן סאַפּענדיק געשריגן: „דער רבי איז געקומען! שאַטס, שאַטס! ער גייט שוין!".

5

פונעם באַלויכטענעם הויף האָט מען געהערט מונטער געזאַנג, וואָס האָט זיך גענענטערט, געהעכערט. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעשטיגן מיט מעלאָדיש־אויסשרייענדיקע ווערטער. דער ערשטער האָט זיך אויפגעשטעלט דער שטאָט־רב. ער האָט אויסגעגלייכט די ברייטע, גרוילעכע באָרד, צוגערינגלט די פיאות, יראת־הכבודיק געקוקט צום אַריינגאַנג. אין די־אַ שפּאַנענדיקע מינוטן האָט זיך אין אים געוועקט יצרדיקע באַגערן זאָגן זיין דרשה. האָט פאַרמאַכט די אויגן, געבויגן דעם קאָפּ. קאָנצענטרירט איבערגעחזרט פירושים, משלים וועגן גלותן, גאולה, נצח־ישראל. אויף זיין הדרת־פנים, טיף־געקנייטשטן שטערן, ביי די אויגן־ווינקלען, אויף רויטלעכע באַקן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון דער געדיכט־צעוואַקסענער באָרד, האָט זיך געמערקט זעלבסט־צופרידנקייט. אין די־אַ רגעס האָבן אין אים אויפגעבליצט נייע איינפאַלן, אויסטייטשונגען, פאַרגלייכן, פסוקימדיקע רמזים. אַז ער האָט געעפנט זיינע טונקעלע, פאַרחלומטע אויגן, דערזען יצחקן, זיך אויפסנייי דערמאָנט דעם פריערדיקן רעיון: „דווקא אונדז וויל דער ריבון עולם אומברענגען", זיך דערמאָנט דעם פיאָסעטשנער רבינס טענות: „צו וועמען וויל ער שיקן דעם גואל ?". „מענטשן שרייען, לית דין ולית דיין". גאַפּיענדיק געקוקט צו דער טיר. געוואַרט דעם רבינס אַריינקום און „ענדגילטיק" באַשלאָסן: „סיג לחכמה שתיקה".

אַז דאָס דרויסנדיקע געזאַנג האָט גענענטערט צו דער טיר, ווו עס איז געווען אַ בהלהדיק אַרויס און אַריין־שטופעניש פון דאָרט צוזאַמענגעדרענגטע, צונויפגעקוועטשטע, איינער איבערן אַנדערן אַרויסקוקנדיקע, האָבן טיש־זיצערס זיך אויפגעשטעלט, געשפּאַנט אָפּגעוואַרט דעם רבין.

אין פול־געפּאַקטן בית־הכנסת האָבן זיך אַריינגעשטופּט צענדליקער

בחורימלעך, יונגעלייטלעך, אַנגעטאָענע אין גלאַנציקע, זיידענע סאַקלעך, פאַרבונדענע מיט געפלאָכטענע גאַרטלען. אויף שאַקלענדיקע קעפּ אַרויפ־געררוקטע שוואַרצע קאַפּעליושלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעבאַמבלט געקרייזלטע פּיאות אויף ראַזלעכע, פאַרשוויצטע באַקן מיט שוין שפּראָצנדיקע בערדלעך, וואָנסעלעך. די מיטן רבין אַריינגעקומענע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, הויך געזונגען. אייניקע האָבן צעשטופּט די זייטיקע קרייזלעך, געמאַכט אַ וואַרע פאַרן רבין. זייערע הילכיקע געזאַנגען האָבן באַגייסטערט דעם עולם, וואָס האָט זיך התלהבותדיק צעזינגען.

אין אַ טאַנצנדיקער ראָד פון אַ צווייטער גרופּע יונגעלייטלעך מיט בלייכע פּנימער, בלישטשענדיקע אויגן איז אַריינגעקומען דער רבי. בלויז די נאָענט־שטייענדיקע און אַרויפגעשטעלטע אויף אין זייטן צעשטעלטע בענק, שטענדערס, טישן האָבן באַמערקט אַ באַוועגנדיק, סאַמעטן קאַפּעליושל, אַ שטיקל ווייסע באָרד, געבויגן צום דיל. — אַ דאַרער גוף אין אַ פאַרגאַרטלטן טונקל־זיידענעם, זילבער־באַבלומטן, ביז ווייסע זאָקן, לאַנגן שלאַפּראָק קריכט, שאַרט טריט אין דעם פאַרויס־שטופּנדיקן זיך־וויגנדיקן, טאַנצנדיקן ראָד. אַז ער האָט געגעענטערט צום אָרון הקודש און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן זיינע גרויסע, פאַרדמיונטע אויגן זיך מער געעפנט. צופרידן געקוקט אויף דער צעזינגענדיקער, ענטוזיאַזמדיקער, צו אים דרכארצדיק־קוקנדיקער עדה. צווישן זיי דערזען אַ הויכן זעלנער מיט אַ ביקס. מיט אַ פינגער־צייכן אים צוגערופן. צוגעפירט צום ארון־הקודש. מיט דער רעכטער האַנט אַרומגענומען דעם חייל און מיט דער לינקער אים, דעם חייל, און זיך אַרומגעוויקלט מיטן פּרוכת. דאָרט אַריינגעתפילהט. הונדערטער אימה־פולע אויגן האָבן געבליקט אויפן רבינס און חיילס געבויגענע קעפּ, פאַר־וויקלטע מיטן ווייסן, גאָלדיק־אותיותדיקן יומטוב־פּרוכת, וואָס איז לכבוד דעם קבלת־פּנים געוואָרן אויפגעהאָנגען. דער זודיקער גערויש האָט זיך געשטילט. מען האָט געשפּאַנט געקוקט צום רבין, גלייך מען דערוואַרט אויסערגעוויינלעכס. דער רבי האָט אויסגעדרייט זיין בלייך, דאַר פּנים, קוים אַרויסגעזען פון אַראָפּגערוקטן קאַפּעליוש, צעוואָקסענער באָרד און פּיאות. די אים פריער אַרומגערינגלטע בחורימלעך, האָבן זיך צעשאָקלט פאַר די ארון הקודש־טרעפּלעך. זייערע גופימלעך געוויגט, געבויגן, ווי בעתן דאַווענען, לערנען. דער רבי האָט חידושדיק געקוקט אין אַלע זייטן. רגעדיק געשמייכלט צו די צוזאַמענגעקוועטשטע, צונויפגעדרענגטע ייִדן, וואָס יעדער וואָלט גערן זיך צוגעשטופּט נעענטער צום רבין. יעדעס מאָל האָבן זיך געהויבן קעפּ, גאַרנדיק כאַטש כאַפּן אַ הרפּעינדיקן בליק. דער רבי האָט לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו די אויף בענק־שטייענדיקע. „אָן עין הרע. אָן עין הרע״ געשעפּטשעט, זעענדיק אין ביידע זייטן איינער איבערן אַנדערן, פּיראַמידיק־איבערגעבויגענע קעפּ מיט רויטע, באַשוויסטע פּנימער, פלאַקערדיק־התפּעלות־אויגן קוקן צו אים. ער האָט אויסגעזען

צופרידן, אַז מען פֿאָלגט נאָך זיין יעדע באַוועגונג. מען בליקט אויפֿן מויל. מ׳דערוואַרט הערן טרייסטנדיקע תורה־ווערטער. אַלע קוקן אויף אים, ווי אויף אַ אומנאַטירלעך וועזן, וואָס ווייסט, ווי אַזוי עס וועלן געלעזט ווערן האַרבע מלוכישע פּראָבלעמען און יעדער, וואָס וועט זוכה זיין צו ווערן פֿון אים אָנגענומען, קען באַקומען ריכטיקע עצות צו לעזן זיינע באַגערן, ווונטשן. דאָס צעהיצטע קהל איז געווען געאיייניקט מיט דמיונות, חלומות, מיטן רבינס נשמה באַהאַפֿטן. האָבן פֿאַרגעסן מאַטערנדיקע זאָרגן: אַלע פֿריערדיקע דיסקוסיע־רייד.

אָנגעלענט אויפֿן חיילס אַקסלען, האָט דער רבי צוגעשפּאַנט צום טיש. אויפֿן וועג געשמייכלט צו אין בײדע זייטן זיך שטופּנדיקע. צו זיי געבויגן דעם קאָפּ, געענטפֿערט אויף באַגריסנדיקע שעפּטשערייען: „ברוך הבא, רבי. ברוך הבא״. שנעל, לייכט אָפּגעגלעט אויסגעשטרעקטע הענט פֿון „שלום־עליכם״־געבער.

„פֿון וואַנען זייט איר?״, געפֿרעגט אַ דיקלעך־בייכלדיקן מיט אַן עטוואָס באַקאַלכט פּנים.

„פֿון טשערנאָוויץ״.

„מיט אַ משפּחה?״.

„יאָ. אַ ווייב מיט דריי קינדער״.

„איר זייט דאָ צופֿרידן? כ׳זע איר אַרבעט״.

„ברוך השם. עס זאָל נאָר זיין שלום. פּרנסה איז דאָ, אָבער שוואַכלעך. דאָס יקרות איז גאָר גרויס. מ׳קומט אויס, אָבער קוים־קוים. די קינדער וואַקסן״.

„כ׳ווייס. אין ישׂראל אַז מען אַרבעט איז דאָ פּרנסה. זייט השׂמח בחלקו. דער יצר רייצט צו גרויסע באַדערפֿענישן. קנאה איז אַ מידה רעה״, געהויבן דעם קאָפּ. צו אַלעמען הויך גערעדט: „די מדינה איז געשאַפֿן געוואָרן, ייִדן זאָלן דאָ לעבן במנוחה. זייט מתפּלל, העלפֿט, אַז זייער כּוח, אָנגעוויזן אויפֿן חייל, — „זאָל זיין שטאַרק, די שונאים זאָלן מורא האָבן״ בייזלעך געקוקט אויפֿן דיקן מאַלאַרזש. אים אָפּגעשטופּט. ממשיך געווען געבן „שלום״.

איינגעבויגן זיך געזעצט צום טיש. פֿאַרמחשבותט געקוקט אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט מיט צוגעגיפּסעוועטע, מאַרמאָרנע יזכור־פּלאַטלעך, אויף וועלכע עס זענען אָפּגעדרוקט נעמען פֿון קדושים־משפּחות אין געטאָס, טויטלאַגערן און חיילים, געפֿאַלענע בעתן פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד. מיט טרעריקע אויגן געקוקט אויף די מצבהלעך און איבער זיי ברענענדיקע יזכור־לעמפּלעך. צו די טיש־זיצער גערעדט:

„די וואָך לייענט מען, ,ויאמר יי אל משה. בא אל פרעה. כי אני הכבדתי את לבו, ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים ואת אותתי, אשר שמתי בם וידעתם״ אויסגערופֿן: ,כי אני יהוה׳. אַלע מופֿתים אין מצרים זענען געווען, מיר זאָלן וויסן ווער מען איז געווען און ווער מען איז

היינט. אין אַלע דורות האָבן נסים געראַטעוועט. אַ גאָר גרויס נס איז אונדזער קיום דאָ, צווישן אַזוי פיל שונאים". אָנגעקוקט דעם חייל. ממשיך געווען: „לאָמיר מתפלל זיין אייער כוח זאָל זיין שטאַרק. איר זייט דאָך אונדזערע שיצער, היטער, עס זאָלן מער נישט זיין טויטלאַגערן פאַר ייִדן. לאָמיר מתפלל זיין, עס זאָלן געשטאַרקט ווערן די כוחות פון אַלע ייִדן, זיי זאָלן קענען העלפן בויען מלכות־ישראל. ער האָט צעשפּרייט די הענט אין ברייטע ווייסע אַרבל, פאַרגלאָצט די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, טיף געזיפצט. אויסגערופן: „ייִדן, קהל קדוש. געדענקט דעם, ,וידעתם'. תמיד מוזט מען געדענקען, ווער מיר זענען געווען און וואָס מיר דאַרפן זיין: אַן עם קדוש וטהור. די גאַנצע וועלט קוקט אויף אונדזערע מעשים. זאָלן מיר ראוי זיין צו דער אויסגעקעמפטער מדינה. הלוואי זאָלן מיר אויך זוכה זיין צו גאולה שלימה".

עס איז געוואָרן טומלענדיק. יעדער האָט געגאַרט זיך נעענטערן צום טיש. כאַטש רגעדיק זען דעם רבינס פּנים, הערן אַ וואָרט. די נאָענטע האָבן זיך צונויפגעדרענגט, געבויגן פאַר זיי פאַרשטעלטע קעפּ. זיך געשטעלט אויף שפּיצפינגער פון פיס. געכאַפּט אַ בליק און צוריק געוואָרן אָפּגעשטופּט. די באַמיִונגען פון וויט־שטייענדיקע זענען געווען אומזיסט. די הילכיקע שאַ־געשרייען האָבן געווירקט. דאָס שטופּעניש, טענות פון אָפּגעשטויסענע האָט זיך געשטילט. דעם רבינס זאָגן האָבן בלויז געהערט נאָענטע טיש־זיצער. אויך זיי האָבן זיך גוט אָנגעשטרענגט. אָבער מיט עקסטאַזפולע אויגן געקוקט אויפן רבינס צערויטלט פּנים מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיי האָבן געהוידעט קעפּ, געזיפצט. אַ דאַר ייִדל מיט אַ שיטער געלבלעך בערדל, פאַררויטלטע, אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן האָט צוגעלייגט די רעכטע דלאָניע צום אויער. אָנגעהויבן זינגען אַ מעלאַנכאָלישן ניגון. טישזיצערס, נעבן זיי שטייענדיקע האָבן זיך צעזינגען, צעוויגט. צעשאָקלט. דאָס געזאַנג האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט. געוואָרן וואָס אַמאָל העכער. דער גאַנצער עולם האָט מיטגעזינגען. הונדערטער קעפּ האָבן זיך געבויגן הין און צוריק. אַלעמענס אויגן, סיי די וואָס האָבן געזען דעם רבין און גאַנץ ווייטלעכע האָבן געבליקט צום אָרט, ווו ער איז געזעסן. די נאָענטע האָבן זיך צעהתלהבותט, געזינגען, געפּאַטשט מיט הענט. דרכארצדיק געקוקט אויפן רבינס חסדפול פּנים. די געמיטער פון אַלע פאַרזאַמלטע זענען געוואָרן באַהערשט מיט אמונה, ליבע צום רבין. ער האָט אַלע מאָל געהויבן זיינע בלייכע, ביינערדיקע, טונקל־באַהאָרטע הענט, גלייך ער דיריגירט מיט די אויף טישן, בענק, שטענדער־שטייענדיקע, התפעלות־צעוויכערטער מאַסע. אַלע האָבן באַגייסטערט גע־וויגט קעפּ אַרויף, אַראָפּ. אויסגעזען ווי פון ווינטן אַ צעפּאַליעט טייכל. דער וואָס אַמאָל מער כוונהדיק צעזינגענער ניגון האָט אַלעמען פאַרכאַפּט, מיטגעריסן. די בענקענדיק־אויסציִענדיקע מעלאָדיעס מיט תפילהקע ווער־טער האָבן דעם עולם צעדביקותט, באַפליגלט, אָפּגעשיידט פון ערדישקייט.

מ׳האָט זיך געפילט נשמה־יתרהדיק. געהויבן אין הימליש־חלומותדיקע ספערן. די נעבן און אַרום טישן־זיצערס זענען גאָר געווען צעפֿייערט. זייערע אמונה־צעליכטיקטע, שיינענדיקע אויגן פֿון פֿלאַמיקע פּנימער, באַנעצטע פֿון טריפֿנדיקע שוויס־טראָפּנס, זענען פֿאַרכישופֿט געווען געוואָנדן צום רבין.

בריטלעך, מלכותדיק איז דער רבי געזעסן. ליכט באַוועגט דעם קאָפּ. אין טיש געקלאַפּט מיט פֿויסטנדיקע הענט. ניגונדיק מיטגעברומט. עטלעכע מאָל געזיפֿצט. געהויבן די הענט ווי וואָרענדיק אויסגעשריגן: „יידן, פֿאַרגעסט נישט דעם ,וידעתם׳. פֿאַרגעסט נישט דעם אונדזער ווונדערבאַרן נעכטן און נישט זיכערן מאָרגן. ,וידעתם׳ הייסט פֿאַרבונדן דעם נעכטן מיטן הווה און מאָרגן. די היגע מנהיגים לערנען לעבן בלויז מיטן הייַנטיקן, גענוסנדיקן, שנעל־פֿאַרשווונדיקן איצט, אַ טפּשות דאָס איז. ,כי אני הכבדתי את לבו׳׳ דעצידירט געזאָגט: „איז אַ רמז אויף שונאים אין אַלע דורות. אויך יעצטיקע. לערנט אייערע קינדער נישט פֿאַרגעסן דעם עבר״.

ראַפּטאַם האָט זיך דער רבי אויפֿגעשטעלט, אויסגעזען העכער, ברייטער, שטאַרקער ווי בעתן אָנקום. ער האָט נחתדיק געקוקט אויף דער זיך בייגעוודיקער פּיראַמידע קעפּ פֿון דער הויך־שטייענדיקער און אונטן צונויפֿגעדרענגטער מענטשן־מאַסע.

דאָס בית הכנסת־שמשל, אַ דאַר יידל מיט אַ קליין, ביינערדיק פּנימל, שפּיצלדיק נעזל, שיטער גרוילעך בערדל, פֿאַרוויקלט אונטערן אַביסל אַרויסזעענדיקן גאַמבעלע, האָט אויסגעשטרעקט דאָס באַהאַרטע הענטל, דעם רבין געוויזן דעם זייגער. באַלד האָט דער רבי עפּעס איינגערוימט אין רבס אויער. מניה וביה האָבן טישן־זיצער, נאָענט־שטייענדיקע זיך דערוויטערט, דערוווסט: דער רבי פֿאָרט אין דער גרויסער, שטאָטישער שול. דאָס זינגען האָט זיך איינגעשטילט. אויך די ווייטלעך־שטייענדיקע האָבן ביסלעכוויז אויפֿגעהערט זיך שאָקלען, זינגען, פֿאַמעלעך איז דאָס געזאַנג געוואָרן שוואַכער, אין גאַנצן זיך איינגעשטילט; פּונקט ווי אַ זידנדיקער טאָפּ קילט זיך נאָכן אַראָפּנעמען פֿון פֿייער, האָט זיך דער עולם ביסלעכוויז באַרויקט, געקומען צו זיך.

די זעלבע, וואָס האָבן דעם רבין אַריינגעפֿירט אין אַ טאַנצנדיק ראָד, האָבן אים אויפֿסניי ארומגערינגלט. אַרום אַקסלען פֿאַרפֿלאָכטן הענט. צעשטופּט די צונויפֿגעקוועטשטע מאַסע. אים אַרויסגעפֿירט.

6.

אין אָפּפֿאַרנדיקן אגד־אויטאָבוס האָבן פֿריילעך־זינגענדיקע חסידים באַגלייט דעם רבין.

אין גרויסן בית־הכנסת זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט הונדערטער

חסידים און נייגערער. בלויז אַ קליינער טייל באַגלייטער האָט זיך קוים אַריינגעשטופּט אינעווייניק.

אויך דאָ האָט דער רבי פאַרוויקלט דאָס פּנים מיטן ארון הקודש־פּרוכת. איז אַראָפּ פון בעלעמער, געגעבן שלום. ליבלעך, צופרידנדיק גע־שמייכלט צום ערפּול־קוקנדיק קהל.

אַ רויטהאָריקער ייד מיט בייזע אויגן, צוגעשוירן בערדל, פליישיקער נאָז, רויטע, ברייטע ליפּן, ווי נאַר וואָס אויפגעשניטן פלייש, האָט געקלאַפּט אין טיש פון בעלעמער, געשריגן: „שקט!. שאַטס! דער רבי וועט זאָגן מעניני דיומא!".

„עַטְך ווייסט דאָך", האָט דער רבי אָנגעהויבן שטיל רעדן: „מען זאָגט, די אַפּיקורסות איז דאָ גרויס. די סטרא־אחרא קען, חס ושלום, גובר זיין. דאָס איז אַ סכנה. מ'קען אַמאָל נישט זוכה זיין צו מידת הרחמים. די וועלט וויל דאָך אונדז נישט. נישט די רעכטע און נישט די לינקע. די שנאה צו יידן איז אייביק. עס איז אָבער די גרעסטע סכנה, אוי ווי, די שנאת אחים, שנאת־חינם. און צוליב וואָס? קנאה!. מיר זענען דער דור פון אתחלתא דגאולה. אַז מען וועט מקיים זיין די מצווה אהבת ישראל, וועט מען אויך זוכה זיין צו גאולה שלימה. לאָמיר האָבן בטחון, אַז ס'מלכות ישראל איז לנצח־נצחים. עס איז אָבער פאַראַן אַ תנאי: ‚אם שמע, תשמע את מצוותי'. אויב, חלילה, דער קנאה־יצר וועט גובר זיין, וויל נישט מער ארויסריידן. אָבער געדענקט דעם ‚וחרה אף יהוה'. יידן געדענקט דעם ‚וידעתם' צו לעבן ווי אַן עם טהור. העשנדיק פאַרענדיקט זיינע זיפצנדיקע רייד. מיט אַ בלוילעך טיכל געווישט דאָס שווייסיק־נאַס פּנים.

„בחיי, ער האָט רעכט", האָט זיך צעשאָקלט אַ ייִד מיט אַ ווייסער באָרד און געקרייזלטע פּיאות, פאַרוויקלטע אונטער די אויערן. צום שטאָטישן רב געזאָגט: „וואָס זאָל מען טאָן? עס ווערט אַלץ הפקר־פּעטרישקע. מיר זענען אַן עם קשה עורף. מ'דאַרף האָבן גרויס רחמים. עס זאָלן, חס ושלום, נישט מקויים ווערן גאָטס שטראָפרייד".

דער „נביא" משה פון חדרה

1

אין טונקעלן שרייב־צימערל איז י. מאַן צופרידן, שלווהק געזעסן נעבן אַ מאַט, העל־פאַנירט טישל, באַלייגט מיט ביכער, פּעריאָדישע אויסגאַבן, פּאַפּירלעך מיט פאַרצייכנטע געדאַנקען. פאַר אים זענען געלעגן זייטלעך פּאַפּיר, געדרוקטע מיט אַ שרייב־מאַשינדל. זיינע בײדע עלנבויגנס זענען געווען אָנגעלענט אויפן טיש־ראַנד. אין דלאָניעס געהאַלטן דעם ליסענעם קאָפּ, אַרומגערעמט מיט אַ שמאָלן פּאַס שיטערע, גרויע האָר. דורך גאָלדיק־באַרעמטע ברילן געלייענט אַ פאַרענדיקטן חיבור. נערוועז געמעקט, קאָרע־גירט. טייל מאָל איז אויף זיין ברונעט, פּאָלדיק פּנים געווען מערקבאַר טוישנדיקע איינדרוקן: הנאָה, ביטול, צאָרן, שפּאָט. ער האָט פאַרצויגן די שמאָלע ליפּעלעך, הנאהדיק געשלינגען דאָס שטאַרק־אָנגעצויגענע, זיס און זויערע טיי.

„נו?", האָט אים געפרעגט זיין ברודער דוביק, וואָס איז האַסטיק אַרייננגעקומען. זיך געזעצט קעגן אים.

„אַ, יאָ", ביטולדיק אָנגעקוקט דוביקן. „איך האָב היינט געענדיקט לייענען דיין פאַרצייכענונג. דיין שרייב־סטיל קען איך דאָך. ווילסט וויסן מיין מיינונג?. דאָס, וואָס איך זאָג זיך, וועל איך צו דיר רעדן. צווישן אַלע מיינע איגנאָרירער בין איך דער גרעסטער, שאַרפסטער לייקענער פון מיין אַרט שרייבן. ליטעראַטור־פּוסקים פאָדערן פון אַ מחבר, ער זאָל שרייבן אין איין זשאַנער. אויך לייענער האָבן נישט גערן כלאַים־פאַרמיקע שאַ־פונגען. אויב זיי זענען, בכלל, ראוי אָנגערופן ווערן קינסטלערישע יצירות. פאַרשטייסט?".

מאַנס מיינונג האָט דוביקן אויפגערעגט. פאַרשטאַנען דעם רמז. גע־טענהט: „סימבאָליק, אויסגעטראַכטע לעבנס־פּאַסירונגען, געשריבן אין לעצט־מאָדערנע, לאָגיש־פאַרהוילענע, מכלומרשט מעטאַפאָרישע ווערטער זענען נישט צוגענגלעך פאַר מאַסן לייענער. מ'דאַרף שרייבן, שילדערן רעאַל. דער עיקר: אין אַ פּשוטער, לעבעדיק־גערעדטער שפּראַך. שרייב פאַרשטענדלעך, פאָלקסטימלעך, וועט מען דיך לייענען. וועסט זיך נישט זעלבסט פאַרלייקענען. זאָלן דיך נישט אַרן די מאַכט־באַצאָלטע דילעטאַנטן־רעצענזענטלעך, וועמענס „קריטישע" אינטערפּרעטאַציעס זענען געבויט אויף

הינער־פּיסלדיקע געדאַנקעלעך און בלויז אויפן סמך פון געלייענטע עט־לעכע ווייניק — כאַראַקטעריסטישע זייטלעך אין ביכער. זייערע שבחים אָדער איגנאָרירונג איז קנאַפּ באַגרינדעט. זיי רימען — אין אַלע צייטן — בלויז די מאַכט־לויבער. זאָל עס דיך נישט אַרן. לייענער האָבן גערן עכטע איבערלעבונגען. זיי אַנאַליזירן חיבורים מיט זייער געזונטן חוש, קלאָרע געדאַנקען. בלויז פאַר זיי שרייב״.

י. מאַן האָט געהויבן ס׳גלאָז מיט טיי. געגעבן אַ זיפּעלע. פאַרצויגן די דיקלעכע ליפּן. קוויקנדיק געשלונגען די איבערגעטריבענע זיס־זויערע, טונקעלע פליסיקייט. „יאָ. יאָ״, זיך אויסגעגלייכט. צוגעבויגן צום ברודער. איראָניש אים אָנגעקוקט. „פּשוט שרייבן, אָן מעטאַפאָרן, אימאַזשן, אָן וועקנדיקע עמאָציעס, אָן מחשבות־אָנרעגנדיקע, בילדערישע שילדערונגען און אָן פסיכאָלאָגיש אויפקלערן דאָס סודותפולע אין פאַרפּלאָנטערטן לעבן איז פּשוט ר ע פּ אָ ר ט אַ ז ש״.

דוביק האָט זיך אויפגעשטעלט פון הילצערן צולייג־בענקל. בייזלעך געקוקט אויפן ברודער. „און מיך אינטערעסירט נישט דיין אומפאַרשטענד־לעך שרייבן. ווילסט זיין מאָדערנע? אָבער ווער קויפט דיינע ביכער?. דער גרעסטער טייל תורה און נביאים־ספרים זענען פאַרפאַסט לאָגיש, טענדענציעז. נאָר צוליב דער קלאָרער זינלעכקייט, אידעיִשקייט ווערט דער תנ״ך געלערנט אין כמעט אַלע לענדער און דאָס שוין במשך דורות. שרייבן בלויז שיינבילדערישע ליאַלקעלעך איז קנאַפּ ווערטיק״. זיך צעוואַרעמט. נאָך פּאַטעטישער גערעדט: „סימבאָלישע, פאַנטאַסטיש־אויסגעטראַכטע, קונ־ציק־פאַרטיפיזיניקטע חיבורים, געשריבענע אין נישט פאַרשטענדלעכע ווער־טער ווירקן נישט. אַ, וויפל טאַלאַנטן האָט דער מטושטשער נוסח שוין פאַרטומלט! אַפילו גייסטרייכע, קינסטלעריש־ווערטיקע וויכטיקע ווערק, געשריבענע אין אַ פאַרנעפּלטן, האָקוס־פּאָקוס־סטיל, ווערן פאַרגעסן. אפשר ווערן זיי פאַרקויפט צוליב דער רעקאָמענדאַציע פון פריינטלעכע קריטיקער אָדער יונגע שרייבער, וואָס האָבן גערן נעפּלדיקע ווערטער. איך וועל שרייבן פּשוט, ווי אַמאָליקע מעשה־ביכלעך, און טאַקע מיט אַ משלדיקן מוסר־השכל. האָב לעצטנס פאַרצייכנט אַ צוזאַמענטרעף מיט אַן אויסנאַמלעכן ייד. אים באַגעגנט אין חדרהער גן־ציבורי. ער האָט דאַן פאַר דורכגייער דערציילט תנ״ך־מעשהלעך. יעדן טאָג פּרעדיקט ער דאָרט, אַז מ׳דאַרף ליב האָבן אַלע מענטשן, דערנעענטערן אַראַבער. זיינע רייד, אין וועלכע ער איז איינגע־בילדעט, ווירקן. עס האָט מיך טאַקע אינטערעסירט זיין אמונה. זיין באַ־איינפלוסן מיט אויסטייטשן תורה־פּסוקים. בין געוועזן נייגעריק, פאַרוואָס ער רופט זיך „נביא״. אים געבעטן זיין אַדרעס. נאָכן באַזוכן זיין בידנע ווינונגל, אויסהערן זיינע מאָדנע, פאַנטאַזיע־רייד, פאַרצייכנט אַ בילדל״.

י. מאַן האָט זיך צוריקגערוקט פון טישל. די גאָלדיק־באַרעמטע ברילן האָבן זיך אַראָפּגערוקט איבער זיין דיקער, רויטלעכער נאָז. חידושדיק

צעעפנט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן. מיט געצווימטער נערוועזשקייט גע־פרעגט: „נביא?!. פאַרוואָס רופט ער זיך אַזוי?".

„דער ייד איז איינגעבילדעט, האָט אַן אויפגאַבע צו פרעדיקן, מ'דאַרף לעבן לויט נביאישער תורה. וויל אין שטעטל גרינדן מתנבאים־גרופּן, וואָס זאָלן אויפקלערן, פאַרשפּרייטן תנ"ך־אידעען".

„פעלן אַזעלכע דרשנער?. דוביק, אַליין זיך רופן נביא, הייסט לעס־טערונג. אין פורעניות־צייטן האָבן זיך אַנטפּלעקט אַליין־באַטיטלטע „נבי־אימלעך". האָבן געשטראָפט, אויסגעגעצט רדיפות־קאָניוקטורן, פאַרן ליידנ־דיקן פאָלק געדרשנט „דערלייזערישע" אמונה־„רפואות". די־אָ „פּראָפע־טישע פאָלקס־רעטער", האָבן יידן אַנגעשטויסן אומרחמנותדיק. זיי פאַר־טריבן פון כלל ישראל. דיין יידל מוז זיין פאַררוקט. האָסט זיך אויסגעזוכט אַ וואָזשנע טעמע. וועמען וועט דאָס אינטערעסירן?. מיך נייגערט נישט צעדרייטע תורות־פרעדיקער". האָט מאַן זיך צעכעסט. איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אָבסערווירט דאָס נאָך רונד שטיקל איבערגעבליבן, רויטפלעקיק שקיעה־זון, וואָס איז פּאַמעלעך איינגעזינקען אין פיאָלעטענעם, מערבדיקן ים־הימל־ראַנד. די לעצטע פאַרנאַכט־שטראַלן האָבן באַגאָלדיקט מאַנס ווייס־לעכע האָר, אָביסל צעפלאָשעטע אויפן גלאַנציקן שטערן, געליכטיקט די ברייטע, געדיכטע, שוואַרצע ברעמען, זיינע טרוים־בליקנדיקע אויגן, פאַר־מעט־געל פנים, דיקע, צעעפנט־גאַרנדיקע ליפּן, רויטלעך־פליישיקער נאָז, שפּיציק גאָמבעלע. זיין פנים האָט אויסגעדרוקט עקשנות, אַנטשלאָסנקייט, ווילן. ווען ער איז אָוועק פון דעם זיך ליכט־לעשנדיקן פענצטערל, האָט שוין אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט מער זיך געוויזן דער גרויער האָר־ראַנד אַרום גלאַנציק־ליסענעם קאָפּ און אויסגעזען, ווי ווייסע פעדערן. די פנים און וויִעס־קנייטשן האָבן זיך געטיפט. דאָס ביסל האַפּערדיקייט אין זיינע פריִער זיכער־בליקנדיקע אויגן האָט זיך געלאָשן, געוואָרן מאַט. געקוקט סתמיק, ווי פאַרגאַפּיעט אויף עפּעס אַ נישט אינטערעסאַנטן אָביעקט. איז צו צום טישל. זיך געזעצט. יאושדיק געקוקט אויף פון ווינטלעך־צעבלאָזענע בלעטלעך מיט זיינע קליין־אותיותדיק־באַשריבענע, אויספּאַנטאַ־זירטע מענטשלעכע „האַנדלונגען". דער ים האָט ענדגילטיק אין זיך דער־טרינקען דאָס לעצטע פּיצל בראַנדיקע זון־רייפל. דער דורכן פענצטער אַריינדרינגענדיקער אָוונט האָט געדעמערט אַלע צימער־ווינקלען, געטונקלט די ענלעכע פנימער פון ביידע, פאַנטאַזיע־געניגונגטע ברידער.

2

מאַן האָט אויסגעזען מיד. ער וואָלט גערן פּטור געוואָרן פון זיין ברודער, דער רעפּאַרטאַזשיסט, וואָס איז צו אים אויפסנײַ געקומען. ער באַלעסטיקט אים אָפט. רעדט שעהנוויז. לאַנגווייליקט אים מיט אויבנאויפיק־אינטערע־

סאָנטע אָבער ווייניק בילדערישע מעשיות. פלאָפּלט איינגערעדטע, היפּאָ־כאָנדרישע קונסט־מבינות. וויל אים, דעם ליטעראַטור־דאָקטאָר, איינרעדן, איבערצייגן, אַז אין דער היינטיקער, מאָדערנער צייט, דאַרף מען שרייבן, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין אַ „צאנה וראנה״־סטיל. „אַזוי נאַאיוו, נאַריש איז ער נאָך״, צו זיך געדעט: „לויט אים האָט די ליטעראַטור איין אויפגאַבע: מוסרן. ווי פּרימיטיוו ער דענקט״. אַנקוקנדיק דוביקן, איז ער געוואָרן דערשטוינט: „זיין געזיכט איז ענלעך צו מיין פּנים״. וועלנדיק קאָנטראָלירן די אידענטישקייט, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ שטייענדיקן, פאַר־שטויבטן שפּיגל. געבליקט אויפן ברודער, אויף זיך און באַשטעטיקט: „דאָס זעלבע פּנים״. אויך דוביק האָט דעם ברודער דורכדרינגלעך אָנגעקוקט, ווי מאָן געטראַכט: „זיין פּנים איז אַ קאָפּיע געשטאַלטיקט, ווי מיינס״. מאָן האָט אָפּגעטריבן דעם געדאַנק. איבערגעריסן דאָס שטילשווייגנדיקע זיך קעגנזייטיקע אָנקוקן:

„יאָ, ברודערקע. אַנומלט האָבן מיר געשמועסט וועגן נביאים. די אַמאָ־ליקע עכטע נביאים, וואָס זענען אויך די לעצטע, זענען אין זייער צייט, גאָרנישט געווען פּאָפּולער ביים פאָלק. דאָס איז געווען אַן איינמאָליקע, געטלעכע דערשיינונג. פאַר די דעמאָלט לעבנס־גאַרנדיקע מענטשן זענען זייערע קינסטלערישע משלים־רייד געווען באַלעסטנדיק. די מאַכט־האָבער האָבן אין זיי איינגעזען געפערלעכע שטערער״. י. מאָן איז געבליבן זיצן שטיל. געקוקט אויף דוביקן, אויפן אַנטקעגן הענגענדיקן בילד פון זיין געשטאָרבענער פרוי, פאָטאָגראַפירט אין כלה־צייט. זיך ערינערט זיינע איינציקע דאַמאָלס גליקלעכע חדשים. דאַן נאָך געמיינט, געהאַפט, געטרוימט. מאָנס שטיל, פאַרטראַכט זיצן, נאָכן רעדן וועגן די נביאים, האָט דוביקן געטעותט, אַז זיין ברודערס אויפברויז איז געקילט, האָט לויט זיין געוווינ־הייט — אַ געטוישטע מיינונג וועגן שרייבן און געעפנט אַ צייטונג. פאַר־געלייענט זיין נאָר וואָס פאַרעפנטלעכע פאַרצייכענונג:

„דעם מאָדנעם ,נביא׳־מאָן האָב איך געטראָפן אין חדרהער שטאָטישן גאָרטן. ער האָט דאַן געפרעדיקט פאַר אַ גרופּע יוגנטלעכע. צווישן זיי עטלעכע חיילים מיט ביקסן אויף אָרעמס. וויטלעך זענען געשטאַנען דריי אַראַבער, אָנגעטאָענע אין לאַנגע, שאַרע כאַלאַטן. די קעפּ פאַרדעקט מיט ווייסע טיכער, רונדיק פאַרגאַרטלט מיט שוואַרצע, געפלאָכטענע שטריקלעך. געשטאַנען זענען די אַראַבער איינער צום אַנדערן נאָענט־צוגערוקטע. ביזלעך געקוקט אויף די עטלעכע, פאַנאַנדערגערוקטע יידן, וואָס האָבן אַמפּערדיק דיסקוטירט. זענען אַוועק. דער אַלטער מוסרניק האָט זיי צוריק־גערופן: „פאַרוואָס דערווייטערט איר זיך? מיינע רייד זענען אויך פאַר אייך״. אַנגעוויזן אויף די חיילים, געזאָגט: „האָט פאַר זיי נישט קיין מורא. קומט, קומט. לאָמיר שמועסן צוזאַמען״. די אַראַבער האָבן געקוקט פאַר־דעכטיקט. איינער האָט זיך געגעענטערט, אויסגעהערט פאַרטייטשן נביאים־

פסוקים .האָט אַנטייל גענומען אין דער דיסקוסיע. צוזאַמען מיט די יידן טיילווייז באַרעכטיקט משהס רייד. דער פּרעדיקער האָט פון אַ ניילאָן־זעקעלע אַרויסגענומען קליינע, עטלעכע בלעטלעך, באַקלעפּטע מיט פאָטאָ־גראַפירטע, רייצנדיקע מיידלעך, אויסגעשניטענע פון קאַליריק־אילוסטרירטע זשורנאַלן און אַרום די פרויען־גלידער משהס צוגעשריבענע תנ״ך־פסוקים. די „סחורה״ צעטיילט. געבעטן לייענען „די בשורות, אַז אונדזער צוזאַמענ־לעבן וועט סוף־סוף זיין שלומדיק. שלום״, זיי אַפּגעזעגנט, געגאַנגען זוכן אַנדערע פאַרבייגייער. אויך זיי אַפּגעשטעלט. אין זיי אַריינגערעדט. געטיילט די באַשריבענע בילדלעך.

„דאָס איז אייער באַשעפטיקונג ?״, האָב איך אים געפרעגט.

„זיכער״.

„און פּרנסה ?״

„ער באַזאָרגט״, האָט דער „בשורה״־פאַרשפּרייטער געהויבן די הענט צום הימל.

„כ׳וואָלט גערן מיט אייך שמועסן. דאָ זייט איר דאָך באַשעפטיקט״.

„געוויס. דאָס איז מיין שליחות : דערנענטערן יידן מיט אַראַבער. דער־ציילן מיר האָבן זיי נישט פיינט און יידן טרייסטן, אַז די ענדגילטיקע גאולה און קיום פון דער מדינה איז אָפּהענגיק אין לעבן ערלעך, שפּאָרזאַם און בלויז פון אונדזער אייגענער פּראָדוקציע. די הויפּטזאַך : לעבן פריינטלעך, אויך מיט אַראַבער״.

„אויב איר זייט מסכים, גיט מיר אייער אַדרעס. כ׳וויל מיט אייך שמועסן״.

ער האָט מיך אָנגעקוקט סקעפּטיש. דורכדרינגלעך אָבסערווירט, גלייך ער איז מיך חושד, כ׳וויל אים פאַרשן, אַנטפּלעקן זיין פאַנטאַסטישן סוד. דאָך באַשלאָסן זאָגן ווו ער וווינט.

3

בין צוגעקומען צו אַן אַלט, נידעריק, קליין סוכהלע, וואָס שטייט אין אַ גאָרטן־הויף, אויף ווייצמאַן־גאַס, צווישן דופּטיקע אָראַנזשן־ביימער, קאַ־ליריקע, שמעקעוודיקע בלומען־בייטן. זיין שוין קרימלעך־געבויגן צריפל, צוזאַמענגעקלאַפּט פון אַלטע, טונקעלע, פון קאַסטנס־צעגומענע ברעטער, איז פאַרדעקט מיט אַ גרינמאַכיק אַזבעסט־דעכל, פאַרשיט מיט אַראָפּגע־פאַלענע פאַרוויאַנעטע בלעטער, שוואַרצע, פאַרטריקנטע שטיקלעך צווייגן, וואָס זעען אויס, ווי קנאַכנס פון שוין יאָרן פאַרצוקטע חיות. דאָס קליינע, קעסטלדיקע בודקעלע נעבן גרויסע, היינטצייטיק־מאָדערנע שותפות־הייזער, איז אַ הפקר־געלאָזט קעמערל פון דעם געוועזענעם לאַנדווירט, וועלכער האָט אויפן אָרט פון זיין אַמאָליקער הייזקע, אויפגעבויט אַ זעקס שטאָקיק

הויז מיט קאָליריקע אַזבעסט־לאָדנס, ברייטע ווערענדעס, פענצטער, דורך
וואַנען כ׳האָב געהערט רוישנדיקע דזשאַז־מעלאָדיעס באַגלייט מיט לוסט־
וועקנדיקע, יעדעס מאָל אויסקוויטשענדיקע פרויען און מענער־קולות, וואָס
האָבן געגאָרגלט פרעמדשפּראַכיקע קופּלעטלעך. •

אַז איך האָב דערזען, צווישן דער הויכער געביידע און צריפּל שטיין
דעם נידעריק־וווקסיקן, דיקלעכן מאַן, אָנגעטאָן אין אַ גרינער, געלעכער־
טער גופיה, פאַרב־באַשפּריצטע האַקע־הויזן, גרויסע אויפגעשנוראָוואַדלטע,
באַשטויבטע אַרבעטס שיך, האָב איך געספּקט צי דער פאַרן שטעכיקן
דראָט־פאַרקן שטייענדיקער פאַרשוין מיט מוסקולדיקע הענט, גראָב, פון
זון באַברוינט פנים, איז דער וועמען איך זוך. האָב אַריינגעקוקט אין זיינע
ברייטע, גרויסע, פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן מיך דורכגענומען, חידוש־
דיק, אַביסל צערודערט, ווי אַ דערשראָקן קינד, האָב איך אים דערקענט.

„ביטע, ביטע, קומט אַריין", האָט ער שטיל, נישט זיכער געזאָגט. האָב
דערקענט זיין קול. פעסטגעשטעלט: דאָס איז דער פרעדיקער אין שטאָט־
גאָרטן. נאָכן דריקן מיין האַנט מיט זיין האַרט־מאָזאָליעדיקער דלאָניע, מיך
אַרומגענעמען, אַריינגעפירט אין זיין ווינווינקל.

ווי נאָר כ׳בין אַריין אין דער טונקלקייט, האָב איך געמיינט, ער פירט
מיך אין אַ מיסטעריעזער, פינצטערער הייל. אַז די אויגן האָבן זיך צו־
געוווינט צו דעם ביסל ליכט פון פיצלדיקן באַשטויבטן פענצטערל, האָב איך
קוים באַמערקט: דאָס צימערל, אַן ערך צוויי מעטער די ברייט און די
לענג די גרייס פון זיין בעט, וואָס איז צוזאַמענגעקלאַפּט פון די זעלבע,
שוואַרצע, אויסגעטריקנטע ברעטער, ווי די צריפּוועגטלעך, דינט אויך אַלס
באַנק. צוליבן קנאַפּן ליכט נישט געזען דעם דיל. אָבער געפילט, כ׳טרעט
אויף האַרטער ערד. קוק זיך אום: אויף הילצערנע אָראַנזשן־קעסטלעך
איז אָנגעשטעלט עטלעכע נאַפּט לעמפּלעך, צו באַלייכטן און קאָכן. פון דיק־
לעכע לייסטלעך איז צוזאַמענגעקלאַפּט אַ „קרעדענסל". דאָרט ליגן גריב־
וואַרג, פרוכטן, אויפגעריסענע ניילאָן־זעקעלעך, פון וועלכע עס איז אויס־
געשיט גרויפּן, אַרבעסלעך, לאָקשן, זאַלץ, צוקער. צווישן די שאַכטלעך
שטייען צוויי פאַרריסטע טעפּלעך, עטלעכע גלעזער, לעפל, טעלער, אויף
אַ פאַרשטאַרצט טעפּל ליגט אַ צעבראָכן שוואַרץ ברויט, אַן אויפגעעפנט
קאָנסערוון־פושקעלע, איין גרויס גלאָז, אין וועלכן עס ליגט אַן אויסגע־
ווייקט טונקל טיי־זעקעלע. דערנעבן, אויף טשוועקעס הענגט זיין גאַרדע־
ראָבע: אַלטע רעקלעך, הויזן, מייקעס, העמדער. נעבן בעט־באַנק שטייט
אַ ברייטער טיש, אָנגעלייגט מיט צייטשריפטן, אַלטע אילוסטרירטע זשור־
נאַלן, פאַפּירלעך זאָרגפעלטיק, גלייכשורותדיק באַשריבענע מיט זאַצן פון
פראָזאַיקער, דענקער, תנ"ך־פסוקים, מוסר־עצות פון דעם קאַמער־איינ־
ווינער. די פיר ווענטלעך זענען באַצירט מיט פאָטאָגראַפירטע, רייצנדיקע
קינאָ־סטאַרינס, אויסגעשניטענע פון קאָליריקע זשורנאַלן. איבערן פיצלדיקן,

שטויב־פּאַרטונקלטן פּענצטערל הענגט אַ גרויס, שוואַרץ־באַרעמט בילד פון מלוכה־וויזיאָנער טעאָדאָר הערצל, וועלכער קוקט פאַרדמיונט אויף רעכטס, ווי איבער אַ קאָמפּליצירטן רעבוס.

דער גאַסט־געבער האָט מיך געבעטן זיצן נעבן אים, אויפן בעט־ראַנד, ביים טיש. מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט שטוינענדיק. דער־אַ פּאָר מיר רעטעניש־פולער מאַן האָט זיכער נישט תופס געווען דעם מאַטעריעל־גאַרנ־דיקן, תאווה־ציל פון מיין באַזוך. אויך איך האָב געשטוינט באַגעגענען אַזאַ איינזאַמען, דאָך גוטמוטיקן, פריילעכן ייד, וואָס לעבט נזירותדיק אין אַ קליין, פאַרוואָרלאָזט צריפל. זיך געוואונדערט אויף די פּרימיטיווע באַ־דינגונגען און דאָס אין שטאָטישן האַגדלס־צענטער, בשכנות מיט גוט־איינגעאָרדנטע לייט, וואָס מאַכן אַ ווויל לעבן אין אולטראַ־מאָדערנע־איינ־געריכטעטע דירות.

„איך זע, אייך וווּנדערט”, האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט: „איך לעב לויט מיין עקאָנאָמישן מצב. בין אַ פּענסיאָנער. מיין איינקונפט איז בלויז פון ביטוח לאומי און דאָס איז פאַר מיר גענוג. יעדער דאַרף לעבן בלויז פון זיין פאַרדינט געלט. לויט אונדזער לאַנד־פּראָדוקציע איז דער היגער לעבנס־סטאַנדאַרט פאַרשווענדעריש, סכנותדיק”.

„אדון משה, איז אמת איר רופט זיך נביא?”.

ער האָט מיך אָנגעקוקט בייזלעך, פאַרדראָסיק. זיכער נישט געוואָלט מיר אַנטפּלעקן זיין סוד־תוך. פון זיינע תמימות־בליקנדיקע אויגן, אַביסל פאַרזשמורעטע, פאַרטיפטע אין געדיכטהאַריקע, פון זון־געהעלטע ווינעס, איז פאַרשוווּנדן דער ביז איצט נאַיִוו־קינדערישער שמייכל. זיך לייכט פון מיר אָפּגערוקט, גלייך עס איז אים געוואָרן ענג. מיר האָט זיך געדאַכט, ער וויל נישט מער מיין אָנוועזנהייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אויף זיין פּנימס העוויות־באַוועגונגען איז געווען קענטיק, אַז דער מאַן אין אָפּגענוצטע אַרבעטס־מלבושים, איז קאָנצענטרירט אין זיין אויספאַנטאַזירטער טרוימ־וועלט. זיין ליסענער קאָפּ מיט אין זייטן ווייסע האָר, אַראָפּגעפלאָשעטע אויפן הויכן, גלאַנציקן שטערן, האָט זיך לייכט באַוועגט אַרויף, אַראָפּ, אַהין און צוריק, ווי ער וואָלט מיט זיך געישובט: יאָ אָדער נישט מיט מיר שמועסן. זיין פאַרטרוימט פּנים האָט מיך באַאיינפלוסט, געווירקט פּילן: איך, דער רעאַלער אָבסערוואַטאָר, זוכער פון פּיקאַנטע, פאַר לייענער טשיקאַווע, אויסנאָמלעכע לעבנס־פּאַסירונגען, הויב אויך אָן ווערן פאַר־וועבט אין דמיון־ספערן. אַז דער שכל האָט גובר געווען, האָב איך געוואָלט אַוועק, געטראַכט: עס איז מאַטערנדיק פאַר מיינע מחשבות־מעגלעכקייטן זיך גריבלען אין אַזעלכע צעשטרייטע, קאָמפּליצירטע געמיטער. און דאָך געבליבן זיצן. דער לאָקנדיקער יצר־הרע צו באַשרייבן דעם־אַ טשודאַק, אָן אָפּגעהוזקטן פון אַ סך שטאָט־איינוווינער, איז געווען שטאַרקער. האָב געוואָלט משיג זיין דעם מאָדנעם, פאַר מיר דאָן מיסטעריעז־אויסזעענדיקן

מאַן. אַ לענגערע צייט בין איך געזעסן שווייגנדיק, אומבאַוועגלעך. בלויז חידושדיק געקוקט אין זיין גוטמוטיק־אויסזעענדיק פנים, וואָס האָט געמאַכט זאָרגעוודיקע, אָט בייזלעכע, אַמאָל צופרידענע העוויות. גלייך ער ראַנגלט זיך מיט זיינע פאַרשידענע א י כ ן, ווי אין מיר. האָב געספּקט: בלייבן אָדער אים געזעגענען. האָב אים מער נישט געוואָלט מאַטערן מיט נייגעריקע פראַגן. אים נישט געוואָלט אויפוועקן, שטערן זיינע דמיונות. נאָך אַ לענגערע צייט האָט ער געעפנט רויטלעך־גלאַנציקע אויגן. אַביסל אויפגעצאַפּלט, ווי זיך אויפגעוועקט פון אַ חלום. אויסגעזען צעריק, אַנטוישט. מאָדנע אַרומגעקוקט, ווי עפּעס געזוכט. „אַ יאָ, האָב זיך פאַר אייך פאָרגעשטעלט אַלס נביא?. ווען? אין שטאָט־גאָרטן?“, פאַרוווּנדערט געפרעגט. „שטויות, סתם אַזוי געשפּאַסט. אַ סך פרעגן מיך צי כ׳בין אַ שרייבער. די־אָ באַשריבענע פּאַפּירלעך זענען פאַרצייכנטע ציטאַטן פון נביאים, שרייבער. מיט זיי באַניץ איך זיך צו פאַרשפּרייטן דעם אייביקן אמת פון אונדזערע נביאים און אייביק־ווערטיקע תורות פון יידישע שרייבער. מיין פרייע צייט ווידמע איך אויפצוקלערן, אַז אין תנ״ך און אין אמתע ביכער זענען פאַראַן גוטע לעבנסוועגן, הילף, בשורות. איך פאַרלאַנג פון קיינעם גאָרנישט. ווער עס האָרכט מיך איז גוט. ווּעמען שטער איך?. אדוני, זאָגט מיר צוליב וואָס און נאָך וואָס זייט איר געקומען?“.

זיינע רייד, פראַגן האָבן מיך געפּלעפט. ער האָט דאַן אויסגעזען אומעטיק. געהאַלטן דעם קאָפּ געבויגן אַראָפּ. פאַרמאַכט די אויגן. געשוויגן. האָב געבליקט אויף די פּאַפּירלעך, באַקלעפּטע מיט פּאָטאָ־בילדלעך פון פּרויען־זשורנאַלן, פון גרויסע מאָלער, וואָס האָבן מיט פאַרבן באַזינגען דאָס יוגנטלעכע פרויען־לייב, אַרום זיי צוגעשריבענע פּאָעטישע שורות פון דיכטערישע נביאים. —ביידע צוגעפּאַסטע שיינקייטן: לוסט־וועקנדיקע יוגנטלעכע מיידל־שיינקייט מיט ריטמיש־מעלאָדישע, מאָלעריש־בילדלעכע וווּנדער־פּערזן, האָבן האַרמאָניזירט און באַהויכט מיין געמיט. אין זיי נישט געזען תורה־קדושהדיקע פאַרשוועכונג. האָב רגעדיק געבליקט אויפן זקנס פאַרמחשבותט פנים. ער האָט מיך באַאיינפלוסט פאַנטאַזירן. עס איז מיר פלוצעם געוואָרן אַזוי לייכט, אַנגענעם, באַפרייט פון אַלע זאָרגן. מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס קעמערל ווערט באַלויכטן, איז גרויס, ווי אַ טעאַטער־זאַל, אויף אויסגעשטעלטע שורות שטולן זיצן מאַסן. דער זקן שטייט אויף דער בינע, נעבן אַן עמודל. זיין פנים איז פלאַמיק. די אויגן שטראַלנדיק. ער רעדט, רעדט בילדעריש. רעציטירט תנ״ך־שטעלן. זאָגט פאָרויס גוטע, אָנגענעמע בשורות: עס דערנענטערן זיך פריידיקע צייטן. עס איז שלום מיט אַלע אַראַבישע מלוכות. אַראַבער און יידן לעבן פריינטלעך. מ׳אַרבעט. מ׳האַנדלט צוזאַמען. אין לאַנד איז ווילשטאַנד. מען לעבט גוט, רויִק. זיינע פאָרויסזעונגען מוטיקן דעם עולם. איך בין צווישן די צוהערער

אין וועלכע עס וועקן זיך שלוהקע געדאַנקען. און פּלוצעם איז אַלץ פאַר־שוונדן. האָב זיך אויפגעוועקט פון די פאַנטאַזיעס.

„אדוני, צוליב וואָס זייט איר געקומען צו מיר?", פרעגט ער מיך ווידער.

האָב צוריק געזען דאָס טונקעלע קעמערל מיט די פאַרריסטע טעפּ, שמאַטיקע קליידער, אויפגעהאָנגענע אויף פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, צע־ריסענע טאָרבעלעך, פון זיין אַרויסגעשיטע, צוזאַמענגעמישטע עס־פּראָ־דוקטן. עס האָט מיך באַטריבט די פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לעמפּ און דעם זקנס צעקנייטשט פּנים מיט בייזלעכע אויגן. בכדי אים נישט מער אויפ־רעגן, שטיל געפרעגט: „אדון משה, די תנ״ך־ווערטן ווערן שוין געלערנט, געפאָרשט הונדערטע יאָרן און דאָס פון אַ סך פעלקער. האָט זייער עטישער אינהאַלט פאַרבעסערט די לערנער?. האָבן גויים אונדז אויפגעהערט האַסן?, פאַרפאָלגן?, האָבן די ביבל־ליבנדיקע דייטשן נישט אומגעבראַכט אַ דריטל יידיש פאָלק? דאָס אינטערנאַציאָנאַלע קריסטנטום, וואָס הייליקט דעם תנ״ך מיט די פראָפעטן, האָט דען במשך טויזנטער יאָרן, איינמאָל כאָטש אָפּגעשטעלט פרעדיקן שנאָה קעגן ספר־הספרים־פאָלק?. זיי גאָר טייטשן דאָך אַריין אין נביאימס פסוקים ,געטלעכע' רמזים, אַז יידן זענען זינדיק, מוזן ליידן. צוליב צעטיילן צעטלעך מיט נביאים־שטעלן מוזט איר זיך פאַרנזרן?"

דעם יידס פּנים איז געוואָרן רויטלעך. מיך אָנגעקוקט כעסיק. אַנשטאָט אים באַרויקן האָב איך אים מער צעצערט.

„ווייסט איר די סיבות פון לעצטן יידן־חורבן אין אייראָפּע?" האָט ער גאַליק גערעדט: „יידישע פאָלקס־טיילן האָבן מיטגעווירקט איבעראָנדערשן פּאָליטישע, עקאָנאָמישע סיסטעמען. צוזאַמען מיט גויים מיטגעווירקט, אַגי־טירט קעגן קלער, קאַפּיטאַליסטישע הערשער, קעגן דער קירכלעכער היעראַר־כיע. זענען רייכע גוטבאַזיצער, פאַבריקאַנטן, בערזע־לייט און גלחים געוועזן דעצידירנדיקע גורמים צו שאַפן אין דייטשלאַנד אַ פאַשיסטיש־היטלעריס־טישע רעגירונג. מיט זיי אַקטיוו און פּאַסיוו מיטגעווירקט פאַרניכטן קודם פרעמדע רעוואָלטירער. האָבן יידן דאַן געאַנט די סכנה?. געקומען העלפן אויפבויען דאָס לאַנד? לערנען היינט יידן אין גלות־לענדער פון חורבן?. פאַרן אומקום און היינט לעבן יידן חיהשעהיק. אויך דאָ ווילן מיר נישט פאַרשטיין אונדזער מצב. מיר האָבן טאָקע אַ מדינה. מען רעדט מיט דעם נביאים־לשון. אָבער דער תוכן איז גוייש".

דער קאַמער־איינוווינער האָט מיך אָנגעקוקט צאַרנדיק. ווייזט אויס זיך געפילט באַליידיקט פון מיינע פראַגן.

„אדון משה, איר זייט גאָרנישט מחדש" באַמערקט נערוועז, פאַרדראָ־סיק, פאַרוואָס ער רעדט קעגן יידן און דער מדינה.

ער האָט זיך צעכעסט: „מיר לעבן דאָ, ווי אין שופטים־צייטן. אין יענער עפּאָכע, ווען עס האָבן יידן געלעבט אייגנאַרטיק, אידעאיש פאַר־

אייניקט, האָבן זיי באַקעמפט אַלע שונאים. אין צייטן אָבער, ווען זיי זענען געוואָרן באַאיינפלוסט פון שכנישע גויים, זיך אויפגעפירט נישט עטיש. לוקסוסאַרטיק געלעבט ווי די אַרומיקע פעלקער, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער יידישער מהות, דער אחדות און נאָכדעם, נאָר צוליב דעם די פאַר־טיידיקונג־קראַפט. געוואָרן באַקעמפט. דאָס איז מיין זאַך אויפצוקלערן: היטן די יידישע נביאים־תוכנס. וואָרענען, עס לויערן סכנות״.

„אדון משה, יעדן טאָג הערט מען דאָס פון פראָפעסיאָנעלע אויפקלע־רער. אין אַלגעמיין טעותט איר. פאַראַן מיינונגען, אַז נאָר צוליב אייגנ־אַרטיקן יידישן מהות, איינגעבילדעטקייט אין גייסטיקער אויסדערוויילטקייט ווערן יידן פאַרפאָלגט, באַקעמפט, פאַגראָמירט״.

משה האָט זיך דענערווירט: „אייערע פרעדיקער ווירקן נישט. זיי זעלבסט פירן זיך נישט אויף עטיש, לויט זייערע רעדעס און שרייבן. איך פאַרשטיי אַנדערש. אין דייטשלאַנד האָבן יידן זיך צוגעפּאַסט צו גויים, געלעבט מאָדערן, נישט געווען איינגעבילדעט אין אויסדערוויילטקייט, פאַרוואָס זשע דווקא דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן די שעדלעכסטע אין דער וועלט אַנטי־יידישע היטלער־באַוועגונג?. נאָר זייער איינרעדעניש, אַז זיי זענען גלייכבאַרעכטיקטע לאַנד־בירגער, מיטגעהאָלפן רעוואָלטירן האָט די בורזשואַזיע מיטן קלער אומגעבראַכט קודם די פרעמדע. מען דאַרף גרינדן מתנבאים־גרופן צו פאַרשפרייטן די נביאימס שטראָפרייד, וואָס זענען נאָך היינט אַקטועל״.

זיינע איבערחזרנדיקע פאַנטאַזיע־רייד האָבן דערמאָנט אַמאָליקע בית־המדרש דרשנער. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. זיין קול איז געוואָרן העכער: „דאָס ווונדער־וואָרט וועט דערלייזן, ראַטעווען. אויך אין דער דאַמאָלטיקער מלכות־תקופה האָט מען נישט געהערט די נביאימס ווערטער. זייערע וויזיעס, בליציקע מחשבות האָבן זיי דערציילט דעם פאָלק. יחידים האָבן זיי פאַרשטאַנען. די מערהייט האָט זיי אויסגעלאַכט. די קריי־טיקירטע מאַכטהאָבער האָבן זיי גערודפט. אין מענטש זענען פאַראַן לאָקנ־דיקע נייגונגען צו זינד. מען האָט די פרעדיקער פיינט געהאַט. וואָס מער מען האָט זיי גערודפט, איגנאָרירט, אַלץ מער האָבן זיי געדראָט, געוואָרנט. זייערע שטראָפרייד זענען אויך היינט אַקטועל״.

משהס פּנים האָט זיך נחתדיק צעשטראַלט. גלייך ער איז זיכער, ער האָט מיך איבערגעדבערט. זיינע לעצטע ווערטער האָבן עטוואָס אויף מיר געווירקט. טראָץ דעם, וואָס זיינע שאַבלאָן־רייד הערט מען טאָג טעגלעך פרעדיקן פון „מוסר״־ספּעצן, האָבן דעם יידס אמונה־ערלעכע ווערטער באַאיינדרוקט. האָב אים אָנגעקוקט ערעפול. מקנא געווען זיין נאַיוו, דאָך קלאָר, לאָגיש באַגרינדן זיינע פאַנטאַזיעס. מער אים גאָרנישט געפרעגט. באַשלאָסן מער שטערן זיינע טרוימערייען. בין אַרויס אין שוין פאַרנאַכטיקן דרויסן.

דער אָוונט איז פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון ניי־אויסגעבויטע, הויכע בלאָקן־הייזער, פאַרטונקלט באַביימערטע הייף, איינגעשטילט דעם רוישנדיקן מענטשלעכן הו־האַ, געשאָטנט אַהין און אַהער גייער. שווינדלדיק רוישנדיק זענען הין און צוריק פאַרבייגעפאָרן זיך קרייצנדיקע לאַסט־אויטאָס, אָנגעלאָדענע מיט פּראָדוקטן, אַרטיקלען. קליינע טאַקסעלעך מיט איילנדיקע לייט זענען גאַלאָפּירנדיק פאַרביי, — שורות, שורות זענען האַסטיק, בחיפּזונדיק, רעשיק געפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען. טייל זענען אַרויס פון פאָרנדיקע שורות, אויסגעמיטן אַנדערע מאַשינען. אָפּגעפאָרן עטלעכע מעטער און צוריק אַריינגעפאָרן צווישן פּענדעמדיקע אויטאָס. אַלע שאָפערן האָבן זיך געיאָגט. אויך איך האָב זיך געאיילט קומען אין מיין גוט־איינגעאָרדנטער שטוב. וואָס מער איך האָב זיך דערווייטערט פון דעם טונקעלן קעמערל, אַלץ מער האָט דער גאַסטומל אין מיר פאַרטושט די געהערטע שטראָפרייד פון דעם אַלטן מוסרניק, וואָס שמאַכטעט, לעבט נעבעכדיק, חלומט פאַרבעסערן טויזנט יעריקע צו זינד־געוווינטע נייגונגען אינעם לוסטגאַרנדיקן מענטש. לייכטע ווינטלעך האָבן געקילט מיין היציק פּנים. פון מיר אויסגעוועפּט די שטיקנדיקע לופט פון זיין דעמפּיק צימערל. זיינע רייד האָבן דאָך געזשומעט אין קאָפּ, ווי בינען. האָב איבערגעטראַכט זיינע ציטירטע תנ״ך־פּסוקים און איינגעבילדעטע מיינונגען וועגן די גורמים פון ישראל־חורבן אין אייראָפּע. אין נאָסלעכן הוהאַ־דרויסן לאָגישער אויפגעפּאַסט זיינע רייד, וואָס האָבן, ביים אַרויסגיין, כאַאָטיש געריעט אין מיין קאָפּ. האָב זיך אָנגעשטרענגט זיי צו סדרן. די נביאים־רעדעס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט. דעם יידס פראַזן האָבן מיך צעדולט. זיי נישט געקענט פורעמען. זיין דראָען, מוסרן האָבן דאָך זיך געוואָרצלט אין מיין געמיט. דער גאַנצער אַרום האָט דאַן אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, רעטעניש־פול. די מטושטשקייט האָט געמאַטערט. אַז איך האָב שוין אַביסל לאָגיש געסדרט עטלעכע געהערטע רייד, געספּקט זיי פאַרצייכענען. געטראַכט: ווען וועלן זיי פאַראינטערעסירן ? דער באַגעגנטער טיפּ האָט דאָך מיך געלאָקט וועגן אים שרייבן. אין מיר האָבן זיך געראַנגלט כדאיקע צווייפלען און יצרדיקע פּאָפּולער־דראַנג. עס איז אָבער מיר שווער געווען דעצידירן, פאַרצייכענען אַ טשיקאַווע לעבנס־בילד פון נאָר וואָס געזעענעם, געהערטן אין משה נביאס קעמערל. איינצווישן ספקות און לאָקנדיקער שרייב־לוסט זיך געזעצט פאַר אַ רעסטאָראַן. נעבן מיר ביי אַ טישל זיצן: אַ גרוילעכער מאַן, אַ צעקנייטשט פּנימדיק ווייבל, אַ יונג מיידל מיטן אָנגעלענטן קאָפּ אויפן אַקסל פון אַ בחור. זי דרימלט, וועקט זיך. טוליעט זיך צום פּאַרטנער. קושט זיין פּנים. אויפן טישל איז אָנגעשטעלט פלעשלעך גרייפּפרוכט־זאַפט, טעלערלעך מיט פּיתות, חומוס, איילבירטן, זויערע אוגערקעס און גרויסע טעלער מיט

סטעיקן און שוואָמיק־פּאַרמיקע קליסקעס. מען עסט אַפּעטיטלעך און מען אָבסערווירט פאַרבייגייענדיקע.

„שיינע מיידן זענען דאָ אין ישׂראל", זאָגט דער אַלטער. ער טינקט פּלייסיק שטיקער פּיתות אין דער שאַרפער, רויטער פּליסיקייט, בייסט, קייעט, שלינגט, ווישט די גאָמבע פון ליפּן־רינענדיקן חומוס.

„יעס", באַשטעטיקט דאָס עלטערע ווייבל, באַהאַנגען מיט עטלעכע גאָלדענע קייטלעך, אויף פינגער גאָלדענע רינגען אין זיי פינקלענדיקע בריליאַנטן. זי קוקט אין טעלער. מיט איין האַנט שטופּט אין מויל שטיקער סטעיקן און מיט דער אַנדערער בייסט אַ פּיתה, אָנגעפּילט מיט אוגערקעס, איילבירטן. אירע פאַרב־באַרויטלטע, קייִקע באַקן זענען אַראָפּגעפּאַלדעוועט צום פּעטן, קנייטשלדיקן גוידער, ווי איבערגעיוירן טייג. זי בייזערט זיך אויפן מאַן: „קוק אַביסל ווייניקער אויף די מיידן. ס'וועט דיר אַריין אַ שטרוי אין אויג".

„אוי", צעכאַרכלט זיך דער אַלטער: „דאָס ווערטל האָב איך שוין נישט געהערט דרייסיק יאָר. ביי אונדז אין טאַרטשין איז דאָס געווען גאָר גאַנג־באַר. זיך אויסגעדרייט פון ווייבל. אַלע מאָל זיך געהויבן, צעשאָקלט, צוריק געזעצט. עס איז אים נישט געווען באַקוועם צו זיצן. זיין פּעט־פלייִשיקער הינטן איז געווען צו ברייט פאַרן בענקל. האָט געהויבן די האַנט מיט גאָלדענע סיגנעטן, אין זיי פינקלענדיקע בריליאַנטן. מיטן ווייז־פינגער געשאָקלט, ביטולדיק געזאָגט: „ישׂראל איז שיין. אָבער נישט זיכער"

דאָס מיידל האָט געעפנט פאַרשלאָפענע אויגן. געהויבן דעם קאָפּ. געשמייכלט צום אַלטן. פון אַ גרויסן זאַמשענעם בייטל אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע. אַריינגעקוקט, צוגעגלעט די בלאָנדע לאָקן איבערן שטערנדל, אַרום אויערן מיט בריליאַנטענע אוירינגלעך. די ליפּן צוגעשמינקט. גע־בערשטלט די ברעמען. מיטן שנעל אַרויס און אַריינשטעקנדיקן צינגל זיך באַלעקט. ווי אַ קעצל געטוליעט צום בחור. דעם אַלטנס לוסט־בליקן האָבן זיך צעפינקלט. איר יונג, שיין פּנים, גרויסע, פריידיקע, בלויע אויגן האָבן אים גערייצט. דאָס מיידל האָט גוט באַמערקט דעם אַלטנס לוסט־בליקן. געווען צופרידן. זיך צו אים צוגעבויגן. דער פאַרפום־ריח, אירע האָר, ראָזע אַקסלען, היפּש־דעקאָלטירטער ביוסט האָבן געלאָקט דעם זקנס אויגן, אויסגעגלאָצטע אויפן יונגן, ראָזן, פרישלייביק לוסט־וועקנדיקן מיידל. בשעת זיין ווייב האָט זיך אין עפּעס פאַרגאַפט, האָט ס'מיידל, אויגנ־בליקלעך, אויסגענוצט רגעס, צום אַלטן געווונקען. מיט רויטלעכע ליפּעלעך אים געוויזן קוש־צייכנס. איר בחור איז געווען צופרידן פון זיין כלהס רייצן דעם אַלטן פּעטער. שטיל געבעטן: „דוד, ווען קויפסטו ירדנהן דאָס צור־געזאָגטע בריליאַנטל ?"

דער אַלטער האָט געגלעט איר הייסן אָרעם. געקוועטשט אירע רויט באַנעגלטע פינגער. געוויזן אויף איר וויִזפינגער, צו איר געשעפּטשעט:

„דאָ, אויף דעם געטאָקטן פינגערל, וועסטו טראָגן מײַנס אַ געקויפּטן רינג מיט אַ גרויסן בריליאַנט. אַז דײַנע שיינע אויגן וועלן קוקן אויף מײַן מתנה, וועסטו צום גוטן געדענקען דײַן פעטער פון קענסע סיטי".

אַ צופרידענע האָט דאָס מיידל געגלעט דעם פעטערס האַריקע האַנט. צום בחור געזאָגט: „צביקה, לאָמיר היינט נישט צוריקפאָרן קיין ירושלים. בעט דעם דוד, ער זאָל אָנקלינגען אין האָטעל „דן", באַשטעלן אַ צימער. מירן היינט אַביסל זיך ווײַלן אין תל־אביב. דאָרט עסן אָוונט־ברויט אין אַ גוטן רעסטאָראַן אויף דיזענגאָף. נאָכדעם צופאָרן קיין יפו אין קאַבאַרעט „כליף". דאָרט איז היינט אַן ערשטקלאַסיקער פּראָגראַם. זאָל דער דוד הנאה האָבן. ער וועט זיכער מיטפאָרן".

„בחיי, ביסט גערעכט". דעם אַלטן אויף יידיש דערקלערט זײַן כלהס פאָרלשאָג.

„יעס", איז געווען דעם זקנס באַלדיקער ענטפער. זײַן ווײַבל, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין זיך אָריינעסן אַ געשמאַקן סטעיק מיט פּעטע קליסקעס, האָט זיך דענערוווירט: „יאַך פאָר ניש קאַ תל־אביב פרעסן אָף דיזנעגאָף אין שפּעטער זען נאַקעטע נקבות. מיר זענען געקימע זען, ווי אַזוי ס'לאַנד באַט זעך. אפשר וועלן מע קויפן אַ דירה אין חדרה". ריכטיק נתן?"

„ריכטיק". ווייסט דאָך. אַז דו זאָגסט ריכטיק מוז זײַן ריכטיק" האָט דער מאַן געשמייכלט. זיך פאַרגאַפיעט אויף צוויי פאַרבייגייענדיקע שמאָל־גופיקע מיידלעך, אָנגעטאָענע אין קורצע, בלויע גופיות ביזן נאַקעטן נאָפּל און אין אויסגעפּאַסטע דזשינס־הויזן. ביידע האָבן געגעסן אָנגעפילטע פּיתות. הויך געלאַכט, גערעדט. ביז די מיידלעך האָבן זיך דערווײַטערט זיי חשקדיק נאָכגעקוקט. געזאָגט: „חיהלע, ביסט גערעכט. כ'לעבן הונדערט פּראָצענט גערעכט. אָבער די מלחמות. די אַראַבער".

צום טישל איז צוגעקומען צוויי שול־ייִנגלעך. נישט דרייסט געמורמלט: „בבקשה. עבור אילן".

„וואָס איז דאָס?".

„דאָס איז, פעטער, אַ שפּענדונג פאַר קינדער־אינוואַלידן".

„יעס. דאָס איז פיין. גוט. ס'געלט ווערט פאַרגיצט פאַר די אומגליקלעכע קינדער? מ'גנבעט דערפון גאָרנישט?".

די ייִנגלעך זענען געשטאַנען פאַרלעגנהייטלעך. נישט פאַרשטאַנען זײַן יידיש לשון. אים געוויזן די קוויטאַנציעס. ער האָט אַרויסגענומען אַ לעדערנעם בייטל, אָנגעשטופּט מיט דאָלאַרן, פונטן. זיי געגעבן 50 פונט. „תודה", האָבן זיי געזאָגט. זענען אַוועק.

„די בויס וואַקסן דאָ אַזוי שיין". געוואָרן ערנסט. זיך פאַרטראַכט. זיי צוריק גערופן. געגעבן נאָך הונדערט פונט. צום ווײַבל געזאָגט: „חיקע, ביסט טויזנט פּראָצענט גערעכט. מ'דאַרף זיך דאָ איבערפּעקלען. דאָס לאַנד

איז גאָר שיין. די קינדער זענען געראָטן. די־אַ בויס״, אַנגעוויזן אויף די זיך דעוויטערנדיקע יינגלעך, „וואַקסן אויס העלדישע זעלנער. זיי פּאַר־טיידיקן אונדזער לאַנד. ברענגען אונדז כבוד אויף דער גאַנצער וועלט, ספּעציעל אין אַמעריקע. נישט שלעכט דאָ צו לעבן. פֿאַראַן אַלץ. אָבער די טעראָריסטן. די מלחמות. עס איז אַ שרעק״.

איך האָב באַצאָלט פֿאַר דער קאַווע. בין אַוועק.

5

אויף עק היליל־יפו־גאַס באַמערקט: מיידלעך און יינגלעך זענען אַרויס פֿון קינאָ „גן־זהר״. האָבן געטומלט, געלאַכט. הויך גערעדט. באַוווּנדערט די אויפֿן קראַן־געזעענע העלדישע קאָווּבאָיען, וועלכע האָבן, טשיק־טשאַק, אָוועקגעממיתט די אויף זיי לויערנדיקע ברנשים און פֿון זיי צוריק ער־אָבערט פֿון זיי צוגענומענע, געליבטע חתיכות. אַ הויך, דאַר בחורל, אָנ־געטאָן אין אַ צעקנעפּלט העמדל, אויסגעריבענע דזשינס־הייזלעך, האָט צו אים אַ צוגעטוליעט מיידל געפֿרעגט: „שרית, קענסט אויך אַזוי ליבן?״.

„גרויסער חכם. פֿרעג דאָס זיך. האָסט געזען די קאָווּבאָיעס איבער־געגעבנהייט?״ איר קאָפּ מיט געקרייזלטע, שוואַרצע האָר צוגעבויגן צום בחורל. צו זיין היציק פּנים געגענטערט די רויטע, חשק־געקאָרטשעטע ליפּן. אים ליידנשאַפֿטלעך געקושט. זיך אין אים איינגעטוליעט. דאָס יינגל איז געבליבן דערשטוינט, הערנדיק איר ציטערדיק קול: „יורם ווילסט היינט?״. ער האָט זיך באַהערשט. געענטפֿערט: „פֿאַרוואָס נישט?״. „ווו?״, האָט ער זיך געטרייסלט. איז געבליבן שטיין. געטראַכט. געצאַפּלט פֿון אויפֿרעגונג. געשעפּטשעט: „ביי אונדז. מיינע הורים זענען געפֿאָרן קיין תל־אביב אויף אַ חתונה. עפּעס אַ קוזינדל, אַ מטומטם, אַ רייך זינדל, האָט אין תל־אביב באַגעגנט אַן אָפּגעניצטע טפּשה. זי איז אַנטלאָפֿן פֿון אירע עלטערן קיין אשקלון. זיך דאָרט אַרומגעוואָלגערט מיט דייטשישע היפּעס. אַז איר בייכל האָט אָנגעהויבן יוירן, ווערן געשוואָלן, איז זי צוריק אַ היים געקומען. דעם פֿרייער, איר חתן, האָט זי געפֿאַקט אין אַ דיסקאָטעק. מיט אים אויך גע־מאַכט אַ לעבן. דעם יאַלד איינגערעדט, זי שוואַנגערט פֿון אים. דער טעמ־בעל האָט זיך דערשראָקן און היינט גיט אים אַ רבל אַ רשיון צו לעבן מיט דער אָפּגעלעבטער נקבה און זי באַקומט אַ געזעצלעכן מאַן און ,פֿאָטער׳ פֿאַר איר דייטשישן ממזר״.

„יורם, לאָז מיך אָפּ. בין נאָך נישט געפֿאַלן אויפֿן קאָפּ״, איז שרית געוואָרן ערנסט. זיך פֿון אים אָפּגערוקט. „וואָס נאָך ווילסטו? אַלע איירע שכנים קענען מיך. מען דאַרף נישט מער. איינער קען אונדז באַמערקן און וועט צעפּלוידערן פֿאַר אַלע. מיין אַבאָ וואָלט מיך אַרויסגעטריבן פֿון שטוב. ער האָט נאָך אַלטע באַגריפֿן״.

„שרית, פאַרלאָז זיך אויף מיר".

אַ ציטערדיקע זיך אין אים געטוליעט, איינגעקאָרטשעט. די לינקע האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיין רעכטן אַקסל. די רעכטער אַריינגעשטעקט אין זיין צעקנעפּלט העמדל. עס געוואָרעמט אויף זיין האַריקער ברוסט.

„שרית, וואָס ציטערסטו. עס איז דיר קאַלט?".

„איך האָב מורא. דיינע עלטערן קענען קומען פריִער".

ער האָט געגלעט איר קאָפּ. אַריינגעשטעקט זיין צינגל אין איר מויל, ליידנשאַפטלעך זי געקושט. פאַרזיכערט: „פאַרלאָז זיך אויף מיר".

נישט ווייטלעך פון זיי זענען געגאַנגען יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן צוזאַמענגענומען געלט צו קויפן סטעיקן, שנאַפּס, פּאַפּיראָסן. באַשלאָסן מאַכן אַ קעף אין וועלדל, נעבן דער באַן.

דיסקרעט נאָכגייענדיק, האָב אַלץ געהערט, געזען, נאָטירט. בין פון דער חברה אַוועק. באַמערקט: אַלע געשעפטן, באָטיקס, אָנגעלייגטע מיט היגע און אויסלענדישע געברויכן, זענען פול מיט קונים. מען קויפט בהלה־דיק. און פון ראַדיאָס און טעלעוויזיע־געשעפטן הערן זיך בייעסן: אַראַבישע דראָונגען, וואָרנדיקע דערקלערונגען פון אַמעריקאַנישע שטיצער, געריכטס אורטיילן קעגן פאַרמשפּטע מיסברויכער אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטו־ציעס, באַנדיטן־אָנפאַלן אויף זקנים, דערמאָרדעטע און אויסגערויבטע און פּעסימיסטישע איבערזיכטן וועגן שלעכטן עקאָנאָמישן מצב.

און אויפסניי זיך דערמאָנט אַלע ווערטער פון זקן־נזיר".

6

„דאָס איז אַלץ?", האָט מאַן געפרעגט דעם ברודער, וואָס האָט גע־ענדיקט לייענען, באַטאָנט: „די רייד פון דיין באַשריבענעם פאַנטאַזיאָר זענען אויסגעלערנטע פראַזן פון ציטונגס־שרייבער. דער עיקר: ווער וועט לייענען אַזאַ פּשוטע, לאַנגע מעשה?"

דוביק איז געבליבן געפּלעפט. געענטפערט: „ברודערל, נעכטן גע־ענדיקט לייענען דיין דערציילונג. נאָך עטלעכע מאָל זיך גוט אָנשטרענגען, אַביסל פאַרשטאַנען דעם מטושטשן אינהאַלט, תופס געווען דעם תוך — דיין תוך. לויט מיר איז די האַנדלונג פרעמד, שלעכט אויסגעטראַכט. זי איבערצייגט נישט. דער לייענער וועט נישט גלייבן, אַז ס'זענען לעבעדיקע פּאַסירונגען. די פאַרביק־בילדערישע שילדערונגען זענען ווייניק רעאַל. רעגן נישט אָן דעם מוח, האַרץ צו אַסאָציאַטיווע פאַרטראַכטונגען און נשמה־געפילן. די דיאַלאָגן? מוז דיר זאָגן דעם אמת: מענטשן רעדן נישט אַזוי. די גאַנצע באַשרייבונג זעט אויס נישטווירקלעך, אָנגעטראַכט. דער לייענער וועט דאָס נישט גלייבן".

„ווירקלעכקייט?", האָט מאַן געחוזקט: „יעדער מענטש איז אַן אַנדערע

ווירקלעכקייט. אויך נישט תמיד איז ער די זעלבע מציאות. במילא זעט יעדער אַנדערע ווירקלעכקייטן. יעדער שרייבער פאַרצייכנט זיינע איבערגעלעבטע רעאַלקייטן. — זיין איכישן אמת. זיין זיך־תוכן. דעם קינסטלערס טרוים־וועלט איז זיין אמתע וועלט. ער איז אָבער נישט אַלע מאָל דער זעלבער. זיינע פאַרשידנאַרטיקע חלומות זענען זיינע ווירקלעכקייטן. לויט זיינע „איכן" ווערט ער באַאיינדרוקט פון געזעענע לעבנס־פאַסירונגען. לויט די אין אים השראָה־כוחות סדרט ער זיי אויס אין זיין יחידיש־ספעציפישן נוסח אַזוי, אַז עס זאָל ווערן בולט דאָס מיסטעריעזע אינעם רעאַלן, טאָג־טעגלעכן לעבן. ווען אַלע זאָלן שרייבן אין ווירקלעכקייט, איז די בעלעטריסטיק איבעריק".

דוביק איז געוואָרן בלאַס. געמורמלט: „לויט דיר זענען אַלע דערציילער, וואָס שילדערן אוממאָראַלישע געשעענישן, פאַרברעכער, נעגאַטיווע לייט?".

„מען קען נישט פאַראַלגעמיינערן. עפּעס פון באַשריבענעם איז פאַראַן אין מחברס פּאָטענציעלן ווּזן. אפשר זענען בלויז מיינע באַהויפּטונגען טיילווייז אמת. אין אַלגעמיין זענען אַלע מענטשלעכע באַגריפן בלויז מער ווייניק ריכטיק. דער געניאַלסטער מוח איז נישט בכוח געניו קאָנטראָלירן, קאָנקרעטיזירן לעבנס־פאַסירונגען. צופיל סודותדיק איז דעם מענטשנס נשמה צו קענען מיט ווערטער אַנטפּלעקן אירע סודות. בין מודה: באַמערקסט ריכטיק. אָבער מ'טאָר גאָר נישט פאַראַלגעמיינערן".

י. מאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פאַרמאַכט טרויעריקע אויגן. „יאָ, דער ייד דיינער, זיין רעדן איז אַביסל אמת. כ'קען ס'לאַנד. די היגע ווירקלעכקייט", אויפן ברודער געקוקט דערשטוינט: „גענוי ווי איך זעט ער אויס. האָט דעם זעלבן ליסענעם קאָפּ מיט אין זייטן אַביסל שיטערע גרויע האָר, ברוין, פאַלדיק פּנים, רויטלעכע נאָז, ברייטע, געדיכטע, שוואַרצע ברעמען, טרויעריקע אויגן, פאַרמעט־געלע באַקן, דיקע, תמיד עטוואָס צעעפנטע ליפּן, שפּיציקע גאָמבע. אויך זיין פּנים דריקט אויס עקשנות, ווילן, דעצידירטקייט. ער זעט אויס, ווי קאָפּירט פון מיין געשטאַלט. „דוביק, נעכטן געטראָפן אונדזער ברודער אַלטער. ער גאָר טענהט: בעתן שרייבן דוכט זיך אים, ער שוועבט אויף זיינע ברייט־צעעפנטע האַרצפליגלען. פליט אין דמיונדיקע וועלטן. די געזעענע פאַר אים „רעאַלע" פאַסירונגען פאַרצייכנט ער בלויז דאַן, בשעת אים דוכט זיך, אַז אַ מיסטיש קול דיקטירט אים יעדעס וואָרט. מיט אייניקע טעג, האָט ער דערציילט, איז ער איינגעדרימלט. אין טרוים געזען: אַנטקעגן אים זיצט אַ ווען, ענלעך צו אים. געמיינט: פאַר אים הענגט אַ שפּיגל. זעענדיק אָבער זיך באַזונדער און דאָס ענלעכע געשטאַלט באַזונדער, האָט ער אויפגעציטערט. די מאָדנע דערשיינונג איז פאַר אים געווען רעטענישפול. זיך באַמיט תופס זיין די אַנטפּלעקונג. דאָס ווען האָט צו אַלטערן געטענהט: ,דיינע, מיינע באַשריי־

בענע פאַסירונגען זענען, אָפּט־מאָל, קעגנזעצלעכע, פאַנטאַסטיש־איבערגע־טריבענע. אייניקע מאָל ענלעך צו כראָנישע ראַפּאָרטן, פּראַקטאַקאַלירטע עדותן. און טייל מאָל פאַנטאַסטיש־אויסגעטראַכטע. די רייד, האַנדלונגען פון אונדזערע פאַנטאַזיע־לייט זענען פּרטימדיק־איבערגעטריבענע. דערפאַר צו לאַנגע, וויניק קינסטלעריש־פּאַרטיפטע. זיי ווירקן נישט, וועקן נישט ביים לייענער אילוזיעס, רעגן אים נישט אָן טראַכטן. אַנשטאָט שרייבן ברמיזה, פּאַרטייטשן מיר יעדן פּרט, יעדער זאַג. און דאָס נישט אַלע מאָל לויטן פּסיכישן מצב פון דעם געשילדערטן טיפּ. די נאַטור־בילדער, אָפּט מאָל ריכטיקע, נאַטירלעכע, אָבער פּאַסן נישט צו די האַנדלונגען, גיבן גאָר נישט צו. זעען אויס פרעמד צו די עפּיזאָדן. אונדזערע באַשריבענע פרויען זענען ס׳רוב זינדיקע. דאָס איז נישט אמת. די ישראל־פרוי איז איבערגעגעבן דער משפּחה. איז פּאַטריאָטיש. האָט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן: אַרבעט אין אַלע ווירטשאַפטלעכע אָפּצווייגונגען. דינט אין אַלע צה״ל־איינהייטן. זיי געבוירן דאָך אונדזערע גיבורים. דערציִען זיי ,זיך מקריב זיין פאַרן פאָ־טערלאַנד. היטן די גרענעצן מ׳זאָל אונדז נישט אומברענגען. האָבן מיר באַשריבן די־אָ העלדישע מאַמעס־דערציִערינס? מיר האָבן בלויז געזען די אויסנאַמלעכע זינדערינס׳. אַלטער האָט געוואָלט אָפּנייגן דעם קאָפּ, זיינע בליקן פון דער פאַר אים זיצנדיקן, צו אים ענלעכן געשטאַלט און, פּלוצעם, נעבן און אַרום אים דערזען צענדליקער זיינע באַשריבענע לייט. איז געוואָרן אויפגעציטערט. געפּרוווט זיך אויפשטעלן, אַנטלויפן. אָבער נישט געהאַט קיין כוח זיך רירן פון אָרט, גלייך מ׳וואָלט אים צוגעשמידט צום בענקל. אַפילו נישט געקענט זיך אָפּבייגן פון שרייבטישל, ווו ס׳וואָלט אים געהאַלטן אַ מאַגנעטישער קראַפט. אַנגסטיק אָנקוקנדיק די אים גוט־באַקאַנטע, זיינע אויסגעטראַכטע חברהלייט, שטוינענדיק באַמערקט: אַלע פּרצופים זענען ענלעך צו אים. האָבן געפּילדערט, געטומלט, געטענהט: הלמאַי ער האָט זייערע אָנרעגונגען, געפילן געפעלשט. נישט באַרעכטיקט זייערע מוסרלאָזע האַנדלונגען. האָבן געשריגן: ,דיינע אינטערפּרעטאַציעס זענען פאַלשע, שפּיגלען נישט אָן אונדזערע עמאָציעס׳. איינע אַ באַשרי־בענע נקבה־זינדערין מיט געלע האָר ביז איבער אירע נאַקעטע ברוסט־וואַרצלען און מיט אַ פּרצוף, וואָס איז ענלעך צו אַלטערן, האָט צו אים אויסגעגלאָצט כעסיקע אויגן, געקוקלוטשט: ,האָסט, אדון מחבר, בלויז באַ־שריבן מיינע ברוויזנדיקע לוסטן, וואָס האָבן תמיד געפייערט מיין ליבע־גאַרנדיקע לייב. האָסט פאַרשווענדט פול פּאַפּיר־זייטן צו דערציילן מיינע זינד־פאַרקערן מיט חתונה־געהאַטע מענער; מיינע מאַטערנדיקע חרפּות; צום סוף די בזיונדיקע, מיך פאַרניכטנדיקע שטראָפן, האָסט גאָר וויניק אַרויסגעהויבן, אונטערגעצייכנט מיינע געבוירענע ליבע־נייגונגען. פאַרוואָס האָסטו נישט דערמאָנט מיין מאָנס כסדרדיק מיך פאַרראַטן? אָפּנאַרן?. פאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן, ווען איך געניס פון מיין מאַן כאָטש אַ

פערטל ליבע, וויפל כ׳האָב אים געשענקט, וואָלט איך קיין מאָל נישט באַגערט נקמהדיק זיך איבערגעבן פרעמדע. ביסט גאָרנישט אויסנאַמלעך. טראַכסט, פּילסט, ווי אַלע מאַנסלייט. אַהאַ! איר מענער, פאַרלאַנגט פון די פרויען קנעכטישע איבערגעגעבנקייט, טרייהייט. איר רעכנט זיך נאָך אַלץ פאַר הערן. אָבער פאַרשטייט נישט אייער טעות, אַז פאַקטיש הערשן מיר איבער אייך. די באַשריבענע גראַנגלעניש פון דיינע אויסגעטראַכטע פרויען־ליאַלקעס זענען טויטע גולמס, ווי מאַנעקענס אין אויסגעפּוצטע קליידער, וואָס שטייען אין שוי־פענצטער. אויב דו, מעשה־דערציילער — וואָלסט געוווּסט, אַז אַלע מענערישע באַגערן, לוסטן, איניציאַטיוון זענען אַנגערעגטע פון אונדז; וואָלסטו געאַנט כאָטש, אַז אָן אונדזערע רייצונגען און אין אייך כסדר־וועקנדיקע תאוות, וואָלט איר צו גאָרנישט דערגרייכט, אַפילו נישט אויף איין געביט, וואָלסטו אַנדערש געשריבן. האָסטו, כאָטש איין מאָל געפּרוּווט, אָביעקטיוו אַנאַליזירן די קאָמפּליצירטע געפילן, מאָ־טערנדיקע מחשבות פון אַ ליבנדיקער פרוי. אייערע געשילדערטע זינ־דערינס זענען נישט רעאַלע. האָבן נישט קיין שום שייכות מיט דער ווירק־לעכער, נשמה־רייכער פרוי׳.

די געלע רותי, נאָכן טענהן, האָט זיך אַראָפּגעבויגן. פון דיל אויפגע־הויבן אַ ברייטן, לאַנגן, שוואַרצן שאַל. דערמיט פאַרהילט איר רייצפולן, האַלב־אַנטבלויזטן, ראָזן, יונגן קערפּער, וואָס האָט ליבע־מאַנענדיק אַרויס־געבלאַנקט פונעם שוואַרצן, דורכזיכטיקן שאַל. צו אים געשריגן: ,טיפּש!׳ איז פאַרשוווּנדן. די אַנדערע געשטאַלטן האָבן געמורמלט: ,זי האָט אַריינ־געזאָגט. טויזנט פּראָצענט גערעכט׳. האָבן געמאַכט העוויות. צו אים אַרויס־געשטעקט צינגער. געלאַכט. געמרוטשעט: ,קוקערוקו, אין פּאַפּיר זענען מיר בלויז דאָ׳. זענען פאַרשוווּנדן, ווי רויך". „דוביק", האָט י. מאַן פאַר־ענדיקט: „אויסהערנדיק פון אַלטערן זיין זעונג, האָב איך חרטה געהאַט אויף מיינע שווין פאַרעפנטלעכע און נאָך נישט געדרוקטע מעשהלעך".

מאַנס פּנים האָט געפלעמלט. זיין טרוימבליקנדיקע אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט, טרויעריק, גלייך ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעוועקט פון אַ שלעכטן חלום.

„בראַוואָ", האָט זיין ברודער דוביק, אויסגערופן: „דיינע דערציילטע האַלוציינאַציעס גלייך צו ספּיריטואַליסטישע זעונגען, באַשטעטיקן מיינע רייד. מען דאַרף שרייבן רעאַל שטייגער־לעבן".

„איך וויל דאָס. קען אָבער נישט. יעדעס מאָל בין איך אַן אַנדערער. צוליב דעם מיינע פאַרשידנאַרטיקע זשאַנערן. בין מודה: ביסט גערעכט. אויך משה נביאס שטראָפרייד זענען, טיילווייז, אמתע".

י. מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט. אַרומגעדרייט אין צימערל. אַריינ־געקוקט זיך אין וואַנט־שפּיגעלע. צו זיך גערעדט: „דוביקס און אַלטערס פּנימער זענען פונקט ענלעכע צו מיין געזיכט און צו אַלע געזעענע פּרצופים

פון מיינע אויסגעטרוימטע לייט און די באַשריבענע מעשיות. געוואָלט דוביקן דערציילן, אַז פּאַקטיש האָט ער דאָס געזען די באַשריבענע געשטאַלטן און נישט אַלטער האָט דאָס אויסגעטרוימט. אָבער דעם ברודער מער נישט געזען. —

פּאַקטיש האָט י. מאַן זיך אויפגעוועקט פון שלאָף. אַלץ געזען אין חלום. פּאַר אים זענען געלעגן באַשריבענע פּאַפּיר־זייטלעך. אויף זיי טרויעריק געקוקט. געשעפּטשעט: „פּאַר וועמען?״

נאָכוואָרט

י. ב. אַלטערמאַן איז אַן עכט־טאַלאַנטירטער און אינהאַלטפולער קינסטלער, וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין אחריותדיקער באַציִונג סיי צום לעבן סיי צו קונסט — זיין שעפערישע אָפּשפּיגלונג, — ביידע נעמט ער אויף ערנסט, און דערפאַר פאַראייניקט ער אין זיין פּראָזע אַ ליידנשאַפט־לעכע באַציִונג צו קינסטלערישער אמתדיקייט, צו טרייער און אָביעקטיווער שילדערונג פון מענטש און סביבה מיט דעם פּרינציפּ פון זיין נישט גלאַט קינסטלער, נאָר טאַקע אויך לערער; ער לערנט אָבער נישט מיט קיין נאַקעטער טענדענציעזקייט, נאָר מיט עכטקייט, פּשטות, קלאָרקייט און עמאָציאָנעל־בילדערישער אָנגעלאָדנקייט פון זיין אָרט דערציילן און שיל־דערן. ער שילדערט פּלאַסטיש און דערציילט טעמפּעראַמענטפול־פאַר־כאַפּנדיק. אַלטערמאַן קען נישט שטיין ביי דער זייט פון היינטצייטיקן לעבן, ער געפינט זיך אין ברעננפּונקט פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, — פון צייט־געשעענישן, פון מענטשלעכע, סאָציאַלע, פּסיכאָלאָגישע, שטייגערישע קאָנפליקטן און קאַמפן. זיינע דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, נאָוועלן וואַקסן אָפּט איבער, אין ברייטערע לייוונטן („פאַרשטערטע סדר־נעכט", „איינקלער", „קינאה" א"אַנד) אין וועלכע ער גיט אונדז בולט אינ־דיווידואַליזירטע טיפּן, געשטאַלטן, כאַראַקטערן, גאַנצע סאָציאַלע גרופּעס, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היינטצייטיקער ישראלדיקער ווירק־לעכקייט. ער לאָזט אונדז הערן אין געצוימטע קריטישע טענער וועגן יענע העכערע ספּעקולאַטיווע קרייזן, וואָס לענען זיך אָן אין זייער זשעדנעם געיעג נאָך באַרייכערונג אויף אַזוי פיל, אַז זיי פאַרלירן זייער יידיש און מענטשלעך פּנים, טעמפּן אָפּ אין זיך דעם בירגער־געפיל ביזן בלייבן גלייכגילטיק צום גורל פון לאַנד. ער ווייזט ווי זייער לוקסוס־לעבן ליידיקט זיי אויס פון יעדער מין גייסטיקייט און פירט זיי צו פולקומער דעמאָ־

ראַליזירונג, צעלאַזנקייט, צעלייגונג און צעפוילונג. אמת, אַלס עכטער קינסטלער זעט ער אויך אין אַט די רייכערע קרייזן ערלעכע און ליידנדיקע נשמות, וואָס ווערן דער טראַגישער קרבן פון אַט דער דעמאָראַליזאַציע. דערפאַר זענען אויך אַזוי אמתדיק זיינע פאָלקסטימלעך געמאָלטע געשטאַלטן, וואָס ער געפינט אין דער סביבה פון האָרעפּאַשניקעס, וועלכע שטעלן צונויף אין זיין שאַפונג דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן קאָנטראַסט צו די אייגנטימערישע שיכטן. סיי מיט זייער מסירת־נפשדיקן דינען ישראל ביזן אָפּגעבן זייערע קינדער פאַר אַ קרבן פאַרן לאַנד, סיי מיט זייערע העכערע גייסטיקע אינטערעסן, סיי מיט זייער ערלעכער און שווערער מי, סיי מיט זייער פּאַטריאַרכאַליש־יידישן אָרט, שטייגער־ און משפחה־לעבן.

פאַר אַלטערמאַנען איז כאַראַקטעריסטיש אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקער שפּראַך־סטיל. פון איין זייט, קומט ביי אים אַ שפע פאַרביקע עפּיטעטן צום געמאָלטן אָביעקט, וואָס שאַפן מיט זיך דעם ברייטלעכן עפּישן גאַנג אין שילדערן דאָס לעבן אין זיין פּילאַרטיקייט און פּילראַנדיקייט און פון דער צווייטער זייט, ווערט דער סוביעקט פון דער טוּונג ביי אים טיילווייז אָפּגערוקט אין הינטערגרונט דורך אַן ענערגישן אַנזאַמל פון קורצע שלאָגעוודיקע ווערבאַלע זאַצן, וואָס גיבן מיט זיך איבער דאָס לעבן אין זיין דראַמאַטישער דינאַמיק און אַקציע. פאַר אַלטערמאַנען איז אייגנטימלעך אַ בולט־אויסגעדריקטע נטיה צו פּסיכאָלאָגיזירנדיקן רעאַליזם מיט אַ שטאַרקער עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג. זיין פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, וואָס טראָגט אויף זיך די פונקציע פון עפּענען ווידערשפּרוכן, אינעווייניקסטע נשמהדיקע צוזאַמענשטויסן און קריזיסן, טיילט זיך אויס מיט זיין אַריינדרינגענדיקן און בויערנדיקן קינסטלערישן כוח. אַלטערמאַן בלייבט שטענדיק געטריי זיינע פּעסטע, אויסגעוווייטיקטע עסטעטישע אָנשויונגען („נביא" משה פון הדרה). ער איז פאָלקיש און הומאַניסטיש, ער איז טיף פּאַטריאָטיש און וואָרפט אָפּ יעדער מין מאָדערניסטישע פאַרנעפּלטקייט, אָנגעטראַכטקייט, ער האָט פיינט מאָדע, צופּאָסלעריי, ביליקע פּאָפּולאַריטעט. ער וואָלט געקענט זאָגן אינאיינעם מיט וויליאַם מעיקפּיס טעקערייען — „איך האָב ליב אַז אַ פּאַר שיך זענען אַ פּאַר שיך און אַ סיורטוק איז אַ סיורטוק". ס'הייסט, דאָס לעבן דאַרף אַליין ריידן וועגן זיך קלאָרע דיבורים אין קונסט, אויסער איינגעגעסענער דידאַקטיק און אויך אויסער פאָרמאַליסטיש־

אויסגעליידיקטע באַפּוצונגען און טריוקן. און אַזוי רעדט דאָס לעבן פון ריינעם האַרצן אין דער ערלעכער און פּולבלוטיקער קינסטלערישער שילדערונג פון ישׂראל־בער אַלטערמאַנען.

שלמה רויטמאַן

באמערקטע טעותים:

זייט	21	שורה	24	אנשטאט פשעיאורד דארף זיין פשעיאזד
"	22	"	7	די שורה איז איבעריק.ס'דארף זיין די שורה: גערעדט איך דעם: "ר'יוסף,איז זענט געווען מיין בעסטער שכן.א טייערער ייד
"	66	"	19	אנשטאט אורנט דארף זיין פארנאכט
"	83	"	15	צווישן צוגאנגען און אריינגעגאנגען דארף זיין צערוקט די לאדנדלעך.
"	94	"	19	נאכן ווארט אנטוישט דארף זיין א קאמא אנשטאט א פונקט
"	116	"	32	אנשטאט געגלט דארף זיין געגלעט
"	121	"	29	נאך גלוסט-גלאנציקע אויגן פעלט דאס ווארט מ י ר ה
"	122	"	34	אנשטאט באמערקט דארף זיין באמערקנדיק
"	155	"	38	" פ ס כ י ם דארף זיין פ ס ח י ם
"	157	"	28	דאס ווארט צוריק איז איבעריק
"	158	"	38	אנשטאט פארעטנפערונג דארף זיין פארענטפערונג
"	167	"	24	אנשטאט זאגר דארף זיין ז א ר ג
"	172	"	2/1	ס'זענען איבעריק די ווערטער:צום דריטן געזאגט
"	184	"	12	אנשטאט דאס דארף זיין די
"	184	"	12	" שטילע ליפעלעך דארף זיין דיקע לעפצן
"	199	"	28	נאכן ווארט מיין געשטאלט דארף זיין: צום ברודער געזאגט
"	200	"	35	נאכן ווארט שטראפן קומט א פונקט אנשטאט א קאמא

אינהאַלט

שאָטנס

אייניקלעך (אַ חסידיש מעשהלע) 7
אַ לוויה 17

אויפוואַכונג

גרענעץ־היטער 23

אָפּווייכונג

א. קנאה 32
ב. חרטה 76
ג. נקמה 90

פאַרשטערטע סדר־נעכט

א. אין גאָלדשטיינס ווילע 109
ב. אין עודד אשתרס שיכונדל 147

וידעתם

אַ צדיק קומט אין שטאָט 166
דער „נביא" משה פון חדרה 184
נאָכוואָרט פון שלמה רויטמאַן 203